ב"ה

אין ליכט
פון תורה

ספר

תענוג שבת

והוא ילקוט שבת
עם ששים פירושים
בלשון הקודש
ועברי טייטש

738

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

וקראת לשבת ענג (ישעי' נ"ח)

ספר

תענוג שבת

הוא

ילקוט שבת

מן ששים מדרשים

עם חמשה פירושים יקרים

מראה מקומות, פירושים, תוספת פירושים, פי' ע"ט, משלי שבת

הכל כמבואר בשער השני

חלק ראשון

כל הקורא וההוגה בספר היקר והנפלא הזה ישעום וירגיש נופת צוף תענוג שבת, בגשמי ורוחני, ויזכה לכל טוב בזה ובבא, אמן:

הוצאה חדשה מתוקנת
ניו יארק, תשט"ו לפ"ק
נדפס בבית דפוס של ספראגרף קאמפאני

יצא לאור ע"י
ר' ישראל ב"ר משה נח סופר
עם מבוא מאת
הרב משה סאלאדאוניק שליט"א

ספר

ילקוט שבת מן ששים מדרשים: — אזאמלונג פון זעכציג מדרשים:

תענוג שבת

(אפערגעניגען אויף שבת)

יבין הנהגות ודיני ערב שבת וליל שבת ויום השבת ומוצאי שבת, וכל מאמרי התנאים והאמוראים המדברים ומבארים מעלות וסגולת השבת קודש, וגודל שכר גמולו של השומרו והמכבדו והמענגו, והרבה ספורי מעשיות השייכים לשבת, המפוזרים ומפורדים בתוך עפרות זהב התלמוד והמדרשים האלו:

דא ווערט פראכטפאל באשריבען מיט א איידעלען גישמאק א גוטע אויפפירונג וויא אזוי יעדער מענטש זאל זיך פירין, גייסטליך אונ פיזיש, פרייטאג, אונ פרייטאג-צו-נאכט, אונ שבת, אונ שבת-צו-נאכט, אויך איז צונויפגעקליבען אלע ליכטיגע רייד פון די הייליגע תנאים אונ אמוראים וואס האבען אונז ערקלערט די גרויסקייט פונם הייליגען טאג שבת, אונ דעם גרויסען שכר וואס עס ווערט בעלוינט דער מענטש וואס שעצט אונ היט דעם הייליגען טאג שבת, אויך ווערט דערצעהלט פיעל שיינע אונ וואונדערליכע מעשיות וואס האט פאסירט אום שבת, וואס דאס איז צו שפרייט אונ צו זייט אין די פאלגענדע הייליגע מדרשים:

א) אבות דר' נתן ב) אגדות בראשית ג) אותיות דר' עקיבא ד) ברייתא דריב"ל ה) ברייתא דמס' כלה ו) ברייתא דשמואל הקטן ז) דרך ארץ זוטא ח) דרך ארץ רבתי ט) זהר הקדוש י) זהר חדש יא) חופת אלי' רבה יב) ילקוט המכירי על ישעי' תהלים משלי יג) ילקוט חדש (הישראלי) יד) ילקוט ראובני טו) ילקוט שמעוני טז) כל בו יז) מכילתא יח) מכילתא דרשב"י יט) מעשה תורה לרבינו הקדוש כ) מחזור וויטרי כא) מסכת (פרקי) גן עדן כב) מסכת גיהנם כג) מדרש אבכיר כד) מדרש אגדה כה) מדרש השכם כו) מדרש הנעלם כז) מדרש והזהיר כח) מדרש ויושע כט) מדרש ילמדנו ל) מדרש כונן לא) מדרש משלי לב) מדרש עשה"ד לג) מדרש רבה עה"ת לד) מדרש רבה על חמ"ג לה) מדרש שמואל (שוח"ט) לו) מדרש תהלים לז) מדרש תנחומא לח) מדרש תנחומא הקדום לט) מדרש תדשא מ) מדרש תלפיות מא) מדרשי חז"ל אשר נעלמו מאתנו ומובאים בהרבה ספרים קדמונים מב) ספרא מג) ספרי מד) ספר הפליאה מה) ספר הקנה מו) ספר חסידים מז) ספר התגין מח) סודי רזא מט) פרקי דר' אליעזר נ) פרקא דרבינו הקדוש נא) פסיקתא דרב כהנא נב) פסיקתא זוטרתא (לקח טוב) נג) רעיא מהימנא נד) שאלתות דרב אחאי גאון נה) תלמוד בבלי נו) תלמוד ירושלמי נז) תוספתא נח) תנא דבי אלי' רבה נט) תנא דבי אלי' זוטא ס) תקוני זהר סא) תרגום יונתן בן עוזיאל סב) תרגום ירושלמי:

חלק ראשון.

עם חמשה פירושים יקרים

מראה מקומות

יחשוף ויציין מקור מחצבת המאמרים, לדעת איה מקום משכן כבודם, בתוך קהל אוצר הספרים הנ"ל:

פירושים

יבאר ויפרש פירוש המלות ותוכן הענין בשפה ברורה ונעימה עם מעט הערות על חלופי הגרסאות ושינוי הנוסחאות:

תוספת פירושים

יברר וילבן תיובתות ופירוקים בדרך ישר וזך, והכל כתפוחי זהב במשכיות כסף, נקבץ ממבחר גדולי המפרשים:

פירוש ע"ט

א גוטע זארגפעלטיגע איבערזעצונג. מיט א לייכטע שפראך, ס'זאל ערקלערט ווערן יעדער מענטש דיא אויגען:

משלי שבת

זייער זיסע משלים, ענטהאלטין פיעל וואונדער שיינע פארשטעלונגען, אונ וואונדערצעהלונגען, יעדער לעזער וועט זיך פערשאפין פיל פערגעניגען:

COPYRIGHT 1954 BY

I. SOIFER

1581 Washington Avenue

Bronx, N. Y.

Printed in U. S. A. by Saphrograph Co., 194 Elizabeth Street, New York 12, N. Y.

ב"ה

עטליכע ווערטער וועגן דער נייער אויפלאגע פון דעם ספר

„תענוג שבת"

פון הרב משה סאלאדאווניק

רב דביהמ"ד הגדול דבראנקס

א פרייליכע ערשיינונג וואס דארף ארויסרופען פרייד ביי אלע חובבי תורה איז אן ספק דער פאקט, וואס פילע ספרים יקר המציאות וואס זיינען מיט דעם חורבן אייראפע כמעט פארשוואונדען פון דעם ספרים מארק ווערען יעצט איבער־געדרוקט דא אין לאנד, און אזוי ווערען אונזערע ספרים שראנקען בארייכערט מיט קלאסישע ספרים פון די גדולי ומאורי ישראל וואס „מפיהם אנו חיים" וואס איז פריער געווען כמעט אונמעגליך צו קריגען. און געוויס דארף יעדער איבערגעדרוקטער ספר פון אונזערע גייסטיגע ריזען, וואס האבען מיט זייער „תורה" באלויכטען די פינסטערקייט פון גלות און פאר זייער ליכט האבען זיך געווארעמט דורות אידען צמאים לדבר ד׳, אויפגענומען ווערען מיט פרייד און ליבשאפט.

אבער די אלע ספרים זיינען אין גרעסטען טייל פאר יחידי סגולה, אידען לומדים און בני תורה. אבער ווייניג ספרים זיינען איבערגעדרוקט געווארען אז אויך דער המון בית ישראל זאלען פארשטיין, ספרים וועלכע זאלען דערגרייכען די ברייטע פאלקס מאסען און אויפוועקען אויך אין זיי די באהאלטענע נצוצות הקדושה און דערווארעמען זייערע הערצער מיט דעם „אור התורה".

דעריבער דארף הארציג באגריסט ווערען ידידי היקר משרידי דור הישן הירא וחרד לדבר ד׳ ר׳ ישראל ב"ר משה נח סופר נ"י, יליד קאסיטין חדש, איבערגעגעבענער עסקן פאר פילע מוסדות התורה און גבאי פון די עניני צדקה בבית המדרש הגדול דבראנקס, פאר דעם זעהר געלונגענעם איינפאל צו איבערדרוקען דעם זעלטענעם ספר „תענוג שבת", א ילקוט פון מער ווי זעכציג מדרשים, מאמרי חז"ל וועגן שבת אויפגעקליבען פון בבלי, ירושלמי און מדרשים, אויפגעש־טעלט מיט א זעלטענעם סדר, און איבערזעצט פון מחבר אין אידיש און באפוצט מיט זיין „משלי שבת".

ווען דער ספר איז דעם ערשטען מאל ערשיינען מיט בערך קארגע פופציג יאר צוריק האט ער געמאכט א שטארקען איינדרוק ווי מען קען זעהן פון די הסכמות פון די „גדולי הדור" פון יענער צייט. זיי שרייבען מיט אויסערגעוויינליכער באגייסטערונג וועגן דעם ספר, זייערע התפעלות איז אזוי גרויס אז זיי ראטען ס'זאל זיך שאפען חברות אין יעדען שול מען זאל לערנען יעדען שבת דעם ספר „בצבור", ווייל דער ספר האט בכח אויפלאמען אידישע הערצער פאר קדושת השבת. ווען מען לערנט דעם ספר ווערט מען אריבערגעפירט אין אן אנדער וועלט אין דעם קעניגרייך פון שבת.

היינט ווי וויכטיג איז אזא ספר פאר אונזער צייט, און ספעציעל פאר אונזער לאנד אמעריקע, ווייל, אויב אלע געביטען פון אידישקייט געפינען זיך בשפל המצב און פאדערט זיך גרויס תיקון איז אבער דער שבת קודש, די נשמה פון פאלק „בדיוטא התחתונה". ריכטיג האט זיך אויסגעדריקט איינער פון די מחברים, אז פונקט ווי „אין מזל לישראל" אזוי האט אויך דער שבת דער „בן זוג" פון ישראל ניט קיין מזל. פון אלע הייליגע און יום־טוב'דיגע טעג איז דער שבת מער פארנאכלעסיגט און ווערט געטראטען מיט די פיס צו בשוגג צו במזיד.

ביי אונז איז ניט קיין פראגע פון חלול שבת נאר ח"ו פון שכחת השבת. פילע אידען האבען פארגעסען אז ס'איז פאראן אזא זאך ווי שבת און קדושת השבת. און דעריבער ווי וויכטיג איז אז אזא ספר ווי דער „תענוג שבת" וואס אטעמט מיט קדושה און שטראלט מיט דער ליכט פון שבת זאל פארשפרייט ווערען צווישען פאלק.

זאל דער ספר געלערענט ווערען דורך רבנים און גדולי תורה וועלכע וועלען געפינען אין איהם מאטעריאל פאר זייערע דרשות וועגען שבת. זאל ער געלערענט ווערען פון אידען שומרי שבת און זיי זאלען געפינען אין איהם התחזקות פאר זייער גראנגעל פאר שמירת שבת, און זאל איהם אויך לערנען פארבלאנדזעטע אידען וואס זיינען פארוואכידיגט געווארען, און דערוויטערט זיך פון מקור הברכה פון שבת קודש, אפשר וועלען זייערע נשמות אנגעצונדען ווערען צוריק מיט דער ליכט פון שבת.

זאָל דער ספר ערפילען די זעלבע אויפגאבע ווי דער „שופר" וואָס מען האָט געבלאָזען בימי הגמרא יעדען פרייטאג פארנאכט, ווי די גמרא דריקט זיך אויס אין מסכת שבת אז שש תקיעות היו תוקעין וכו׳. אז אידען זאָלען זיך אומקערען צוריק צום שבת קודש, אז דער שבת זאָל צוריק ווערען די האַרץ און נשמה פון אידישען פאָלק, און דאן וועט דער גאנצער אידישער לעבען באקומען א מער שבת׳דיגען אויסזען און מיר וועלען זוכה זיין צום יום שכולו שבת.

און כדי ארויסצוגעבען א דבר מתוקן, האָב איך געראַטען אַבצודרוקען דעם פלאמענדיגען אויפרוף וועגען שבת פון דעם סבא קדישא, חסידא ופרישא, דער גאון וצדיק ששמו הולך מסוף העולם ועד סופו מרן **רבינו בעל החפץ חיים** זצוק״ל, וואָס ער האָט ספּעציעל געשריבען פאר די אמעריקאנער אידען, און וואָס איז ספּעציעל ליב ביי מיר צוליב דעם זכות וואָס איך האָב געהאַט פאר פילע יאָרען צו זיין אין זיין סביבה און הערען פון זיין מויל די ווערטער וועלכע זיינען ארויס בקדושה ובטהרה.

און השי״ת זאָל בענשען דעם ארויסגעבער מיט אריכות ימים ושנים בטוב ובנעימות עד ביאת הגואל.

קול קורא לאחב״י באמעריקע ע״ד קדושת השבת

מאת החפץ־חיים זצ״ל*

הנה ידוע לכל, כי שבת קודש הוא האות הגדול שנתן הקב״ה לישראל, למען ידעו כי בששה ימים ברא ד׳ תבל ומלואה וביום השביעי שבת, וזהו יסוד האמונה לדעת שהעולם הוא מחודש. וכיון שברא הכל הוא ממילא אדון על הכל, ובעם ישראל בחר מכל אומה ולשון, ומחויבים אנו לעשות רצונו ולעבדו בכל גופנו ונשמתנו, כי הכל שלו, והשומר שבת מאמין הוא באלקי השמים והארץ, והמחלל שבת הוא כופר באלקי השמים והוא כעובד ע״ז ממש. ואחז״ל (מד״ר פ׳ בשלח) אמר הקב״ה לישראל, אם שמרתם את השבת מעלה אני עליכם כאלו שמרתם כל המצות שבתורה, ואם חללתם אותו מעלה אני עליכם כאלו חללתם כל המצות. וכשם שאדם אם חסר לו איזה אבר, עדיין חיותו אינו נפסק ממנו, משא״כ אם חסר לו הראש, אז כל האברים אינם שוים לכלום והוא לקברות יובל, כן הדבר בענינגו, האדם בלא קיום איזו מצוה יחסר לו חיות אותו האבר, שיש לו ממצוה ההיא (כי רמ״ח אברים באדם כנגד רמ״ח מצות עשה שבתורה, שעל ידן יש חיות לכל האברים) אבל עדיין הוא בכלל איש ישראל, משא״כ אם חסר לו השבת, אז יוצא לגמרי מכלל איש ישראל ולאין ואפס נחשב.

ודע עוד, שאותם האנשים המחללים את הש״ק, לא די להם שהם מפקירים א״ע לאבדון, לגופם ונפשם, עוד גורמים רעה רבה לכלל האומה הישראלית, דכיו״ב מצינו בזמן בית שני, שאמרו חז״ל, שראוים היו ישראל לעשות להם נס בימי עזרא כבימי יהושע בן נון אלא שגרם החטא, וחטאם הלא ידוע, שנמצאו בהם הרבה נשים נכריות, אף שעשו תשובה וגרשום מביתם, וגם לא היו כ״א חלק קטן למאוד, עכ״ז נשאר הפגם על כלל ישראל ולא זכו לגאולה שלמה כראוי, כ״א ברשיון מלכי פרס, עאכו״כ בזמננו, שרבו מאוד בעוה״ר מחללי שבת בהרבה בתי בנ״י, אף שההורים בעצמם הולכים לבית הכנסת ביום הש״ק ושומרים את הש״ק כהלכתו, אבל בניהם ובנותיהם הם מחללי שבת, והכתוב צווח ואומר לא תעשה כל מלאכה אתה ובנך ובתך וגו׳, בודאי גורם זה גנאי גדול לכלל ישראל, ומעכבת הגאולה וצרות רבות נוראות באות לעולם, וכמו שאמרו חז״ל (שבת ל״ג) שבעון חלול שבת חי׳ רעה רבה ובהמה כלה, ובנ״א מתמעטין (ע״י חלאים רעים ומגפות ר״ל) והדרכים משתוממים מאין עובר. וידוע שכיון שנתן רשות למזיק להזיק אין מבחין בין צדיק לרשע, וא״כ הלא כל או״א בסכנה גדולה ח״ו, ולפי״ז לתמיהה גדולה היא אצלי, מדוע אינם יראים מחללי שבת ממה״ד הקשה והצרות הנוראות שמביאים הם על עצמם ועל כלל ישראל?

הסכמות

מה נכבד היום בסגולות לעינינו אור יקר, הרואה אומר ברקאי, חמותי ראיתי אור, הוא הספר היקר **תענוג שבת** אשר המחבר הרב . . . מו"ה **איל"ל** נ"י צלל במים אדירים, בים התלמוד והמדרשים והעלה מרגניתא בידו, וקיבץ וכינס נפוצות כל מאמרי התנאים והאמוראים. המדברים ומבארים מעלת וסגולת השומר והמכבד והמענג את יום השבת קודש. וכאשר העברתי עיני על הספר הזה מצאתי בו טעם זקנים. קנקן חדש מלא ישן. מברכת ה'. והנה הספר הזה אינו צריך לשום הסכמה ורק למען להיות סניף לעושי מצוה ולהיות חבר ליראי ה' וחושבי שמו. הנני לברך את פעולתו. ולעורר לבב בנ"י לקנות הספה"ק הזה בכסף מלא ולהביא ברכה לתוך ביתם. וג"א אקבל אי"ה ספר אחד כשיצא מביהד"פ כפי המחיר אשר יושת. והנני מעורר בזה את אחב"י כי בכל מקום ומקום ייסדו חבורות ללמוד הספר הזה ברבים ביום שבת קודש. ונוצר תאנה יאכל פריה. ויראו ישרים וישמחו. ויתברכו כולם בנחלה בלי מצרים. כראוי לשומרי שבת. והקב"ה יחיש פדות עמו ונזכה לביאת משיח צדקנו בב"א:

הק' **אלי' חיים מייזיל**
אבד"ק **לאדז.**

הן כל יקר ראתה עיני הילקוט **תענוג שבת** הכולל אבני חפץ ופנינים יקרים כל דברי חז"ל המפוזרים ומפורדים במרחבי התלמוד בבלי וירושלמי ובכל מדרשי חז"ל המספרים גודל קדושת מצות שומרי שבת עם מקדשי שביעי. וקרבם אחד אל אחד. למען יעמדו יחדיו למראה עיני הרואה. להאיר עיניו בנגה זרחם. אשר אספן בחפניו האי גברא רבה ויקירא הרב . . . מו"ה **איל"ל** נ"י. והנה חיבור יקר ונעלה כזה אין צריך להסכמה. כי כל המאמרים מאירים כספירים. רק הנני לפרסם יקרת ערך ספר הזה. ולברך את המחבר שיזכה לברך על המוגמר. ויברך ה' פעלו. ומעשי ידיו יכונן. ועלינו לשבח ולהחזיק טובה בזה לכבוד המחבר על אשר העתיקו על שפת זארגאן. כי הוא בכלל מזכי הרבים שזכות הרבים יהיה תלוי בו. כי בזה ילהיב לבות האנשים לשמור מצות שב"ק כדת מחללו. ומצוה גדולה לקנות הספר הזה. כי ברכה בו. והיה מברכו מבורך ומאושר ברוב טובה וברכה:

נאום **חיים הלוי**
סאלאווייציק
אבד"ק **בריסק** דליטא:

ב"ה יועש"ק לסדר צדק צדק תרדוף
תרס"ז ברעזאן.
יכתב ויחתם בספרן של צ"ג כבוד הרב
. . . ר' איל"ל נ"י.

כן הגיעני ילקוטו **תענוג שבת** הכולל אורות קדושים כל דברי חז"ל שנפוזרו בתלמוד בבלי וירושלמי ובמדרשים. מגודל קדושת מצות שמירת שב"ק. ערוך ומסודר בסדר נפלא ונחלק על ל"א פרקים. עם „מראה מקומות" כל מאמר אי' מקום כבוד חכמתו. ועם „פירושים" ו„תוספת פירושים" נלקט מגדולי המבארים ומפרשים הראשונים והאחרונים. ובעצת גאוני וצדיקי זמנינו שליט"א נעתק כל הספר לשפה המדוברת בשם „פירוש ע"ט" המובנת היטב להשדרות היותר רחבות בעמינו. למען לזכות את הרבים. ולפקוח עיני ה[illegible], עם. הנצרך ביותר לפקיחת עינים · מהוד תפארת השבת. ויפעת כבודה. והדרת קדושתה. וכי היא אות הישראלי. ויסוד התורה. ושורש המצות. ובידה מפתחי שערי ישועתנו. ועוד הוסיף נופך משלו „משלי שבת" המבאר הרבה מאמרי חז"ל בדברי מוסר והתעוררות בדרך משל ומליצה. ערבים לאזן קוראיהם ושומעיהם. ואמרין לפעלא טבא יישר כחו וחילו לאורייתא ואפריון נמטי לי'. וזכות הרבים יהי' תלוי בו. כי חזותו מוכיח עליו כי כוונתו רצוי' לשם שמים. לזכות הרבים ולעורר לבבם של ישראל באש דת תוה"ק לקיים מצות שב"ק. השקולה כנגד כל המצות. וראוי ונכון ללמוד ברבים ביום שב"ק הספר הזה. וכמאמר חז"ל שאמר הקב"ה למשרע"ה עשה לך קהלות גדולות ודרוש לפניהם ברבים הלכות שבת כדי שילמדו ממך דורות הבאים להקהיל קהלות בכל שבת ושבת וכו'. ויה"ר שימלאו הדברים חן ורבים ישתו מימיו הנאמנים. ויביאו הברכה לתוך ביתם. והשי"ת יזכהו להוסיף אומץ ולעשות חיל להגדיל תורה ולהאדירה. וירום קרן התורה וישראל.
כנפש ידיד לכל הוגי דת האמת.

הק' **שלום מרדכי הכהן**
אבד"ק הנ"ל.
[בעהמח"ס שו"ת מהרש"ם ודעת תורה ועוד הרבה ספרים]:

וכשנחקור על סיבת הדבר, ע"י מה הופקר העון הנורא הזה כ"כ, נמצא כי אחת מהסבות היא, שהיצר מטעה את האדם, שאם ישבות ביום הש"ק יחסר לו פדיון ופרנסת היום ההוא. ובאמת טעות גדולה היא, דלהיפוך, בזכות שמירת השבת באה ברכה לתוך עסקו ופרנסתו של אדם, ונתמלא לו מה שהפסיד ע"י שמירת הש"ק. וכמו שמצינו במדבר, שאותם שיצאו ביום השבת ללקוט המן לא מצאו מאומה, ורק מי ששמע בקול ד' נתן לו השי"ת ביום הששי מן גם על הש"ק ולא הבאיש ורמה לא היתה בו, והכל להראות שד' הוא שנתן השבת וממנו לא תצא שום רעה, ואדרבא בזכות שבת באה ברכה בששת ימי המעשה למלאות השפעת הש"ק. ומי יודע אם המשבר הקשה השורר במדינות ארצות הברית כעת, שהרבה עשירים גדולים אבדו ממונם וירדו מנכסיהם, איננו מפני חלול הש"ק שנתפרץ מאד במדינתם בעוה"ר.

והנה אחי ורעי אשר בארצות הברית, אם לפנים בעת שהי' אצלכם הגזירה של שביתת יום ראשון עוד היתה לכם איזו טענה ואמתלא, שקשה לכם לשבות ב' ימים בשבוע, אף שמן הדין אין שום טענה ואמתלא שייך לזה, מפני שמחוייבים אנו מן הדין למסור כל מה שיש לנו ולא לעבור על עון של חלול שבת, — אבל עכשיו אחי ורעי אשר בארצות הברית, שאין חלה עליכם הגזירה של שביתת יום ראשון, ואדרבא יש חוק במדינתכם — כאשר שמעתי זה מכבר — שמי שהוא שומר שבת באמת ושובת ממסחרו ביום השבת, אזי יש לו הרשות בלי שום מפריע לעבוד עבודתו ביום א', א"כ הלא אין לכם שום טענה ופתחון פה, והנכם מזידים גמורים ח"ו, והמחלל שבת בפרהסיא במזיד הלא הוא כעכו"ם ממש לכל דיניו ונקרא מומר לכל התורה כולה ויינו יין נסך וכידוע. ואיזה זכות ופתחון פה יהי' לכם בעת שתצטרכו לתת דו"ח לפני בי"ד של מעלה על חלול הש"ק שחללתם.

וביותר צר לי עליכם אחי ורעי, אשר זכיתם מד' להיות בעת האחרונה מעוז ומחסה לתורה"ק ע"י שהחזקתם בידי לומדי התורה בישיבות הקדושות בארה"ק ובגולה, ושעי"ז רכשתם לכם תורה ומצות אין לשער, וימצאו לפני בי"ד של מעלה על חשבונכם למאות ואלפים דפי גמרא ופוסקים שהשגתם ע"י החזקתכם בידי לומדי התורה שנטלתם חלק כחלק עמהם, ובודאי זכות גדולה היא עד למאוד, והרבה מלמדי זכות יעמדו לימינכם, אבל מה תעשו כשיעמדו מלאכי חובה לקטרג עליכם על החלול שבת שחללתם, וכל הזכויות והצדקות לא יועילו לכם כלום לעומת העון הנורא הזה של חלול הש"ק? דדבר פשוט הוא, דאפי' מי שלמד תורה הרבה, עד שלגאון גדול יחשב, ולבסוף כפר בכל התורה כולה ויצא מכלל ישראל, האם יהי' לו שכר עבור תורתו שלמד אחרי שכפר בה לבסוף, ואמר לית דין ולית דיין?

וידוע מה שאחז"ל עה"פ ולא יקח שחד, שאין הקב"ה לוקח שחד של מצוה עבור עבירה ולא יסור עונש העבירה בשביל זכות מצוה שעשה החוטא. וכן מבואר בספורנו עה"ת שלא יבטחו (בעלי העבירה) אם יחטאו להנצל בשום זכות מן העונש כלל, זולתי בתשובה שלמה על העבר וקבלה על העתיד שלא ישובו לעשות עוד כמעשיהם הרעים.

וע"כ אחי ורעי מה שעבר עבר, ומעתה עליכם להתחרט על מעשיכם הרעים שעשיתם עד עתה ולקבל על העתיד שלא תעשו עוד כמו שעשיתם. ואם תהיו נשמרים מלחלל את הש"ק תזכו לכל טוב בעולם הזה ומה רב טובכם יהי' בעולם הבא, וד' יהי' בעזרכם ויכונן לבבכם לשוב בתשובה שלמה לפניו ובזכות זה נזכה כולנו להרמת קרן ישראל ע"י ביאת משיח צדקנו בבי"א.

הכותב בשם כמה גדולי ישראל, המיצר בצרת עם ישראל ומצפה לרחמי שמים,

ישראל מאיר הכהן מראדין

בעה"מ ס' חפץ חיים ומשנה ברורה.

הסכמות

ראיתי הס' **תענוג שבת** מכל מאמרי חז"ל ממצות שבת קודש המפוזרים בש"ס בבלי וירושלמי ספרי וספרא ותוספתא. כדרכה של תורה אשר כאניות סוחר ממרחק תביא לחמה. והרב . . . יחו"ב בח"ת מו"ה **איל"ל** נ"י. ברוב בקיאותו קבצם ואספם כעמיר גורנה בילקוט אחד. והכל הביא והעתיק בלשונם ובפירושם בסדר נכון וישר. ומאד הוטב בעיני. כי הוא שוה לכל נפש. ואי"ה יהיה לתועלת גדול לזכות את הרבים להלהיב את לבם של ישראל לשמור מצות שב"ק השקולה כנגד כל המצות. ולאשר כוונת המחבר רצוי' לזכות את הרבים. הנני מסכים להדפיסו וירצה ה' פעלו להיות בעזרו להפיצו ע"פ תבל. כי ברכה רבה בו. וכל איש חובב תורה ומצות יביא הברכה הזאת לתוך ביתו. בספ"י:

סק' מאיר יחיאל הלוי מאסטראווצע.

ב"ה א' בשלח תרס"ח מונקאטש

כבוד הרה"ג . . . ר' **איל"ל** נ"י.

הגיעני ספרו **תענוג שבת**. כשמו כן הוא לקבץ מאמחז"ל לענג נפשות השוקקים לנועם קדושת שבת קודש. ונסדר בסדר נפלא ובשפה ברורה. וזה מלאכה גדולה שיש בה חכמה. ומן השמים זכו לו לחבר ספר יקר כזה. והניחו לו מקום להתגדר בו. ומה מאד נהניתי ממנו. ושמחתי בו כמוצא שלל רב. ואקדמה פניו בתודה ותשואות חן חן לו. ואף ידי תכון עמו וזרועי תאמצנו שיבלע פעלו הטוב. ולהפיק זממו לחלקם ביעקב ולהפיצם בישראל. והשי"ת ימציאהו בכל עניניו בכלל כל ישראל. ונזכה כולנו ליום שכולו שבת בביאת גא"צ בלי חבלי משיח בב"א:

ידידו דורש"ת **צבי הירש שפירא** אבד"ק מונקאטש והגליל [בעהמח"ס דרכי תשובה].

בע"ה ב' לסדר **לעשות את השבת** תרס"ח לפ"ק אורשיווא.

ישאו הרים שלום אל כבוד אהובי ש"ב הרב . . . ומזכה את הרבים וכו' מו"ה **איל"ל** נ"י.

אחדשה"ט. לנכון הגיעני היום מכתבו הגלוי עם העלים הנדפסים בשם יקרא **תענוג שבת** והוא כנחל נובע ממקור מים חיים מדברי רבותינו הקדושים בתלמוד בבלי וירושלמי וכל המדרשים. הנה מה אומר יה"ר שיברך על המוגמר בכי טוב ולהיות ממזכה הרבי' שישמרו את השב"ק אשר לדקתם תלהיר לעולמי עד. ואקוה כי כל חכמי לב יביאו את מחברתו הזאת לביתם ויתענגו עליו על רוב שלום ביום ש"ק. וימלאו בו נופש ונחת. ומה טוב שכל איש יקבע זמן קבוע בכל שב"ק ללמוד בספר התורה הזה למען דעת מצות שב"ק השקולה ככל התורה והמצות. וכן ללמוד אותו עם נערי בנ"י להרגילם בנעוריהם ואז גם כי יזקינו לא יסורו מהם. ואם אמנם עדיין לא באתי למדה זו להיות כשר המסכים ולעמוד במקום גדולים. אך אין מסרבין לגדול. והשי"ת יעזרהו לישב באוהל התורה והעבודה. בהשקט ומנוחה ושמחה. ויזכה לעבוד את השי"ת מטוב רוב נחת ועושר וכבוד. ובזכות שמירת שב"ק יקרבו הגאולה בקרוב כמ"ש חז"ל הקדושים. דברי ש"ב הכותב בנחילה. הדורש"ש בלה"ר ואה"ע:

הק' שבתי איש **ליפשיץ** חופ"ק **אורשיווא** בארץ הגר.

[בעהמח"ס קול תודה. וס' ברית אבות. וס' פדיון נפש. וס' סגולות ישראל מה"ק ומהד"ת, וס"ס].

ב"ה יום ה' ט"ז אד"ש תרס"ח ווארשא

ראיתי את הספר **תענוג שבת** לקוטים כל עניני שבת אשר נמצאים בגמרא הק' ובמדרשים אשר ליקט הר"ב המופלג . . . מו"ה **איל"ל** נ"י מפ"ק **ווארשא** וכוונתו רצוי' לזכות את הרבים. והנה לפעלא טבא אומר יישר חילא וידי תיכון עמו להוציא את ספרו לאור כי בזמן הזה מצוה גדולה שידע כל איש ואיש מצות שבת שהיא שקולה כנגד כל התורה כולה. ואני תפלה שזכות הרבים יעמוד להמחבר להוציא לאור במהרה מותר ספריו אשר אתו בכתובים. ואורך ימים בימינו וכ"ש עושר וכבוד:

וע"ז באעה"ח יום הנ"ל שנת הנ"ל.

יצחק בר"א ז"ל **הכהן פייגענבוים** חונה פה **ווארשא.**

הקדמה—פאר־רעדע

דיא גְמָרָא זָאגְט אִין מַסֶכֶת שַׁבָּת (דף י׳ ע״ב) אָמַר לֵיהּ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה מַתָּנָה טוֹבָה יֵשׁ לִי בְּבֵית גְנָזַי וְשַׁבָּת שְׁמָהּ וַאֲנִי מְבַקֵשׁ לִיתְּנָהּ לְיִשְׂרָאֵל לֵךְ וְהוֹדִיעֵם. גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּא משֶׁה׳ן אִיךְ הָאבּ אַגוּטֶען פְּרֶיזֶענְט אִין מַיין פַּאלַאץ, דֶר פְּרֶיזֶענְט הֵייסְט שַׁבָּת, אוּנ אִיךְ וִויל אִים שֶׁענְקֶען דִי יוּדֶן. גֵיא גֵייא זָאג עֶס צוּ דִי יוּדֶן אוּנ גִיבּ זֵיי דָס צוּ וִויסֶען, בּאדַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַאר וָוס אִיז דִי מִצְוָה פוּן שַׁבָּת אוּיס גֶענוּמֶען פוּן אַלֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּנ דְרַייצֶן מִצְוֹת, וָוס אוּמֶעדוּם בַּיי יֶעדֶער מִצְוָה הָט גָאט נִישְׁט גִזָאגְט משֶׁה׳ן עֶר זָאל גֵיין צוּ דִי יוּדֶן אוּנ זַיי אָן זָאגֶן אַבְּשׂוּרָה טוֹבָה אַז עֶר וִויל זֵיי שֶׁענְקֶען אַטַייעֶרֶען פְּרֶיזֶענְט, דִיא אוּנ דִי מִצְוָה. אוּיסֶער דָא בַּיי שַׁבָּת הָאט גָאט אַזוֹי בַּארִימְט דִיא מִצְוָה:

נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא אִין מַסֶכֶת בְּרָכוֹת (דף ה׳ ע״א) שְׁלשָׁה מַתָּנוֹת טוֹבוֹת נָתַן הקב״ה לְיִשְׂרָאֵל וכו׳ אֵלוּ הֵן תּוֹרָה וְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְהָעוֹלָם הַבָּא, דְרַיי גוּטֶע פְּרֶיזֶענְטֶען הָט גָאט גִיגֶעבֶּן דִי יוּדֶן, תּוֹרָה אוּנ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ עוֹלָם הַבָּא, בּאדַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַאר וָואס רֶעכֶנְט דָא נִישְׁט דִיא גְמָרָא דִיא מִצְוֹת שַׁבָּת אוּךְ, דִיא מִצְוָה הָאט דָאךְ גָאט אוּךְ אָן גִירוּפֶען אַגוּטֶען פְּרֶיזֶענְט:

נָאךְ זָאגְט דִי גְמָרָא אִין יְרוּשַׁלְמִי תַּעֲנִית (פרק א׳ ועי׳ במס׳ שבת קי״ח ע״ב) אִלוּ הָיוּ יִשְׂרָאֵל מְשַׁמְרִין שַׁבָּת אַחַת כְּתִיקוּנָהּ מִיַד הָיָ׳ בֶּן דָוִד בָּא, וֶוען דִיא יוּדֶן וָואלְטֶן גֶעהִיט וַוי עֶס בּאדַארְף צוּ זַיין הָאטְץ אֵיין שַׁבָּת וָואלְט בַּאלְד מָשִׁיחַ גִיקוּמֶען, אוּנ זֵיי וָואלְטֶן אוּם גִילֵייזְט וֶוערֶן, בּאדַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין אַמֵיין דִיא יוּדֶען זֶענֶען דָאךְ אִין גָלוּת שׁוֹין מֵיין פוּן אַכְצֶען הוּנְדֶערְט יָאהְר, אוּנ טוּעֶן אַזוֹ פִיעֶל מִצְוֹת אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים, פוּנְדֶעסְטְוֶועגֶן וֶוערֶען זֵיי נִישְׁט אוּיס גִילֵייזְט, וִוי אַזוֹ אִיז זֶשֶׁע מֶעגְלִיךְ אַז אִינָם זְכוּת פוּן דֶר אֵיין אוּנ אֵיינְצִיגֶע מִצְוָה, שַׁבָּת, וֶועלֶען זַייא וֶוערֶען אוּיס גִילֵייזְט?:

ווֶעלֶען מִיר דָס אַלֶץ אִינְאֵיינֶעם פַּארֶענְטְפֶערֶן, נָאר מִיר וֶועלֶען מַקְדִים זַיין אַשְׁטִיקֶעלֶע פִיזֶעלאָהְגִיֶע. עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ פִיעֶל מֶענְטְשֶׁען אוּיף דֶר וֶועלְט וָוס הָאבֶּן נִישְׁט קַיין קִינְד אוּנ קַיין רִינְד, גֵייעֶן זֵיי גֶעבֶּעךְ אַרוּם שְׁטֶענְדִיג טְרוֹיעֶרְדִיג, דֶען זֵיי בַּאטְרַאכְטֶן זִיךְ דֶעם תַּכְלִית פוּנֶם מֶענְטְשֶׁן, אַז עֶס וֶועט פוּן זֵיי נִישְׁט בְּלַייבֶּען אוּיף דֶר וֶועלְט קֵיין שׁוּם זֵכֶר, פוּן זֵיי אָן וֶוערְט אָפּ גִיהַאקְט דֶר אֵייבִּיגֶער דוֹר דָס אֵייבִּיגֶע אָנְדֶענְקוּנְג, דְרוּם אַרַייכֶער מֶענְטְשׁ, בַּאטְרַאכְטֶענְדִיג וָואוּ עֶר הַאלְט אִין דֶר וֶועלְט, לָאזְט שְׁרַייבֶּען אַסֵפֶר תּוֹרָה, אוּנ קְרִיצְט אוּיס אוּיף דִי עֵץ חַיִים׳ס זַיין וַוייבְּס נָאמֶען אוּנ זַיין נָאמֶען, אוּנ שֵׁיינְקְט דָאס אַוֶועק אִין אַ שׁוּל, כְּדֵי אַז מֶען וֶועט הַאלְטֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה וֶועט מֶען זִיךְ אָן זֵיי דֶערְמַאנֶען, אַנְדֶערֶע קוֹיפֶן אַמְנוֹרָה, אָדֶער אַנ׳אַנְדֶער חֵפֶץ, אוּנ מֶען שֵׁיינְקְט דָס אַוֶועק אִין אַ שׁוּל, אִיז דָס אֲפִילוּ אַגְרוֹסֶע מִצְוָה, אוּנ עֶס בְּלַייבְּט אֲפִילוּ אַשְׁטִיקִיל אָנְדֶענְקוּנְג, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶן אִיז דָס נָאךְ נִישְׁט אִין גַאנְצֶן אָנְשְׁטָאט אַ אֶמֶת׳ין זוּן, דֶען אַמָאל קֶען מֶען דִי סֵפֶר תּוֹרָה אַוֶועק גַנְבֶ׳ענֶען, אָדֶער דִי מְנוֹרָה קֶען צוּ בְּרַאכֶן וֶוערֶן, אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין אֵייבִּיגֶע זִיכֶערֶע אָנְדֶענְקוּנְג, אוּנ דָס גֶעמְלִיכֶע אִיז אוּיךְ בַּיי אַמֶענְטְשׁ וָוס הָט שׁוֹין אַ אֶמֶתֶ׳ע קִינְד. אִיז דָס בֶּאֱמֶת נָאךְ אוּךְ נִישְׁט קֵיין אֵייבִּיגֶע אָנְדֶענְקוּנְג, וָוס מֶען זָאל זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז דָאס וֶועט זַיין אוּיף אֵייבִּיג. וָוארוּם דָס קִינְד קֶען חָלִילָה שְׁטַארְבֶּען אָן קִינְדֶער. אָדֶער עֶר וֶועט הָאבֶּן קִינְדֶער וָוס וֶועלֶן נִישְׁט גֵיין אִין יוּדִישֶׁן וֶועג, וָוס דָס הֵייסְט אוּיךְ אָן קִינְדֶער, אוּנ נָאךְ פִיל עֶרְגֶר אַזוֹי וִוי עֶס טְרֶעפְט זִיךְ בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אִין הַיינְטִיגֶע צַייטִין, אָדֶער אֲפִילוּ דֶר מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שׁוֹין אָרֶענְטְלִיכֶע קִינְדֶער אוּנ קִינְדְס־קִינְדֶער בַּדַארְף זִיךְ אוּיךְ מַאכֶן נָאךְ אַ אָנְדֶענְקוּנְג אַשְׁטֶענְדִיגֶן, אַזוֹ וִוי אַגְרוֹסֶר פִילִיזָאף הָט גִיזָאגְט אַקְלוּגֶן שְׁפְּרִיכְוָוארְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַרְבֶּעט דָאךְ אוּף דֶעם צוּנְקוּפְטִיגֶן־דוֹר, דָאס לֶעצְטֶע קִינְד, יֶעדֶר מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט אוּיף זַיין קִינְד. אוּנ זַיין קִינְד אוּף זַיין קִינְד, וֶוער וַוייס אָבֶּר וֶוער אוּנ וָואס וֶועט זַיין דָאס לֶעצְטֶע צוּנְקוּפְטִיגֶע־קִינְד? אַקְלוּגֶער צוּ נִיט? אַעֶרְלִיכֶער צוּ נִיט? צוּ אִיז גִיוֶוען כְּדַאי אַז דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט מִדוֹרֵי דוֹרוֹת זָאלֶען הָארֶעוֶוען אוּיף אִים?

נָאר אַז מִיר וֶועלֶן גוּט אַרַיין קוּקֶען אִין דֶר הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועלֶן מִיר גֶעפִינֶען צוּ דִי מֶענְטְשִׁין וָוס הָאבֶּן נִישְׁט קֵיין קִינְדֶר אַגְרִינְגֶע אוּנ אַוואלְוֶועלֶע עֵצָה, וִוי אַזוֹ זֵיי זָאלִין זִיךְ מַאכֶן אַגוּטִין אֵייבִּיגֶן אָנְדֶענְקוּנְג אֶפְשָׁר וִוילְט אִיר וִויסִין וֶוער הָט דָס גִיגֶעבֶּן דִי עֵצָה? צוּ אִיז דִי עֵצָה אַרַאעֶלֶע? וֶועל אִיךְ אֵייךְ אוּיס זָאגֶען וֶוער ס׳הָאט גִיגֶעבֶּן דִי עֵצָה, דִי עֵצָה הָט גִיגֶעבֶּן כִּבְיָכוֹל גָאט זֶעלְבְּסְט, וָוס עֶר הָט בַּאשַׁאפֶן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, לָאבִּיר אוּף עֶפֶענֶען דֶעם סֵפֶר יְשַׁעְיָה אוּנ אוּף מִישֶׁין דֶעם קַאפִּיטִיל נ״ו (פ״ג) שְׁטֵייט אַזוֹי, וְאַל יֹאמַר הַסָּרִיס הֵן אֲנִי עֵץ יָבֵשׁ, כֹּה אָמַר ה׳ לַסָּרִיסִים אֲשֶׁר יִשְׁמְרוּ אֶת שַׁבְּתוֹתַי וגו׳ וְנָתַתִּי לָהֶם בְּבֵיתִי וּבְחוֹמֹתַי יָד וָשֵׁם טוֹב מִבָּנִים וּמִבָּנוֹת, שֵׁם עוֹלָם אֶתֵּן לוֹ אֲשֶׁר לֹא יִכָּרֵת, דֶר מֶענְטְשׁ וָוס הָט נִישְׁט קֵיין קִינְדֶר זָאל נִישְׁט קְלַאגֶן אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹ וִוי אַ אוּיסְגַּידַארְטֶר בּוֹים וָוס עֶס וַואקְס נִישְׁט אוּף אִים קֵיין פְרוּכְט, וַוייל

איך

הקדמה–פאר־רעדע

איך האָב דאָך גישט קיין קינדער אויף איבער לאָזין אַ אייביגין אָנדענקונג, דען אַזוי הָט נאָט גיראטהען די מענטשן וָוס האָבּן נישט קינדער און זיי ווילן האָבן אַ אייביגין אָנדענקונג, אַז זיי זאָלן היטן די מצוה פון שבת, זאָגט זיי גאָט צו אַז ער וועט זיי מאַכען אשטענדיגן זיכערין אָנדענקונג-צייכען אין זיין געטליכן הויז און אין זיין געטליכן מויער, דר אָנדענקונג איז בּעסר איידר אַזון אָדר אַטאָכטער ווייל דר אייביגער נאָמען-אָנדענקונג וועט קיינמאל נישט פאר שניטן וועהן, אט האט איהר גאָט׳ס עצה:

דאס האָבּן די חז״ל גיזאָגט, גאָט הָט גיזאָגט צו משה׳ן איך האָב אַטייערן פּריזענט אין מיינע פּאַלאַצין, דאס איז שבת, אַלס דאס איז דער בעסטער און דער גינצינקסטער פון אַלע מיינע פייער פּריזענטין. שבת און תורה און ארץ ישראל און עולם הבא, גייא גיב דאס די יודין צו וויסן, ער איז דר עלעמענט (יסוד) פון די איבריגע דריי, אויב זיי וועלן דעם אונשאצבארין פּריזענט מקבל באהבה זיין, און וועלן זיין פון אים העכסט צו פרידן, און וועלן אים פילעווען, וועל איך יענם מאכען אַ אייביגען אָנדיינקונג-צייכען ביי מיר אין פּאַלאַץ, איך וועל אום קריצן דעם נאָמען-פונ׳ס מענטש וָוס וועט היטן שבת אין מיין געטליכן פּאַלאַץ אין יענם קאבינעט אַוואו ס׳איז גיוועען באהאַלטין דר פּריזענט שבת, און אויב זיי וועלן זיך שעצין גליקליך איבּר גליקליך וועל איך זיי דר פּר געבן נאָך אַפּריזענט, די הייליגע תורה און אויב זיי וועלן צו געמן צופרידענהייט דעם פּריזענט אויך, און זיי וועלן זיין דאנקבאר, וועל איך זיי געבן נאָך אַפּריזענט ארץ ישראל, זיי וועלן אַרוים פון גלות און אַריין אין אַ אייגענע לאַנד, וואס דורך דעם וועלין זייא בעקומן דעם פירטען גליקליכסטן פּריזענט עולם הבא:

דרום אַז די יודין האָבן בתשואת חן צו גינומן די מצוה פון שבת, האט זיי גאט גיגעבן דעם צווייטן גוטין פּריזענט, די תורה, און אַז זיי האָבן מיט גרויס עהרען־פורכט מקבל גיווען די תורה, הט ער זיי גיגעבן דעם דריטן פּריזענט, גיבראַכט קיין ארץ ישראל, וואלטין זיי דארטן אויך גיפּילעוועט דעם עלעמענט פון די פּריזענטין, די מצוה פון שבת, וואלט ער זייא גיגעבן דעם פירטין פּריזענט, דעם גליקליכסטען, עולם הבא. ליידער זענען אָבער די יודן גיווען אונווירדיג, זייא האבן דארטן גיזינדיקט, זייא האבן נישט געפּילעוועט דיזען וואהלטהאט, די מצוה פון שבת, זענען זיי דערפאַר אַרוס גיטריבן גיוואָרין פון ארץ ישראל, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (שבת קי״ט ע״ב) לא חרבה ירושלים אלא בשביל שחללו בה את השבת, ירושלים איז פּארוויסטעט גיוואָרן, דיא יודן זענען אַרוס געטריבען גיוואָרן פון ארץ ישראל, נאָר ווייל מען האט דאָרטן מחלל שבת גיווען, מיר וועלן דאס ערקלערן דורך אַשיינע מעשה:

אַמאָל איז גיווען אַקיסר זייער אַגוט־הערציגער, ביי אים האט געדיענט אַגראַף, וואס איז גיווען זייער טריי דעם קיסר, ער הט זיך ממש מוסר נפש גיווען פאר אים, ויהי היום הט אוים גיבראכן אַמלחמה צווישן דעם קיסר און נאך אַקיסר, האט דער קיסר גימאכט דעם גראף פאר׳ן גאַנצן פירער פון דער מלחמה, און מחמת דר גראף איז גיווען דעם קיסר זייער גיטריי, און אַדאנק זיין גרויסע ענערגיע האט ער גיווינען די מלחמה, אַז דר גראף איז צוריק גיקומן צום קיסר פונם שלאַכט־פעלד, האט דער קיסר באוויליגט און אַראפּ גינומען פון קאָפּ זיין קיסרליכע קרוין, און האט איר גישאנקין דעם גראף, אויף אַ אייביגען אָנדענקונג, און הט נאך באפוילין אַז מען זאל אים און זיינע קינדער געבן יעהרליך אַכט און פערציג טויזנד רובּיל, אַ אייביגע פּענסיע, דער גראף האט זייער באדיינקט דעם קיסר פאר זיין גיגעדיקייט, און איז אים גיוואָרען זייער דאנק־באר, דיא קרוין איז בייא דעם גראף גיווען זיין גאנצע חיות, ער האט איר געפּילעוועט און גישעצט כבבת עינו, אויף אַלע האכצייטין האט ער אָן גיטאן דיא קרוין, צו ווייזין דם גליקליכסטין מעדאל און דעם באלאהנוג פיר זיין גיטריישאפט און איבערגעבענהייט דעם קיסר, דור הולך ודור בא, דער גראף איז גישטארבין, און האט איבער גילאזין זין און טעכטער, פלעגען זייא אויך באקומען דיא יעהרליכע פּענסיע, אין אצייט אַרום האבען זייא צווישען זיך צו טיילט דיא ירושה, האבען זייא גינומן דיא קרוין און האבען איר צו האקט אויף שטיקלאך, יעדערן האבען זיי גיגעבן אַשטיקיל, זיי האבען נישט פארשטאנען דיא טייערקייט פונם קרוין, אַז דאס איז אַקיסרליכער פּריזענט וואס איז אַראפּ גינומען געוואָרען פון קיסר׳ס קאָפּ, דער קיסר איז גיוואָר גיוואָרען אַז דעם גראף׳ס קינדער האבען גיטאן אַזא שענדליכע זאך, אַז זייא זענען אַזוינע אונפער־שטענדליכע מענטשען, איז ער זייער דערצעהרינט גיוואָרען, און האט געשריגען מיט כעס, אַי! וואסערע נעריש און לייכטזיניגע מענטשען דאס זענען, זייא האבען גינומען מיין קרוין, וואס זיא איז גילעגען בייא מיר אין פּאַלאַץ אין מיין קאבינעט, וואס צוליעב זייער פאטער׳ס גיטריישאפט און איבער־גיגעבענהייט צו מיר האב איך איר אַראפּ גינומען פון מיין קאָפּ, און זיא אים גישאנקען, האבין

זייא

הקדמה–פאר־רעדע

זַייא אִיר גִישְׁט גִישֶׁעצְט, אונ צוּ בְּרָאכֶען אִיר, דֶערְמִיט הָאבֶּען זַייא דָאךְ מִיר מְבַזֶּה גִיוֶועֶן, וויא אוּנְזִינִיגֶע מֶענְטְשֶׁען דָאס זֶענֶען, זַיי הָאבֶּען אָפְּגִיטָאן אַזַא אִירְטְהוּם, דְרוּם זָאל מֶען זַייא אוֹיף הֶערִין צוּ צָאהְלֶען דִי יֶעהְרְלִיכֶע פֶּענְסְיֶע, דַאן וֶועלֶען זַייא פַארְשְׁטֵיין דֶעם גְרוֹסֶען פַארְבְּרֶעךְ וָואס זַיי הָאבֶּען גִיטָאן אַנְטְקֶעגֶען מִיר אוּנ אַנְטְקֶעגֶען מַיין מְלוּכָה:

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז דָא. דִיא קֵיסֶרְלִיכֶע קְרוֹן אִיז דִיא הֵיילִיגֶע מַתָּנָה טוֹבָה, דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת, נָאט הָאט דֶעם הֵיילִיגֶען פְּרִיזֶענְט אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן זַיין פַּאלַאץ אוּנ פוּן זַיין קַאבִּינֶעט אוּנ עֶר הָאט אִיר גִישָׁאנְקֶען דִיא יוּדֶען, ווייל זַייא הָאבֶּען בַּייא אִים נוֹשֵׂא חֵן גִיוֶועֶן, אַזֶע אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָאבֶּען טַייֶער גִיהַאלְטֶען דֶעם פְּרִיזֶענְט אוּנ הָאבֶּען זִיךְ מִיט אִים גִישְׁטָאלְצִירְט. זַייא הָאבֶּען אִים גֶעפִּילֶעוֶועט נָאךְ אֵיידֶער מֶען הָאט אִים זַייא גִישָׁאנְקֶען, (אַזוֹ וויא מִיר שְׁרַייבֶּען אִין פרק כ"א) ווייל דִיא מִצְוָה אִיז אַגֵייכְטְלִיכֶע מַתָּנָה, זִיא פַארְשֵׁיינְט אַלֶע מִצְוֹת, אַזוֹ וויא דִיא חז"ל הָאבֶּען גִיזָאגְט (ירושלמי נדרים פ"ג) הַשַּׁבָּת שְׁקוּלָה כְּנֶגֶד כָּל הַמִּצְוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה, דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת וֶועגְט אַרִיבֶּער אַלֶע מִצְוֹת, אוּנ זִיא אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע מִצְוֹת, וָוארוּם זִיא אִיז דִיא אֵיין אוּנ אֵיינְצִיגְסְטֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע מִצְוָה וָואס מֶען בַּאדַארְף נִישְׁט טָאן קֵיין שׁוּם פְּעוּלָה, מְקַיֵּים זַיין דִיא מִצְוָה, דֶען אַז עֶס קוּמְט דִיא צַייט וָואס זִיא עֶקְזֶעקְטִירְט קְרִיכְט מֶען אַרַיין אִין דֶער מִצְוָה מִיט דִיא פָּאסְטָאלֶעס, אוּנ מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיף אֲפִילוּ אֵיין רֶגַע פוּן צוּ מְקַיֵּים זַיין דִיא מִצְוֹת שַׁבָּת, אוּנ מֶען הָאט פַאר דֶער מִצְוָה אַגְרוֹסֶען שָׂכָר, אַזוֹי וויא מֶען וָואלְט מְקַיֵּים גִיוֶועֶן אַלֶע תרי"ג מִצְוֹת (אַזוֹ וויא מִיר שְׁרַייבֶּען אִין פרק י"ז), דְרוּם לְהַבְדִּיל בְּאֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָּלוֹת זָאגְאר דִיא עכו"ם הָאטְץ זַייא הָאבֶּען נִישְׁט גִיוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דִיא תּוֹרָה, פוּנְדֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען זַייא גִיוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת. (כמ"ש חז"ל (ילקוט פ' ברכה בתחלה הלך אל בני עשו וא"ל מקבלין אתם את התורה א"ל מה כתיב בה א"ל לא תרצח וכו' לא תנאף וכו' לא תגנוב וכו' עכ"ל משמע שרק בשביל אלו הדברות לא רצו לקבל התורה, שלא הסיבו שאין רוצים לקבלה בשביל שכתוב בה מצות שבת):

נָאר מִיר יוּדֶען בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים הָאבֶּען גָאר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִיא גְרוֹסֶע נוּצֶען פוּנֶם הָאכְגִישֶׁעצְטֶען גֶעטְלִיכֶען פְּרִיזֶענְט שַׁבָּת, אוּנ מִיר הָאבֶּען אִים נִישְׁט גֶעפִּילֶעוֶועט, אַזוֹ ווייט בִּיז מִיר הָאבֶּען אִים כִּמְעַט צוּ בְּרָאכֶען, אַזוֹ וויא דִיא נַעֲרִישֶׁע גְרַאפְ'ס קִינְדֶער הָאבֶּען צוּ בְּרָאכֶען זַייעֶר פָּאטֶער'ס קֵיסֶרְלִיכֶע קְרוֹין, דְרוּם צוּ אוּנְזֶער גְרוֹיסֶען בַּאדוֹיעֶרוּנְג הָאט מֶען בַּייא אוּנְז אָפּ גִינוּמֶען דִיא יֶעהְרְלִיכֶע פֶּענְסְיֶע, דָאס טַייעֶרֶע גִיבֶּענְשְׁטֶע לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּנ מִיר זֶענֶען פַארְזִיבֶּען גִיוָוארֶען אִין פִינְסְטֶערֶען אוּנ ווִיסְטֶען גָלוּת:

דְרוּם אַז מִיר ווִילֶען אוֹיס גִילֵייזְט וֶוערֶען אוּנ מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען, אוּנ מִיר זָאלֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּ אוּנְזֶער פַאטֶערְלַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בַּאדַארְפֶען מִיר נָאר צוּפְרִידֶענְשְׁטֶעלְהַייט צוּ גֶעמֶען צוּרִיק דֶעם עֶרְשְׁטֶען גֶעטְלִיכֶען פְּרִיזֶענְט. דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת, אוּנ שֶׁעצֶען אוּנ שְׁטַארְק פִּילֶעוֶוען דֶעם פְּרִיזֶענְט, הָאטְץ אֵיין שַׁבָּת וויא דֶער דִין אִיז, דֶערְמִיט וֶועלֶען מִיר גָאט ב"ה ווַייזֶען אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן זַיינֶע גְרוֹיסֶע גִינֶעדִיקְסְטֶע פְּרִיזֶענְטֶען. וֶועט עֶר אוּנְז צוּרִיק גֶעבֶּען דִיא יֶעהְרְלִיכֶע פֶּענְסְיֶע דֶעם גוּטֶען פְּרִיזֶענְט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּנ מִיר וֶועלֶען וֶוערֶען אוֹיס גִילֵייזְט פוּן גָלוּת, אוּנ עֶר וֶועט אוּנְז פִירֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וָואס דוּרְךְ דֶעם פְּרִיזֶענְט וֶועלֶען מִיר עֶרְשְׁט בַּאקוּמֶען דֶעם אֶמְתֶן פְּרִיזֶענְט, דֶעם גְלִיקְלִיכְסְטֶען עוֹלָם הַבָּא, דֶעם אֶמְת'ן גְלִיקְלִיכֶען צוּנְקוּפְט, אוּנ אַזוֹי הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעזָאגְט דִיא הֵיילִיגֶע חז"ל (מד"ר קהלת פ"א) אֵין יִשְׂרָאֵל נִגְאָלִין אֶלָּא בִּזְכוּת שַׁבָּת, דִיא יוּדִין וֶועלֶען וֶוערֶען אוֹיס גִילֵייזְט פוּן גָלוּת אוּנ קוּמֶען צוּרִיק צוּם פַאטֶערְלַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאר אִין דֶעם זְכוּת פוּן הִיטֶען דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת, נָאט זָאל גֶעבֶּען אַז דָאס זָאל שׁוֹין זַיין וָואס צוּם שְׁנֶעלְסְטֶען בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן:

דער פערפאססער

מְסִירַת מַפְתֵּחַ:

מהו התוכן ?

פרק		מן עמוד	עד עמוד
פרק א.	זִכְרוֹן שַׁבָּת בְּכָל שֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה	5	8
פרק ב.	הֲכָנַת צָרְכֵי שַׁבָּת בְּעֶרֶב שַׁבָּת	8	16
פרק ג.	דִּינִים וּמִנְהָגִים הַשַּׁיָּכִים לְעֶרֶב שַׁבָּת	16	20
פרק ד.	עֶרֶב שַׁבָּת מִן הַמִּנְחָה וּלְמַעְלָה	20	23
פרק ה.	הַכְנָסַת שַׁבָּת	23	25
פרק ו.	לְהוֹסִיף מֵחוֹל עַל הַקּוֹדֶשׁ	25	27
פרק ז.	מִי שֶׁהֶחְשִׁיךְ לוֹ בַדֶּרֶךְ	27	35
פרק ח.	הַדְלָקַת נֵרוֹת לְשַׁבָּת	35	40
פרק ט.	לִלְבּוֹשׁ בִּגְדֵי שַׁבָּת	40	43
פרק י.	תְּפִלַּת לֵיל שַׁבָּת	43	45
פ ק יא.	לְקַדֵּשׁ עַל יַיִן	45	48
פרק יב.	סְעוּדַת שַׁבָּת	48	57
פרק יג.	מַאֲמַר מִזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שֶׁאוֹמְרִים בִּסְעוּדַת לֵיל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ	57	59
כרק יד.	מִצְוַת תַּעֲנוּג שַׁבָּת	59	62
פרק טו.	לַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה בְּשַׁבָּת	62	66
פרק טז.	שְׂכַר הַשּׁוֹמֵר שַׁבָּת	66	71
פרק יז.	גְּדוּלַּת שַׁבָּת	71	83
פרק יח.	עָוֹן וְעוֹנֶשׁ הַמְחַלֵּל שַׁבָּת	83	90
פרק יט.	שְׁבִיתָה בְּשַׁבָּת	90	96
פרק כ.	פְּקוּדַת שַׁבָּת	97	109
פרק כא.	מִצְוַת שַׁבָּת שֶׁשָּׁמְרוּ גַּם הָאָבוֹת	109	114
פרק כב.	תְּפִילַּת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ	114	116
פרק כג.	קְרִיאַת הַתּוֹרָה בְּשַׁבָּת	116	120
פרק כד.	מַאֲמַר מִזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שֶׁאוֹמְרִים בְּשַׁבָּת קוֹדֶשׁ בִּסְעוּדַת שַׁחֲרִית	120	122
פרק כה.	קְרִיאַת הַתּוֹרָה בְּמִנְחָה	122	123
פרק כו.	תְּפִלַּת מִנְחָה בְּשַׁבָּת	123	125
פרק כז.	מַאֲמַר מִזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שֶׁאוֹמְרִים בְּשַׁבָּת קוֹדֶשׁ בִּסְעוּדָה שְׁלִישִׁית	125	128
פרק כח.	הַבְדָּלָה בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּתוֹת	128	132
פרק כט.	סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה	132	134
פרק ל.	הַנְהָגַת מוֹצָאֵי שַׁבָּת	134	137
פרק לא.	מַאֲמָרִים מְפוּרָדִים וּמִלּוּאִים וְהוֹסָפוֹת	137	153

אינהאלט פערצייכניסע:

דער וויפילטער פרק	וואס איז זיין אינהאלט ?	פון זייטע־ביז זייטע
דער ערשטער פרק	מען זאל גידענקען שבת אגאנצע וואך	8— 5
דער צווייטער פרק	מען זאל אלעס אן גרייטין אויף שבת. . . .	16 – 8
דער דריטער פרק	פרייטאגדיגע דינים און מנהגים	20— 16
דער פירטער פרק	דיא פיהרונג פון פרייטאג פארין נאכט	23— 20
דער פינפטער פרק	אריין ברענגען דעם שבת	25 – 23
דער זעקסטער פרק	מען זאל שבת אן נעמען גאנץ פריא	27— 25
דער זיעבעטער פרק	אז מען איז אין וועג און עס ווערט שבת. . .	35— 27
דער אכטער פרק	אן צינדין ליכט פרייטאג פארין נאכט, אויף שבת .	40 – 35
דער ניינטער פרק	מען זאל אן טאן שבת׳דיגע קליידער	43 – 40
דער צעהנטער פרק	דער דאווענען פרייטאג־צוא־נאכט	45— 43
דער עלפטער פרק	מען זאל מאכין קידוש אויף וויין	48— 45
דער צוועלפטער פרק	דיא שבת׳דיגע סעודות	57— 48
דער דרייצעהנטער פרק	אמאמר פונם הייליגען זהר וואס מען זאגט בייא דער פרייטאג צו־נאכט׳דיגער סעודה . . .	59— 57
דער פירצעהנטער פרק	אן טאן זיך פערגעניגין אום שבת	62— 59
דער פינפצעהנטער פרק	שבת באדארף מען לערנען תורה	66— 62
דער זעכציהנטער פרק	דעם שכר וואס מען גיט דעם מענטשין וואס היט שבת .	71— 66
דער זיעבינצעהנטער פרק	דיא גרויסקייט פון שבת	83— 71
דער אכטצעהנטער פרק	וויא גרויס איז דיא עבירה אז מען איז מחלל שבת.	90— 83
דער ניינצעהנטער פרק	וויא אזוי באדארף מען רוהען אום שבת . . .	96— 90
דער צוואנציגסטער פרק	דער גיבאט צו היטין שבת	109 — 97
איין־און־צוואנציגסטער	זאגאר אונזערע אבות האבען אויך געהיט שבת [האטש זייא האבין נאך נישט גיהאט דיא תורה מיטין גיבאט צו היטין שבת].	114—109
צווי־און־צוואנציגסטער	דער דאווענען שבת אין דער פריא	116—114
דריי־און־צוואנציגסטער	לייענען דיא תורה שבת אין דער פריא . . .	120—116
פיער און צוואנציגסטער	אמאמר פונם הייליגען זהר וואס מען זאגט בייא דער שבת׳דיגע סעודה אין דער פריא	122—120
פינף און צוואנציגסטער	לייענען דיא תורה שבת צו מנחה	123 – 122
זעקס און צוואנציגסטער	דיא שבת׳דיגע מנחה	125—123
זיעבין און צוואנציגסטער	אמאמר פונם הייליגען זהר וואס מען זאגט אום שבת צוא שלש סעודות [דיא דריטע סעודה]	128—125
אכט און צוואנציגסטער	הבדלה שבת־צו־נאכט	132—128
ניין און צוואנציגסטער	דיא סעודה מלוה מלכה	134 – 132
דער דרייסיגסטער פרק	דער פיהרונג פון שבת־צו־נאכט	137—134
איין און דרייסיגסטער	איינצעלנע מאמרים פון שבת	150—137

זכרון שבת בכל ששת ימי המעשה.

(א) תניא אמרו עליו על שמאי הזקן כל ימיו היה אוכל לכבוד שבת. מצא בהמה נאה אומר זו לשבת מצא אחרת נאה הימנה מניח את השני' ואוכל את הראשונה. אבל הלל הזקן מדה אחרת היתה לו שכל מעשיו לשם שמים שנאמר (תהלים ס"ח) ברוך ה' יום יום. תניא נמי הכי בית שמאי אומרים מחד שבתיך לשבתיך ובית הלל אומרים ברוך ה' יום יום:

מראה מקומות פ"א (א) ביצה ט"ז.

פירושים

(א) ואוכל את הראשונה. נמלא אוכלה לזו כדי שתהא היפה נאכלת בשבת דהויא לה אכילתה של הראשונה לכבוד שבת: לשם שמים. בוטח שתזדמן לו נאה לשבת: מחד שביך לשבתיך. מאחד בשבת שלך תן לבך לשבת הבאה: יום יום. יעמס לנו את צרכינו ועזרתינו:

תוספת פירושים

(א) אוכל לכבוד שבת וכו'. עיקר טעם הענין בזה נראה כמ"ש לעיל זכרהו מאחר שבאת להשביתו. שבכל יום משבת ימי השבוע יזכור אותו להכין לו על צד היותר טוב כמ"ש מחד משביך כו' ואמר שהלל מדה אחרת היתה בו וכו' כלומר

פירוש ע"ט

דער ערשטער פרק שמועסט אז מען זאל גידענקן שבת אגאנצע וואך:

(א) תניא. מיר האבין גילערינט מען האט גיזאגט אויף שמאי הזקן אז דיא גאנצע יאהרין וואס ער האט גילעבט האט ער אלץ גיגעסין לכבוד שבת, דהיינו, ווען עס האט זיך איהם גיטראפין צו קויפין אין מיטין דער וואך אשיינע און אגוטע בהמה האט ער זיא גיקויפט, און האט גיזאגט דיא בהמה וועט מען עסין שבת, אויב ער האט דער נאך גיקריגין צו קויפין אשענערע און אבעסערע בהמה, האט ער דיא צווייטע בהמה אויך גיקויפט, און האט איר אוועק גישטעלט לכבוד שבת, און ער האט אויף גיגעסין דיא ערשטע בהמה, קומט דאך אויס, אז ער האט גיגעסין דיא ערשטע בהמה כדי דיא צווייטע דיא בעסערע בהמה זאל גיגעסין ווערין אום שבת, אבער הלל הזקן האט גיהאט אנאנדערע מדה, אללע מעשים וואס ער האט גיטאן האט ער גיזאגט דאס איז פון גאט'ס וועגין, ער האט זונטאג גיקויפט אבהמה און ער האט זיא אויף גיגעסין לשם שמים, ער זאל קענין דינען גאט, פרייטאג האט ער אויך גיקויפט לשם שמים, ער זאל האבין שבת וואס צוא עסין, מכבד זיין דעם היילינין טאג פון שבת, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גילויבט איז גאט אללע טאג איז ער אונז מזדמן אללע אונזערע בדערפעניש, אויף דער וואכען גיט ער אונז וואס מיר בעדארפען און אויף שבת גיט ער אונז בעזונדער וואס מיר בעדארפען, מיר האבין אין נאך אברייתא אויך אזוי גילערינט, בית שמאי זאגען דעם ערשטען טאג נאך שבת, דאס הייסט זונטאג, זאל שוין אמענטש אין זינען האבין דעם שבת וואס וועט קומען, אהן צוא גרייטין אלץ וואס מען בעדארף האבין אויף שבת, און בית הלל זאגין גילויבט איז גאט אללע טאג גיט ער אונז און בשערט אונז וואס מיר בעדארפין, מען בעדארף זיך נישט זארגין אויף מארגין, מסתמא וועט השי"ת מזמן זיין אלץ וואס מען בעדארף:

משלי שבת

(א) תניא אמרו עליו וכו' מחד שביך לשבתך וכו'. דיא מפרשים פרעגען פאר וואס דיא מצוה פון שבת בדארף מען גידענקין פיר זונטאג אהן, וואס אזוי געפינט מען נישט ביי קיין שום מצוה, למשל ביי תפילין איז דיא מצוה זייער גרויס און מען טאר גאר קיין רגע נישט מסיח דעת זיין פון דיא תפילין, איז דאס אלץ ווען מען גייט אהן גיטאן אין דיא תפילין, אבער נישט ווען מען גייט נישט אין זייא, און ביי שבת האבין דיא חז"ל גיזאגט אז פון זונטאג אהן זאל מען שוין גידענקין שבת דהיינו אויב מען האט עפעס גיקריגען צוא קויפען אגוטע זאך זאל מען שוין קויפין אויף שבת, און עס איז א מצוה צוא דערמאנען שבת, אללע טאג [אזוי שרייבט דער רמב"ן און דער של"ה הקדוש און נאך פיהל היילינע ספרים], און דרום זאגען מיר אללע טאג היום יום ראשון בשבת, היום יום שני בשבת, בדארף מען פאר שטיין פאר וואס איז דאס אזוי, נאר מיר וועלען דאס פאר ענטפערען על פי משל, אקיסר האט מלחמה גיהאלטען

מיט

(ב) אמר רבי שמלאי זוכרהו עד שלא יבוא שומרהו משיבוא הא כיצד אם נזדמן לך חפץ טוב התקינו לשבת. כלי חדש התקינו לשבת. שמאי הזקן הי' לוקח עצים מאהד בשבת לשבת. הלל הזקן היתה בו מדה אחרת יתירה והי' אומר כל מעשיך יהיו לשם שמים. אמר רבי אבהו אם נזדמן לך חפץ טוב אפילו מאהד בשבת מתגינהו לשבת:

(ג) אמר רבי תנחומא אכלינן הוינן בארבעתה ועל לקמן כותבן ואמרין יתפרשון לשבתא:

(ד) שמאי הזקן אומר זכירה עד שלא תבוא שמירה משתבוא. ומעשה בשמאי הזקן שלא היה זכרון שבת זז מפיו לקח חפץ טוב אומר זו לשבת. כלי הדש אומר זו לשבת. הלל הזקן היתה בו מדה אחרת שהיה אומר כל מעשיך יהיה לשם שמים:

מראה מקומות (ב) פסיקתא דר"כ פכ"ג (ג) שם (ד) מכילתא הובא במגוה"מ וברמב"ן.

פירושים

(ב) מתגינהו לשבת. התקינהו לשבת ר"ל יאמר שהוא מכינו לשבת: (ג) אכלינן הוינן. היינו אוכלין אצל ר' אבהו: בארבעתה. ברביעי בשבת: ועל לקמן. הביאו לפנינו לאכול: כותבן. תמרים: ואמרין יתפרשון לשבתא. אמרנו שיפרישו אותם מן השולחן שיהיו לאכול בשבת:

הוספת פירושים

כלומר דודאי מדת שמאי מעולה וטובה היא אלא שזה מדה אחרת ביותר טובה ומעולה ממנה שהיא אותה דהיינו מדת הבטחון שבוטח בהקב"ה שיזמין לו הקב"ה נאה ממנה וקאמר שכל מעשיו כו' שאל תאמר שזו מדת לעצבנות כמ"ש שרוג שקר בחוץ אאן וגו' כי מתר

פירוש ע"ט

(ב) אמר רבי שמלאי. רבי שמלאי האט געזאגט מען זאל געדענקען שבת איידער ער קומט ודאס הייסט מען זאל אין מיטן דער וואך שוין אהן גרייטן אויף שבתו, היטן זאל מען שבת ווען ער קומט, דאס מיינט מען, אויב עס האט זיך געטראפין אין מיטן דער וואך צוא קויפין אגוטער חפץ באדארף מען איהם קויפין אונ איהם אהן גרייטן אויף שבת, אויב עס האט זיך געטראפין צו קויפין אנייע כלי באדארף מען דיא כלי קויפין אונ איהר אהן גרייטן אויף שבת, שמאי הזקן האט גיקויפט זונטאג האלץ אויף שבת, אבער הלל הזקן האט גיהאט אנאנדערע מדה ווער האט זיך אנדערש גיפירט ער האט גיזאגט אללע מעשים באדארף אמענטש מאהן לשם שמים, רבי אבהו האט גיזאגט אויב עס האט זיך דיר גיטראפין אפילו זונטאג אגוטער חפץ זאלסטו איהם קויפין אונ איהם באהאלטין אויף שבת:

(ג) אמר רבי תנחומא. רבי תנחומא האט גיזאגט מיר זענען מיטוואך גיזעסין בייא רבי אבהו אונ מיר האבין דארט גיגעסין האט מען נאך דעם עסין ארויף גיגעבין טייטלען צו פאר בייסין דיא סעודה, האבין מיר גיזאגט זאלין דיא טייטלען זיין אויף שבת:

(ד) שמאי. שמאי הזקן זאגט מען זאל גידענקין אונ אהן גרייטען אויף שבת איידער ער קומט, אונ מען זאל היטען שבת ווען ער קומט, אונ עס האט זיך גיטראפין אמעשה, אז שמאי הזקן האט נישט אפ גיטאהן דאס גידעכעניש פון שבת פון זיין מויל, דען אז עס האט זיך איהם גיטראפען צו קויפען אגוטע זאך האט ער גיזאגט דאס זאל זיין אויף שבת, אונ דער נאך האט ער גיקריגין צוא קויפען אנייע כלי האט ער זיא גיקויפט אונ גיזאגט דיא כלי זאל זיין אויף שבת, עס האט זיך איהם אגאנצע וואך גיטראפין צוא קויפען זאכין אויף שבת האט ער אלץ גיקויפט, אונ גיזאגט ווען ער האט גיקויפט, אז דאס איז אויף שבת, קומט דאך אוים, אז אגאנצע וואך האט ער גידענקט שבת, הלל הזקן האט גיהאט אנאנדערע מדה ער האט גיזאגט אלע מעשים באדארף זיין לשם שמים:

משלי שבת

רבי

מים נאך אקיסר, איז דעם קיסר'ס נאסלעדניק אויך גיוועזן אויף דער מלחמה, האט דער שונא איין גינומען אשטאט, אונ דעם קיסר'ס זוהן איז גיוועזן אין יענער שטאט, האט מען איהם אריין גינומען אין פלען, האט זיין פאטער דער קיסר געשריבען צוא איהם, מיין קינד, דוא ביסט דאך געפאנגען אין פרעמדע הענד, אונ דוא ביסט פאר

טריבען געווארען פון מיר, אונ איך ווייס נישט וויפיל עס וועט גדויערין ביז דוא וועסט צוריק קומען צוא מיר בעט איך דיר אז דוא זאלסט תזרין אללע טאג מיין נאמען אונ דעם נאמען פון מיין מדינה, אונ זאלסט גידענקין אז דוא ביסט אקיסר'ס זוהן, א בן יחיד פון אקיסר, כדי דוא זאלסט זיך נישט חברין מיט שלעכטע

קאמפאניעס

(ה) רבי אלעזר בן חנניא בן חזקי׳ בן גרון אומר זכור את יום השבת לקדשו תהא זוכרו באחד בשבת שאם יתמנה לך מנה יפה תהא מתקנו לשם שבת:

(ו) אמר ר׳ חייא בר אבא פעם אחת נתארחתי אצל בעל הבית בלודקיא והביאו לפניו שלחן של זהב משוי ט״ז בני אדם וט״ז שלשלאות של כסף קבועות בו וקערות וכוסות וקיתוניות וצלוחיות קבועות בו ועליו כל מיני מאכל וכל מיני מגדים ובשמים וכשמניחים אותו אומרים לה׳ הארץ ומלואה וגו׳. וכשמסלקין אותו אומרים השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם. אמרתי לו בני במה זכית לכך אמר לי קצב הייתי ומכל בהמה שהיתה נאה אמרתי זו תהא לשבת אמרתי לו אשריך שזכית וברוך המקום שזיכך לכך:

מראה מקומות (ה) מכילתא יתרו (ו) שבת קי״ט:

פירושים

(ה) רבי אלעזר בן חנניא. דרוש נמי זכור מלפניו היינו כל ימות השבוע: (ו) לה׳ הארץ. דאין אנו רשאין ליהנות עד שנברך ע״ש כברכת הלחם: והארץ נתן לבני אדם. על ידי מתנתו נהגינו הטובה הזאת:

הוספת פירושים

מתר נמות וע״כ אמר שהרי כל מעשיו של הלל לש״ם הוא יש לנו לתלות גם זה המעשה הי׳ לשם שמים ממדות הבטחון ומייתי ברוך ה׳ יום יום יעמס וגו׳ כלומר ש״ש לברך להקב״ה על כל מה שממציא לנו בכל יום ויום לבטוח בו שהוא יעמוס לנו עוד לימים הבאים וק״ל [ת״א]:

פירוש ע״ט

(ה) רבי אלעזר. רבי אלעזר בן חנניא בן חזקיה בן גרון האט גיזאגט אין פסוק שטייט זאלסט גידענקען דעם טאג פון שבת מיינט מען אז פון זונטאג אהן זאל מען שוין גידענקען שבת, אויב עס האט זיך גיטראפין אפילו זונטאג צוא קויפען אגוטע זאך באדארף מען עס קויפען אויף שבת:

(ו) אמר. רבי חייא בר אבא, האט דער ציילט אמעשה, אמאהל בין איך גיוועהן אגאסט ביי אבעל הבית אין דער שטאט לודקיא האט מען גיבראכט פאר אונז אגאלדענעם טיש, זעכטצעהן מענטשין האבין דעם טיש גיטראגין (אזוי גרויס און שווער איז דער טיש גיוועהן) ביי דעם טיש איז גיהאנגען זעכטצעהן זילבערנע קייטין, און אויף דעם טיש איז גישטאנען שיסלען און כוסות און פלעשער, און אויף דעם טיש איז גישטאנען אלערלייא שפייזען און אלערלייא פירות און בשמים, און אלע מאל ווען מען האט גישטעלט דעם טיש האט מען גיזאגט דעם פסוק (לה׳ הארץ ומלואה) די גאנצע וועלט און איהר דער פילונג (אלע מענטשין וואס געפינען זיך אויף דער וועלט) איז צו גאט, און אז מען האט צו גינומין דעם טיש האט מען גיזאגט (השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם) דער הימעל איז פאר גאט און די ערד (די וועלט) איז פאר די מענטשין וואס געפינען זיך אויף די וועלט, דער ציילט רבי חייא האב איך גיפרעגט דעם בעל הבית מיט וואסער זכות האסטו זוכה גיוועהן צוא אזוי אגרויסע רייכקייט, האט דער בעל הבית מיר גיענטפערט איך בין גיוועהן אקצב און ווען איך האב גיהאט אשיינע בהמה האב איך די בהמה אוועק גישטעלט און גיזאגט די בהמה זאל זיין אויף שבת, און פאר דער מצוה האט מיר דער אייבערשטער גיגעבין אזוי אגרויס עשירות, דער ציילט ווייטער רבי חייא האב איך גיזאגט צו דעם בעל הבית וואול איז דיר וואס דו האסט גיטאן לכבוד שבת, און גילויבט איז גאט וואס ער האט דיר מזכה גיוועהן מיט אזוי אגרויס רייכקייט, וואס ער האט דיר גוט באצאלט:

משלי שבת

קאמפאניעס, און גיין אין זייערע וועגן, און פאר שמועסן און פאר דארבן חלילה מיין נאמען און דיין נאמען, און אז דו וועסט ארויס פון גיפענקעניש וועסטו וויסן וואהין צוא קומען. און דו וועסט נאך גידענקן די ענייני מלוכה. וויא אקיסר פירט זיך. דאס זעלבינע איז ביי שבת. מיר יודען זענען דער בן זוג פון שבת אזוי וויא מיר וועלען ווייטער שרייבען און מיר זענען גאטס קינדער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בנים אתם לה׳ אלקיכם. איהר זענט גאטס קינדער. אגאנצע וואך זענען מיר אין גיפענקעניש. און מען פארגעסט זיך בכבעס פון השי״ת און פון שבת. יעדערער איז פאר יאגט אין טרדות הפרנסה. פאר טראגן אין געשעפטן. האט גאט פאר זאגט אז מען זאל גידענקן אגאנצע וואך דעם הייליגען טאג שבת. אונזער בן זוג. בכדי מען

זאל

הכנת צרכי שבת בערב שבת

(א) מאי כי חדות ה׳ היא מעוזכם (נחמי׳ ח׳) אמר ר׳ יוחנן משום ר׳ אליעזר ב״ר שמעון אמר להם הקב״ה לישראל בני לוו עלי, וקדשו קדושת היום והאמינו בי ואני פורע:

(ב) אמר ר׳ הסדא לעולם ישכים אדם להוצאות שבת שנאמר (שמות ט״ז) והי׳ ביום הששי והכינו את אשר יביאו לאלהר:

מראה מקומות (א) ביצה ט״ו: (ב) שבת קי״ז:

פירושים

(א) חדות ה׳. שמחה שאתם עושים בשביל הקב״ה הרי היא מעוזכם היא תעזור אתכם לכלם הקפיתיכם ומלויתיכם שהלוו בשבילה: (ב) ישכים אדם. בערב שבת לטרוח ולזמן להוצאות שבת: והכינו את אשר יביאו לאלהר. בשעת הבאה הכנה והבאה בהשכמה היא דכתיב (שמות. טז) וילקטו אותו בבוקר בבוקר:

הוספת פירושים

(א) לוו עלי ואני פורע. והא דאמר (פסחים דף קי״ג) עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות ה״מ כשאין לו לפרוע [תוספת]. כלומר אע״כ יטול מן הצדקה אבל הכא מיירי שיש לו משכנות כדי לפרוע ואין לו מעות לכך אמר לוו עלי [רב״ל]:

פירוש ע״ט

דער צווייטער פרק שמועסט אז פרייטאג זאל מען אללעס אהין גרייטען אויף שבת:

(א) מאי. אין פסוק שטייט דעם אייבערשטינס פרייד איז אייער שטארקייט, וואס מיינט מען דאס, האט רבי יוחנן גיזאגט פון רבי אליעזר ברבי שמעון׳ס וועגין, גאט זאגט צו דיא יודען מיינע קינדער בארגט געלט אויף מיין קאנטע, און גרייט אהין אויף שבת גוטע עסינווארג און שטארק זיך און גלויבט אין מיר אז איך בין אבטוח איך וועל באצאלין, איר וועט נישט בלייבין קיין בעלי חובות:

(ב) אמר. רב חסדא האט גיזאגט, יעדער מענטש זאל גיין פרייטאג גאנץ פריא קויפען אללע זיינע באדערקעניש אויף שבת אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז עס וועט זיין דער זעקסטער טאג זאל מען אהין גרייט׳ן אויף שבת:

משלי שבת

זאל גידענקין אז ער איז דער האר פון דער וועלט. און ער האט באשאפען דיא וועלט אין זעקס טאג. און אין דעם זיבעטין טאג האט ער גירוהט. און מיר זענען זיינע קינדער. און חאטש מיר זענען פארטריבען געווארען און מיר זענען אין גלות פון דעסטוועגין וועט ער אונז בקרוב אויס לייזען און וועט שיקען דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן:

(א) מאי כי חדות וכו׳ בני לוו וכו׳ והאמינו בי וכו׳. נאר דער יצר הרע קומט צום מענטשען און רעדט אים איין וויא אזוי קענסטו בארגען געלד און אויס געבין אויף שבת. בארעבען נאר דוא האסט יעצט קיין פרוטה נישט און עס גייט אפרישע וואך. און מען בדארף דאס. און יענז. אללעס גייטיגע זאכען. און פון וואנען וועסטו האבען אויף אללעם. און ערשט ווילסטו נאך מאכען אנייעם חוב אויף דיין קאפ. בארג בעסער עטליכע רובל וועסטו בעסער נאך שבת ארויס גיין האנדלען וועסטו דורך זייא עפעס פאר דינען. וויא גאט וועט געבען. ווען דוא וועסט זיין אגביר דעמאלט וועסטו קויפען לכבוד שבת אלץ וואס דיין אויג וועט זעהן [אזוי זאגט אים יעצט צוא דער יצר הרע חאטש באמת ווען ער ווערט אגביר רעדט ער אים איין אז ער זאל ווערין אנדערעסער קארגער] אבער באמת דיא נארישע מענטשען וואס פאלגען אים ווערען אן גירופען בעלי משכנות, זייא גלויבען נישט דעם אייבערשטין, זייא ווילען נעמען אמשכון בייא גאט, דאס רייכקייט. און זאגין צוא אז דעמאלט וועלין זייא ערליך האלטין שבת. און איידער זייא האבין דעם משכון ווילען

רבי

זייא גאר נישט גיטרויען השי״ת, אבער זייער נארישקייט איז זייער גרוים מיר וועלין געבין צוא פארשטיין מיט איין משל ראובן האט גיוואהנט בייא שמעון אין שטוב, האט שמעון גיוואלט בארגין געלט בייא ראובן, האט איהם ראובן נישט גיוואלט בארגין אן אמשכון. האט שמעון גיגעבין אמשכון צוא ראובן און ראובן האט איהם גיבארגט דיא געלט. און דעם משכון מוז ראובן האלטין בייא שמעון אין שטוב. ווארום ראובן׳ס דירה איז בייא שמעון. ווענט דיא וועלט נישט לאכין פון ראובן. דוא האסט אנדערש נישט גיוואלט בארגין דאס געלט ביז שמעון וועט דיר געבין אמשכון. און לסוף לייגסטו אריין דעם משכון בייא שמעון אין שטוב. ביסט דאך איצט אויך נישט זיכער מיט דיין חוב. טאמער וועט שמעון דיר נישט געבין דעם משכון און נישט דעם חוב. דוא ליגסט דאך מיט דיין גאנצין פארמעגין בייא שמעון אין שטוב. דאס זעלבינע איז בייא דיא מענטשין וואס קארגין אויף שבת זייא פארטשען זיך אויס געבין אויף שבת טאמער וועלין זייא נישט האבין מיט וואס באצאלין נאך שבת. זייא ווילין אז גאט זאל זייא פריער געבין עשירות נאכדעם וועלין זייא מפזר זיין אויף שבת. לאמיר זעהן אז גאט האט שוין גיטאן דעם ווילען פון דעם מענטשין און האט איהם גיגעבין רייכקייט וואו וואהנט ער מיט דעם רייכקייט, ער וואהנט דאך בייא גאט אין זיין וועלט. ער איז דאך בייא גאט אין דיא הענד שטענדיג בייא טאג און בייא נאכט. יעדער מינוט קען ער דאס בייא איהם צוא נעמען. דורך גנבים גזלנים. דורך פייער אדער דורך וואסער. אדער דורך אנדערע אומגליקין. ער איז דאך בייא

(ג) תני רב תחליפא אחוה דרבנאי חוזאה כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה ועד יום הכפורים חוץ מהוצאות שבתות והוצאות יום טוב והוצאות בניו לתלמוד תורה שאם פחת פוחתין לו ואם הוסיף מוסיפין לו:

מראה מקומות (ג) שבת קי"ט:

פירושים

(ג) כל מזונותיו של אדם. כל מה שעתיד להשתכר בשנה שיהא נזון משם קצוב לו כך וכך ישתכר בשנה זו ויש לו ליזהר מלעבות יציאה מרובה שלא יוסיפו לו שכר למזונות אלא מה שפסקו לו: חוץ מהוצאות שבתות. הוצאה לא פסקו לו מה ישתכר לצרכה ומהיכן תבואהו אלא לפי מה שרגיל ממציאים לו לשעה או לאחר שעה: פוחתין לו. כלומר ממציאין לו שכר מועט:

תוספת פירושים

(ג) כל מזונותיו של אדם קצובין. והוצאות בניו לתלמוד תורה. פר"י שכל נפקי מקראי דלעיל מזונותיו דשבת כדאמר לוו על ואני פורע. תורה דכתיב (תהלים יט) פקודי ה' ישרים משמחי לב (תוספת):

והוצאות

פירוש ע"ט

(ג) תָּנִי. רַב תַּחְלִיפָא דֶער בְּרוּדֶער פוּן רַבְנָאִי חוֹזָאָה הָאט גִילֶערִינְט. עֶס אִיז אוֹיס גִיזֶעצְט דִיא גַאנְצֶע שְׁפַּייז פוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ, וִויפִיל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ, זָאל פַאר דִיגֶען אַגַאנְץ יָאהְר, עֶר זָאל הָאבִּין פַאר וָואס צוּא עֶסִין, דְרוּם בְּדַארְף אַמֶענְטְשׁ נִישְׁט מַאכִין קֵיין גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת אוֹיף גִישְׁט נֵייטִיגֶע זַאכִין, וָוארוּם צוּם סוֹף יָאהְר וֶועט דָאךְ אִים פֶעלִין אוֹיף עֶסִין, וָוארוּם עֶר הָאט דָאךְ אוֹיס גִיגֶעבִּין דִיא גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס עֶר הָאט בְּדַארְפְט פַאר דִינֶען דָאס יָאהְר, אָבֶּער וָואס אַמֶענְטְשׁ גִיט אוֹיס הוֹצָאוֹת אוֹיף שַׁבָּת אוּנ הוֹצָאוֹת אוֹיף יוֹם טוֹב, אוּנ בֶּאצָאלִין מְלַמֵּד גֶעלְט פַאר דִיא קִינְדֶער וָואס לֶערְנִין אִין חֶדֶר דָאס אַלְץ הָאט מֶען גִישְׁט אוֹיס גִיזֶעצְט אוֹיף וִויפִיל זָאל עֶר זַיין אַבַּעַל הוֹצָאָה, אִיז אוֹיבּ עֶר גִיט אוֹיס וֵוינִיג, גִיט מֶען אִיהְם וֵוינִיג, אוּנ אוֹיבּ עֶר אִיז אוֹיף דֶעם אַגְרוֹיסֶער בַּעַל הוֹצָאָה, גִיט מֶען אִיהְם אַסַךְ גֶעלְט, מֶען גִיט וִויפִיל עֶר בְּדַארְף אוֹיס גֶעבִּין:

משלי שבת

נָאט אִין דִיא הֶענְד אַלֶע רֶגַע. עֶר מוּז דָאךְ אַלְץ אָן קוּמֶען אוּנ בֶּעטִין פוּן גָאט עֶר זָאל נִישְׁט צוּא נֶעמֶען בַּייא אִיהְם וָואס עֶר הָאט אִיהְם גִיגֶעבִּין. שֶׁענֶער אוּנ בֶּעסֶער אִיז דָאךְ פַאר דֶעם מֶענְטְשִׁין אַז עֶר גִיטְרוֹיט דֶעם גַאנְצִין חוֹב צוּא גָאט אִן אַמַשְׁכּוֹן. עֶר זָאל זִיךְ פַאר זִיכֶערִין אַז גָאט וֶועט אִיהְם אַוֶועק גֶעבִּין. אַזוֹי וִויא עֶר הָאט צוּא גִיזָאגְט לְווּ עָלַי וְהַאֲמִינוּ בִּי וַאֲנִי פוֹרֵעַ, בָּארְגְט גֶעלְט אוֹיף שַׁבָּת אוּנ גִילוֹיבְּט מִיר אַז אִיךְ וֶועל בֶּאצָאלִין. וִויפִיל אִיר וֶועט אוֹיס גֶעבִּין לִכְבוֹד שַׁבָּת:

(ג) תָּנִי רַב תַּחְלִיפָא וכו׳ כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים חוּץ מֵהוֹצָאוֹת שַׁבָּת וכו׳ וְהוֹצָאוֹת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ וכו׳, עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט מֶענְטְשִׁין אַז אוֹיבּ דִיא צַייט גֵייט זַייא נִישְׁט צוּם גֶעטְשִׁין. אוּנ זַייא הֵייבִּין אָן צוּא וֶוערִין אַבִּיסִיל גִידְרִיקְט, הֵייבִּין זַייא אָן צוּא טְרַאכְטִין אוּנ זוּכִין וִויא אָנְהֵייבִּין צוּא קַארְגִין פוּן זֵייעֶרֶע הוֹצָאוֹת, מֶען הֵייבְּט אָן צוּא רֶעכֶענֶען פוּן דַאנֶען קֶען מֶען נִישְׁט קַארְגִין, פוּן דַאנֶען פַאסְט נִישְׁט קַארְגִין, פַאלִין זַייא פְּלוּצְלִינְג אוֹיף אַנַייעֶ עֵצָה. זַייא קְלֶערִין אוֹיס אַפִּיגְעם פְּלַאן אַזוֹי וִויא דִיא צְוַוייא יוּנְגֶלֶעךְ גֵייעֶן אִין חֵדֶר לֶערְנִין, אוּנ דָאס קָאסְט שַׁיינֶע עֶטְלִיכֶע רוּבִּיל אַוָּואךְ. צוּא וֶועלִין זַייא דֶען וֶוערִין רַבָּנִים, זָאל מֶען זַייא בֶּעסֶער אָפּ נֶעמֶען פוּן חֵדֶר וֶועט מֶען מַאכִי פַארְשְׁפָּארִין דִיא עֶטְלִיכֶע רוּבִּיל אַוָואךְ. וֶועט דָאס גֶעווִיס בְּלַייבִּין אִין קֶעשִׁינֶע. אוּנ מֶען וֶועט זַייא אַוֶועק גֶעבִּין אִין אַגִישֶׁעפְט אַרַיין. וֶועלִין זַייא נָאךְ בְּרֶענְגֶען עֶטְלִיכֶע רוּבִּיל אַוָואךְ. אוּנ פוּן וָואךְ עֶפֶּעס קֶען מֶען קַארְגִין. אוֹיף שַׁבָּת פִּירְט מֶען זִיךְ צוּא רַייךְ. לָאמִיר אָן הֵייבֶּען אַיין קַארְגֶען אַבִּיסֶעל אִין דִיא הוֹצָאוֹת פוּן שַׁבָּת. וֶועט דֶער פוּן אוֹיךְ עֶפֶּעס בְּלַייבִּין אִין קֶעשִׁינֶע. גָאר

דָאס אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייט אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֶעהְלִין אַשֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, דָאס וַוייסְט אִיהְר דָאךְ מִסְתָּמָא, אַז אִין יֶעדֶער קְלֵיין שְׁטֶעטִיל אִיז דָא אַמֶענְטְשׁ וָואס עֶר הֵייסְט אַשְׁפִּילִיטֶער [אַקָאמֶעסְנִיר], וָואס אַלֶע וָואךְ פָארְט עֶר אִין אַגְרוֹיסֶער שְׁטָאט, אוּנ יֶעדֶער קְרֶעמֶער פוּן שְׁטֶעדְטִיל גִיט אִיהְם גֶעלְט מִיט אַרְשִׁימָה, וָואסֶער סְחוֹרָה עֶר זָאל פַאר אִיהְם קוֹיפֶען, אַז עֶס קוּמְט פַאר פֶּסַח, יֶעדֶער קְרֶעמֶער בְּדַארְף הָאבִּין אַסַךְ סְחוֹרָה, וָוארוּם עֶס גֵייט דָאךְ יוֹם טוֹב הָאבִּין אִיהְם דִיא קְרֶעמֶערְס גִיגֶעבֶּען יֶעדֶערֶער גְרוֹיסֶע רְשִׁימוֹת, כִּמְנְהַג מָאפִּיל וִויא אַגַאנְץ יָאהְר, רְאוּבֵן הָאט אִיהְם גִיגֶעבֶּען אַרְשִׁימָה עֶר זָאל אִיהְם קוֹיפֶען שְׁנַיִם סְחוֹרָה [מַאנִיפַאקְטוּר] פַאר פוּהְל הוּנְדֶערְטֶער רוּבִּיל, שִׁמְעוֹן הָאט בְּדַארְפְט קָאנְצֶען זַיין פַאדְרַאטְסְוָוא, צוּא שְׁטֶעלֶען דִיא אַייזֶען בִּיז פֶּסַח, אוּנ אָפּ נֶעמֶען זַיין זַאלָאג, הָאט עֶר אִיהְם גִיגֶעבֶּען אַסַךְ גֶעלְט אוֹיף אַייזֶען, לֵוִי הָאט אִיהְם גִיגֶעבֶּען אַגַאנְץ גְרוֹיסֶע רְשִׁימָה אוֹיף גַעלַאנְטֶערַיי סְחוֹרָה, דָאס בְּדַארְף יֶעדֶערֶער קוֹיפֶען אוֹיף יוֹם טוֹב, עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר פֶּסַח אִיז דֶער שְׁפִּילִיטֶער אַרוֹיס גֶעפָארֶען פוּן דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטָאט צוּרִיק אִין זַיין שְׁטֶעדְטִיל מִיט אַבַּעַל עֲגָלָה מִיט זַיין גַאנְצֶע סְחוֹרָה, דֶער שְׁפִּילִיטֶער אִיז גִיוֶוען פְרֵיילִיךְ וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אַיין גִיקוֹיפְט זַיין סְחוֹרָה. עֶר וֶועט בָּרוּךְ הַשֵּׁם הָאבִּין אוֹיף יוֹם טוֹב. עֶס וֶועט אִיהְם נָאךְ בְּלַייבִּין אִין קֶעשִׁינֶע אַ רוּבִּיל פוּן הוֹצָאוֹת יוֹם טוֹב. וִויא עֶר אִיז נָאר אַרוֹיס גֶעפָארֶען פוּן שְׁטָאט אִיז גֶעוָוארֶען אַגְרוֹיסֶער רֶעגִין אוּנ עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אַגְרוֹיסֶע בְּלָאטֶע אוֹיף דֶעם גַאנְצֶען וֶועג. אוּנ דִיא פֶערְד זֶענֶען אַרַיין אִין דֶער בְּלָאטֶע. אוּנ מֶען הָאט זַייא בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גִיקָאנְט אַרוֹיס שְׁלֶעפֶּען. מִיט דֶעם וָואגִין סְחוֹרָה. זָאגְט דֶער בַּעַל עֲגָלָה צוּם שְׁפִּילִיטֶער עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר אַרָאפּ נֶעמֶען אַבִּיסֶעל

סחורה

(ד) מעשה ברבי שמעון בן חלפתא שבא ערב שבת ולא היה לו מאן להתפרנס יצא לו חוץ מן העיר והתפלל לפני האלקים וניתן לו אבן טובה מן השמים. נתנה לשולחני ופרנס אותה שבת:

(ה) יוסף מוקיר שבי הוה ההוא עכו"ם בשבבותי' דהוה נפישי נכסי' טובא

מראה מקומות (ד) מד"ר שמות פנ"ב (ה) שבת קי"ט:

פירושים

(ד) מאן מאין: ופרנס אותה. כלומר קנה והכין כל צרכי שבת: (ה) מוקיר שבי. מכבד שבתות:

תוספת פירושים

(ה) הוה ההוא עכו"ם. נראה דנ"ל דהאי עכו"ם שהיה בשכונתו הי' רואה שזה יוסף מוציא הוצאות הרבה לשבת יותר מכדי יכולתו ע"ד

פירוש ע"ט

(ד) מעשה. עס האט זיך גיטראפען רבי שמעון בן חלפתא איז גיקומען פרייטאג און ער האט נישט גיהאט קיין געלט אויף שבת אהן צו גרייטען, איז ער ארויס גיגאנגען אונטער די שטאט און ער האט גיבעטין פון גאט, איז איהם גיגעבען געווארען פון הימיל אטייערין שטיין, האט ער דעם שטיין פאר קויפט אוועקסלער, און ער האט אהן גיגרייט שבת:

(ה) יוסף. די גמרא דער ציילט אמעשה, וויא גרוים איז דער זכות פון דעם מענטש וואס ער איז מכבד שבת און וויא אזוי דער אייבערשטער האט דעם מענטש גיהאלפין אז ער איז גיווארין אגרויסער גביר, עס איז אמאל גיוועןאמענטש וואס מען האט איהם גירופין יוסף, און דער מענטש האט זייער טייער גיהאלטין און מכבד גיוועןשבת, ער פלעגט קויפין אלע בעסטע מאכלים אויף שבת, דריבער האט מען איהם גירופין יוסף מוקיר שבת, דאס איז טייטש יוסף וואס האלט ערליך שבת, און לעבין איהם האט גיוואונט אעכו"ם וואס ער איז גיוועןזייער רייך, ער האט

סחורה און אריין לייגען דא אין אקרעצמע וועט איר אפ געמען דאס ביסיל סחורה נאך יום טוב. האט דער שפילמער אן גיהויבין צוא קלערען וועמעס סחורה זאל ער איבער לאזען, די שנים סחורה קען מען נישט לאזען, ווארום ראובן'ס פרנסה איז דאך גערבאך פון דעם ביסיל סחורה. און אויב איך וועל איהם דאס נישט ברענגען פאר יום טוב פון וואגען וועט ער נעמען אויף יום טוב צוא מאכען, איבער לאזען דאס אייזען קען מען אויך נישט. שמעון האט דאך גיגעבען זאלאג טויזענד רובל. און אויב איך וועל איהם נישט ברענגען דאס אייזען פאר פסח וועל איך דאך ממש קיילענען. איבער לאזען דא די געלאנטעריי סחורה איז אויך נישט קיין פלאן, לוי איז דאך אגזלן ארוצח אויב איך ברענג איהם נישט זיין סחורה. וועט ער דאך מיך אין גאם הארגענען, און באמת וועט ער דאך אויך גירעכט זיין. ער וועט דאך סוזין צוא מאכען זיין קראם. אויב ער וועט נישט האבין פרישע סחורה. אכלל ער האט אוים גירעכינט. אז אלעמענס סחורה מוז ער ברענגען פאר פסח. עס איז נישט דא קיין עצה. פאלט ער אויף אהכמעדיגע עצה. און זאגט צום בעל העגלה, הער נאר צוא גוטער ברודער, אי וועל דיר געבין אעצה אז די פערד זאלען גרינג אוועק גיין מיט דעם וואגין סחורה, דער וואגין האט דאך פיר רעדער. יעדער ראד וועגט געוויס פינף פוד. לאז מען אראפ נעמען אראד, עס איז נישט אקליינינקייט פינף פוד, און טאמער וועט דאס אויך נישט העלפען זאל מען אראפ נעמען נאך אראד, איז דאס צוא זאממען געוויכטע צעהן פוד, דאכט זיך אז מען נעמט אראפ צעהן פוד פון א וואגין וועט ער דאך געוויס שוין אליין פאהרין, וויא דער בעל העגלה האט דאס דער הערט, האט ער זיך אן גירופין צום שפילמער, משוגענער דוא ביסט דאך חסר דעה, דוא ווייסט וואס דוא רעדסט, אז מען וועט אראפ נעמען רעדער

וועט מען שוין דא אין בלאטעס בלייבין ליגין, אן רעדער קען מען נישט פאהרין, די גאנצע פירין דעם וואגין, פירין די רעדער, און אן רעדער וועט מען דעם וואגין נישט רירין, דעם משוגענער שפילמער האט איהם נישט גיהערט און האט גיטאן זיינס און האט אראפ גינומען צוויא רעדער, וויא ער האט זיא אראפ גינומען פון וואגין, איז דער וואגין און גאנצין אומגיפאלען. און מען האט איהם שוין נישט גיקאנט אריר מאן פון ארט. דאכט זיך אזוי גיי חכמים וואס זאלען היסין אראפ נעמען צוויא רעדער פון וואגען און דורך דעם וועט ווערין גרינגער די פערד איז גאר נישט דא אויף דער וועלט. דאס זעלביגע איז ביי דעם מענטש אז עס ווערט שווער און ענג די פרנסה גיט מען זיך אנארישע עצה. אראפ ווארפין די רעדער וואס זיא פירין דעם גאנצין וואגין פון דער הוצאה. אפ נעמען די קינדער פון חדר. און קאדנין אויף הוצאות שבת. וואס דער פון גייט די גאנצע השפעה אויף אלע הוצאות. אבער ווען מען נעמט דאס אראפ ווערט די משא נישט גרינגער. און און קעשינע וועט נישט בלייבין מיין. די היילינע חכמים האבין גיזאגט אז אללע הוצאות פון גאנצען יאהר איז אוים גיזעצט וויפיל ער זאל האבין. און וויפיל ער זאל פארדינען. און אויב ער קארגט בלייבט ביי איהם. אבער וויפיל ער גיט אוים אויף תלמוד תורה פאר זיינע קינדער. און אויף הוצאות פון היילינען שבת. וואס ער גיט אוים לכבוד שבת. פון דער פון וועט ער גאר נישט פארדינען. ווארום אויב ער גיט אוים ווייניג. גיט מען איהם אויך ווייניג. און אויב ער גיט אוים אסך. גיט מען איהם אויך אסך. און מען גיט איהם נאך אסך ריוח. אזוי וויא עס וועט ווייטער שפיין געשריבען:

ע"ט) יוסף מוקיר שבי וכו' אזל זבניהו לכולהו נכסי זבין בהו מרגניתא וכו' אטמעוהו לגבי יוסף מוקיר

שבי

אמרי לי' כלדאי כולהו נכסי יוסף מוקיר שבי אכיל להו אזל זבנינהו לכולהו נכסי, זבן בהו מרגניתא אותבי' בסייני בהדי דקא עבר מברא אפרחי' זיקא שדיי' במיא בלעי' כוורא אסקוה אייתוה אפניא דמעלי שבתא אמרי מאן זבין כי השתא. אמרו לי' זיל אמטיוהו לגבי יוסף מוקיר שבי דרגיל דזבין אמטיוהו ניהלי' זבני' קרעי' אשכח בי' מרגניתא זבני' בתליסר עיליתא דדינרי דדהבא פגע בי' ההוא סבא אמר מאן דיזיף שבתא פרעי' שבתא:

(ן) אמר ר' פנחס מעשה בחסיד אחד ברומי שהי' מכבד את ימים טובים ואת שבתות.

מראה מקומות (ו) פסיקתא דר"כ פכ"ז:

פירושים

אכיל להו. **אמרי ליה.** להאי עובד כוכבים: **כלדאי.** חוזים בכוכבים: סופך ליפול בידו: **אותבה בסייניה.** עשה לו כובע של לבד ושבלו במשבלות של זהב וקבע בו מרגליות וקבע את זו עמהם: סייניה. כובע ורבינו הלוי גרס בסדיניה בסודרו וראשון הגוו לי והוא לשון ר' יצחק ב"ר יהודה: תריסר עיליתי דדינרי. עליות מלאות דינרי זהב וגוזמא בעלמא הוא כלומר הון עתק מאוד כך פירש רבינו הלוי וכן בכל מקום כגון תליסר גמלי ספיקי טריפתא (חולין דף נ"ה:) וכן תליסר טבחי דלעיל: (ן) בחסיד אחד. הטור העתיק בחייט אחד:

תוספת פירושים

ע"ד דאמרינן לוו עלי ואני פורע והיה מלעיג עליו לכך נענש כזה האופן שכל ממונו בא ליד יוסף וטוב לצדיק טוב לשכינו שממונו בא לדבר מלוה [ע"ין]: **בתליסר עיליתא דדינרי** אומר רבינו תם דעיליתא שם כלי הוא כדאמרינן כרים כילד מעברין (דף פ"ג:) עלת נקפת בכדא [תום']:

פירוש ע"ט

גִיהַאט אַמָאל פֶעלְדֶער, אוּנ מַאיָאנְטֶקְעס, הָאבִּין דִיא שְׁטֶערִינְגֶעהֶר [דִיא מְכַשְּׁפִים] גִיזָאגְט צוּא דֶעם עכו"ם אַז מִיר זֶעהְן אַז דַיין גַאנְץ פַארְמֶעגִין וֶועט אוֹיף עֶסִין אוּנ צוּא גֶעמֶען דֶער יוּד דֶער יוֹסֵף מוֹקִיר שַׁבָּת, אוּנ דֶער עכו"ם הָאט דָאס גִיגְלֵייבְּט, אוּנ עֶר הָאט שְׁטַארְק מוֹרָא גִיקְרִיגִין, דָאס עֶר זָאל נִישְׁט בְּלַייבִּין אָרוּם, הָאט עֶר פַאר קוֹיפְט זַיין גַאנְץ פַאר מֶעגִין אַלֶע גִיטֶער אוּנ אַלֶע זַאכִין אוּנ עֶר הָאט פַאר דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט גִיקוֹיפְט אַ טַייֶערִין שְׁטֵיין אַ בְּרִילְיַאנְט, עֶר הָאט דֶעם שְׁטֵיין אַיין גִינֵייט אִין זַיין הִיטִיל, עֶר הָאט גִיוָואלְט פַאר רֵייזִין וַוייט, כְּדֵי אַנְטְלוֹיפִין פוּן דֶעם יוֹסֵף מוֹקִיר שַׁבָּת, עֶר זָאל נִישְׁט צוּ נֶעמֶען זַיין פַארְמֶעגִין, הָאט זִיךְ דֶער עכו"ם אַרוֹיף גִיזֶעצְט אוֹיף אַ שִׁיף, וִויא עֶר אִיז אַבִּיסִיל אָפּ גִיפָארִין אִיז גִיוָוארִין אַגְרוֹיסֶער שְׁטוּרִים ווִינְט, אוּנ דֶער ווִינְט הָאט אַרָאפּ גִיבְּלָאזִין זַיין הִיטִיל אִין טַייךְ אַרַיין, אִיז גִיקוּמֶען אַגְרוֹיסֶער פִישׁ אוּנ הָאט אַיין גִישְׁלוּנְגֶען דֶעם טַייֶערִין שְׁטֵיין, אִין צַייט אָרוּם הָאבִּין פִישֶׁערְס גִיפַאנְגֶען פְרֵייטָאג דֶעם גְרוֹיסֶען פִישׁ, הָאבִּין דִיא פִישֶׁערְס גִיזָאגְט יֶעצְט אַזוֹי שְׁפֶּעט פַארִין נַאכְט וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין אָהְן גִיגְרֵייט פִישׁ אוֹיף שַׁבָּת, וֶוער וֶועט בַּייא אוּנְז קוֹיפִין דֶעם גְרוֹיסִין פִישׁ, הָאט זִיךְ אַ פִישֶׁער אָהְן גִירוּפִין זָאל מֶען דֶעם פִישׁ אַוֶועק טְרָאגִין צוּא יוֹסֵף מוֹקִיר שַׁבָּת, עֶר וֶועט אַוַדַאי קוֹיפִין דֶעם פִישׁ, הָאבִּין דִיא פִישֶׁער'ס אַזוֹי גִיטָאהְן אוּנ הָאבִּין דֶעם פִישׁ אַוֶועק גִיטְרָאגִין צוּ יוֹסֵף מוֹקִיר שַׁבָּת, אוּנ יוֹסֵף מוֹקִיר שַׁבָּת הָאט דֶעם פִישׁ גִיקוֹיפְט לִכְבוֹד שַׁבָּת, וִויא יוֹסֵף מוֹקִיר שַׁבָּת הָאט אוֹיף גִישְׁנִיטֶען דֶעם בּוֹיךְ פוּן פִישׁ הָאט עֶר גִיפוּנֶען דָארְטֶען לִיגִין דֶעם בְּרִילְיַאנְט, הָאט עֶר גִיהַאט אַ פְרֵיילִיכֶען שַׁבָּת, עֶר הָאט נָאךְ שַׁבָּת פַאר קוֹיפְט דֶעם בְּרִילְיַאנְט אוּנ הָאט פַאר אִיהְם גִינוּמֶען דְרַייצִין בּוֹידֶעמְס פוּהְל מִיט גֶעלְט, הָאט בַּאגֶעגִינְט דֶעם יוֹסֵף מוֹקִיר שַׁבָּת אַ אַלְטֶער מַאן, הָאט דֶער אַלְטֶער מַאן גִיזָאגְט צוּא אִיהְם דֶער וָואס פַאר בָּארְגְט שַׁבָּת, עֶר גִיט אוֹיס אוֹיף שַׁבָּת גֶעלְט אוּנ עֶר הָאפְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִיהְם אַוֶועק גֶעבִּין בַּאצָאלְט שַׁבָּת גַאנְץ עֶרְלִיךְ מִיט רֶוַח:

(ו) **אָמַר.** רַבִּי פִּנְחָס הָאט דֶער צֵיילְט אַמַעֲשֶׂה. עֶס אִיז אַמָאהְל גִיוֶוען אַחָסִיד עֶר הָאט גִיוואוֹהְנְט אִין רוֹמִי, דֶער חָסִיד הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד גִיוִוען יָמִים טוֹבִים אוּנְד שַׁבָּתוֹת, עֶר

משלי שבת

שְׁבִי וכו' וּבְנְיה וכו' אַשְׁכַּח בֵּיה מַרְגְנִיתָא וכו'. דִיא מְפָרְשִׁים פְרֶעגְן צוּא וָואס הָאט דִיא גְמָרָא דֶערְצֶעהְלְט דִיא גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז דֶער עכו"ם הָאט פַארְקוֹיפְט זַיין גַאנְץ פַארְמֶעגִין. אוּנ עֶר הָאט פַאר דֶעם גֶעלְט גִיקוֹיפְט אַבְּרִילְיַאנְט. אוּנ עֶר אִיז גִיפָארֶען אוֹיף אַ שִׁיף. אוּנ זַיין הִיטִיל אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלֶען אִין יַם. אוּנ אַגְרוֹיסֶער פִישׁ הָאט דֶעם בְּרִילְיַאנְט אַיין גִישְׁלוּנְגֶען. אוּנ דֶעם פִישׁ הָאט יוֹסֵף מוֹקִיר שַׁבָּת גִיקוֹיפְט. אוּנ עֶר הָאט גֶעפִינֶען דֶעם בְּרִילְיַאנְט. דִיא

חדא ערובא. ואית דאמרין ערובא צומא רבה הוי סליק לשוקא מזבין כלום ולא אשכח אלא חד נון והוה טליא דאיפרכא קאים תמן והוה דין מעלי לי' ודין מעלי לי' זבני' ההוא יהודאי בעד ליטרתא דינרין. בענתי' דאריסטון אמר אפרכא לטלי' לית הכא נון אמר לי' לא סליק יומא הדין לשוקא אלא הדי נון וזבני' חד יהודאי בעד ליטרתא דינרין. אמר לי' ואנת חכים לי' אמר לי' אין. אמר לי' זיל צווח לי' דסימא אית לי' והוה למלכא. אזל צווח לי'. אמו' לי' מאי עובדך אמר לי' הייטא אנא. א"ל ואית חייטא דאכיל ליטרתא דינר דמריה א"ל

פירושים

חדא ערובא. ערב שבת או ערב יום טוב: צומא רבא. ערב יום כפור: סליק לשוקא. לקנות דבר מה לכבוד שבת: חד נון. דג אחד: טליא דאיפרכא. נער משרת של שר עומד שם שהי' רוצה לקנותו: דין מעלי ליה. כ"א הוסיף דמי מקחו על חבירו: זבניה וכו'. קנאו היהודי בעד ליטרא דינרין. ובמד"ר איתא י"ב דינרין ובטור או"ח הלכות יו"כ איתא י' דינרין: בענתי' דאריסטון. בהגיע עת הסעודה של השר: אפרכא לטלי'. השר לנערו: א"ל לא סליק. ר"ל לא הובא לשוק: ואת חכים לי'. מכיר אתה אותו: זיל צווח לי'. לך וקרא אותו: דסימא אית ליה. בודאי מצא אוצר טמון והוא שייך למלך: אזל צווח. הלך וקרא אותו: מה עובדך. מה מלאכתך: דמריה. של אדוניו

פירוש ע"ט

פלעגט קויפן גוטע מטעמים צוא עסין, אונ נאך אנדערע תענוגים, אמאהל ערב שבת (אנדערע חכמים זאגין ערב יוהכ"פ) איז גינאנגין דער חסיד עפעס קויפען, האט ער גאר נישט גיקריגין צוא קויפען, נאר א פיש איז גיוועז אין מארק, אונ ביי דעם פיש איז גישטאנען א קנעכט פון א שר ער האט איהם גידינגען ער האט איהם גיוואלט קויפין פאר זיין בעל הבית. דעם שר, איז דער חסיד צוא גינאנגען קויפען האט ער אהן גיהויבין שטייגען אויף דעם מקח וויפיל דער קנעכט האט גיוארט געבין, אונ דער קנעכט האט אויך גישטייגט, האט דער יוד אזוי פוהל אהן גישטייגט אז ער האט פאר דעם פיש באצאלט א פינט רענדלעך אונ ער האט איהם צוא גינומען, בשעת דער שר איז גינאנגין עסין האט זיך דער שר אהן גירופין צום קנעכט פאר וואס האסטו נישט גיקאכט היינט פיש, האט איהם דער קנעכט גיענטפערט מען האט היינט גאר קיין פיש נישט גיבראכט אין מארק אריין, נאר עס איז גיוועז איין פיש צוא פאר קויפין, האט איהם איוד גיקויפט ער האט גיגעבין פאר איהם א פינט רענדלעך, האט זיך דער שר אהן גירופין צום קנעכט דוא קאנסט דעם יוד וואס האט גיקויפט דעם פיש, האט איהם דער קנעכט גיענטפערט יא, איך קאן איהם ווער ער איז, האט דער שר בפעלט אויפין קנעכט ער זאל תיכף רופין צו איהם דעם יוד, ווארום וויא איך פארשטייא מכתמא האט ער גיפינען א אוצר פון מלך איז ער פלוצלונג גיווארין א גרויסער גביר דרום פאר גינט ער זיך קויפין א פיש פאר א פינט רענדלעך, ווארוב אויב ער וואלט נישט גיפינען א גרויסין אוצר וויא אזוי קאן זיך א יוד פאר גינען צוא קויפין א פיש פאר א פינט רענדלעך, דרום מוז מען איהם רופען אונ זעהן אז ער זאל דעם אוצר צוריק אוועק געבין דעם מלך, דער קנעכט האט אזוי גיטאן, ער איז גינאנגין צום יוד אונ האט איהם גירופען צום שר, דער יוד איז גיקומען צום שר, דער שר האט פארגלייגט דיא טענות ווער ביסטו? וואס איז דיין גישעפט? וויא אזוי האסטו דיר פאר גינט צוא קויפען א פיש פאר א פינט רענדלעך? האט איהם דער יוד גיענטפערט, איך בין א שניידער, האט איהם דער שר גיפרעגט איז דען דא א שניידער וואס ער זאל אויף עסין איין פיש פאר א פינט רענדלעך, נאר מכתמא האסטו גיפינען א גרויסין אוצר פון מלך, דרום גיב צוריק אוועק דעם אוצר צום מלך, האט

דער

משלי שבת

דיא גמרא האט דאך געקאנט דערצעהלין בקיצור. ווייל יוסף איז געוועזן א מוקיר שבת. איבער דעם זכות האט דער אייבעשטער איהם רייך געמאכט מיט א מייערין בריליאנט וואס ער איז געווארט גיוועזן א סך מיליאנען רובל. נאר באמת דיא חז"ל האבין אין דעם סיפור איין געפלאנצט אז מענטש זאל פארשטיין וויא גרויס עס איז אמונת השי"ת אז דעם אייבערשטנס דרכים איז אנדערש וויא מענטשליכע דרכים, ווארום דער שטייגער איז פון א מענטש אז ער

וויל פאר שטערין זיינע שונאים'ס גידאנקען וואס זייא טראכטין אויף איהם שלעכטס, אונ ער וויל זיך פון זייא פאר היטין, בדארף ער טראכטין עצות אונ טאהן פעולות מתנגדות, וואס זאלין קאליע מאכען דעם שונא'ס גידאנק, אבער ביי דעם רבונו של עולם, דער צעהלין אונז דיא חז"ל, איז נישט אזוי, אז ער וויל א מענטש ארום מאכען מוז ער נישט אז דער מענטש זאל נישט קענין פארדינען, אדער ער זאל קראנק ווערען אדער זיין אייגענס זאל פאר

פרענט

מרי הב לי רשות ואני משתעינא קמך. א"ל אישתעאי. א"ל אית לן יומא חד והוא חביב עלן סגיא מכל יומא שתא דכל חובין דאנן עבדין כל יומא שתי בההוא יומא משתרי ומשביק לן בגין כך אנן מוקרין לי' סגיין מכל יומא שתא א"ל הואיל והבאת ראי' לדבריך הרי אתה פטור. מה פרע לו הקדוש ב"ה וזימן לו בתוכו אבן טובה אחת של מרגליות והי' מתפרנס היטנה כל ימיו:

(ז) רבי אבא זבין בתליסר אסתירי פשיטי בישרא מתליסר טבחי ומשלים להו אצינורא דדשא ואמר להו אשור הייא אשור הייא. רבי אבוהו הוה יתיב אתכתקא דשינא ומושיף נורא.

מראה מקומות (ז) שבת קי"ט:

פירושים

אדוניו ר"ל שבודאי הוא מאנגר השייך למלך. ואפשר שתיבת דמרי' היא ט"ס: הב לי רשות. תן לי רשות: ואנא משתעינא קמך. אספר לפניך הענין: דכל חובין דאנן עבדין. כל העונות שאנו עושים בכל השנה: בההוא יומא משתרי. ביום הזה מוחלים וסולחים לנו: בגין כך וכו'. בשביל זה אנו מכבדין אותו ביותר: ראי' לדבריך. דברים של טעם:

(ז) איסתרי. סלעים. איסתרי פשיטי סלעים מדינה והן א' מח' בסלע צורי והיינו הני דינר: מתליסר טבחי. לטעום בשבת מן המובחר: ומשלים להו אצינורא דדשא. לפני בואם להביא לו הבשר הי' מזמן להן מעותיהן על פתחן ואומר להן אשור הייא התאשרו והתחזקו מהר באומנותיכם למהר ולחזור ולמכור ולהתעסק בצרכי שבת. וא"נ ומשלים להו אצינורא דדשא כשהיה מביא האבוס היה נותנה לשמשין המכינים סעודתו על פתח ביתו ולא היה נכנס אלא ממהר לחזור ולהביא אחרת ואמר לשמשין אשור הייא התאשרו מהר להכין את זו בעוד שאלך להביא את זו: אתכתקא דשינא. פלדו"ל של שן שחשוב הי' ועשיר: ומושיף נורא. נופח משם נורא לכבוד שבת. ורבינו לוי גרס אתכתקא

פירוש ע"ט

דער יוד גיזאגט צום שר, גיב מיר רשות וועל איך דיר דער ציילען דיא אורזאכע פאר וואס אז איך בין אשניידער א ארימאן האב אזוי טייער באצאלט פאר דעם פיש, איך האב א אוצר נישט גיפינען, נאר איך האב דעם פיש גיקויפט ווייל ביי אונז יודען איז דא א טאג אין יאהר וואס ער איז גיליבט מיין וויא אללע טעג פון יאהר, ווארום אלע עבירות וואס מיר טוהען אגאנץ יאהר, איז דער אייבערשטער אונז מוחל אין דעם טאג, דרום זענען מיר זייער מכבד דעם טאג איבער דעם האב איך דעם פיש גיקויפט אונ איך האב נישט גיקוקט וואס ער קאסט טייער, דאס אליין האט דער יוד גיטענעט צום שר פאר ענטפערין זיך פאר וואס ער האט אזוי טייער באצאלט פאר דעם פיש, כדי מען זאל אויף איהם נישט מאכען אבלבול אז ער האט געפונען א אוצר פון מלך. האט דער שר גיזאגט ווייל דוא האסט גיבראכט אראיה צוא דיינע רייד איבער דעם גלייב איך דיר אז דוא האסט נישט גיפונען א אוצר פון מלך. נאט האט דעם יוד באצאלט אז אין דעם פיש האט ער גיפונען אינעווייניג אטייערין בריליאנט אונ צייט דער יוד האט גילעבט האט ער זיך גישפייזט פון דעם געלט פון דעם בריליאנט:

(ז) רבי אבא. רבי אבא האט גיקויפט פלייש אויף שבת פאר דרייצעהן איכתרי (דאס איז גיוועין אזוי אמטבע), פון דרייצעהן קצבים. כדי ער זאל האבין אויף שבת דאס בעסטע פלייש, אונ איידער דיא קצבים זענען גיקומען מיט דעם פלייש, פלעגט ער שוין אהן גרייטין דאס געלט ביי דער טיר, אונ אז דיא קצבים זענען גיקומין, פלעגט ער זאגין צוא זייא גישווינט פאר קויפט דאס פלייש. איהר זאלט נישט אויף האלטען קיין מענטשען מען זאל נישט מחלל שבת זיין, רבי אבהו פלעגט פרייטאג זיצין אויף אשטול פון עלפאנדביין (ער איז גיוועין רייך פלעגט ער זיצין אויף אזא טייערין שטול) אונ פלעגט בלאזין לכבוד שבת דאס פייער פון דעם עסין וואס עס

משלי שבת

ברענט ווערען, גאר ער ניט אריין דעם מענטש אנארישען שכל, אונ דורך דעם ווערט ער ארום, מיר וועלין דאס נעבין צוא פארשטיין מיט אמעשה, עס איז אמאל גיוועין אגרויסער גביר, ער איז גיוועין זייער רייך, ער האט גיוואהנט אין אדארף, האבען גנבים זיך אפ גירעדט, אז ווען דער גביר וועט אוועק פארין אין שטאט, וועלען מיר ביי נאכט באנגנבענען איהם, אמאל איז דער גביר אוועק גיפארען אין א שטאט אריין האבין זייא זיך אויף גיקליבען אונ זענען אריין צום גביר אין שטוב, אונ האבען אויף גיריסין דיא טירין פון קאנטאר וואו דאס געלט ליגט דארט. אונ דארט האבען זייא קיין געלט נישט גיפונען. האבען זייא דער זעהן אז פון קאנטאר איז דא נאך אשטיביל אונ דארטין שטייט

עס

אאייזערנע

רב ענן לביש גונדא דתנא דבי רבי ישמעאל בגדים שבישל בהן קדרה לרבו אל ימזוג בהן כוס לרבו. רב ספרא מחריך רישא. רבא מלח שיבוטא. רב הונא מדליק שרגי. רב פפא גדיל פתילתא. רב חסדא פרים סילקא. רבה ורב יוסף מצלחי ציבי. רבי זירא מצתת צתותי. רב נחמן בר יצחק מכתף ועייל מכתף ונפיק. אמר אילו מקלען לי ר' אמי ור' אסי מי לא מספתינא קמייהו. ואיכא דאמרי ר' אמי ור' אסי מכתפי ועיילי מכתפי ונפקי אמרי אילו אקלע לן ר' יוחנן מי לא מכהפינן קמי':

(ח) מעשה באשה אחת שהיתה טוה בערב שבת ולא היתה עוסקת בצרכי שבת כראוי ומתה ראה אחד בחלום שהיו שורפין עיניה וידיה בנעורת של פשתן שאל למה דינה בכך.

מראה מקומות (ח) ספר חסידים סי' קכ"ב:

פירושים

אתכתקא דשאגא תדהר: לבוש גונדא. כלי שהור להודיע שהיוס אינו כדי להתנהג בחשיבות מלהתעסק בתבשילי שבת ולא יטנף בגדיו בבישול קדירות: דתנא דבי רבי ישמעאל כו'. דבישול קדרה מטנף בגדים: מחריך רישא. אם היה שם ראש בהמה לחרוך מחרכו הוא בעלמו: פרים. לשון פרומים מחתך: מצתת צתותי. מנית האור בעלים דקים: מכתף ועייל מכתף ונפיק. בע"ש יולא ונכנס להביא תמיד משואות כלי תשמיש ובגדי מופס ומגדים כאדם שמקבל את רבו בביתו ומראה לו שהוא הבוב עליו והרד לכבודו לטרוח ולהרבות בשבילו:

פירוש ע"ט

עס האט זיך גיקאכט אויף שבת, רב ענן האט ערב שבת אהן גיטאהן א אלטין מלבוש, א פראסטין צוא ווייזין אז היינט בדארף ער זיין באשעפטיגט מיט קאכין דיא מאכלים לכבוד שבת, אונ כדי ער זאל זיינע קליידער נישט איין רעכטן מיט דעם קאכין, ווארום דיא ישיבה לייט פון רבי ישמעאל האבין גילערינט דיא קליידער וואס מען קאכט מיט זייא אטאפ פאר דעם בעל הבית זאל מען מיט דיא קליידער נישט דער לאנגען אכוס צום בעל הבית, ווייל בייא דעם קאכין ווערין בעשמוצט דיא קליידער, דריבער האט רבי ינאי אהן גיטאהן פרייטאג פראסטע קליידער צוא קאכין מיט זייא, רב ספרא אז ער האט גיהאט אויף שבת אקאפ פון אבהמה האט ער אליין אפ גיזענגט דיא האר פון קאפ, רבא האט אליין גיזאלצין דיא פיש לכבוד שבת, רב הונא האט אליין אהן גיצונדין דיא ליכט אויף שבת, רב פפא האט אליין גיפלאכטען קנייטליך צוא דיא לאמפען וואס מען צינד אהן אויף שבת, רב חסדא האט אליין גיבראכט דאס קרויט וואס מען האט בדארפט קאכין אויף שבת, רבה אונ רב יוסף האבין אליין גיהאקט האלץ צוא מאכין פייער אויף דעם גיקעכץ אויף שבת, רבי זירא פלעגט אליין אהן צינדין פרייטאג פייער אויף צוא קאכען אויף שבת, רב נחמן בר יצחק האט פרייטאג אליין אריין גיטראגען אין שטוב אריין אללע זאכען וואס מען בדארף אויף שבת, אונ אללע זאכין וואס מען בדארף נישט אויף שבת פלעגט ער ארויס טראגין פון שטוב, ווארום רב נחמן בר יצחק האט גיזאגט אז רבי אמי אונ רבי אסי וואלטען גיקומען צו מיר וואלט איך דען דיא שטוב נישט גיראמט פון זייערט וועגין, אבל עכו לכבוד שבת בדארף איך אודאי דיא שטוב אויס ראמען, אנדערע חכמים זאגין רבי אמי אונ רבי אסי האבין פרייטאג אליין גיטראגין אין שטוב אריין אללע זאכין וואס מען בדארף אויף שבת, אונ אללע זאכין וואס מען בדארף נישט אויף שבת פלעגין זייא אליין ארויס טראגין פון שטוב, ווארום רבי אמי אונ רבי אסי האבין גיזאגט אז רבי יוחנן וואלט גיקומען צו אונז וואלטין מיר דיא שטוב דען נישט אויס גיראמט פון זיינעט וועגין אכל שכן לכבוד שבת בדארף מען אודאי דיא שטוב אויס ראמען:

(ח) מעשה. עס האט זיך גיטראפען א אשה פלעגט אללע פרייטאג שפינען פלעגט זיא נישט קענען באשעפטיגין זיך אהן צוא גרייטען זינוואריג אויף שבת וויא מען דארף, אונ דיא אשה איז געשטארבען, האט זיא איינער גיזעהן אין חלום וויא מען האט גיברענט איהרע אויגין אונ דיא הענד מיט דיא שטעקאלאך פון פלאקס, האט דער מענטש גיפרעגט פאר וואס משפט

משלי שבת

א איזערנע קאסטע האבן זייא פארשטאנען אז מסתמא ליגט דארטן דאס געלט. ווען זייא צוא געגאנגען צוא דער קאסטע

השיבו לו מפני שהיתה עוסקת בערב שבת בפשתן ולא היתה עוסקת בצרכי שבת:

(ט) אמר לי' רבא לרפרם בר פפא לימא לן מר מהני מילי מעלייתא דהוה עביד רב הונא. אמר לי' בינקותי' לא דכירנא בסיבותיה דכירנא וכו' כל פניא דמעלי שבתא הוו משדר שלוחא לשוקא וכל ירקא דהוו פייש להו לגינאי זבין ושדא לנהרא. וליתבי' לעניים זמנין דסמכי דעתייהו ולא אתו למיזבן. ולשדיי' לבהמה קסבר מאכל אדם אין מאכילין לבהמה. ולא ליזבני' כלל נמצאת מכשילן לעתיד לבוא:

(י) רבי עקיבא אומר עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות:

מראה מקומות (ט) תענית כ: (י) שבת קי"ח:

פירושים

(ט) זבין ושדא ליה לנהרא. להכי זבין להו דאי הוה מתתייר מידי לגנגין אזלי לאיבוד דמכמשה בשבת וגרילא מכשילן לעתיד לבוא דלא מייתי ירקא לסעודת שבת: דסמכי דעתייהו. שנסמכין עניים לאותו ירק ואומרים אין אנו צריכים לקנות ושמא לא ישתייר שם כלום ואין להם מה לאכול בשבת: אין מאכילין אותן לבהמה. משום ביזוי אוכלין ומיחזי כבועט בטובות שהשפיע הקב"ה בעולם. א"נ משום דחסה תורה על ממונן של ישראל וזורק לנהר והולכין למקום אחר ומוצאין אותם בני אדם ואוכלין אותן כך שמעתי:

פירוש ע"ט

מען די אשה מיט אזוי אשטראף? האט מען איהם געענטפערט ווייל אללע פרייטאג האט זיא זיך באשעפטיגט מיט שפינען פלאקס און זיא האט זיך נישט באשעפטיגט אהן צו גרייטען אויף שבת, דרום שטראפט מען זיא מיט פלאקס:

(ט) אמר ליה. רבא האט געזאגט צו רפרם בר פפא זאל מיר דער רבי זאגין פון די גוטע זאכען וואס רב הונא פלעגט טאהן, האט איהם רפרם בר פפא געענטפערט, וואס רב הונא האט געטאהן אין דער יוגענט געדענק איך נישט, נאר וואס ער האט געטאהן אויף דער עלטער געדענק איך, אללע פרייטאג פארין נאכט פלעגט רב הונא שיקען זיין שליח אין גאס אריין, און אללע גרינוואארג וואס פלעגט בלייבען ביי די גערטנער וואס זייא האבען נאך נישט פאר קויפט פלעגען זייא וועלין שטיין אין גאס ביז נאכט טאמער וועלין זייא עס פארקויפען) פלעגט דאס דער שליח אלץ אפ קויפען און פלעגט דאס אריין ווארפין אין טייך, האט איהם רבא געפרעגט פאר וואס האט ער בעסער נישט גיגעבין די גרינוואארג צו ארימע לייט, האט איהם רפרם בר פפא געענטפערט ער האט מורא גיהאט טאמער וועלין זיך די ארימע לייט פארלאזען אויף דעם גרינוואארג (אז זייא וועלין נעמען אומזיסט גרינוואארג ביי רב הונא), וועלין זייא דער ווייל גאר נישט קויפען, און טאמער וועט ביי די גערטנער גאר נישט בלייבען קיין גרינוואארג וועלען די ארימע לייט נישט האבין אום שבת וואס צו עסין, האט ער איהם נאך גיפרעגט פאר וואס האט דער שליח נישט געווארפען דאס גרינוואארג פאר בהמות, (כדי מען זאל עס נישט אריין ווארפען אין טייך אריין טאמער וועט דער פון קיינער נישט הנאה האבען) האט ער איהם געענטפערט רב הונא האלט עסינוואארג פון מענטשין טאר מען נישט געבין עסין א בהמה, אבער אז מען וועט דאס אריין ווארפין אין טייך וועט דאס ערגעץ אוועק שווימען, וועלין דאס מענטשין געפינען און וועלין דאס אויף עסין, האט ער איהם נאך גיפרעגט צו וואס דאט דאס רב הונא בדארפט צו קויפען? זאלען זייא דאס צוריק פירין, האט איהם רפרם בר פפא געענטפערט רב הונא האט מורא גיהאט טאמער דעם צווייטען שבת וועלין זייא גאר נישט וועלען קויפען גרינוואארג צו פאר קויפען, אדער זייא וועלען מיט ברענגען גאר ווייניג וועט נישט זיין שבת וואס צו עסין, מחמת איין שבת איז ביי זייא איבער גיבליבען, דרום האט רב הונא אלץ אויס גיקויפט:

(י) רבי עקיבא. רבי עקיבא האט גיזאגט זאלסט מאכען דעם שבת וואכעדיג וואס ארימאן זאל זיך נישט פירין ברייט נאר ער זאל עסין אזוי וויא אין דער וואכען כדי ער זאל נישט בדארפען אן קומען צו נעמען צדקה פון פרעמדע מענטשין:

משלי שבת

קאסטע און האבען געוואלט אויף ברעכען די קאסטע און ארויס נעמען דאס געלט. נאר זייא האבען נישט געקאנט

(יא) תנא דבי אליהו אף על פי שאמר רבי עקיבא אומר עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות אבל עושה הוא דבר מועט בתוך ביתו מאי נינהו [אמר רב פפא כסא דהרסנא כדתנן [אבות] רבי יהודה בן תימא אומר הוי עז כנמר וקל כנשר ורץ כצבי וגבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים:

פרק ג דינים ומנהגים השייכים לערב שבת

(א) אמר אייבו משום רבי אלעזר בר צדוק אל יהלך אדם בערבי שבתות יותר מג׳ פרסאות. אמר רב כהנא לא אמרן אלא לביתיה אבל לאושפיזיה אמאי דנקיט סמיך. ואיכא דאמרי

מראה מקומות (יא) פסחים ק״ב (א) סוכה מ״ד:

פירושים

(יא) הוי עז. התחזק במצוה יותר מסהיכולת בידך:

(א) אל יהלך וכו׳. אלא ישבית לו מבעוד יום גדול ויכין לו סעודת שבת: אלא לביתיה. שהולך לביתו והן אינם יודעים שיבא היום ואין מכינים לצורכו והוא כועס עליהם: אבל לאושפיזיה אמאי דנקיט סמיך. אינו סומך על בני הבית ונושא עמו סעודתו ועל מה שבידו נסמך: אפילו לביתו. דמה שמוצא אם מעט אם רב בלו

תוספת פירושים

יא) עושה הוא דבר מועט וכו׳. מכאן מוכח כדברי הטור (או״ח סי׳ רמ״ב) דהך דפ׳ כל כתבי דאפילו דבר מועט ועי״ה לכבוד שבת הוה עונג איירי דוקא במי שהשעה דחוקה לו דאהא מייתי לי׳ הכא וק״ל (מהרש״א כת״א):

פירוש ע״ט

א) תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ. בַּייא אֵלִיָּהוּ הָאט מֶען גֵילֶערְנְט חָאטְשׁוּ רַבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶיזָאגְט אַז אַ אָרִימַאן זָאל עֶסְן שַׁבָּת אַזוֹי וִויא אִין דֶער וָואכֶען אוּנ עֶר זָאל נִישְׁט נֶעמֶען פוּן צְדָקָה, אָבֶּער אַקְלֵיינֶע זַאךְ בְּדַארְף עֶר אוֹיף שַׁבָּת אָהְן גְרֵייטְן מֶער וִויא אִין דֶער וָואכִין, פְּרֶעגְט דִיא גְמָרָא וָואס זָאל דָאס זַיין? הָאט רַב פָּפָּא גֶיזָאגְט עֶר זָאל אָן גְרֵייטֶען קְלֵיינֶע פִּישְׁלַאךְ, אַזוֹי וִויא מִיר הָאבִּין אִין אַמִשְׁנֶה גֵילֶערְנְט יְהוּדָה בֶּן תֵּימָא זָאגְט זָאלְסְט זַיין אַ עַזּוּת פָּנִים וִויא אַ לֶעמְפֶּערְט, אוּנ גְרִינְג וִויא אַ אָדְלֶער, אוּנ זָאלְסְט לוֹיפֶען וִויא אַהֶערְשׁ, אוּנ זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק וִויא אַלֵייבּ צוּא טָאהְן דֶעם ווילֶען פוּן דַיין פָאטֶער וָואס אִיז אִין הִימִיל, זֶעהְן מִיר אַז אַמֶענְטְשׁ בְּדַארְף זִיךְ שְׁטַארְקִין מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּא טָאהְן אַמִצְוָה, דְרוּם בְּדַארְף עֶר זֶעהְן וִויא וַוייט מֶעגְלִיךְ אִיז עֶפֶּעס אָהְן גְרֵייטֶען אוֹיף שַׁבָּת מֶער וִויא אִין דֶער וָואכֶען:

דֶער דְרִיטֶער פֶּרֶק שְׁמוּעֶסְט פוּן דִינִים אוּנ מִנְהָגִים פוּן פְרַייטָאג:

(א) אָמַר אַייבוּ. אַייבוּ הָאט גֶיזָאגְט פוּן רַבִּי אֶלְעָזָר בַּר צָדוֹק׳ס וֶועגִין, פְרַייטָאג זָאל אַמֶענְטְשׁ נִישְׁט גֵיין אִין וֶועג מֶער וִויא דְרַייא מַייל, נָאר עֶר זָאל בְּלַייבִּין אִין אַשְׁטוּבּ תַּאלְמִין שַׁבָּת, חָאטְשׁ עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט שְׁפֶּעט, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען אָהְן גְרֵייטֶען פוּן זַיינֶעט וֶועגִין עֶסִין אוֹיף שַׁבָּת, הָאט רַבִּי כַּהֲנָא גֶיזָאגְט דֶער דִין אִיז נָאר, אַז עֶר גֵייט פְרַייטָאג צוּ זִיךְ אַהֵיים, אוּנ זַיינֶע שְׁטוּבּ מֶענְטְשִׁין וַוייסִין נִישְׁט אַז עֶר וֶועט אוֹיף שַׁבָּת קוּמֶען אַהֵיים, דֶעמָאלְט זָאל עֶר זֶעהְן אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען קוּמֶען אַהֵיים וֶוען עֶס וֶועט נָאךְ זַיין צַייט אָהְן צוּא גְרֵייטֶען פוּן זַיינֶעט וֶועגִין עֶסִין אוֹיף שַׁבָּת, זָאל עֶר קוּמֶען אַהֵיים, אָבֶּער אַז עֶר וֶועט קוּמֶען אַהֵיים שְׁפֶּעט, מֶען וֶועט שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען אָן גְרֵייטִין פוּן זַיינֶעט וֶועגִין עֶסִין אוֹיף שַׁבָּת זָאל עֶר הַאלְטֶען שַׁבָּת אִין וֶועג, וָוארוּם אוֹיבּ עֶר וֶועט קוּמֶען אַהֵיים, וֶועט זַיין קְרִיג אִין דֶער הֵיים, וַוייל עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבִּין וָואס צוּא עֶסִין, אָבֶּער אִין אַגַאסְט הוֹיז מֶעג עֶר קוּמֶען אַפִילוּ עֶפֶּעט פַארִין נַאכְט, וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אָהְן גְרֵייטִין פוּן זַיינֶעט וֶועגִין עֶסִין אוֹיף שַׁבָּת, וָוארוּם עֶר טְרַאכְט עֶס וֶועט זַיין אִין גַאסְט הוֹיז וְואס צוּא עֶסִין שַׁבָּת, אוּנ אוֹיבּ עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין וֶועט עֶר עֶסִין וָואס עֶר הָאט מִיט זִיךְ, אַנְדֶערֶע זָאגִין אַזוֹי הָאט

רב

משלי שבת

בְּשׁוּם אוֹפֶן אוֹיף בְּרֶעכֶען דִיא קַאסְטֶע. הָאבֶּען זַייא זִיךְ מְיַישֵׁב אִין דֶער הֵיים וֶועלֶען זַייא צוּא הַאקֶען דִיא גַאנְצֶע קַאסְטֶע. אוּנ זַייא וֶועלֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דָאס גֶעלְט. זַייא הָאבִּין אָבֶּער גִיוָוען צוּא נֶעמֶען דִיא גַאנְצֶע קַאסְטֶע צוּ זַייא אַהֵיים. אוּנ

נישט

אמר רב כהנא לא נצרכה אלא אפילו לביתי'. אמר רב כהנא בדידי הוה עובדא ואפילו כסא דהרסנא לא אשכחי:

(ב) בני ביישן נהוג דלא הוי אזלין מצור לצידון במעלי שבתא אתו בנייהו קמיה דרבי יוחנן אמרו ליה אבהתין אפשר להו אנן לא אפשר לן אמר להו כבר קבלו אבותיכם עליהון שנאמר (משלי י"א) שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך:

(ג) תניא אמר רבי צדוק כך הי' מנהגו של בית רבן גמליאל שהיו נותנין כלי לבן לכובס שלשה ימים קודם לשבת וצבועים אפילו בערב שבת ומדבריהם למדנו שהלבנים קשים לכבסן יותר מן הצבועין:

מראה מקומות (ב) פסחים נ: (ג) שבת יט:

פירושים

שלו היה חעפ"כ לח יהלך וכ"ש לחוספיזיה שלח ימלח כלוס: כסא דהרסנא. סעודה מועטת דגים קטנים מטוגנין בקמח בשומן שלהן: (ב) מצור לצידון. יום השוק של צידון בערב שבת והם מחמירים על עצמן שלא להבטל מצרכי שבת: הוה אפשר להו. להימנע מן השוק שעשירים היו: (ג) ומדבריהם למדנו וכו'. וכ"מ לשכר הכובס

פירוש ע"ט

רב כהנא גיזאגט אמענטש טאר נישט קומען פרייטאג פארין נאכט שפעט אין נאסט הויז, מיאהער האט ער נישט מיט זיך וואס צוא עסין, און אין נאסט הויז איז אויך נישט דא פון זיינעט וועגין וואס צוא עסין, און אפילו צוא זיך אהיים (וואס דאס גאנצע שפייז איז זיין) זאל ער אויך נישט קומען שפעט פרייטאג פארין נאכט, רב כהנא האט גיזאגט מיר אליין האט גיטראפין איך בין אמאל גיקומען פרייטאג פארין נאכט פון וועג צוא מיר אהיים האב איך נישט גיפונען פון מיינעט וועגין אפילו קליינע פישלאך ווארום דיא שטוב מענטשין האבין נישט אהן גיגרייט אויף שבת נאר פון זייערט וועגין:

(ב) בני ביישן. דיא מענטשין פון דער שטאט ביישן פלעגין נישט גיין פרייטאג פון צור קיין צידון צום מארק (אין צידון פלעגט זיין א יריד אללע פרייטאג און דיא מענטשין פון ביישן פלעגין נישט וועלין גיין צום יריד נאר זייא פלעגין זיין אין דער היים אהן צוא גרייטין אויף שבת) זייערע קינדער זענען גיקומען צוא רבי יוחנן און האבען צוא איהם גיזאגט, אונזערע עלטערין האבין אהן דעם יריד אויך גיהאט פרנסה, (ווארום זייא זענען גיוועז רייכע מענטשין) אבער מיר האבען נישט קיין פרנסה אהן דעם יריד, צוא מעגין מיר גיין פרייטאג אויף דעם יריד? האט רבי יוחנן צוא זייא גיזאגט, ווייל אייערע עלטערין האבין דאך אויף זיך גינומען מיט אנדר אז זייא זאלין פרייטאג נישט גיין אויף דעם יריד טארט איהר אויך נישט גיין פרייטאג אויף דעם יריד אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הער צוא מיין זוהן דיא שטראף פון דיין פאטער און זאלסט נישט פארלאזין דיא תורה פון דיין מוטטער:

(ג) תניא. מיר האבין גילערינט רבי צדוק זאגט דיא מענטשין וואס זענען גיוועזן ביא רבן גמליאל אין שטוב האבין זיך גיפירט אז דריי טעג פאר שבת האבען זייא גיגעבין ווייסע מלבושים צוא אוועשער א עכו"ם, ער זאל דאס אויס וואשין, אבער שפעטער נישט, ווייל דאס קען נישט אויס גיוואשין ווערין פאר שבת, וועט ער מוזין וואשין אום שבת, און גיפארבטע קליידער האבין זייא גיגעבין צוא אוועשער א עכו"ם אפילו פרייטאג, ווייל דאס קען אויס גיוואשין ווערין פאר שבת, זאגט דיא גמרא פון זייערע רייד איז גידרינגען אז ווייסע קליידער איז שווערער צוא וואשין וויא געפארבטע קליידער:

משלי שבת

נישט גיקאנט אוועק טראגען צוא זייא אהיים דיא שווערע קאסטע ווייל דער אייבעשטער האט דאך געוואלט אז דאס געלט זאל נישט בלייבין ביא זייא נאר ביא דעם גביר האט זיך איינער אן גערופען, דא אין הויף איז דאך דא אשפאל מיט פערד דעם גביר'ס. לאמיר נעמען אפאר פערד מיט אוואגין און ארויף לייגען דיא קאסטע און מיר וועלין אוועק פארין צוא אונז אהיים. דיא עצה איז זייא גיפעלין און זייא האבען אזוי גיטאן. זייא האבען ארויף גילייגט דיא קאסטע אויף אוואגין. און זייא האבען צוא גידעקט דיא קאסטע. קיינער זאל זיא נישט דער זעהן. און זענען

גישווינד

(ד) עשרה תקנות תיקן עזרא וכו' שיהו מכבסין בחמשי בשבת משום כבוד שבת:
(ה) כתוב אפינקסי' דרבי יהושע בן לוי וכו' האי מאן דבמעלי שבתא יהי גבר חזרן אמר רב נחמן בר יצחק חזרן במצות:
(ו) רב חנינא ורב אושעיא הוו יתבי כל מעלי שבתא ועסקי בספר יצירה ומיברו להו עיגלא תילתא ואכלי לי':
(ז) רבי שמעון בן יוחאי וברי' כי נפקו ממערתא בהדי פניא דמעלי שבתא חזו ההוא סבא דהוה נקיט תרי מדאני אסא ורהיט בין השמשות אמרו לי' הני למה לך אמר להו לכבוד

מראה מקומות (ד) בב"ק פ"ב: (ה) שבת קנ"ו: (ו) סנהדרין ס"ח: (ז) שבת ל"ג:

פירושים

הכונס: (ד) כבוד שבת. כלומר שלא יכבסו בערב שבת שיהו פנוים לכבוד שבת (מג"א) פ"א כדי שיהיו לנכנס לשבת (א"ר ומ"מ וש"א): (ה) האי מאן דבמעלי שבתא. הנולד בערב שבת: חזרן. מחזר אחר מצות: חזרן במצות. שכן דרך ע"ה להזר אחר מצות שבת: (ו) עיגלא תילתא. גדול כאלו הגיע לשליש שניו ונמרה גדולתו דהכי שכיחי ומעלי למיכל כמו (בב"מ דף ס"ח) ומגדלין אותן עד שיהא משולשין. ל"א שהי' טוב ובעל טעם כאילו הוא שליש לבטן: (ז) תרי מדאני. חבילות של הדס להריח בשבת: מדאני. כמו מעדנות כימה: דכל

פירוש ע"ט

(ד) עשרה. צעהן תקנות האט עזרא מתקן געוועז, איינע פון דיא צעהן איז, אז מען זאל וואשין דיא קליידער אום דאנערשטאג וכדי מען זאל נישט וואשין אום פרייטאג ווען מען קיין צייט נישט האבען אהן צוא גרייטין אויף שבת:

(ה) כתוב. עס איז געשריבען אויף דעם בוך פון רבי יהושע בן לוי דער מענטש וואס ווערט געבוירין פרייטאג, וועט ער זוכין, האט רב נחמן בר יצחק געזאגט ער וועט זוכין צוא טאהן מצות, אזויא וויא דער, שטייגער איז אז פרייטאג זוכט מען טאהן מצות אהן צו גרייטין אויף שבת:

(ו) רב חנינא. רב חנינא אונ רב אושעיא פלעגין זיצין אללע פרייטאג אונ פלעגין לערנען דעם ספר יצירה, פלעגין זייא באשאפען אגרויסען קאלב, אונ זייא פלעגין אויף עסין דאס קאלב אום שבת:

(ז) רבי שמעון. אז רבי שמעון בן יוחאי אונ זיין זוהן (רבי אלעזר) זענען ארויס גיגאנגען פון הייל (וואס זייא האבין זיך דארט בהאלטין) פרייטאג פארין נאכט, האבען זייא גיזעהן אז א אלטער מאן האלט אין דער האנד צווייא הדסים אונ ער לויפט מיט זייא, האבען זייא גיזאגט צוא דעם אלטין צוא וואס בדארפסט דוא דיא הדסים, האט דער אלטער מאן זייא געענטפערט דיא הדסים טראג איך אויף שבת, האבען זייא צוא איהם גיזאגט איז דאך גינוג איין הדס, האט דער

משלי שבת

גישווינד געפארען אהיים. וויא זייא זענען געפארען האט זייא אויף דעם וועג באגעגינט איינער אקליגער וואס ער איז אמאל געוועזן אמשרת ביים דעם גביר. אונ ער האט תיכף דער קענט דעם וואגין מיט דיא פערד אז עס איז דעם גביר'ס. האט ער פארשטאנען אז דאס האבין זייא מסתמא אלץ גיגנבעט. דער משרת האט זייער גיוואלט דאס אום קערין צום גביר. האט דער איבערשטער איהם אריין גיגעבין אעצה. אונ ער איז צוא גיגאנגען צוא זייא מיט חכמה. אונ ער האט זייא גיזאגט. איך זעה אז איהר זענט רייכע מענטשין פאסט נישט פאר אייך אז איהר זאלט אליין טרייבין דיא פערד. אזוי פוויא אפורמאן. דרום אזוי וויא איך בין אפורמאן'ס אזוהן אונ איך בדארף געבין אייער שטאט נעמט מיך ארויף אויף דעם וואגין וועל איך אן טרייבען דיא פערד. איז דיא זאך דיא גנבים גיפעלין. האבען זייא מיט איהם אויס גירעט אתנאי אז ער זאל גישווינד פארען. דער משרת האט זיך אויף גיזעצט אונ איז געשווינד גיפארען.

זייא זענען אויף דעם וועג געקומען אויף אנאכט לעגער אונ האבען גינעכטיגט. האט דער משרת אויס גידרייט דעם וואגין צו דעם טויער וויא זייא זענען אן גיקומען פון דארט, אונ אין דער פריא האט ער איין גישפאנט דיא פערד אונ איז אוועק גיפארין געשווינד אין דעם זעלבין וועג וואס ער איז פון דארט אן גיקומען, אז זייא זענען שוין גאנץ ווייט אוועק גיפארין האבין זייא זיך גיפרייד, דיא גנבים אונ ער, דיא גנבים האבין זיך גיפרייט זייא האבין גימיינט עס איז שוין נאהענט צו זייער שטאט, אונ עס איז שוין ווייט פון זייערע נאך יאגערס וואס זוכין דיא גניבה ווייל זייא זענען גיך גיפארין האבין זייא נישט גיקאנט וויסין וואו אהין מען פארט, אבער דער משרת האט זיך גיפרייט ווייל ער וועט שוין באלד קומען צו דעם גביר אין דארף אריין, אונ וועט דיא גנבים מיט דער גניבה איבער געבין צו דעם גביר אין דיא הענד אריין, איז ער צו גיפארין צו דעם גביר'ס שטוב, אונ דער גביר איז פונקט דעמאלט

וועט

שבת. ותיסני לך כחד. חד כנגד זכור וחד כנגד שמור. אמר לי' לברי' חזי כמה חביבין מצות על ישראל יתיב דעתייהו:

(ח) הנהו בי תרי דאגירי בהו שטן דכל בי שמשי הוו קא מינצו בהדי הדדי איקלע רבי מאיר להתם עכבינהו תלתא בי שימשי עד דעבד להו שלמא. שמעיה דקאמר ווי דאפקיה רבי מאיר לההוא גברא מביתיה:

(ט) יתיב רבי זירא קמיה דרבי אסי ואמרי לה רבי אמי קמיה דרבי יוחנן וקאמר חד בשבא ותרי ותלתא בתר שבתא. ארבעה וחמשה ומעלי שבתא קמי שבתא:

(י) אמר רב הונא היה מהלך בדרך או במדבר ואינו יודע אימתי שבת מונה ששה ימים

מראה מקומות (ח) גיטין נב. (ט) גיטין עז. (י) שבת סט:

פירושים

(ח) דכל בי שמשי. של ערב שבת: שמעיה. לשטן דקאמר ווי דאפקיה מביתיה: (ט) חד בשבא תרי בשבא ותלת בשבא. קרי בתר שבת שעברה אבל רביעי חמישי וששי נקראין על שם שבת הבאה: קמי שבתא. האי שבת דקאמר יום שבת ממש קאמר: (י) מונה ששה. מיום ששם אל לבו שכחתו ומשמר השביעי:

הוספת פירושים

(ז) חד כנגד זכור וחד כנגד שמור וכו'. דאע"ג דזכור ושמור בדבור אחד נאמרו. כדאמרינן בפ' שבועת שתים. מ"מ היה תרי מילי זכור הוא עשה ושמור הוא ל"ת כמפורש בדברי הרמב"ן וכבר הארכנו בזה בפ' שבועת שתים ע"ש. ומטעם זה דאחד כנגד זכור ואחד כנגד שמור נהגו נמי כנגד של שבת ליטול ב' נרות. וכמו שבנרות זוכין לבנים תכמים כמ"ש לעיל ה"נ הדסים ע"ש בנים לדיקים שנקראו הדסים [מהרש"א כת"א]:

פירוש ע"ט

אלטער מאן זייא גיענטפערט איין הדס איז געגין זכור, אונ איין הדס איז געגין שמור, האט זיך רבי שמעון אהן גירופען צום זוהן זעה וויא יורען האבין ליב דיא מצות, איז געשטילט גיווארען זייער דעה:

(ח) הנהו. עס איז אמאל גיוועזן צווייא מענטשין וואס דער שטן האט זיך מיט זייא גירייצט, אללע פרייטאג פארין נאכט פלעגט ער מאכין אקריג צווישען דיא ביידע מענטשין, אונ זייא פלעגין זיך קריגין, אמאהל איז רבי מאיר גיקומען צוא זייא אונ האט זיך דארטען פארזאמט דרייא פרייטאג צוא נאכטצין, ביז ער האט גימאכט שלום צווישין זייא, האט מען גיהערט וויא דער שטן האט גיזאגט, וויי צוא מיר, רבי מאיר האט מיך ארויס גיטריבען פון דער שטוב, ווארום עס איז דאך שוין שלום צווישען זייא:

(ט) יתיב. רבי זירא איז גיזעסין פאר רבי אסי, אנדערע זאגין רבי אמי איז גיזעסין פאר רבי יוחנן, אונ האט גיזאגט זונטאג אונ מאנטאג אונ דינסטאג הייסט נאך שבת, מיטוואך אונ דאנערשטיג אונ פרייטאג הייסט פאר שבת:

(י) אמר. רב הונא האט גיזאגט אז אמענטש גייט אין וועג אדער אין דער מדבר אונ ער ווייסט נישט ווען עס איז דער טאג שבת, זאל ער ציילין זעקס טאג פון דעם טאג וואס ער האט זיך דער מאנט פון שבת, אונ דעם זיבעטין טאג זאל ער רוהען אזוי וויא שבת, דער נאך זאל ער ווייטער ציילין זעקס טאג, אונ דעם זיבעטען טאג זאל בייא איהם זיין שבת, אזוי זאל ער טאהן ביז וואנען ער וועט קומען אין אשטאט אריין אונ וועט וויסען ווען עס איז דער אמת'ער טאג שבת, וועט ער היטין שבת מיט

משלי שבת

גיקומען פון שטאט, האט ער דערזעהן אז זיין משרת פארט מיט נאך מענטשין אויף זיין וואגין, איז ער צו גיגאנגען צום וואגין, וויא דיא גנבים האבין דער זעהן דעם גביר זענען זייא אנטלאפין, זעהן מיר דער פון וויא נאס פאר נאריש דעם מענטשינס עצה וואס ער קליגט זיך צו מאן פארקערט וויא דער אויבערשטער וויל, אזוי וויא ביי דעם עכו"ם וואס ער איז גיווארן גיוואר דורך דיא מכשפים אז זיין גאנץ פארמעגין וועט קערין צו יוסף מוקיר שבת האט ער זיך גיגעבין אעצה אז ער זאל אלץ פארקויפין אונ ער וועט קויפין אברילאנט אונ ער וועט אנטלויפין איבער דעם ים, וועט ער זיך פאר'ן צווען פון גאט, אז עס זאל שוין נישט אן קומען זיין פארמעגין צו יוסף מוקיר שבת, אונ לסוף האט גאט איבער גיקערט, אונ צו ליב זיין חכמה צו קויפין איין ברילאנט פאר דעם גאנצין פארמעגין, איז גיך אן גיקומען אלץ צו יוסף מוקיר שבת, דרום דער ציילין דיא חז"ל דיא גאנצע סיבה:

ומשמר יום אחד. חייא בר רב אומר משמר יום אחד ומונה ששה. במאי קמיפלגי מר סבר כברייתו של עולם ומר סבר כאדם הראשון:

(יא) מובטח להן לישראל שאין אליהו בא בערבי שבתות מפני הטורח:

(יב) מי שטרח בערב שבת אוכל בשבת ומי שלא טרח בערב שבת מהיכן אוכל בשבת:

פרק ד. ערב שבת מן המנחה ולמעלה:

(א) העושה מלאכה בערבי שבתות וימים טובים מן המנחה ולמעלה אינו רואה סימן ברכה לעולם. ת"ר יש זריז ונשכר. ויש זריז ונפסד. יש שפל ונשכר. ויש שפל ונפסד. זריז ונשכר דעביד כולהו שבתא ולא עביד במעלי שבתא. זריז ונפסד דעביד כולהו

מראה מקומות (יא) עירובין מ"ג: (יב) ע"ז ג': (א) פסחים נ':

פירושים

משמר יום אחד ומונה ששה. וכל יום שבת אל לבו אינו משמר דמאי עשה מלאכה אבל יום מהרת משמר ולקמן מפרש דכהנך דאינו משמר לא עביד נמי מלאכה אלא כדי פרנסת היום: כברייתו של עולם. ימי חול נמנו תחילה: כאדם הראשון. שנברא בערב שבת ויום ראשון למנינו שבת היה

(יא) מפני הטורח. שמניחין צרכי שבת והולכין להקביל פניו:

(א) מן המנחה. השע שעות ומחלה: זריז. בעל מלאכה: שפל ונשכר דלא עביד כולהו שבתא ולא במעלי שבתא. ואף על גב דלאו לשם מצוה מכוין מצוה שלא לשמה מיהא היא דאמרינן לקמן יעסוק אדם במצות ואפילו שלא לשמה:

פירוש ע"ט

אַלֶע יודען, חִיָיא בַּר רַב זָאגְט דֶעם טָאג וָואס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט זָאל עֶר טָאהְן אַמְלָאכָה בִּיז נַאכְט, אוּנ דִיא נַאכְט מִיט מָארְגֶעדִיגֶען טָאג זָאל עֶר רוּהֶען אַזוֹי וִויא שַׁבָּת, דֶער נָאךְ זָאל עֶר צֵיילִין זֶעקְס טָאג, אוּנ דֶעם זִיבֶּעטִין טָאג זָאל בַּייא אִיהְם זַיין שַׁבָּת, אוּנ אַזוֹי זָאל עֶר טָאהְן בִּיז עֶר וֶועט וִויסְען וֶוען דֶער אֶמֶת'ער שַׁבָּת אִיז, פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אִין אַנְאַנְדֶער סְבָרָא קְרִיגְט רַב הוּנָא אוּנ חִיָיא בַּר רַב, עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא רַב הוּנָא הַאלְט מֶען דַארְף טָאהְן אַזוֹי וִויא דָאס בַּאשַׁאפוּנְג פוּן דֶער וֶועלְט אִיז גִיוֶוען, פְרִיֶער הָאט מֶען גִיצֵיילְט זֶעקְס וָואכֶעדִיגֶע טֶעג, נָאכְדֶעם אִיז גִיוֶוען שַׁבָּת, אוּנ חִיָיא בַּר רַב הַאלְט מֶען דַארְף טָאהְן אַזוֹי וִויא אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גִיטָאהְן, פְרִיֶער הָאט עֶר גִיהִיט שַׁבָּת, [וָוארוּם עֶר אִיז בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין פְרַייטָאג הָאט עֶר בַּייא נַאכְט אוּנ מָארְגֶעדִיגֶען טָאג גִיהַאלְטִין שַׁבָּת], נָאכְדֶעם הָאט עֶר גִיצֵיילְט זֶעקְס טָאג, אוּנ הָאט דֶעם זִיבֶּעטִין טָאג וַוייטֶער גִימַאכְט שַׁבָּת:

(יא) מוּבְטָח. דִיא יוּדֶען זֶענֶען פַאר זִיכֶערְט אַז אֵלִיָהוּ הַנָבִיא וֶועט נִישְׁט קוּמֶען פְרַייטָאג [וָוארוּם אֵיידֶער מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועט עֶר מִיט אַטָאג פְרִיֶער קוּמֶען אָהְן זָאגִין אַז מָשִׁיחַ קוּמְט] וָוארוּם מֶען וֶועט דָאךְ גֵיין אַנְטְקֶעגִין אִיהְם, וֶועט מֶען זַיין פַאר נוּמֶען, וֶועט מֶען נִישְׁט קָאנֶען אָהְן גְרֵייטִין אוֹיף שַׁבָּת:

(יב) מִי. וֶוער עֶס בַּאמִיהְט זִיךְ פְרַייטָאג אוּנ גְרֵייט אָהְן עֶסִין אוֹיף שַׁבָּת הָאט עֶר אוּם שַׁבָּת וָואס צוּא עֶסִין, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ וָואס בַּאמִיהְט זִיךְ נִישְׁט פְרַייטָאג אָהְן צוּא גְרֵייטִין עֶסִין אוֹיף שַׁבָּת, פוּן וַואנֶען קֶען עֶר הָאבֶּען אוּם שַׁבָּת וָואס צוּא עֶסִין?:

דֶער פֶערְטֶער פֶּרֶק שְׁמוּעֶסְט פוּן פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט:

(א) הָעוֹשֶׂה. דֶער מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אַמְלָאכָה פְרַייטָאג, אָדֶער עֶרֶב יוֹם טוֹב נָאךְ מִנְחָה [דָאס מֵיינְט מֶען פַארִין נַאכְט דֶעם לֶעצְטִין פֶערְטִיל טָאג] וֶועט עֶר קֵיין מָאהְל נִישְׁט הָאבֶּען אַבְּרָכָה פוּן דֶער אַרְבֶּעט, דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערִינְט עֶס אִיז דָא אַבַּעַל מְלָאכָה וָואס עֶר אַרְבֶּעט פוּהְל אוּנ עֶר פַארְדִינְט, אוּנ עֶס אִיז דָא אַבַּעַל מְלָאכָה וָואס עֶר אַרְבֶּעט פוּהְל אוּנ עֶר הָאט שָׁאדִין, אוּנ עֶס אִיז דָא אַבַּעַל מְלָאכָה וָואס עֶר אַרְבֶּעט נָאהְר נִישְׁט אוּנ פַאר דִינְט, אוּנ עֶס אִיז דָא אַבַּעַל מְלָאכָה וָואס עֶר אַרְבֶּעט נִישְׁט אוּנ הָאט שָׁאדִין, אִיז דִיא גְמָרָא

שבתא ועביד במעלי שבתא. שפל ונשכר דלא עביד כולה שבתא ולא עביד במעלי שבתא. שפל ונפסד דלא עביד כולה שבתא ועביד במעלי שבתא. אמר רבא הני נשי דמחוזא אע"ג דלא עבדין עבידתא במעלי שבתא משום מפנקותא הוא דהא כל יומא ויומא נמי לא עבדן אפ"ה שפל ונשכר קרינן להו:

(ב) אמר רבי יוסי בר׳ זבידא העושה מלאכה בשני בין השמשות חייב חטאת ממה נפשך:

(ג) תניא לא יאכל אדם בערבי שבתות וימים טובים מן המנחה ולמעלה כדי שיכנס לשבת כשהוא תאוה דברי רבי יהודה. רבי יוסי אומר אוכל והולך עד שתחשך:

מראה מקומות (ב) שבת לה: (ג) פסחים צט:

פירושים

(ב) בשני בין השמשות. ערב שבת ומוצאי שבת בהעלם אחד אין כאן עוד אלא תלוי אלא חטאת: ממה נפשך. אי לילה הוא חייב על ערב שבת ושל מוצאי שבת אינו כלום ואי יממא הוא חייב על מוצאי שבת ואין של ערב שבת כלום וכגון דעביד לי׳ כל בין השמשות דליכא לספוקי להאי בתחילתו ולהאי בסופו:

(ג) לא יאכל. כדי שיהא קידוש וסעודת שבת חביב עליו:

פירוש ע"ט

מְפוֹרָש וועלכער בַּעל מְלָאכָה פַאר דינט אוּנ וועלכער בַּעל מְלָאכָה האט שָׁאדִין, דער בַּעל מְלָאכָה וואס אַרְבֶּעט פוּהל אוּנ פַאר דינט, דאס איז דער וואס אַרְבֶּעט אַגַאנְצֶע וואך אוּנ פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט אַרְבֶּעט ער נִישְׁט דְרוּם פַאר דינט ער אַז ער האט אַבְרָכָה אין זיין אַרְבּיט, וואָרוּם אויב ער וואלט פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט אויך גֶיאַרְבּיט וואלט ער שָׁאדִין גֶיהַאט, וואָרוּם ער וואלט נִישְׁט גֶיהַאט אַבְרָכָה פוּן דער גַאנְצֶע אַרְבֶּעט וואס ער האט גֶיאַרְבּיט אַגַאנְצֶע וואך, דער בַּעל מְלָאכָה וואס אַרְבּיט פוּהל אוּנ האט שָׁאדִין, דאס איז דער וואס אַרְבּיט אַגַאנְצֶע וואך אוּנ פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט אַרְבּיט ער אויך, דער האט שָׁאדִין, וואָרוּם ער וועט נִישְׁט האבִּין אַבְּרָכָה אין דער אַרְבּיט וואס ער האט גֶיאַרְבּיט אַגַאנְצֶע וואך, דער בַּעל מְלָאכָה וואס אַרְבּיט נִישְׁט אוּנ פַאר דינט, דאס איז דער וואס אַרְבּיט נִישְׁט אַגַאנְצֶע וואך אוּנ אַרְבּיט נִישְׁט פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט, ווייניגְסְטִינְס פַאר דינט ער דאך אַמִצְוָה וואס ער אַרְבּיט נִישְׁט פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט, איז דאס אַמִצְוָה שֶׁלֹא לִשְׁמָהּ איז דאס אויך אַמִצְוָה, דער בַּעל מְלָאכָה וואס אַרְבּיט נִישְׁט אוּנ האט שָׁאדִין, דאס איז דער וואס אַרְבּיט נִישְׁט אַגַאנְצֶע וואך, נָאר פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט אַרְבּיט ער, דיא אַרְבּיט פוּן פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט איז גַאנְץ ווייניג אוּנ דיא עֲבֵירָה איז גְרוֹיס, רָבָא האט גֶיזָאגְט דיא ווייבֶּער פוּן מְחוּזָא האטְשׁ דאס וואס זייא אַרְבּיטִין נִישְׁט פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט איז נִישְׁט פוּן וועגִין מִצְוָה נָאר ווייל זייא זֶענִין פוּיל צוּא אַרְבֶּעטִין אֲפִילוּ אַגַאנְצֶע וואך, פוּן דֶעסְט וועגִין איז דאס אויך גוּט, וואָרוּם אַמִצְוָה שֶׁלֹא לִשְׁמָהּ איז אויך גוּט:

(ב) אָמַר. רַבִּי יוֹסִי בַּר זְבִידָא האט גֶיזָאגְט אַז אֵיינֶער האט גֶיטָאהְן אַמְלָאכָה פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת, אוּנ שַׁבָּת-צוּא-נַאכְט בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת וְער האט נִישְׁט גֶיוְויסְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט טָאהְן דיא אַרְבּיט בִּיז נָאך דיא אַרְבֶּעט פוּן שַׁבָּת-צוּא-נַאכְט) בַּאדַארְף ער בְּרֶענְגִין אַקָרְבָּן חַטָּאת מִמָּה נַפְשָׁךְ, אויב בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת הֵייסְט נָאך טָאג בַּאדַארְף ער בְּרֶענְגִין אַחַטָּאת פַאר דיא אַרְבֶּעט פוּן דֶעם בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת פוּן שַׁבָּת-צוּא-נַאכְט, אוּנ אויב בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת הֵייסְט שוֹין נַאכְט בַּאדַארְף ער בְּרֶענְגִין אַחַטָּאת פַאר דיא אַרְבֶּעט פוּן דֶעם בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת פוּן פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט:

(ג) תַּנְיָא. אין אַבְּרַייתָא האבִּין מִיר גֶילֶערִינְט אַמֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט עֶסִין עֶרֶב שַׁבָּת אָדֶער עֶרֶב יוֹם טוֹב, נָאך מִנְחָה (דֶעם לֶעצְטִין פֶערְטִיל טָאג) כְּדֵי ער זָאל נִישְׁט זיין זַאט וֶוען עֶס ווערְט שַׁבָּת, (וועט ער נִישְׁט עֶסִין דיא שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדָה מִיט אַפֶּעטִיט) אַזוֹי האט גֶיזָאגְט רַבִּי יְהוּדָה, רַבִּי יוֹסִי האט גֶיזָאגְט מֶען מֶעג עֶסִין בִּיז עֶס ווערְט פִינְסְטֶער:

כערב ... אמר

משלי שבת

(ג) תַּנְיָא לא יאכל אָדָם בְּעַרְבֵי שַׁבָּתוֹת וכו׳. מֶען קָאן שְׁפֵּייזֶער איז, אַז עֶס קוּמְט אַווִיכְטִינֶער גַאסְט. אוּנ מֶען זָאגְן דְרוּם פַאר מֶען נִישְׁט עֶסִין. ווייל דֶער בֶּעט אִיהְם ער זָאל קוּמֶען עֶסִין. אוּנ אויב מֶען עֶסְט נִישְׁט פּ׳ם

(ד) אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן שתי משפחות הי' בירושלים וכו' אחת קבעה סעודתה בערב שבת ושתיהן נעקרו:

(ה) רבי ינאי הוה ליה אריסא דהוה מייתי לי' כנתא דפירי כל מעלי שבתא. ההוא יומא נגה ליה ולא אתא שקל עשר מפירי דביתיה עלייהו. אתא לקמי' דרבי חייא אמר ליה שפיר עבדת דתניא (דברים יד) למען תלמד ליראה את ה' אלקיך כל הימים אלו שבתות וימים טובים:

(ו) אמר רבי זירא אף על פי שהוציא אדם ערב שבת שחרית מצוה לרדוף בין השמשות שנאמר (שמות טז) והי' משנה:

מראה מקומות (ד) גיטין לח: (ה) יבמות צג: (ו) תנחומא הובא בשל"ה:

פירושים

(ד) בערב שבת. בלילי שבת ואין כאן כבוד שבת דקיימא לן (פסחים דף קה.) כבוד יום קודם לכבוד לילה והם היו מתכוונים בשביל ביטול בית המדרש. ואיכא דמפרשי בערב שבת ממש וכן בכל יום מרוב עושר אבל בהא מיהא איכא איסורא שיכנוס לשבת כשהוא שבע בלא תאוה:

(ה) נגה ליה. שהה יותר מזמנו: עילוייהו. ואע"ג דהכתי לא אתא: למען תלמד. גבי תרומה ומעשרות כתיב ואכלת לפני ה' וגו': כל הימים אלו שבתות וימים טובים. הוא למד להזהר שלא יבטל עונג שבת בשביל תיקון הטבל:

פירוש ע"ט

(ד) אמר. רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין צווייא פאמיליעס איז געוועזן אין ירושלים, איין פאמיליע פלעגין עסין פרייטאג פארין נאכט, [און זענין געווארין זאט האבין זייא נישט געקענט עסין בייא נאכט דיא סעודה פון שבת], און דיא משפחות זענין אויס געריסין געווארין פון דער וועלט:

(ה) רבי ינאי. רבי ינאי האט געהאט א ארבעטער אין זיין פעלד וואס ער פלעגט רבי ינאי'ן ברענגין אלע פרייטאג-פארין-נאכט אקארב מיט פירות, אמאהל האט זיך געטראפין אז פרייטאג-פארין-נאכט איז געווארין שפעט און דער ארבייטער האט נאך נישט געבראכט דיא פירות, האט רבי ינאי געהאט מורא געהאט טאמער וועט דער ארבייטער ברענגין דיא פירות שפעט עס וועט שוין זיין שבת, וועט מען דאך נישט קענין עסין דיא פירות ווארום זייא וועלין זיין אום געמעשרת [ווארום אום שבת טאהר מען נישט מעשר'ן], האט רבי ינאי גענומען פירות פון זיין שטוב און האט געזאגט זייא זאלין זיין מעשר אויף דיא פירות וואס דער ארבייטער וועט ברענגין שפעטער, איז רבי ינאי געקומען צוא רבי חייא'ן און ער האט איהם דער ציילט וויא אזוי ער האט געמעשרת, האט רבי חייא איהם געענטפערט, דוא האסט גוט געטאהן, ווארום מיר האבין געלערינט עס שטייט אין פסוק זאלסט לערנען מורא צוא האבין פאר גאט אללע טעג, איז וואס מיינט דער פסוק אללע טעג, מוז איך זאגין אז אפילו שבת און יום טוב זאלסטו מורא האבען פאר גאט אז מען זאל נישט מבטל זיין דיא מצוה פון עונג שבת, דאס מיינט מען, ער מעג פרייטאג מעשרין אויף דיא פירות וואס מען וועט איהם שפעטער ברענגען אויף שבת ער זאל האבען עונג שבת:

(ו) אמר. ר' זירא האט געזאגט חאטש פרייטאג אין דער פריא האט מען שוין אויס געגעבין און אהן געגרייט אויף שבת, פון דעסטוועגין איז א מצוה מען זאל פארין נאכט נאך עפעס קויפען אויף שבת, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס זאל זיין געטאפעלט, מען בדארף פרייטאג קויפען צווייא מאהל:

משלי שבת

מיט איהם. איז איהם אשטארקער באליידונג. ווארום אז מען האט זיך געריכט אויף איהם. האט מען צוא ליב זיין כבוד נישט באדארפט עסין וויא געוויינליך אלע מאהל. נאר געוואס שטעלן דעם גרויסען הינגער. און דער עיקר סעודה בדארף מען עסין מיט דעם גאסט צו זאמען.

ווארום דער מיט ווייזט מען דיא גרויסע פריינדשאפט. צוא איהם. דאס זעלבע דער וואס נעמט צוא שבת פאר אגרויסען גאסט און ריכט זיך אויף איהם. בדארף נישט עסין אסעודה קבועה פרייטאג פארין נאכט. נאר עפוואס מיני מזונות צוא פארטרייבען דעם גרויסען הינגער.

בבדי

(ז) תניא חנני׳ איסר חייב אדם למשמש בבגדו ערב שבת עם חשכה אמר רב יוסף הלכתא רבתי לשבתא:

פרק ה׳. הכנסת שבת:

(א) אמר רב נחמן בר רב זבדא ואמרי לה אמר רב נחמן בר רבא אמר רב וכו׳ רחיצת ידים ורגלים בחמין ערבית רשות ואני אומר מצוה. מאי מצוה דאמר רב יהודה אמר רב כך הי׳ מנהגו של רבי יהודה בר אילעאי ערב שבת מביאין לו עריבה מלאה חמין ורוחץ פניו וידיו ורגליו ומתעטף ויושב בסדינין המצוייצין ודומה למלאך ה׳ צבאות וכו׳. ותזנח משלום נפשי נשיתי טובה (איכה ג) וכו׳ מאי נשיתי טובה אמר ר׳ ירמיה זו בית המרחץ. ר׳ יוחנן אמר זו רחיצת ידים ורגלים בחמין:

(ב) מעשה ברב אחד שנפטר ונראה לתלמידו בחלום וראה התלמיד שהי׳ לו כתם במצחו

מראה מקומות (ז) שבת י״ב: (א) שבת כה: (ב) מדרש הובא בס״מ:

פירושים

(ז) למשמש בבגדו. שלא יהא כרוך בהוס דבר פן יוליאנו: הלכתא רבתי. דבר גדול יש כאן להפרישו מאיסור שבת:

(א) רחיצת ידים ורגלים ערבית. ליל שבת: בסדינין המצוייצין. סדינים של פשתן וכהן ציצית של תכלת כלאים אלא שמותר מן התורה דדרשינן סמוכין לא תלבש שעטנז גדילים תעשה לך (מנחות לט.):

פירוש ע״ט

(ז) תניא. מיר האבען געלערנט חנניה זאגט אמענטש בדארף ארום זוכן אין זיינע קליידער אז עס קומט פרייטאג נאהענט צוא נאכט, ווארום טאמער ליגט אין דיא קעשענעס אזאך וואס מען טאהר דאס נישט טראגין אום שבת, וועט ער דאס ארויס נעמען, האט רב יוסף גיזאגט דאס איז אגרויסער דין אויף שבת כדי זיך אפ צוא היטין פון טאהן אעבירה צוא טראגין אום שבת וואס מען טאהר נישט:

דער פינפטער פרק שמועסט פון אריין ברענגען דעם שבת:

(א) אמר. רב נחמן בר רב זבדא אנדערע זאגין רב נחמן בר רבא האט גיזאגט פון רב׳ס וועגין, וואשין פרייטאג פארין נאכט דיא הענד אונ דיא פיס אין הייסע וואסער איז ארשות (אויב מע׳ וויל וואשט מען אונ אויב מען וויל נישט וואשט מען נישט), אונ רב נחמן בר רב זבדא האט גיזאגט אז איך זאג אז עס איז אמצוה זיך וואשין פרייטאג פארין נאכט, זאגט דיא גמרא פאר וואס איז אמצוה, ווייל רב יהודה האט גיזאגט פון רב׳ס וועגין אזוי איז גיוועזן דאס פיהרונג פון רב יהודה בר אילעאי פרייטאג האט מען גיבראכט פאר איהם אפולין מולטער מיט ווארימע וואסער, אונ ער האט גיוואשין זיין פנים אונ זיינע הענד אונ זיינע פיס, אונ ער האט זיך איינגעוויקלט אין אליילאך מיט ציצית אונ ער איז אין דעם גיזעסין אונ גילערינט, אונ ער האט אויס גיזעהן אזוי וויא אמלאך פון גאט, אין פסוק שטייט ירמיה הנביא האט גיזאגט ווען דאס בית המקדש איז חרוב גיווארין האבין דיא יודען גיקלאגט אונ האבען גיזאגט איך בין פאר לאזט גיווארען פון שלום אונ איך בין פאר לאזט גיווארען פון גוטס, פרעגט דיא גמרא וואס איז דער פשט איך בין פאר לאזט גיווארען פון גוטס? האט רבי ירמיה גיזאגט דאס מיינט מען, מען האט נישט גיהאט אפילו אבאד, רבי יוחנן זאגט דאס מיינט מען, מען האט נישט גיהאט אפילו אביסיל ווארעמע וואסער צוא וואשין דיא הענד מיט דיא פיס:

(ב) מעשה. עס האט גיטראפען ארב איז גישטארבען האט ער זיך באוויזין אין חלום צוא זיינעם אתלמיד, האט דער תלמיד גיזעהן אז ער האט גיהאט אפלעק אויף דעם שטערין, האט ער איהם גיפרעגט פאר וואס איז דאס גיווארין אויף איך? האט ער איהם

ושאל לו מפני מה הי׳ לך כך והשיב לו מפני שלא הייתי נזהר לקצץ את הצפרניים בכל ערב שבת קודש :

(ג) תנו רבנן ג׳ דברים נאמרו בצפרנים שורפן חסיד. קוברן צדיק. זורקן רשע :

(ד) שבעה דברים צריכין נטילה ואלו הן וכו׳ הנוטל צפורניו :

(ה) כתיב (שמות טז) והכינו את אשר יביאו זהו השחזת הסכין :

(ו) כתיב (איוב ה׳) וידעת כי שלום אהלך זהו השחזת הסכין :

(ז) ישראל אינם יודעים השכר המגיע להם עבור נקיית המנעלים בערב שבת שנאמר (שה״ש ז׳) מה יפו פעמיך בנעלים. הד״א הוא דכתיב (ישעי׳ כב) והי׳ ביום ההוא לבכי ולמספד ולקרחה ולחגור שק :

(ח) בערב שבת יפנה קורי עכביש מהבית :

מראה מקומות ג) נדה יז : (ד) מרדכי במס׳ ברכות : (ה) מדרש הובא בשל״ה : (ו) ספרי הובא בכל בו וב״י : (ז) מד״ש הובא בס׳ רד״א : (ח) תוצאות חיים :

פירושים

(ג) חסיד. עדיף מלדיק שכשקוברן איכא למיחש דהדרי ומגלי : (ה) זהו השחזת הסכין. מוכח לה מדכתיב והכינו את כמו לאתים ולמזמרות. ה״ע : (ו) זהו השחזת הסכין. כי אם קהה הברזל אין זה שלום בית. רוקח :

פירוש ע״ט

גיענטפערט ווייל איך בין נישט גיוועזן גיווארינט אפ שניידין דיא נעגיל אללע פרייטאג לכבוד שבת :

(ג) תנו. דיא רבנן האבין גילערינט דרייא זאכין איז גיזאגט גיווארין ביי דיא נעגיל, דער וואס פאר־ברענט דיא נעגיל איז אחסיד, אונ דער וואס פאר־גראבט זייא איז אצדיק, אונ דער וואס ווארפט זייא אוועק איז ארשע :

(ד) שבעה. עס איז דא זיבען זאכין אז מען טוט איינס פון זייא באדארף מען נאכדעם וואשין דיא הענד, איינע פון זייא איז, אז מען שנייט אפ דיא נעגיל :

(ה) כתיב. אין פסוק שטייט מען זאל אהן גרייטין אונ ברענגין אויף שבת, איז גידרינגען אז פרייטאג באדארף מען שארפין דיא מעסער׳ס, [ווייל אין פסוק שטייט את, מיינט מען מעסער׳ס, מען באדארף אהן גרייטין מעסער׳ס, אויף שבת].

(ו) כתיב. אין פסוק שטייט דוא וועסט וויסען אז אין דיין גיצעלט איז שלום, דאס מיינט מען אז מען זאל פרייטאג שארפין דיא מעסער׳ס [ווארום אויב דיא מעסער׳ס זענין טומפיג איז נישט שלום אין שטוב] :

(ז) ישראל. דיא יודען ווייסין נישט דעם שכר וואס זייא וועלין באקומען פאר דעם וואס זייא מאכען ריין פרייטאג דיא שיך, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וויא שיין זענען דייגע טריט אין דיא שיך, אונ דאס מיינט דער פסוק עס וועט זיין אין יענעם טאג צוא גיוויין אונ צוא קלאג אונ צוא אפליקונג אונ אהן צוא טאהן אזאק :

(ח) בערב. פרייטאג זאל מען אפ קערין דיא שפין וועבס פון שטוב :

משלי שבת

בכדי צוא עסין לכבוד שבת מיט גרוים אפעטיט :

(ז) ישראל אינם יודעים וכו׳. הדא הוא דכתיב והיה ביום ההוא לבכי ולמספד ולקרחה וכו׳. דעם ואינדערליכען מדרש וועלין מיר געבין צוא פארשטיין עפ״י משל עס איז געווען אגרויסער גביר איז ער פלוצלונג ארום געווארין. אונ האט גימוזט ארום גיין איבער דיא הייזער, פון שטאט צוא שטאט, אונ פון איין דארף אין דעם אנדערין דארף. האט זיך גיטראפען אז ער איז אמאהל געקומען צוא אגרויסען בארג. איז דארטען געוועזן, זייער פיינע שטיינער. זייא האבען שיין אויס געזעהן. האט ער אהן געקליבען אין זיין טארבע ארין פולל שטיינער. אונ איז פון דארטען אוועק גיגאנגען. ביי־ענדיג איז איהם שווער געווארען טראגען דיא שטיינער. האט ער אהן געהויבען ארוים ווארפען פון טארבע אביסיל שטיינער. אונ האט אללע מאהל ביסלאך ווייס ארוים גיווארפען. אז עס איז שוין גאר נישט געבליבען אין טארבע, איז ער געקומען אין אגרויסע שטאט אונ ער האט געהאט סטאנציע ביי אמלמד. ביי דער נאכט

פרק ו להוסיף מחול על הקודש:

(א) כתיב זכור ושמור. זכור מלפניו ושמור מלאחריו. מכאן אמרו מוסיפין מחול על הקודש. משל לזאב שהוא טורף מלפניו ומלאחריו:

(ב) כל מקום שיש בו שבות מוסיפין מחול על הקודש:

(ג) בכל יום הששי מוציאין נשמת האדם מגיהנם בעת שהיה רגיל בעולם הזה לשבות וכן בתוספת מוצאי שבת המאחר מאחרין אותו שלא להכניסו לגיהנם והממהר ממהרין אותו להכניסו ועל כן יזהר מאוד בתוספת שבת בין בכניסה וכן ביציאה:

מראה מקומות (א) מכילתא יתרו וירושלמי נדרים פ"ב: (ב) ר"ה ט: (ג) ספר התנין:

פירושים

(א) זכור מלפניו. קודם בואו והוא תוספת שבת מלפניו: ושמור. הוא בדבר שבבר ישנו: מלאחריו. היינו תוספת שבת מלאחריו: משל לזאב. ר"ל שקדושת השבת מתפשט על ימות החול בבואו ובלאתו. כז"ר פי' ששבת חוטף גלוני הקדושה שנבלעו בימות החול. ועי' בגלי' רזא שהאריך בזה. ובסי' של"ה אלל קבלת שבת:

ממכניסי

פירוש ע"ט

דער זעקסטער פרק שמועסט אז מען זאל שבת אן נעמען פריא:

(א) כְּתִיב. אין איין פָּסוּק שְׁטֵייט זָאלְסְט גִידֶענְקִין שַׁבָּת, אונ אין נָאךְ אַפָּסוּק שְׁטֵייט זָאלְסְט הִיטִין שַׁבָּת, לֶערִינְט אוּנְז דִיא תּוֹרָה מִיט דֶעם טָאפִּילִין לָשׁוֹן, אַז גִידֶענְקִין זָאל מֶען שַׁבָּת, פְּרִיעֶר, נָאךְ אֵיידֶער שַׁבָּת קוּמְט, דָאס מֵיינְט מֶען אַז מֶען זָאל מֶערִין שַׁבָּת וּמֶען זָאל פְּרִיא מַאכִין שַׁבָּת, דָאס הֵייסְט תּוֹסֶפֶת שַׁבָּת) אונ שָׁמוֹר מֵיינְט מֶען אַז מֶען זָאל הִיטִין דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת, וָואס מֶען מוּז זִיא שׁוֹין, דָאס מֵיינְט מֶען שַׁבָּת צוּ נַאכְט זָאל מֶען שְׁפֶּעט נָאךְ הַאלְטִין שַׁבָּת, עֶס אִיז אַמָשָׁל אַז אַוָואלְף גִיט אַבִּיס פַארְשְׁפְּרֵייט זִיךְ דֶער בִּיס פוּן פָארִינְט אונ פוּן הִינְטִין, (אַזוֹי בַּייא שַׁבָּת בְּדַארְף מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטִין דֶעם שַׁבָּת אוֹיף אַגַאנְצֶע וָואךְ אֵיידֶער עֶר קוּמְט, אונ אַז עֶר גֵייט אַוֶועק):

(ב) כָּל. אִין אַלֶּע עֶרְטֶער אִין דֶער תּוֹרָה וָואס עֶס שְׁטֵייט אַז מֶען זָאל רוּהֶען (שְׁבוּת) מֵיינְט דִיא תּוֹרָה אַז מֶען זָאל פוּן דֶער וָואכִין מַאכִין הֵיילִיג, (אַז מֶען זָאל שַׁבָּת אָן נֶעמִין פְּרִיא, עֶס זָאל זַיין פוּן דֶער וָואכִין שַׁבָּת):

(ג) בְּכָל. אַלֶּע פְרַייטָאג נֶעמְט מֶען אַרוֹיס פוּן גֵיהִנָם דִיא נְשָׁמָה פוּן מֶענְטְשִׁין אִין דֶער צַייט וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען גִיוואוֹהְנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּא נֶעמֶען שַׁבָּת, אונ אַזוֹי אִיז מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס שַׁבָּת צוּ נַאכְט הָאט עֶר גִימַאכְט גְרֶעסֶער דֶעם שַׁבָּת, עֶר פְלֶעגְט שְׁפֶּעטִיקִין זִיךְ אַרוֹיס צוּא גֵיין פוּן שַׁבָּת. שְׁפֶּעטִיגְט מֶען אוֹיךְ אִים אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין גֵיהִנָם, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ גְהַייּלְט אַרוֹיס צוּא גֵיין פוּן שַׁבָּת. הַיילְט מֶען אִים אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין גֵיהִנָם. דְרוּם זָאל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְק זַיין גִיוָוארִינְט צוּ מֶערִין (הַאלְטִין לַאנְג) דֶעם טָאג שַׁבָּת, סַייא פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט וֶוען דֶער שַׁבָּת גֵייט אַרַיין, סַייא שַׁבָּת צוּא נַאכְט וֶוען דֶער שַׁבָּת גֵייט אַרוֹס, כְּדֵי עֶר זָאל פְרַייטָאג אַרוֹיס גֵיין פְרִיא פוּן גֵיהִנָם אונ שַׁבָּת צוּ נַאכְט שְׁפֶּעט אַרַיין גֵיין אִין גֵיהִנָם:

משלי שבת

איז ארויס געפאלען פון זיין מארבע אשטיינדיל. האט עס זייער געבלישטשעט וויא דער מלמד האט דער זעהן דעם שטיינדיל. האט ער גיזאגט צום ארימאן אזוי וויא מיר ווייסט אויס איז דער שטיין אטייערער בריליאנט. קום לאמער גיין צוא אסוחר פון בריליאנטען. אונ לאמער איהם ווייזען דעם שטיין. טאמער וועט ער איהם קויפען, זייא זענען געגאנגען צום בריליאנטען סוחר. אונ האבען איהם געוויזען דאס שטיינדיל. וויא דער סוחר האט דער זעהן, דאס שטיינדיל האט ער געזאגט צוא זייא אז ער גיט פאר איהם טויזענד רובל. זענען זייא געבליבען שטיין. האט דער סוחר גימיינט אז זייא ווילין נישט טויזענד רובל. מחמת דאס איז ווייניג געלד. האט ער גיזאגט אז ער גיט פופצין הונדערט רובל. אז דער ארימאן האט דער הערט דאס טייערקייט פון דעם שטיין איז ער געפאלין צוא דער ערד אונ ער האט זיך אהן גיהויבין רייסען דיא האר פון קאפ. אונ ער האט גישריגען איך האב דאך גיקענט ברענגען אהער אסך שטיינער אוועלכע וואס זענען שוין גילעגין אין מיין מארבע. אונ איך האב

זייא

(ד) ויהי ערב ויהי בוקר יום הששי. אמר רבי יודן זו שעה יתירה **שמוסיפין** מחול על הקודש ובה נגמרה מלאכת העולם על כן כתיב הששי:

(ה) אמר רבי יוסי יהא חלקי ממכניסי שבת בטבריא:

(ו) אמר רבי שמעון בן לקיש נשמה יתירה נותן הקב"ה באדם ערב שבת ולמוצאי שבת נוטלין אותה הימנו שנאמר (שמות לא) שבת וינפש כיון ששבת ווי אבדה נפש:

(ז) יטהר האדם את עצמו בתשובה בערב שבת כאשה המטהרת מנידתה כי אין טומאה כטומאת העבירה וכו':

(ח) בערב שבת מצוה לטעום מכל תבשילי שבת לכבוד שבת:

מראה מקומות (ד) מדר"ר בראשית פ"ט. (ה) שבת קיח. (ו) ביצה טז: (ז) ספר המוסר: (ח) ירושלמי הובא במ' עמ"ב:

פירושים

(ה) ממכניסי שבת בטבריא. מפני שהיא עמוקה ומחשכת מבעוד יום וסבורין שחשכה: (ו) נשמה יתירה. רוחב לב למנוחה ולשמחה ולהיות פתוח לרווחה ויאכל וישתה ואין נפשו קצה עליו: וינפש. דדרשינן ליה ווי על הנפש שהלכה לה: (ח) מכל תבשילי שבת. כדי לתקן כהוגן. א"ז בשם מט"מ:

פירוש ע"ט

(ד) וַיְהִי. אין פסוק שטייט עס איז געווען אווענד און עס איז געווען פריא, דער זעקסטער טאג, האט רבי יודן געזאגט עס האט געקענט שטיין יום ששי פאר וואס שטייט יום הַשִּׁשִּׁי (מיט אַהֵא) נאר דאס מיינט מען דיא לעצטע שעה פון זעקסטין טאג וואס מען נעמט צוא דיא שעה פון דער וואכין אויף שבת, און אין דער שעה איז פארטיג געווארין דיא ארבעט פון דער וועלט, דרום שטייט הַשִּׁשִּׁי (דער זעקסטער) מיט אַהֵא:

(ה) אָמַר. רבי יוסי האט געזאגט הלואי וואלט איך געהאט אזוי אחלק אויף עולם הבא וויא דיא מענטשין וואס נעמען צוא שבת אין טבריא (זייא נעמען צוא שבת פריא, האבין זייא אגרויסין חלק אין עולם הבא):

(ו) אָמַר. רבי שמעון בן לקיש האט געזאגט פרייטאג פארין נאכט ווערט אריין געגעבין אין מענטשין א גרעסערע נשמה וויא זאל אים פריילאך מאכין פון זיינע זארג, און ער זאל ווערין היילגער צוא דינען גאט, און שבת-צוא-נאכט ווערט זיא צוא גינומען פון מענטשין, און עס בלייבט דיא נשמה פון אנאנצע וואך, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שבת וינפש, נאך דיא רוהונג פון שבת, ווי אבדה נפש, איז וויי דעם מענטש, ווארום ער האט פארלארין דעם נפש דיא נשמה פון שבת:

(ז) יְטַהֵר. יעדער מענטש זאל פרייטאג זיך ריינקין צוא טאהן תשובה פון דיא עבירות וואס ער האט גיטאן אגאנצע וואך. אזוי וויא אאשה וואס ריינקט זיך פון איר טומאת נדה, ווארום עס איז נישטא אאומריינקייט אזוי וויא אאומריינקייט פון דיא עבירות:

(ח) בְּעֶרֶב. פרייטאג איז אמצוה פאר זוכין פון אללע געקעכצין וואס מען קאכט אויף שבת:

משלי שבת

זייא ארויס גיווארפען. דער נמשל איז אז דער מענטש קומט אויף יענער וועלט און ער האט דיא קליינע מצוה וואס ער האט פרייטאג גירייניקט דיא שיך לכבוד שבת און ער זעהט וויפיל שכר מען גיט איהם פאר דער קליין מצוה'לע. הייבט ער אהן קלאגין און וויינען פאר וואס ער האט פארלאזט אזוי גרויסע מצות וואס ער האט זייא געקאנט גרינג טאהן. וואלט ער גיהאט טויזינד מאהל אזוי פיל שכר. דאס ברענגט דער מדרש דעם פסוק עס וועט זיין אין יענעם טאג. וואס מען וועט געבין יעדערין זיין שכר פאר דיא מצות. וועט זיין צוא געוויין און צוא קלאג ווארום יעדערער וועט וויינען ער האט דאך געקאנט אהן קלויבען אזוינע מיליאנען מצות. וואלט מען דאך געהאט שכר אהן אשיעור און אהן אערך:

(ה) אָמַר רבי יוסי יהא חלקי ממכניסי שבת בטבריא. ווארום דיא מצוה פון תוספת שבת איז זייער גרויס, אבער היינטיגע צייט איז מען, בעונותינו הרבים, נישט נזהר אין תוספת שבת, דען דער יצר הרע פאר בלענט דיא אויגין, און פונקט שפעט פארין נאכט שיקט ער צוא דעם בעל מלאכה ארבעט, און דעם קרעמער לייזונג, און דער מענטש זאלעוועט דעם ריוח, אבער מען פאר שטייט נישט, אז מען האט פון דעם ריוח גאר גישט, אזוי וויא דיא חז"ל האבין גיזאגט (פסחים נ) דער וואס טוט אמלאכה פרייטאג שפעט וועט ער נישט האבין אברכה פון דער ארבעט. האטש עס דאכט זיך טאקי אז מען האט פארדינט, אבער דער מענטש גיט [illegible] אפ, ח"ו דאקטורים, אדער ח"ו דורך אנדערע צרות. אז [illegible] גיפינען אז דיא מצוה פון תוספת שבת איז אסגולה

פרק ז מי שהחשיך לו בדרך:

(א) הלכה אדם מישראל שהי' מהלך בדרך ערב שבת וחשכה לו. והי' בידו מעות או דבר אחר. היאך צריך לעשות. כך שנו חכמים מי שהחשיך נותן כיסו לעכו"ם. ולמה מותר לו שיתן אותו לעכו"ם. אמר רבי לוי כשנצטוו בני נח לא נצטוו אלא על שבעה דברים ואין השבת מהן לפיכך התירו שיתן אותו לעכו"ם:

(ב) מעשה הי' בימי שלמה המלך בשלשה בני אדם שהיו מהלכין בדרך בערב שבת וקידש עליהם היום אמרו זה לזה בואו ונטמין ממונינו במקום אחד. והלכו והטמינו הממון. כשהגיע בחצי הלילה עמד אחד מהם ונטל הממון והטמין אותו במקום אחר. במוצאי שבת בקשו לילך לדרכם הלכו לאותו מקום ולא מצאו הממון. זה אומר אתה גנבת וזה אומר אתה גנבת וזה אומר אתה גנבת. הלכו לדון לפני שלמה המלך הסדירו לפניו הדברים

מראה מקומות פרק ז (א) מד"ר דברים פ"א: (ב) מדרש עשה"ד.

פירוש ע"ט

דער זיבעטער פרק שמועסט אז מען איז אין וועג און עס ווערט שבת:

(א) הלכה. דער מדרש פרעגט וויא איז דער דין אז אמענטש איז גיגאנגען פרייטאג אין וועג און עס האט אנגיהויבין צו ווערין פינסטער (עס איז גיווארין שבת!) און ער האט גיהאט ביא זיך געלט אדער אנדערע זאכין וואס מען טאר נישט האלטין אום שבת, וויא אזוי זאל ער טאהן? זאגט דער מדרש דיא חכמים האבין אזוי גילערינט ווער עס גייט פרייטאג פארין נאכט אין וועג און עס איז גיווארין פינסטער זאל ער באהאלטין זיין בייטיל מיט געלט ביא אעכו"ם, פרעגט דער מדרש פאר וואס מעג ער פרייטאג געבין געלד צוא אעכו"ם ער איז דאך גורם אז דער עכו"ם זאל מחלל שבת זיין, האט רבי לוי גיענטפערט ווייל דיא בני נח זענען גיבאטין גיווארין אז זייא זאלין מקיים זיין זיבין מצות, און אין דיא זיבין מצוה איז נישט דא דיא מצוה פון שבת, דרום איז אעכו"ם פטור פון היטין שבת, דרום מעג מען געבין געלט אעכו"ם, חאטש ער וועט מחלל שבת זיין:

(ב) מעשה. עס האט זיך גיטראפין ווען שלמה המלך האט גילעבט זענען דריי מענטשין פרייטאג פארין נאכט גיגאנגען צוא זאמען אין וועג, איז גיווארין שבת און זייא האבין נישט גיהאט ווען צוא געבין בהאלטין זייער געלט, האט זיך איינער אן גירופין לאמיר באהאלטין אונזער געלט אין דער ערד, האבין דיא דריי סוחרים אזוי גיטאהן זייא האבין אוים גיגראבין אגרוב, און יעדער האט דארט זיין געלט אריין גילייגט, עס איז אבער צווישין זייא גיוועזן איין סוחר וואס ער האט גיוואלט דיא פרעמדע געלט, איז ער גיגאנגען פרייטאג צוא נאכט און ער האט דאס גאנצע געלט צו גינומען און באהאלטין אין אנדער ארט, שבת-צוא-נאכט האבין זייא גיוואלט אוועק גיין, זענען זייא גיגאנגין צוא דעם ארט וואס זייא האבין אללע באהאלטין דאס געלט, און זייא האבין דאס געלט נישט גיפונען, יעדערער האט חושד גיוועזן דעם אנדערין אז ער האט דאס געלט צוא גיגאנבעט, זענען זייא גיגאנגען צוא שלמה המלך, פאר אים אדין תורה האבין, זייא האבין אים דער ציילט דיא מעשה, און זייא

משלי שבת

צו קינדער האבין. אזוי וויא עס איז גישריבין אין היילגין ספר ראשית חכמה, אז איינער האט שטארק גיוויינט פאר האר"י ז"ל, אז ער האט נישט קיין קינדער. און ער האט אים גיבעטין אז ער זאל אים געבין אסגולה. האט אים דער האר"י הקדוש גיזאגט, אז אויב ער וועט זיין גיווארינט אין תוספת שבת. צו נעמען שבת גאנץ פריא וועט ער האבין קינדער:

(א) הלכה. אדם מישראל שהיה מהלך בדרך ערב שבת וכו' נותן כיסו לעכו"ם, איך האב זיך דערמאנט אמעשה, איך בין אמאל גיפארין אין וועג, האב איך זיך פרייטאג אפ גישטעלט אין אשטאט שבת האלטין, איך האב זיך נאך גיפרעגט אויף א ארינטליכע אכסניא וואס מען זאל קענען אן טרויען דעם בעל הבית עטליכע הונדערט רובל. וואס איך האב מיט גיפירט מיט מיר. האט מען מיר אן

געווינן

אמרו לו לבקר את המשפט כששמע הדברים היה אומר אם איני אומר להם הדין עכשיו. יאמרו אי' חכמתו של שלמה. מה עשה. ישב וחקר בחכמתו ובינתו להחזיר להם תשובה ולתפוס אותם מתוך דבריהם כיון שחזרו אצלו התחיל לדבר להם. אמר שמעתי עליכם שאתם בעלי תורה ובעלי חכמה ומשפטים בבקשה מכם דין אחד אני שואל לכם אשר מלך רומי שלח אלי לשאול להקרני בדבר שאירע לו במלכותו בתינוק ותינוקות שהיו הרין בחצר אחד ונתאוה זה אל זה אמר התינוק לתינוקות בא ונעשה תנאי בינינו בשבועה שכל מי שירצה לארוס אותך אל תשמע לו אלא ברשותי ונשבעה לו כך. לימים נתארסה אותה התינוקות כיון שנכנס החתן אלי' אמרה לו איני שומעת לך עד שאלך אצל פלוני ואשאל רשות ממנו שכבר נשבעתי לו. מה עשתה הלכה אצלו ואמרה טול כסף וזהב הרבה ופטרני לבעלי. אמר הואיל ואת עומדת בשבועתך הרי אני פוטרינך לבעלך ולא אקח משלך כלום ולבחור שבא עמה אמר לו שמח בחלקך בשלום והלכו להם. כשהיו חוזרים בדרך פגע בהם ליסטים והי' ביניהם זקן אחד ונטל לעצמו את הנערה ואת כל הכסף והזהב אשר עמהם והתכשיטין אשר עליהן ורצה

פירושים

(ב) לבקר את המשפט. לעשות בקורת וחקירה ודרישה בדבר המשפט:

פירוש ע"ט

האבין צוא אים גיזאגט אז ער זאל פסקענען, דער גרויסער חכם שלמה המלך האט זיך גיטראכט אין הארצין, אויב איך וועל זייא נישט זאגין אפסק וועלין זייא זאגין אז שלמה המלך איז נישט קיין חכם, וואס האט שלמה המלך גיטאהן, האט ער אין דעם שטארק גיקלערט מיט זיין חכמה וואס זייא ענטפערין, איז בייא אים גיבליבין אז נאר פון זייערע רייד וועט ער קענען זאגין אפסק, אז זייא זענין גיקומען צוא אים דעם אנדערין מאל האט שלמה המלך גיזאגט צוא זייא, איך האב גיהערט אויף אייך אז איר קענט לערנען, און איר זענט קליגע מענטשין, דרום בעט איך אייך אזוי וויא דער קיסר פון רומי האט צוא מיר גישיקט אמשפט איך זאל פסקענען, פרעג איך אייך אז איר זאלט זאגין וועד איז גירעכט, דער קיסר פון רומי האט מיר גיפרעגט וועגין אמעשה וואס האט זיך גיטראפין אין זיין מדינה, עס איז גיוועז איונגיל מיט אמיידיל וואס האבין גיוואהנט אין איין הויף, האבין זייא זיך פאר גלוסט איינער צום אנדערין, האט גיזאגט דער יונגיל צו איר, לאמיר ביידע שווערען, אז קיינער פון אונז טאר נישט פאר קנסט ווערין ביז מען וועט פרעגען דעם צווייטין פון אונז, אויב ער גיט אויף דעם רשות, און זייא ביידע האבין אזוי גישווארין, אין אצייט ארום איז דיא בתולה אכלה גיווארין, וויא דער חתן האט שוין גיוואלט חתונה האבין מיט איר, האט זיא אים גיזאגט אז זיא מוז פריער פרעגין דעם וואס זיא האט גישווארין אז זיא וועט נישט חתונה האבין ביז זיא וועט אים פריער פרעגין, דיא כלה איז גיגאנגען צוא אים, און האט אים גיזאגט, נאדיר גאלד און זילבער און גיב מיר רשות אז איך זאל מעגין מיט דעם דאזיגן חתן חתונה האבין, האט ער איר גיענטפערט, ווייל דוא האסט גיהאלטין דיין שבועה, און ביסט גיבליבין אערליכער מענטש, גיב איך דיר רשות אז דוא זאלסט חתונה האבין מיט אים, און איך וויל בייא דיר גאר נישט נעמען, און צוא דעם בחור וואס איז גיקומען מיט איר וואס ער איז איר חתן האט ער גיזאגט פריי זיך מיט דעם חלק וואס מען האט דיר גגעבין פון הימיל, ווארום זיא איז דאך זייער אערליכע, אז זייא זענען אוועק גיגאנגען אין וועג זענען אויף זייא בעפאלין גזלנים, איז צווישין זייא גיוועזן אאלטער, האט ער צוא זיך גינומען דיא בתולה מיט דיא זילבער

משלי

געווינין צו אאלטין מאן, בין איך צו גיפארין צוא דער אכסניא, און איך האב אים גיגעבין באהאלטין מיין געלט. בייא נאכט האב איך זיך גילייגט שלאפין אין אחדר, און דארטין האט זיך גילייגט שלאפין א אומבעקאנטער מאן. פלוצלונג הער איך

שבת

וויא עס האט גיגעבין אקלאפ אויף דער ערד. פרעג איך אים. רבי יוד! וואס האט דאס אזוי אקלאפ גיגעבין? ענטפערט ער מיר גאר נישט. עס איז ארוים גיפאלין פון מיינע הויזין מיין בייטיל מיט געלט. עס ליגט אין בייטיל הונדערט רוביל

לבוא על הנערה. אמרה לו ללסטים הזקן המתן לי מעט עד שאספר לך דבר אחד שאירע לי וספרה לו כל המעשה. אמרה הנערה ומה אותו בחור שהי' עומד בפרקו וכבש את יצרו ולא רצה לנגוע בי. אתה שאתה זקן ויש בדין לפניך יראת שמים בכל שעה על אחת כמה וכמה שאתה רוצה ליגע בי. הילך כל הכסף והזהב אשר אתי ופטרני ושלחני לשלום ואלך עם בעלי. כיון ששמע אותו זקן נשא עיניו לשמים ונשא בעצמו קל וחומר ומה אני זקן הולך על שפת קברי בכל יום ויום ועכשיו אני אעשה כך וכך. מה אני עושה שלחה והלכה עם בעלה והחזיר לה כל התכשיטין וכל הכסף והזהב שלקח מהם ולא רצה לנגוע וליהנות בכל אשר להן מאומה. עכשיו שלח אלי מלך רומי לפרש איזה מהן משובח מכל אלו. אמרו לי הדין. פתח הראשון ואמר משבח אני את הנערה שעמדה בשבועתה. פתח השני ואמר משבח אני את בעלה שכבש את יצרו ולא רצה ליגע בה. פתח השלישי ואמר משבח אני את הליסטים שגזל הממון והחזיר להם כל הממון שגזל ולא רצה ליגע בה. ועוד אם החזיר את האשה למה החזיר את הממון.

פירוש ע"ט

און געלד וואס זייא האבין גיהאט מיט זיך און דאס גאנצע צירונג וואס זייא זענין גיגאנגען אהן געטאהן, און ער האט געוואלט מאנס זיין דיא בתולה, האט זיא געזאגט צוא דעם אלטען גזלן איך בעהט דיך איך וויל דיר עפעס דער ציילין אמעשה, הער מיך אויס, האט זיא איהם דער ציילט דיא מעשה פון דעם בחור וואס זיא האט געשוואוירן צוא איהם, און ער האט איהר מוחל געוועזין דיא שבועה, האט זיא איהם אויס גיפירט, זעה איונגער מענטש וואס עס איז שוין גיוועזין זיין צייט חתונה צוא האבען, האט ער איינגעהאלטען דעם יצר הרע און ער האט מיר נישט גיוואלט אהן רירין, מכל שכן דוא וואס דוא ביסט שוין אאלטער מאן בדארפסטו אודאי מורא צוא האבין פאר גאט, און מיר נישט אהן רירין, און איך גיב דיר דאס זילבער און גאלד וואס איך האב בייא מיר, און לאמיר אוועק גיין בשלום מיט מיין מאן, וויא דער אלטער האט פון איהר גיהערט דיא רייד, האט ער אויף גיהויבין דיא אויגין צום הימיל און ער האט גיטראכט, מה דאך דער יונגער מאן האט זיך גישטארקט איבער דעם יצר הרע, כל שכן איך, וואס איך גייא נאהענט צום קבר אלע טאג, זאל איך מיך נישט שטארקען איבער דעם יצר הרע און טאהן אזוי אעבירה, האט ער זיא באלד אוועק גילאזט און זיא איז אוועק גיגאנגין מיט איר מאן, און ער האט איר אוועק גיגעבין אללע צירונג און דיא זילבער און גאלד וואס ער האט בייא זייא צוא גינומען, און ער האט נישט גיוואלט אהן רירין אין זייערע אזאך, אצונד אזוי וויא דער קיסר פון רומי האט מיר גישיקט פרעגין וועלכער איז צוא ווישין זייא דער פיינערער און ערליכער מענטש, דרום פרעג איך אייך, עטין זענט דאך סוחרים וואס איר פארשטייט אזאך, זאגט מיר דאס, האט דער ערשטער מענטש גיזאגט דיא בתולה איז פיינער און ערליכער פון אללע, ווארום זיא האט נישט גיוואלט עובר זיין אויף איר שבועה און זיא איז גיגאנגען פרעגין דעם בחור אויב ער פאזוואלעט איר חתונה צו האבין מיט דעם בחור, דער צווייטער מענטש האט גיזאגט, פיינער און ערליכער איז איר חתן, ווארום ער האט גובר גיוועזן דעם יצר הרע און ער האט גיוואוירט נישט אהן רירען איר ביז זיא האט גינומען רשות פון דעם וואס זיא האט אים גישוואוירין, דער דריטטער מענטש האט גיזאגט, פיינער און ערליכער איז דער אלטער גזלן, ווארום ער האט דאך צו גינומען בייא זייא דאס גאנצע געלד און ער האט זייא צוריק אוועק גיגעבין דאס געלד און ער האט איר נישט גיוואלט אן רירין, און נאך מיין ערליכער דאס ער גיטאהן, אז ער האט שוין נישט גיוואלט איר אהן רירין און ער האט איר אוועק גילאזט, אבער

משלי שבת

זילבער געלד. האט דאס גיגעבין אשטארקען קלאפ. האב מוחל. וואס איך וועל אייך פרעגין. פאר וואס האט איהר איך איהם גיזאגט. אומבעקאנטער מענטש. דיימשע מיר נישט גיגעבין צוא באהאלטען אייער געלד אונזער בעל

חבית

מיד פתח שלמה המלך ואמר מה זה שלא הי' שם אלא לשמוע אוזן הרהר אחר הממון שלא ראת מימיו. ממון זה על אחת כמה וכמה. מיד צוה שלמה המלך עליו וכפתוהו והלקוהו והודה לפניו והראה אותו מקום שהטמין שם ויראו כי חכמת אלהים בקרבו:

(ג) עובדא הוה בחדא גברא דהוה טעין ממוני' בערבות באפי רומשא. על בי כנשתי אשכח גברא מצלי ותפילין על רישי' אמר לי' לית לי מפקיד הדין ממונא אלא גבי הדין דהוא עטור מצוותי' דברי'. נסתי' ואפקדי' לגביה. בא לאפוקי שבתא כפר ביה אמר לי' לא לך הימניה אלא להדא שמא קדישא דהוי על רישך. נתעטף טליתו ועמד והתפלל באותו מקום. אמר לפניו רבונו של עולם לא הימניה אלא לשמך קדישא דהוי על רישין. מגוי צלוי נם ודמך ליה איתגלי אליהו זכור לטוב על ההוא גברא אמר זיל

מראה מקומות: (ג) פסיקתא דר"כ פכ"ב:

פירושים

(ג) דהוה טעין ממוני'. שהי' נושא מעותיו: בערבות באפי רומשא. בערב שבת לעת ערב: דהוא עטור מצוותיה דברי'. ר"ל שהוא עטור בתפילין מצות הבורא: נסתי'. לקח הטעין: ואפקדי' לגבי'. הפקידו אצל זה: מגוי צלוי נם ודמיך לי'. מתוך תפלתו נתנמנם ויסן לו: סימן דהוה לי' עמה. סימן הי' לו

פירוש ע"ט

צוּא וָאס דָאט עֶר דָאס גֶעלְד זַייא צוּרִיק אַוֶועק גִיגֶעבִּין, הָאט בַּאלְד גִיזָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ דָאס גֶעלְד וָואס אִיז גִיוָוארִין גִיגַנְבֶעט פְרַייטָאג צוּ נַאכְט הָאט דָאס גִיגַנְבֶעט דֶער דְרִיטֶער מֶענְטְשׁ, ווָארוּם מַה דָאךְ דָאס גֶעלְד וָואס עֶר הָאט גִיהֶערְט אַז דֶער נַזְלָן הָאט צוּרִיק גִיגֶעבִּין דִיא פָּאר פָּאקְ, הָאט עֶר פוּן דֶעם מְהַרְהֵר גִיוֶועזִין, וָואס דָאס גֶעלְד הָאט עֶר קַיין מָאל נִישְׁט גִיזֶעהְן, צַכַּל שֶׁכֵּן דִיא גֶעלְד פוּן דִיא צְווייא שׁוּתָּפִים הָאט עֶר אַוַדַאי צוּא זַייא חֵשֶׁק גִיקְרִיגִין אוּנ צוּגִינוּמֶען, הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ גִיהֵייסִין זַיינֶע מְשָׁרְתִים אַז זַייא זָאלִין אִים גֵייזִין אַז עֶר זָאל מוֹדֶה עַל הָאֱמֶת זַיין, אוּנ עֶר הָאט טַאקֶע מוֹדֶה גִיוֶוען, אוּנ עֶר הָאט גִיוִויזִין דֶעם אָרְט ווָאו עֶר הָאט בַּאהַאלְטִין דָארְט דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד, הָאבִּין אַלֶע מֶענְטְשִׁין גִיזֶעהְן אַז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ אִיז טַאקֶע אַגֶעטְלִיכֶער חָכָם:

(ג) עוּבְדָא. עֶס אִיז גִיוֶוען אַמַעֲשֶׂה, אַמֶענְטְשׁ הָאט גִיטְרָאגִין גֶעלְד פְרַייטָאג-פַארִין-נַאכְט [אוּנ עֶר הָאט נִישְׁט גִיוְויסְט בַּייא וֶועמֶען דָאס צוּ בֶּעהַאלְטִין] אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אִין שׁוּהְל הָאט עֶר דָארְט גִיטְרָאפִין אַמֶענְטְשׁ דַאוֶוינְט אוּנ עֶר אִיז גִיגַאנְגִין אָן גִיטָאהְן אִין תְּפִילִין, הָאט עֶר זִיךְ גִיטְרַאכְט אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּייא וֶועמֶען צוּא בֶּעהַאלְטִין דָאס גֶעלְד נָאר בַּייא דֶעם יוּד וָואס דַאוֶוינְט יֶעצְט, ווָארוּם עֶר גֵייט דָאךְ אִין תְּפִילִין וָואס אִיז אַמִצְוָה פוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִיז עֶר מִסְתָּמָא אַעֶרְלִיכֶער מַאן, הָאט עֶר גִינוּמֶען דָאס גֶעלְד אוּנ הָאט דָאס גִיגֶעבִּין צוּא בֶּעהַאלְטִין דֶעם יוּד וָואס הָאט גִידַאוֶוינְט, דֶער יוּד אִיז גִיקוּמִין שַׁבָּת-צוּא-נַאכְט צוּא דֶעם יוּד אַז עֶר זָאל אִים צוּרִיק. גֶעבִּין דָאס וָואס עֶר הָאט אִים גִיגֶעבִּין צוּא בַּאהַאלְטִין, הָאט עֶר אִים גִילֵייקֶנְט אַז עֶר הָאט בַּייא אִים גָאר נִישְׁט גִינוּמִין, הָאט גִיזָאגְט דֶער יוּד וָואס הָאט גִיגֶעבִּין צוּא בַּאהַאלְטִין דָאס גֶעלְד, נִישְׁט דִיר הָאבּ אִיךְ גִיגְלֵייבְּט, אִיךְ הָאבּ גִיגְלֵייבְּט נָאר צוּא דֶעם הֵיילִיגִין נָאמִין וָואס אִיז גִיוֶוען אוֹיף דַיין קָאפּ [דָאס אִיז דִיא תְּפִילִין] הָאט דֶער יוּד [וָואס עֶר הָאט גִיגֶעבִּין בַּאהַאלְטִין דָאס גֶעלְד] אָן גִיטָאהְן דֶעם טַלִּית אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט דַאוֶונֶען אִין יֶענֶעם אָרְט, וָואס עֶר הָאט אִים גִיגֶעבִּין דִיא גֶעלְד [דָאס מֵיינְט מֶען אִין שׁוּהְל] אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט הַאר פוּן דֶער וֶועלְט אִיךְ הָאבּ דֶעם יוּד נִישְׁט גִיגְלֵייבְּט נָאר דַיין הֵיילִיגִין נָאמִין וָואס אִיז גִיוֶוען אוֹיף זַיין קָאפּ, פוּן זַיין בִּיטֶער הַארְץ אוּנ פוּן זַיין בֶּעטִין אִיז עֶר אַנְשְׁלָאפִין גִיוָוארִין, הָאט זִיךְ צוּא

משלי שבת

הַבַּיִת. עֶר אִיז דָאךְ אַגַאנְץ עֶרְלִיכֶער מַאן. אוּנ מֶען קָאן דָאךְ אִיהְם גִיטְרוֹיעֶן גֶעלְד. עֶנְטְפֶערְט מִיר דֶער יוּד. טְרוֹיעֶן אַ אִיבֶּעקַאנְטִין מֶענְטְשׁ הוּנְדֶערְט רוּבִּיל הָאבּ אִיךְ קַיין חֵשֶׁק נִישְׁט גִיהַאט. וָוארוּם הוּנְדֶערְט רוּבִּיל אִיז דָאךְ עֶפֶּעס אַהִיפְּשֶׁע מַטְבֵּעַ. הָאבּ אִיךְ אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט. אוֹיבּ אִיהְר וֶועט נִישְׁט פַארִיבִּיל הָאבִּין. וֶועל אִיךְ אַייךְ זָאגִין אַז מֶען

בדארף

אמור לאיתתא דההוא גברא סימן דהוה לי' עמה אכלין בלילי פסחא חמיר ובליל צומא רבה מן ההוא מינא. יבולי מקמת פלן. נסתה ויהבה ליה כיון דאתא שרי חביט עלה. אמרה לי' מה את חביט עלי סימנא דהוה ביני לבינך יהב לי ויהבת ליה אמר הואיל ונתפרסמו נהזור לסורינו:

(ד) אמר שמואל כספים אין להם שמירה אלא בקרקע אמר רבא ומודי שמואל בערב שבת בין השמשות דלא אטרוחוהו רבנן. ואי שהה למוצאי שבת שיעור למקברינהו

מראה מקומות (ד) בב"מ דף מב:

פירושים

עמה: אכלין בלילי פסחא חמיר. אכלו חמץ בליל פסח: ובליל צומא וכו'. ובליל יום כיפור אכלו ג"כ ממין מאכל פלוני: יבולי מקמת פלן. קח חפץ פלוני: נסתה ויהבה לי'. לקחה אותה הטעון שהפקיד ונתנה לו: שרי חביט עלה. התחיל להכותה: מה את חביט עלי. למה אתה מכה אותי: נהזור לסורינו. למעשינו הראשונים שהיו גוים מתחילה ונתגיירו:

(ד) אין להם שמירה וכו'. דאם לא שמרם ונגנבו פשיעה היא:

פירוש ע"ט

אים באוויזין אליהו הנביא, האט ער אים גיזאגט אז ער זאל גיין זאגין זיין ווייב דעם סימן וואס זייא האבין גיהאט צוא ווישין זיך, אז זייא האבין פסח בייא נאכט גיגעסין חמץ, אונ אום יום כפור האבין זייא גיגעסין פון יענעם מין, אונ אז דוא וועסט זאגין דעם סימן וועסט דוא אפ נעמין דיין געלד, דער יוד איז גיגאנגין צוא איר אונ האט איר אזוי גיזאגט, האט זיא גינומין דאס געלד אונ אים אוועק גיגעבין, נויא איר מאן איז גיקומין, האט ער זיא גישלאגין פאר וואס זיא האט דעם יוד צוריק גיגעבין דאס געלד, האט זיא אים גיזאגט פאר וואס שלאגסט דוא מיך? דעם צייכין וואס איז גיוועז צווישין אונז ביידע, האט מיר דער יוד גיזאגט, דרום האב איך גימיינט אז דוא האסט אים גיזאגט דעם צייכין כדי איך זאל אים אוועק געבין דאס געלד: האט ער זיך אהן גירופין ווייל מען וויים שוין אין שטאט (ער האט נישט גיוויסט אז דאס האט אים אליהו הנביא גיזאגט) אז מיר זענין נישט קיין יודין (וואראום מיר האבין גיגעסין חמץ אום פסח אונ אום יום כפור) וועלין מיר זיך צוריק קערין אום צוא אונזער ערשטין גלויבין (וואראום זייא זענין גיוועזן פאלשע גרים):

(ד) אמר. שמואל האט גיזאגט געלד האט נישט קיין באהעלטעניש נאר אין דער ערד (אויב איינער האט גיגעבין געלד זיין חבר ער זאל זייא היטין מוז דער חבר באהאלטין דאס געלד אין דער ערד אונ אויב ער האט דאס נישט באהאלטין אין דער ערד אונ עס איז גיגנבעט גיווארין בדארף דער חבר אים צוא באצאלין), האט רבא גיזאגט שמואל איז מודה אז אויב ער האט גיגעבין דאס געלד צוא באהאלטין פרייטאג פארין נאכט איז ער דעמאלס נישט מחוייב אוים צוא גראבין אגרוב אונ דאס געלד באהאלטין אין דער ערד, נאר איבער דעם גאנצין שבת מעג ער האלטין דאס געלד בייא זיך אין שטוב (דרום אויב עס איז גיגנבעט גיווארין אום שבת איז ער פטור) נאר שבת צוא נאכט באלד וויא עס ווערט נאכט מוז ער דאס געלד באגראבין, אונ אויב דאס געלד איז נישט גיגנבעט גיווארין אום שבת אונ עס איז גיגנבעט גיווארין שבת צוא נאכט, אונ עס האט גידויערט אזוי פוהל צייט וואס מען האט שוין גיקאנט דאס געלד באגראבין אין דער ערד, אונ ער האט נישט באגראבין, אונ דאס געלד איז גיגנבעט גיווארין, בדארף ער באצאלין, אונ אויב דער וואס האט גיגעבין דאס געלד באהאלטין איז אערליכער יוד, איז דער וואס האט גינומין דאס געלד פטור, וואראום ער קען זאגין

משלי שבת

בדארף אייך פירין אין דול הויז. ווייל איהר שיינט מיר אויס וויא אחסר דעה. באטראכט נאר אייער סאקוועיאז מיט הונדערט טויזנד רובל. דאס איז אייער לעבין אונ אייער ווייב'ס אונ קינדער'ס לעבין. ניטרוים איהר אהן דעם בעל הבית. דעם רבונו של עולם. אלע נאכט ווען איהר לייגט זיך שלאפען. אונ הונדערט זלבערנע קארבין. געטרויט איהר איהם נישט. אונ טראגט דאס אום שבת. דאס קאן טאהן נאר אמענטש וואס האט נישט קיין סארף

אין

ולא קברינהו מחייב ואי צורבא מרבנן הוא סבר דילמא מיבעי׳ לי׳ זוזי לאבדלתא:

(ה) ויאמר אלהים תוצא הארץ וגו׳ רבי אומר אלו השדים שברא הקב״ה את נשמתן ובא לבראות את נופן וקדש השבת ולא בראן. ללמדך דרך ארץ מן השדים שאם יהי׳ ביד אדם חפץ טוב או מרגליות. ערב שבת עם חשכה אומרין לו השלך ממך. שמי שאמר והי׳ העולם הי׳ עסוק בברייתו של עולם וברא את נשמתן ובא לבראות את גופן וקדש שבת ולא בראן:

(ו) אבא תחנה חסידא נכנס לעירו ערב שבת עם חשיכה וחבילתו מונחת לו על כתיפו ומצא מוכה שחין אחד מוטל בפרשת דרכים. אמר לי׳ רבי עשה עמי צדקה והכנסני לעיר. אמר אם אני מניח חבילתי מהיכן אתפרנס אני וביתי. ואם אני מניח את מוכה שחין אני מתחייב בנפשי. מה עשה המליך יצר טוב על יצר הרע והכניסו למוכה שחין

מראה מקומות (ה) מד״ר בראשית פ״ז (ו) מד״ר קהלת פ״ט:

פירושים

ואי צורבא מרבנן הוא. המפקיד שהוא חרד על מצות הבדלה על הכוס אמר השומר דלמא מיבעי לי׳ זוזי לאבדלתא להכי לא קברינהו ופטור:

(ה) אלו השדים. שהם מורכבים משני יסודות הזכים האש והאויר. ולפיכך לא יראו השדים לזוכתם (רמב״ן): נשמתן. ופסוק ותוצא הארץ מדבר בנשמות דכתיב נפש חיה: ובא לבראות את גופן וכו׳ ולא בראן. היינו שלא ברא גופן בשלימות כשאר המורכבים מארבע יסודות. אבל גוף ודאי יש להם:

פירוש ע״ט

דְרִיבֶּער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט בַּאגְרָאבְּין דָאס גֶעלְד וַוייל אִיךְ הָאבּ גִיטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט זַייא בַּאלְד מוֹצָאֵי שַׁבָּת צוּא נֶעמִין וָוארוּם עֶר וֶועט זַייא בְּדַארְפִין צוּא הָאבִּין אוֹיף קוֹיפִין וַויין אוֹיף הַבְדָלָה, דְרִיבֶּער אוֹיבּ דָאס גֶעלְד אִיז דֶער וַוייל שַׁבָּת צוּא נַאכְט גִיגַנְבֶט גִיוָוארִין אִיז עֶר פָּטוּר אוּנ בְּדַארְף דָאס גֶעלְד נִישְׁט בַּאצָאלִין:

(ה) וַיֹּאמֶר. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט נָאט הָאט גִיזָאגְט דִיא עֶרְד זָאל אַרוֹיס צִיהֶען פוּן זִיךְ אַלֶעבִּידִיגִין נֶפֶשׁ, הָאט רַבִּי גִיזָאגְט דָאס זֶענִין דִיא שֵׁדִים, נָאט הָאט פְרֵייטָאג בַּאשַׁאפִין זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת אוּנ עֶר הָאט גִיוָואלְט בַּאשַׁאפִין זֵייעֶרֶע גוּפִים, דֶער וַוייל אִיז גִיוָוארִין שַׁבָּת, זֶענִין זֵייעֶרֶע גוּפִים נִישְׁט בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין, זֶענִין דִיא שֵׁדִים גִיבְּלִיבִּין נְשָׁמוֹת אָהְן גוּפִים, אוּנ אִין אֱמֶת הָאט נָאט גִיקֶענְט בַּאשַׁאפִין דִיא גוּפִים פוּן דִיא שֵׁדִים אוֹיךְ, נָאר נָאט הָאט זַייא נִישְׁט בַּאשַׁאפִין כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ לֶערְנִין דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּן דִיא שֵׁדִים, אַז אַמֶענְשׁט וֶועט הָאבִּין בַּייא זִיךְ פְרֵייטָאג פַארִין נַאכְט אַטֵייעֶרֶע זַאךְ אָדֶער אַדִימַאנְט, זָאגְט מֶען צוּא אִיהְם וַוארְף דָאס אַוֶועק אוּנ טְרָאג דָאס נִישְׁט אוּם שַׁבָּת, וָוארוּם נָאט אִיז פְרֵייטָאג גִיוֶוען בַּאשֶׁעפְטִיגְט אִין דִיא וֶועלְט בַּאשַׁאפוּנְג, אוּנ עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין נְשָׁמוֹת, אוּנ אֵיידֶער עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין זֵייעֶרֶע גוּפִים אִיז גִיוָוארִין שַׁבָּת, הָאט עֶר גִילָאזְט דִיא נְשָׁמוֹת אָהְן גוּפִים, אוּנ דִיא גוּפִים הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גִיוָואלְט בַּאשַׁאפִין:

(ו) אַבָּא. אַבָּא תַּחְנָה דֶער חָסִיד אִיז אַמָאהְל גִיגַאנְגִין אַהֵיים פְרֵייטָאג שְׁפֶּעט פַארִין נַאכְט, אוּנ זַיין פֶּעקִיל הָאט עֶר גִיטְרָאגִין אוֹיף דִיא פְּלֵייצִים, הָאט עֶר גִיטְרָאפִין אַקְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיף דֶעם וֶועג, הָאט צוּא אִים גִיזָאגְט דֶער קְרַאנְקֶער, רַבִּי טוּה מִיר אַטוֹבָה אוּנ טְרָאג מִיךְ אַרַיין אִין שְׁטָאט, הָאט אַבָּא תַּחְנָה זִיךְ גִיטְרַאכְט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אַוֶועק לֵייגִין מַיין פֶּעקִיל פוּן וֶועלְכִין וֶועל אִיךְ שְׁפֵּייזִין מַיין פַאמִילְיֶע, אוּנ אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דָא לָאזִין לִיגִין דֶעם קְרַאנְקִין, וֶועט זַיין אוֹיף מִיר אַגְרוֹיסֶע זִינְד, וָואס הָאט אַבָּא תַּחְנָה גִיטָאן עֶר הָאט גִישְׁטַארְקְט דֶעם יֵצֶר טוֹב אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרָע, אוּנ הָאט אִיבֶּער גִילָאזְט דָאס פֶּעקִיל אוֹיף דֶעם

משלי שבת

אִין קָאפּ. וָוארוּם בֶּאֱמֶת בַּאדַארְף מֶען נֶעמְרוֹיעֶן הַשֵׁ״ית וִוידֶערְשְׁפֶּענִיגִין אוּנ חָלִילָה טְרָאגִין אִים שַׁבָּת גֶעלְד אַז הוּנְדֶערְט רוּבִּיל קֶען עֶר אַלֶע מָאל צוּא נֶעמִין אוּנ אַלֶע אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכִין וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טְרָאגִין, מָאל אַוֶועק גֶעבִּין. דָרוּם בַּאדַארְף מֶען אִיהְם נִישְׁט אוּם שַׁבָּת:

לעיר. ובא ונטל את חבילתו ונכנס עם דמדומי חמה והי' הכל תמהין ואומרין זה הוא אבא תחנה חסידא. אף הוא הרהר בלבו ואמר תאמר שמא חללתי את השבת. באותה שעה הזריח הקב"ה את החמה וכו' באותה שעה הרהר בלבו ואמר תאמר שמא נתקבל שכרי. יצתה בת קול ואמרה לו (קהלת ט') לך אכול בשמחה לחמך וגו' לא נתקבל שכרך:

(ז) מעשה פעם אחד בחרו אנשי ירושלים את אחד מהחכמים לשלחו על פני הוצות לעורר את רחמי האחים יושבי חו"ל להשכיל ולהטיב לדלים. אך בחשבו כי הם עוברים דרך מדבר שנים עשר ימים ויותר ובינימו יום שבת קודש. התנה הרב התמי' עם מנהל וראש השיירה לעמוד ולנוח ביום הקדוש הלזה. המנהל לקח משכרת בעד העמידה הזאת ויסעו שיירה גדולה יחד ויהי ביום הששי בעת רד היום מאד והשמש נטתה לבוא וימאן המנהל ויתן כתף סוררת לכל בקשת הרב עדי אחרי הפצירו בו פעמים ושלש גזר אומר לנסוע הלאה מבלי תת אף כרגע לעמוד. ועמד משתומם מדאבון נפש ועצובת רוח. ויתרוצצו בקרבו אלף דעות שונות אם לחלל את כבוד השבת לנסוע עם השיירה או להפרד מהם ולהשאר גלמוד במדבר בין חיות השדה. אולם בהמלך לבו חשב בהלוך רעיוניו בהשארי

מראה מקומות (ז) הובא בספרים:

פירושים

(ו) דמדומי חמה. קרוב לשקיעתה היא אדומה וכן דרשו בב"ר (פ' ע"ט): זהו אבא וכו'. בתמי' למה הוא שהה כל כך לבוא מן השדה בע"ש: שמא נתקבל שכרי. שנתקפת זכותי במה שהזריח הקב"ה החמה בשבילי:

פירוש ע"ט

מיטין וועג, אונ האט אריין גיטראגין דעם קראנקין אין שטאט אריין, נאכדעם איז ער גיקומען צוריק אויף דעם ארט וויא ער האט איבער גילאזט דאס פעקיל אונ האט צוא גינומין דאס פעקיל אונ איז אריין גיקומען אין שטאט אריין שפעט נאהנט צוא שבת, האבין זיך אללע שטאט לייט גיוואונדערט אונ האבין גיזאגט דאס איז דער חסיד אבא תחנה, ומחמת קיינעם האט זיך נישט גינגלייבט אז אבא תחנה דער חסיד זאל קומען אזויא שפעט אין הארצין האט ער אויך גיטראכט, טאמער האב איך מחלל שבת גיוועזן, האט גאט אויפגישיינט דיא זוהן, האבין אללע גיזעהן אז עס איז נאך נישט שפעט וכו', דעמאלט האט אבא תחנה גיטראכט טאמער האב איך שוין אפ גענומען דעם שכר פון מיינע מצות, איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימיל אונ עס האט גיזאגט גייא עס מיט שמחה דיין ברויט וכו' דוא האסט נאך נישט מקבל גיוועזן דיין שכר:

(ז) מעשה. איין מאהל האבין דיא יודין פון ארץ ישראל אויס גיוויילט א רב אז ער זאל פארין קיין חוץ לארץ, אויף קלאבין נדבות צו העלפין דיא ארימע יודן אין ירושלים, אונ וויל ער האט פריער בארעכינט אז מען בדארף פאהרין צוועלף טאג דורך דער מדבר וועט דאך אין מיטען זיין שבת, האט דער רב אויס גירעד מיט דעם עלצטין פירער אז אום שבת זאל דיא גאנצע מחנה רוהען, אונ ער האט גענומען דער פאר בייא דעם רב אשיינע מתנה, אונ האט אים צוא גיזאגט אזוי צוא טאהן, פרייטאג פארין נאכט ווען דיא זוהן האט שוין אנגיהויבען צוא בליקען אויף דער מדבר מיט אירע לעטצטע שטראלין, האט דער רב גיזאגט צום עלצטין, וועגען רוהען אום שבת וויא זייא האבין אפ גירעט, אבער ער האט זיך גאר נישט גימאכט הערינגריג, אונ וויא דער רב האט אים אן גיהויבין שטארק צוא בעטין, האט ער גיענטפערט דעם רב גאר פראסט, אז דאס איז אוממעגליך אפ האלטין אגאנצע מחנה צוא ליב איין מענטש, דרום וועט ער אפילו קיין רגע אויך נישט ווארטען, וויא דער רב האט דאס גיהערט, איז אים גיווארין פינסטער אין דיא אויגין, ער האט זיך באטראכט אז ער האט נישט קיין אנדערע עצה נאר איינע פון דיא צוויא, אדער מיט ריייזן מיט זייא אונ מחלל זיין דעם הייליגין שבת, אדער אפ שיידין זיך פון דער קאמפאניע אונ פארבלייבין אליין אין דעם שרעקליכען מדבר, וואס איז פוהל מיט ווילדע חיות, עטליכע מינוט האט דער רב גיקלערט, אונ נאכדעם

האט

בדד במדבר פן ואולי תדבקני הרעה ומתי. אולם בהללי את יום השבת אז אבדן נשמתי בחיים נצחי ויהי' להס־ין לא יוכל להמנות. אז לא אחר הרב לרדת מבר הפרד ויקח את צרור החפצים אשר אתו על שכמו ויעזוב את השיירה הנוסעת קדימה. ומקצת אנשים שחקו עליו כמו על משתגע וחסרון דעת. ומקצתם נכמרו נחומם עליו כמו על לקוח למות. השמש נטתה כבר ויפן הרב את פניו המזרחה ויתפלל וקבל שבת קודש בכוונה רצוי'. ואחר התפלה הוציא מאמתחתו יין ולחם לברך על קידוש היום ויאכל מארוחת הלהין אשר לפניו ושפתי רננות יהלל פיו בזמירות קדושות ונעימות לכבוד השבת. אולם הה. חרדת מות נפלה עליו. בהסבו עיניו פתאום והנה ארי אדיר נוהם לפניו. לא האמין עוד בנפשו וחייו תלוי בשערה. אך הארי' רבץ על הארץ לפני הרב. ויביט אליו בעיני רחמים ונחומי' והפחד הלך ממנו ושב לארוחתו ולזמרת השירים לכבוד השבת כבתהלה. אחת ואחת עד כי הארי נרדם וגם הרב נרדם בעפרות המדבר בהקיצו משנתו בעת הבקע אור השחר ועיניו משוטטות הנה והנה וירא את שומרו רובץ באיתנו הראשון בעיני רחמים וחנונים לפניו. אז האמין הרב כי הוא שומרו להגן בעדו ככה חלף הלך לו יום המנוה בהגינו תהגוגים ובזמירות ההלל. אחר ההבדלה התנשא הארי' אשר רבץ כל היום במרגוע וכמו כלב נאמן התנועע בזנבו וילקק כיד הרב בפיהו ובלשונו. עד כרע רבץ לרגלי הרב.

פירוש ע"ט

האָט ער צוא זיך אַליין גירעדט, אַז איך וועל מיך אָפּ שיידין פון דער קאָמפּאַניע, און איך וועל דאָ בלייבין רוהען אום שבת און נאָכדעם וועל איך רייזין איינער אַליין אין דער מדבר קען מעגליך זיין אַז איך זאָל בלייבין לעבין, ביי גאָט איז אַלעס מעגליך, אָבער אויב איך וועל יעצט מחלל שבת זיין, וועל איך טאָן אַגרויסע עבירה, און איך וועל דאָס אייביג נישט קאָנען פאַרריכטין דרום איז גלייכער אַז איך זאָל דאָ בלייבין האַלטין שבת און ער האָט טאַקי אַזוי גיטאָן, ער איז אַראָפּ גיגאַנגען פון פערד מיט זיינע באַגאַז, און ער האָט זיך פון דער קאָמפּאַניע אָפּ גישייד, אַסך פון די רייזענדער האָבין פון אים גילאַכט זיי האָבין אים גירעכינט פאַר אַמשוגע'נעם, צוא פאַרבלייבין אַליין אין אַזוי אַגיפערליכען מדבר, און עטליכע אָרינטליכע מענטשין האָבין אויף אים שטאַרק רחמנות גיהאַט, וואָס ער שטעלט איין זיין לעבין אין גיפער, און די קאָמפּאַניע האָט אַוועק גיריימט. די זוהן איז אונטער גיגאַנגען, האָט דער רב זיך גישטעלט דאַוונען, און האָט מקבל שבת גיוועין, נאָכדעם האָט ער אַרויס גינומען וויין פון זיין באַגאַז, און ברויט, און ער האָט גימאַכט קידוש, און לכבוד שבת האָט ער גיגעסין אַסעודה פון אַלין וואָס ער האָט גיהאַט מיט זיך, נאָכדעם האָט ער גיזונגען זמירות, פּלוצלונג איז ער דערשראָקין גיוואָרין, ער האָט זיך אַרום גיקוקט אַז אַשטאַרקער לייב ברימט פאַר אים, ער האָט גימיינט עס איז שוין ענדע זיין לעבין, נאָר דער לייב האָט זיך פאַר אים אַנידער גילייגט אויף דער ערד, און האָט אויף אים גיקוקט מיט פריינדליכע בליקין, איז פון רב אַוועק די שרעק, און ער איז צוא זיין מוט צוריק גיקומען, האָט ער צוריק אָהן גיהויבין עסין און ער האָט ווייטער גיזונגען לכבוד שבת, דער לייב איז אַנשלאָפין גיוואָרין, און דער רב האָט גיקאַנצעט די סעודה, און ער איז אויך אַנשלאָפין גיוואָרין, די זוהן האָט אָנגיהויבין אַרויס שיקין איהרע ליכטיגע שטראַלין, האָט זיך דער רב אויף גיכאַפּט פון שלאָף, ער קוקט זיך אַרום הין און הער, האָט ער ווייטער דער זעהן אַז דער לייב שטייט לעבין אים, ווי נעכטין ביי נאַכט, און קוקט אויף אים מיט ליבלעכע בליקין, האָט שוין דער רב פאַרשטאַנען אַז בזכות וואָס ער האָט נישט גיוואָלט מחלל שבת זיין, און ער האָט זיך מוסר נפש גיוועין צוא בלייבין אַליין אין דעם פאַרכטיגען מדבר, האָט השי"ת אים צוא גישיקט אַגוטין שומר צוא פאַר היטין אים פון אַללע גיפערין, וואָס עס קען זיך טרעפין אין אַוויסטען מדבר, דער רב האָט פאַר ברענגט דעם גאַנצין טאָג שבת מיט דאַווענין און לערנען, און ווי דער רב האָט אָפּ גימאַכט הבדלה האָט זיך דער לייב אויף גיהויבין און אָהן גיהויבין צוא מאַכין

מיט

כמחלה את פניו לעלות על נכו. הרב הבין את רביצת הארי' מה הוא ויקח את צרורו ויניהו על נכו וגם הוא ישב עליו, מיד בדהרות אבירים הלך הארי האדיר במרוצתו כל הלילה ויאחוז בשערות צואריו ותהי לרסן בכפיו ונשאו כסוס דוהר. וישמע קול חיות מנהמות נורא מאד, כעלות השחר השיג הרב את השיירה רובצי' עם אהליהם וגמלים והפרדים כלמו ראו גם תמהו. הארי' רבץ וכרע כא' הגמלים לירד רוכבו מעליו. והרב ירד ממנו בשמחה עצומה. אחרי כן התנשא הארי' כמו רגע בנהמתו בק"ל עז ובהרימו את זנבו ובקציעות שערותיו המעופפות הרים את פעמי מרוצתו לנוס המדברה וחוש התעיף עיני השיירה בו ואיננו. מעתה חשבו והוקירו את הרב לבחיר אל וידידי'. המנהל הרשע חלה את פני הרב למחול לו על זדונו. כלמו קראו שמו מהיום ההוא ולהלאה אריאל. עוד כהיום הזה פורחת משפחת אריאל היקרה והנכבדת בחברון:

פרק ח' הדלקת נרות לשבת:

(א) אמר רב נחמן בר רב זבדא ואמרי לה אמר רב נחמן בר רבא אמר רב הדלקת נר בשבת חובה וכו':

מראה מקומות פ"ח (א) שבת כה:

פירושים

(א) חובה. כבוד שבת הוא שאין סעודה חשובה אלא במקום אור כעין יממא כפ' בתרא דיומא (דף ע"ה):

פירוש ע"ט

מִיט דֶעם עֶק אוּנ גֶילַאסְצֶעט זִיךְ אַרוּם רָב, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ אוּיס גֶישְׁפְּרֵייט אוּיף דֶער עֶרְד, אַזוֹי וִויא עֶר פַארְלַאנְגְט פוּן רָב אַז עֶר זָאל זִיךְ זֶעצִין אוּיף אִים רַייטִין. דֶער רָב הָאט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער לֵייבּ מֵיינְט, הָאט עֶר צוּזַאמֶען גֶיפַּאקְט זַיין בַּאגַאזְשׁ, אוּנ אַרוּיף גֶילֵייגְט אוּיף דֶעם לֵייבּ, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ אוֹיךְ אַרוּיף גֶיזֶעצְט אוּיף אִים, אִין אַ אוֹיגֶען-בְּלִיק הָאט זִיךְ דֶער לֵייבּ אַהֵייבּ גֶיטָאן אוּנ גֶענוּמֶען לוֹיפִין גִיךְ וִויא אַבְּלִיץ, אוּנ אִיז גֶילָאפִין אַ גַאנְצֶע נַאכְט אִין דֶעם וִויסְטֶען אוּנ פָארְכְטִיגֶען מִדְבָּר, דִיא לַאנְגֶע הָאר פוּן זַיין הַאלְדְז זֶענֶען גֶיוֶוען דֶעם רָב, וִויא גוּטֶע לֵייצִין אָהְן צוּא הַאלְטִין זִיךְ, בַּייטֶענְדִיג אִין דֶער מִדְבָּר הָאט דֶער רָב גֶיזֶעהְן וִויא ווִילְדֶע חַיוֹת לוֹיפִין מִיט פֶערְצִיקוּנְג אִין מוֹיל, אַבְּלַאסְק אוּיף דֶעם טָאג הָאט דֶער קוּנְסְטְלִיכֶער לָאקַאמַאטִיף [דֶער לֵייבּ] גֶיבְּרַאכְט זַיין טַייעֶרִין פַּאסַאזִירֶער מִיט זַיין בַּאגַאזְשׁ צוּא דֶער קָאמְפַּאנְיֶע, וָואס הָאבִּין אִים אִיבֶּער גֶילָאזְט פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט, אוּנ וִויא דֶער לֵייבּ הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶישְׁטֶעלְט, הָאבִּין זַייא זִיךְ דֶער שְׁרָאקִין, דֶער לֵייבּ הָאט גֶיקְנִיט וִויא אַקֶעמִיל, אוּנ דֶער רָב אִיז פוּן אִים אַרָאפּ גִינַאנְגֶען גַאנְץ פְרֵיילִיךְ, נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער לֵייבּ אוּיף גֶיהוֹיבִּין אוּנ גֶיגֶעבִּין אַגְרוֹיסִין בְּרוּהֶם, מִיט אַשְׁטַארְקִין קוֹל' אוּנ עֶר הָאט אַמַאךְ גֶיטָאן מִיט דֶעם עֶק, אוּנ זִיךְ אַשׁוּס גֶיטָאן אִין דֶער מִדְבָּר, אוּנ אִיז פַאר שְׁווִינְדֶען גֶיוָוארִין פוּן זֵייעֶרֶע אוֹיגִין, דֶעמָאלְט הָאבִּין אַלֶע פַארְשְׁטַאנֶען, אַז דֶער רָב אִיז אַהֵיילִיגֶער אוּנ אַגֶעטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, דֶער עֶלְצְטֶער אִיז אִים גֶיפַאלִין צוּא דִיא פִּיס אוּנ אִים גֶיבֶּעטִין אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין וָואס עֶר הָאט גֶיזִינְדִיגְט אַנְטְקֶעגִין אִים, אוּנ פוּן דֶעמָאלְט אָהְן הָאבִּין אַלֶע גֶירוּפֶען דֶער רָב [אַרִיאֵל] גֶעטְלִיכֶער לֵייבּ, צוּם אָנְדֶענְקוּנְג אַז גָאט הָאט צוּא אִים גֶישִׁיקְט אַלֵייבּ עֶר זָאל אִים הִיטִין אַנָאנְצִין שַׁבָּת, אוּנ בִּיז הַיינְטִיגִין טָאג אִיז נָאךְ דָא אַפַאמִילְיֶע אִין יְרוּשָׁלַיִם מִיט דֶעם נָאמֶען אַרִיאֵל:

דֶער אַכְטֶער פֶּרֶק שְׁמוּעֶסְט פוּן אָן צִינְדִין לִיכְט פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט אוּיף שַׁבָּת:

(א) אָמַר. רַב נַחְמָן בַּר רַב זַבְדָא הָאט גֶיזָאגְט. אַנְדֶערֶע רַבָּנָן הָאבִּין גֶילֶערִינְט רַב נַחְמָן בַּר רָבָא הָאט גֶיזָאגְט פוּן רַבְ'ס וֶועגִין אָהְן צִינְדִין לִיכְט פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט אוּיף שַׁבָּת אִיז אַחוֹב. יֶעדֶער יוּד מוּז דָאס מְקַיֵים זַיין:

אמר

(ב) אמר רב הונא הרגיל בנר הוין לי' בנים תלמידי חכמים. וכו' רב הונא חוה רגיל דהוה חליף ותני אפתחא דרבי אבין נגרא חזא דהוו רגילו בשרגי טובא אמר תרי גברי רברבי נפקי מהכא נפקי מינייהו רב אידי בר אבין ור' חייא בר אבין. רב חסדא הוה רגיל דהוה חליף ותני אפתחא דבי נשא דרב שיזבי חזא דהוה רגיל בשרגא טובא אמר גברא רבה נפיק מהכא נפיק מינייהו רב שיזבי:

(ג) דביתהו דרב יוסף הות מאחרה ומדלקת לה אמר לה רב יוסף תניא (שמות י"ג) לא ימיש עמוד הענן יומם ועמוד האש לילה מלמד שעמוד ענן משלים לעמוד האש ועמוד האש משלים לעמוד הענן. סברה לאקדומה אמר לה ההוא סבא תנינא ובלבד שלא יקדים ושלא יאחר:

מראה מקומות (ב) שבת כג · (ג) שם:

פירושים

(ב) בנים תלמידי חכמים. דכתיב (משלי ו') כי נר מצוה ותורה אור על ידי נר מצוה דשבת בא אור דתורה: דר' אבין נגרא. הרש עליס: בשרגא. דשבת: חליף ותני. עובר ושנוה כלומר עובר תמיד: דבי נשא. אביו ואיכא דאמרי חמיו: נפיק מינייהו. דהתנו כבנו:

(ג) מאחרה ומדלקת. נר של שבת סמוך לחשיכה: לא ימיש. קרא יתירה הוא להך דרשא דהא כתיב וה' הולך לפניהם יומם: עמוד הענן. של יום משלים אורו לעמוד האש שהי' עמוד האש בא קודם שיפקע עמוד הענן אלמא אורח ארעא בהכי: לאקדומי. בעוד היום גדול: תנינא. סונה אני: שלא יקדים. דלא מינכרא שהיא של שבת:

פירוש ע"ט

(ב) אמר. רב הונא האט גיזאגט דער מענטש וואס זינד אהן ליכט פרייטאג פארין נאכט וועט ער האבין קינדער תלמידי חכמים וכו', רב הונא איז גיוועזן גיוואהנט צוא גיין אללע פרייטאג פארין נאכט פאר דער טיר פון רבי אבין סטאליאר, האט ער גיזעהן אז רבי אבין אונ זיין ווייב זענען גיוואהנט אז זייא צינדין אהן אסך ליכט אויף שבת, האט רב הונא גיזאגט, רבי אבין אונ זיין ווייב וועלין זוכה זיין אז פון זייא וועט גיבארין ווערין צוויא גרויסע מענטשין, גרויסע תלמידי חכמים, אונ רב הונא'ס נבואה איז מקויים גיווארין, ווארום רבי אבין האט גיהאט צוויא קינדער גרויסע תלמידי חכמים, איין זוהן האט גיהייסין רב אידי, אונ איין זוהן האט גיהייסין רב חייא, רב חסדא איז גיוועזן גיוואהנט צוא גיין אללע פרייטאג פארין נאכט פאר דער טיר פון רב שיזבי'ס פאטער, האט רב חסדא גיזעהן אז רב שיזבי'ס פאטער צינד אהן פיל ליכט אויף שבת, האט רב חסדא גיזאגט פון דעם מענטש וועט ארוים גיין אזוהן אגרויסער תלמיד חכם, איז פון איהם גיבארין גיווארין רב שיזבי:

(ג) דביתהו. דיא פרויא פון רב יוסף פלעגט פרייטאג שפעט פארין נאכט אהן צינדין דיא ליכט, האט רבי יוסף צוא איהר גיזאגט, מיר האבין גילערינט עס שטייט אין פסוק דער עמוד הענן האט זיך נישט אפ גיטאהן פון דיא יודין בייא טאג, אונ דער עמוד האש האט זיך נישט אפ גיטאהן בייא נאכט לערינט אונז דער פסוק אז דער עמוד הענן האט אוים גילאזט זיין ליכטיגקייט צום עמוד האש, אונ דער עמוד האש האט אוים גילאזט זיין ליכטיגקייט צום עמוד הענן, דאס מיינט מען איידער דער עמוד האש איז אוועק גיגאנגען איז שוין אהן גיקומען דער עמוד הענן, אונ איידער דער עמוד הענן איז אוועק גיגאנגען איז שוין אהן גיקומען דער עמוד האש, זעהן מיר אז איין ענן איז נישט אוועק גיגאנגען איידער דער אנדערער ענן איז גיקומען, אזוי בדארף מען אהן צינדין דיא ליכט פון שבת ווען דיא ליכטיגקייט פון דער זון פון פרייטאג איז נאך דא, אבער נישט אזוי וויא דוא טוסט דוא צינדסט אהן דיא ליכט פון שבת, ווען דיא ליכטיגקייט פון דער זון פון פרייטאג איז שוין נישט דא, האט זיא גיוואלט אהן צינדין דיא ליכט גאר פריא, ווען עס איז נאך גיוועזן גרויסער טאג, האט צוא איהר גיזאגט א אלטער מאן, מיר האבין גילערינט מען בדארף נישט אהן צינדין גאר פריא אדער גאר שפעט, מען בדארף אהן צינדין מיטיל-מעסיג פארין נאכט:

על

(ד) על שלש עבירות נשים מתות בשעת לידתן על שאינן זהירות בנדה ובחלה ובהדלקת הנר. מאי טעמא וכו׳ נשמה שנתתי בכם קרוי׳ נר על עסקי נר הזהרתי אתכם אם אתם מקיימים אותם מוטב. ואם לאו הריני נוטל נשמתכם:

(ה) על כמה עבירות נשים מתות בשעת לידתן כך שנו רבותינו וכו׳ הדלקת הנר דכתיב וקראת לשבת עונג זו הדלקת הנר וכו׳ ומה ראו נשים להצטוות על ג׳ מצות האלו וכו׳ והדלקת הנר מנין היא כבתה נרו של אדם דכתיב (משלי כ׳) נר אלהים נשמת אדם לפיכך תשמור הדלקת הנר:

(ו) שלשה דברים צריך אדם לומר בתוך ביתו ערב שבת עם חשכה עשרתם ערבתם

מראה מקומות (ד) שם לא: (ה) תנחומא נח: (ו) שבת לד:

פירושים

(ו) עם חשכה. שאם ימהר להזכירם מבעוד יום יפשעו ויאמרו עדיין יש שהות: עשרתם. פירות האילן לסעודת שבת שאף אכילת עראי של שבת קובעת למעשר כדאמרינן במס׳ ביצה (דף ל״ד:) דשבת עונג איקרי מכל שהוא הוי עונג: ערבתם. עירובי תחומין ותגרות והני תרי מילי למימרינהו בלשון שאלה דשמא כבר עשו. אבל בנר לא שייך הדלקתם דדבר הנראה לעין הוא:

פירוש ע״ט

(ד) על. איבער דרייא עבירות שטארבין ווייבער ווען זייא געווינען אקינד, דיא ערשטע עבירה איז, וואס זייא היטין נישט דיא דינים פון נדה, דיא צווייטע עבירה איז וואס זייא היטין נישט דיא דינים פון חלה, אונ דיא דריטע עבירה איז וואס זייא היטין נישט ליכט צינדין פרייטאג פארין נאכט: פרעגט דיא גמרא פאר וואס שטארבין דיא ווייבער וואס היטין נישט ליכט צינדין פרייטאג? ענטפערט דיא גמרא ווייל דער אייבערשטער זאגט, דיא נשמה וואס איך האב ניגעבין אין יעדער מענטש ווערט אהן גירופין אליכט, איך האב אייך פאר זאגט אז איהר זאלט ליכט צינדין פרייטאג פארין נאכט, איז אויב איהר וועט מקיים זיין מיין גיבאט אונ צינדין ליכט איז גוט, אונ אויב איהר וועט נישט האלטין מיין גיבאט וועל איך צוא נעמין פון אייך אייערע נשמות וואס זייא ווערין אהן גירופן ליכט:

(ה) על. דער מדרש פרעגט אויף וויפיל עבירות שטארבין ווייבער ווען זייא געווינען קינדער? [זאגט דער מדרש] אזוי האבין גילערינט אונזערע רבי׳ם וכו׳ פון וואנען ווייס איך אז מען איז מחוייב אהן צינדין ליכט אויף שבת ווייל עס שטייט, דעם טאג פון שבת זאלסט דיר אהן טאהן פערגניגין, דאס מיינט מען אז מען זאל אהן צינדין ליכט אויף שבת דאס איז אפערגעניגין אויף שבת וכו׳, אונ פאר וואס זענען ווייבער גיבאטין גיווארין אויף דיא מצות וכו׳ ווייל חוה האט פארלאשין דיא ליכט פון אדם הראשון [איבער חוה׳ען איז אדם הראשון גישטארבין] אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דעם אייבערשטינס ליכט איז אדם הראשון׳ס נשמה, דרום מוזין ווייבער אהן צינדין ליכט אויף שבת ווארום חוה האט געגעסין פרייטאג פארין נאכט פון עץ הדעת, אונ זיא האט גענעבען צוא אדם׳ען ער זאל אויך עסין פון עץ הדעת איז נגזר געווארען אויף אללע מענטשען זייא זאלען שטארבען]:

(ו) שלשה. דרייא זאכען בדארף א מענטש זאגען פרייטאג פארין נאכט איידער דיא זוהן פאר גייט צוא זיינע שטוב מענטשען, אויב זייא האבען שוין גיגעבען מעשר פון דיא מאכלים וואס מען וועט עסען שבת, [כדי טאמער האבען זייא זיך פאר געסען צוא מעשרין וועט מען נישט טארען עסען] אונ אויב מען האט געמאכט עירובי חצירות [ווארום אויב נישט

משלי שבת

(ד) על שלש עבירות נשים מתות בשעת לידתן על שאינן זהירות וכו׳ ובהדלקת הנר, דרום בדארף יעדן יעדער אשה אז פון דער מצוה זאל נישט זיין א עבירה, דיא זאל זיך נישט פאר שפעטיגן מיט דיא ליכט צינדן, אונ אז עס זאל אלץ זיין גיגרייט פאר דיא צייט פון ליכט צינדן, זיא זאל אנקליידן דיא שבת׳דיגע מלבושים אונ אן צינדן דיא ליכט צוא דער צייט, אונ מיט כבוד אונ פרייליכקייט צוא נעמען דיא מלכה דאס איז דער הייליגער טאג שבת, ווארום דיא מצוה פון דיא ליכט צינדן איז זייער גרויס, ווארום דורך דעם קענען דיא ווייבער זוכה זיין צוא נביאות, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ודבורה אשה נביאה אשת לפידות, זאגט דער מדרש,

לפידות

הדליקו את הנר. מנא הני מילי אמר רבי יהושע בן לוי אמר קרא (איוב ה׳) וידעת כי שלום אהלך ופקדת נוך ולא תחטא:

(ז) אמר רבה בר רב הונא אף על גב דאמור רבנן ג׳ דברים צריך אדם לומר וכו׳ צריך למימרינהו בניחותא כי היכי דליקבלינהו מיני׳. אמר רב אשי אנא לא שמיע לי הא דרבה בר רב הונא וקיימתי מסברא:

(ח) ותזנח משלום נפשי (איכה ג׳) וכו׳ אמר רב אבוהו זו הדלקת נר בשבת:

(ט) כתיב ולחם בבוקר לשבוע מלמד שאין שביעה אלא במראית העין לפיכך אמרו הדלקת נר בשבת חובה. שיתענג במאכל ובמשתה:

מראה מקומות (ז) שם. (ח) שם כה. (ט) פס״ז שמות טז:

פירושים

(ח) הדלקת נר בשבת. שלא הי׳ לו ממה להדליק ובמקום שאין נר אין שלום שהולך ונכשל והולך באפילה:

פירוש ע״ט

טָאר מֶען נִישְׁט טְרָאגֶען] אוּנ דִיא דְרִיטֶע זַאךְ אִיז, מֶען זָאל שׁוֹין אָהְן צִינְדֶען דִיא לִיכְט, פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז מֶען בְּדַארְף אַזוֹי זָאגֶען הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גֶעזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּא וֶועסְט ווִיסֶען אַז עֶס אִיז שָׁלוֹם אִין דַיין גֶעצֶעלְט אוּנ דוּא וֶועסְט דֶערְמַאנֶען דִיא מֶענְטְשֶׁען פוּן דַיין וואהְנוּנְג אוּנ עֶס וֶועט נִישְׁט פֶעלֶען, מֵיינְט מֶען, דוּא וֶועסְט ווִיסֶען אַז עֶס אִיז שָׁלוֹם אִין דַיין גֶעצֶעלְט, אַז עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין פִינְצְטֶער, אוּנ דוּא וֶועסְט דֶערְמַאנֶען דִיא מֶענְטְשֶׁען פוּן דַיין וואהְנוּנְג, מֵיינְט מֶען צוּא מַאכֶען עֵירוּבֵי חֲצֵירוֹת [דוּא וֶועסְט דֶערְמַאנֶען דֶעם וואהְנוּנְג פוּן וֶועגֶען דֶעם וואהְנוּנְג], אוּנ עֶס וֶועט נִישְׁט פֶעלֶען, מֵיינְט מֶען אַז מֶען מַעֲשֵׂרְתּ פֶעלְט נִישְׁט וָואס צוּא עֶסִין:

(ז) אָמַר. רַבָּה בַּר רַב הוּנָא הָאט גֶעזָאגְט דִיא דְרֵייא זַאכִין וָואס דִיא רַבָּנָן הָאבֶען גֶעזָאגְט, אַז אַמֶענְטְשׁ בְּדַארְף זֵייא זָאגִין פְרֵייטָאג פַארִין נַאכְט צוּא זַיינֶע שְׁטוּב מֶענְטְשִׁין, בְּדַארְף מֶען זֵייא זָאגִין רוּהִיג, נִישְׁט בֵּייזֶערִין זִיךְ, כְּדֵי דָאס הוֹיז גֶעזִינְד זָאלֶען אִיהְם פָאלְגֶען אוּנ אָהְן נֶעמֶען זַיינֶע רֵייד, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר וֶועט דָאס זָאגֶען מִיט כַּעַס וֶועט מֶען אִיהְם נִישְׁט פָאלְגֶען, הָאט רַב אַשִׁי גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט אַז רַבָּה בַּר רַב הוּנָא הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט, נָאר אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעטָאהְן פוּן מַיין שֵׂכֶל, אִיךְ זָאג שְׁטִיל אוּנ רוּהִיג:

(ח) וַתִּזְנַח. יִרְמְיָה הַנָּבִיא הָאט גֶעזָאגְט וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גִיוָוארֶען, הָאבֶּען דִיא יוּדִין גֶעקְלָאגְט, אַז מִיר זֶענֶען פַארְלָאזְט גִיוָוארֶען פוּן שָׁלוֹם, הָאט רַב אַבוּהוּ גֶעזָאגְט זֵייא זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי אָרוּם אַז זֵייא הָאבֶּען נִישְׁט גִיהַאט קֵיין גֶעלְד צוּא קוֹיפֶען לִיכְט אָהְן צִינְדֶען אוֹיף שַׁבָּת, אוּנ אַז אִין שְׁטוּב אִיז פִינְסְטֶער אִיז נִישְׁט שָׁלוֹם וַוייל מֶען קֶען פַאלִין אוּנ אַשָׁאדִין טָאהְן:

(ט) כְּתִיב. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט בְּרוֹיט וֶועט אִיהְר עֶסִין אִין דֶער פְרִיא צוּא זֶעטִיקֵייט, פוּן דֶעם פָּסוּק אִיז גֶעדְרִינְגֶען אַז מֶען וֶוערְט נִישְׁט זַאט נָאר אַז מֶען זֶעהְט דָאס עֶסֶענְוַוארְג. דְרוּם הָאבֶען דִיא חֲכָמִים גֶעזָאגְט אַז אָהְן צִינְדֶען לִיכְט אוֹיף שַׁבָּת אִיז אַחוֹב כְּדֵי מֶען זָאל הָאבֶּען פַארְגֶענִיגֶען פוּן דֶעם עֶסֶען אוּנ טְרִינְקֶען, וָוארוּם אוֹיבּ עֶס אִיז פִינְסְטֶער וֶוערְט מֶען נִישְׁט זַאט אוּנ מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין פַארְגֶענִיגֶען פוּן דֶעם עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען:

משלי שבת

לַפִּידוֹת אִיז דֶער טַייטְשׁ פְלַאמֶען פַייעֶר, פַאר וָואס הָאט דְבוֹרָה זוֹכֶה גִיוֶוען צוּא נְבִיאוּת, וַוייל זִיא פְלֶעגְט מַאכִין גְרָאבֶּע קְנוֹיטִין אִין דִיא מְנוֹרָה וָואס אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶס זָאל זַיין אַגְרוֹיסֶע לִיכְטִיקֵייט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִיז דָאךְ אַקֻשְׁיָא בְּדַארְף דֶען גָאט דִיא לִיכְטִיקֵייט פוּן דֶער מְנוֹרָה? עֶר אַלֵיין בֶּעלַייכְט דָאךְ דִ'א גַאנְצֶע וֶועלְט דוּרְךְ דִיא זוּהְן, וָואס זִיא אִיז נָאר אַיינֶע פוּן זַיינֶע בֶּעדִינֶער, אוּנ אַז דִיא שְׁכִינָה הָאט גִירוּהְט אִין מִשְׁכָּן אִיז דָאךְ אִין מִשְׁכָּן גֶעווֶען לִיכְטִיג, צוּא וָואס דֶען הָאט מֶען בְּדַארְפְט דִיא לִיכְטִיקֵייט פוּן דֶער מְנוֹרָה? דֶער תֵּירוּץ אִיז וַוייל אִין מִשְׁכָּן אִיז גִיוֶוען לִיכְטִיג פוּן דֶער שְׁכִינָה, אוּנ וַוייל דִיא כֹּהֲנִים הָאבִּין בְּדַארְפְט אַרַיין קוּמֶען אִין מִשְׁכָּן אַלֶּע פְרִיא אוּנ אָבֶענְד צוּ רֵייכֶערִין דִיא קְטֹרֶת, אוּנ וַוייל זֵייא זָאלִין נִישְׁט קֵיין הֲנָאָה הָאבִּין פוּן דִיא לִיכְטִיקֵייט פוּן דֶער

שכינה

(י) אמר לי' רבא לשמעי' אתין דלא קיים לכו בשיעורא דרבנן אדשמשא אריש דיקלי. אתלו שרגא. ביום המעונן מאי. במתא חזו תרנגולא. בדברא עורבי. אי נמי אדאני:

(יא) נרות של בשר ודם של הרס או של נחושת הכל לפי כבודו של אדם וכבוד השבת נרותיה הן כבודה. אם שמרתם נרות של שבת אני מראה לכם נרות של ציון שנאמר (צפניה א') והי' ביום ההוא אחפש את ירושלים בנרות ואיני מצריך לכם לראות באורה של חמה אלא בכבודי אני מאיר לכם שנאמר (ישעי' ס') לא יהי' לך עוד השמש לאור יומם וגו' והי' לך ה' לאור עולם וכל כך למה בזכות הנרות שהן מדליקין בשבת:

מראה מקומות (י) שבת לה: (יא) ילקוט ריש בהעלותך:

פירושים

(י) בשיעורא דרבנן. בין השמשות: אתלו. הדליקו את הנר מבעוד יום: חזי תרנגולים. היושבים על הקורות מבעוד יום וכן העורבים בשדה: אדאני. עשב הקרוי מלוו"א ועלין שלו נוטין לצד החמה. שחרית כפופין למזרח ובחצי היום זקופין ולערב כפופים מצד למערב:

פירוש ע"ט

(י) אמר. רבא האט געזאגט צוא זיינע באדינער ווייל איהר ווייסט נישט ווען עס איז בין השמשות, איז ווען איהר וועט זעהן פרייטאג פארין נאכט אז די זון איז אויף די שפיץ ביימער זאלט איהר דעמאלט צינדען ליכט, און אז עס וועט זיך טרעפען א פרייטאג וועט זיין אוואלקענדיגער טאג (וועט דאך די זון נישט זיין אנאנצען טאג) וועט איהר דאך נישט ווייסען ווען צוא צינדען ליכט, האט רבא צוא זייא געזאגט, די מענטשען וואס וואהנען אין שטאט אז מען וועט זעהן די הינער זעצען זיך אין דער הייך אויף די בעלקעס זאל מען דעמאלט צינדען ליכט, און די מענטשען וואס וואהנען אין פעלד זאלען זייא צינדען ליכט ווען זייא וועלען זעהן אז די קראין זעצען זיך אויף די הויכע ערטער, אדער ווען זייא וועלען זעהן אז די בלעטער וואס הייסען אדאני זענען פאר בויגען צוא מערב זייט, ואין דער פריא זענען די בלעטער פאר בויגען צוא מזרח זייט, אין האלבען טאג שטייען זייא גלייך, און פארין נאכט זענען זייא פאר בויגען צוא מערב זייט ווייל זייא ציהען זיך צוא דער זון] דעמאלט זאלען זייא צינדען ליכט:

(יא) נרות. די ליכט פון אמענטש איז אדער אין אערדענע כלי אדער אין אקופערנע כלי, וויא דער מענטש איז רייך, האט ער געלד קויפט ער אשענערע כלי, אבער די ליכט פון שבת זענען די ליכט אליין איהר כבוד, אויב מען היט די ליכט פון שבת וועט מען זוכה זיין צוא זעהן די ליכט פון ציון אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער אייבערשטער האט גיזאגט עס וועט זיין אין יענער צייט [ווען משיח וועט קומען] וועל איך זוכין ירושלים מיט ליכט, וועט איהר נישט בדארפין האבין די ליכט פון דער זון נאר איך וועל אייך לייכטין מיט מיין כבוד [מיין כבוד זעלבסט וועט מאכין ליכטיג אויף דער וועלט] אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען משיח וועט קומען וועט מען אין יענער צייט נישט בדארפין האבין די זון זאל לייכטין [די ליכטיקייט פון דער זון] נאר דעם אייבערשטענס כבוד וועט לייכטין [פון זיין כבוד אליין וועט זיין ליכטיג] און פאר וואסער זכות וועט דאס זיין, ווייל מען צינד אהן ליכט אויף שבת:

משלי שבת

שכינה, ודריבער האט מען אנגעצונדין די מנורה, זייא זאלין זעה פון די ליכטיקייט פון דער מנורה, און נישט פון די ליכטיקייט פון דער שכינה און ווייל דבורה איז גיוועזן אגרויסע צדיקת, און זיא האט באמערקט די ליכטיקייט פון דער שכינה איז ורוים אין משכן דריבער האט זיא גימאכט גראבע קנויטין אין דער מנורה כדי די ליכטיקייט פון דער מנורה זאל זיין זייער גרויס און זאל קענען פארשטעלין די ליכטיקייט פון דער שכינה, כדי די כהנים זאלין נישט הנאה האבין פון דער ליכטיקייט פון די שכינה, און ווייל זיא האט גימאן כבוד צוא דער שכינה, דריבער האט גאט גימאכט רוהען אויף איר די שכינה, און זיא איז גיווארין אנביאה, זעהן מיר אז ווייבער האבין אויך גיקאנט זוכה זיין צוא נביאות דורך דער מצוה פון די מנורה, חיינט אז מיר האבין

גישט

(יב) ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו. ר' אלעזר אומר ברכו בנר ובי הי' המעשה פעם אחת הדלקתי את הנר בליל שבת ובאתי ומצאתי אותו במוצאי שבת דלוק ולא חסר כלום :

(יג) כתיב (במדבר יא) זכרנו את הדגה מכאן שמדליקין נרות בערב שבת :

(יד) כתיב (דברים ח) ויענך וירעיבך מכאן להדלקת נרות בערב שבת :

(טו) ראוי' האשה להתפלל להשי"ת בשעת הדלקת הנר של שבת שהיא מצוה מוטלת עלי' שיתן לה ה' בנים מאירים בתורה כי התפלה יותר נשמעת בשעת עשית המצוה ובזכות נר שבת שהוא אור תזכה לבנים בעלי תורה הנקראת אור שנאמר (משלי ו') כי נר מצוה ותורה אור :

פרק ט' ללבוש בגדי שבת:

(א) וכבדתו מעשות דרכיך (ישעי' נ"ח) שלא יהא מלבושך של שבת כמלבושך של חול וכי הא דר' יוחנן קרי למאניה מכבדותי :

מראה מקומות (יב) מד"ר בראשית פי"א : (יג) מדרש הובא בה"א וג"א ודב"ל : (יד) מדרש אבכיר הובא בי"א : (טו) בחיי יתרו : פ"ט (א) שבת קיג.

פירושים

(יב) ברכו בנר. שהברכה הוא המשך האורה : ובי הי' המעשה פ"א. שכיון לכו בהדלקה בזריזות וחבה :
(א) מכבדותי. שמכבדין בעליהן :

פירוש ע"ט

(יב) וַיְבָרֶךְ. אין פסוק שטייט דער אייבערשטער האט געבענטשט דעם טאג שבת און ער האט אים געהייליגט, האט רבי אלעזר געזאגט נאט האט געבענטשט דעם טאג שבת אז עס זאל געטאן ווערין אין אים נסים ביי די ליכט, און ביי מיר האט זיך געטראפין די מעשה, איך האב אמאל פרייטאג פארין נאכט אהן געצינדין אליכט, און איך בין געקומין שבת-צוא-נאכט צום ליכט, האב איך געפונען די ליכט האט נאך געברענט, און פון דער ליכט איז גאר נישט געווען אפ געברענט, זעהן מיר אז גאט האט געבענטשט שבת מיט ליכט :

(יג) כתיב. אין פסוק שטייט, ווען די יודין זענען געווען אין דער מדבר האבין זיי געזאגט מיר געדענקען די פיש וואס מיר האבין געגעסין אין מצרים. פון דעם פסוק איז גידרינגען אז מען בדארף פרייטאג אהן צינדין ליכט אויף שבת :

(יד) כתיב. אין פסוק שטייט, דער אייבערשטער האט דיך אויס גיהונגערט און האט דיך געפייניגט, פון דעם פסוק איז גידרינגען אז מען איז מחויב פרייטאג אהן צינדין ליכט אויף שבת :

(טו) ראויה. ווען די ווייבער צינדין אהן די ליכט אויף שבת, וואס די מצוה ווענען ווייבער מחויב צוא טאהן איז ראוי אז זיי זאלין דעמאלט בעטין אז דער אייבערשטער זאל זיי געבין קינדער וואס זאלין לייכטין אין דער תורה וזיי זאלין גוט קענען לערנען) ווארום א תפלה ווערט אין הימעל בעסער גיהערט ווען מען טוט א מצוה, אין דעם זכות פון די ליכט פון שבת וואס זיי לייכטין קאן זיא זוכה זיין צוא קינדער וואס זייא קענען לערנען די תורה וואס זיא הייסט אויך ליכטיקייט אזוי וויא עס שטייט די מצוה איז א ליכט און די תורה איז א ליכטיקייט :

דער ניינטער פרק שמועסט אז מען זאל אהן טאהן שבת'דיגע קליידער :

(א) וְכִבַּדְתּוֹ. אין פסוק שטייט דוא זאלסט ערליך האלטין דעם טאג שבת, זאגט די גמרא דוא זאלסט ערליך האלטין שבת אז דיינע קליידער פון שבת זאלין נישט זיין די וואכענדיגע קליידער, נאר אויף שבת זאלסט דוא האבין אנדערע קליידער. דאס איז אזוי וויא רבי יוחנן האט גיזאגט די קליידער פון מענטש דאס איז זיין כבוד :

(ב) אמר רבי אחא בר אבא אמר רבי יוחנן מניין לשינוי בגדים מן התורה שנאמר (ויקרא ו׳) ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים ותנא דבי רבי ישמעאל לימדך תורה דרך ארץ בגדים שבישל בהן קדירה לרבו אל ימזוג בהן כוס לרבו:

(ג) אמר רבי חנינא צריך אדם שיהי׳ לו שני עטיפין אחד לחול ואחד לשבת. מאי טעמא (רות ג׳) ורחצת וסכת ושמת שמלותיך וכי ערומה היתה אלא אלו בגדי שבתה.

מראה מקומות (ב) שם קיד. (ג) ירושלמי פאה פ״ח הל׳ ז׳.

פירושים

(ב) מניין לשינוי בגדים. שהוא דרך כבוד לפני המקום: ולבש בגדים אחרים. והוציא את הדשן הזקיקו הכתוב ללבוש בגדים פחותים בשעת הוצאות הדשן שאינה עבודה חשובה כדי שלא ימאסו בגדיו החשובים שעובד בהן עבודת אכילה ושתי׳ כגון קיטור וניסוך: ותנדר״י. בדרשה דהאי קרא: בגדים שבישל בהן קדירה לרבו. דומיא דהוצאות הדשן: אל ימזוג בהם כוס לרבו. לפיכך הוזקק ללבוש בגדים פחותים:

(ג) שני עטיפין. מלבושים שמתעטפים בו כטלית: בבון חברייא. בכו התלמידים שלא הי׳ סיפוק בידם להיות להם בגד מיוחד לשבת: לשנות. כמ״ש יחליף בגדיו לשבת: וערטילאי הוות. וכי ערומה היתה:

פירוש ע״ט

(ב) אָמַר. רֶבִּי אַחָא בַּר אַבָּא הָאט גִיזָאגְט פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן׳ס וֶועגִין וָואוּ שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה אַז עֶס אִיז אַכָּבוֹד פַאר גָאט מֶען זָאל עֶנְדֶערִין דִיא קְלֵיידֶער פוּן מִיאוּסֶה אוֹיף שֶׁענֶערֶע, וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער כֹּהֵן וָואס גֵייט אַרָאפּ נֶעמֶען דָאס אַשׁ פוּן מִזְבֵּחַ זָאל עֶר אוֹיס טָאהָן דִיא שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער אוּנ עֶר זָאל אָהְן טָאהְן אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער פְּרָאסְטֶערֶע, וַוייל דִיא קְלֵיידֶער וֶועלִין פַאר שְׁטוֹיבְּט וֶוערִין מִיט אַשׁ, אִיז נִישְׁט שֵׁיין עֶר זָאל גֵיין טָאהְן דִיא עֲבוֹדָה, (מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת) מִיט פַאר שְׁטוֹיבְּטֶע קְלֵיידֶער, אוּנ דֶער תַּנָּא דְבֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל הָאט גִילֶערִינְט, דִיא תּוֹרָה לֶערִינְט אוּנְז דֶרֶךְ אֶרֶץ דִיא קְלֵיידֶער וָואס דֶער קְנֶעכְט גֵייט אָהְן גִיטָאהְן בְּשַׁעַת עֶר קָאכְט אַטָאפּ עֶסִין פַארִין בַּעַל הַבַּיִת, זָאל עֶר אִין זֵייא נִישְׁט גֵיין אָהְן גִיטָאהְן בְּשָׁעַת עֶר דֶערְלַאנְגְט זַיין בַּעַל הַבַּיִת אַכּוֹס צוּא טְרִינְקֶען, נָאר עֶר זָאל אָהְן טָאהְן אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער שֶׁענֶערֶע, בַּייא שַׁבָּת אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אוּם שַׁבָּת אִין דִיא וָואכֶענְדִיגֶע קְלֵיידֶער נָאר עֶר זָאל אָן טָאן אוֹיף שַׁבָּת אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער, שֶׁענֶערֶע:

(ג) אָמַר. רַבִּי חֲנִינָא הָאט גִיזָאגְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ בְּדַארְף הָאבִּין צְוֵוייא מַלְבּוּשִׁים, אֵיין מַלְבּוּשׁ זָאל עֶר גֵיין אִין דֶער וָואכִין, אוּנ אֵיין מַלְבּוּשׁ זָאל עֶר גֵיין אוּם שַׁבָּת, פְרֶעגְט דֶער יְרוּשַׁלְמִי פוּן וַואנֶען אִיז גִידְרִינְגִין אַז אוֹיף שַׁבָּת בְּדַארְף מֶען הָאבִּין אַ אַנְדֶער מַלְבּוּשׁ, עֶנְטְפֶערְט דֶער יְרוּשַׁלְמִי וַוייל בַּייא רוּת שְׁטֵייט, נָעֳמִי הָאט גִיזָאגְט צוּא רוּת׳ן (אֵיידֶער זִיא אִיז גִיגַאנְגֶען צוּא בֹּעַז׳ן) זָאלְסְט דִיךְ אָפּ וַואשִׁין אוּנ זָאלְסְט דִיךְ אוֹיס שְׁמִירִין אוּנ זָאלְסְט אָהְן טָאהְן דַיינֶע קְלֵיידֶער, אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא צוּא אִיז דֶען רוּת גִיגַאנְגֶען נַאקֶעט, וָואס נָעֳמִי הָאט אִיהְר אָהְן גִיזָאגְט אַז זִיא זָאל אָהְן טָאהְן אִיהְרֶע קְלֵיידֶער, נָאר פוּן דֶעם אִיז גִידְרִינְגִין אַז אַמֶענְטְשׁ בְּדַארְף אוֹיף שַׁבָּת אָהְן טָאהְן אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער, הָאט אִיהְר נָעֳמִי אָהְן גִיזָאגְט אַז זִיא זָאל זִיךְ אָהְן

משלי שבת

גִישְׁט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז דִיא לִיכְט וָואס מֶען צִינְדְט אָן פְרֵייטָאג פַארִין נַאכְט לְכָבוֹד שַׁבָּת אַגְרוֹיסֶע מִצְוָה אוּנ מֶען קָאן דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּא נְבִיאוּת:

(טו) רְאוּיָה הָאִשָּׁה לְהִתְפַּלֵּל וכו׳, האריז״ל שְׁרַייבְּט נָאכְדֶעם וִויא דִיא אִשָּׁה הָאט אָן גִיצִינְדִין דִיא לִיכְט אוּנ גִיזָאגְט דִיא בְּרָכָה לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל שַׁבָּת אוּנ זִיא הָאט אָפּ גִיזָאגְט אִיר תְּפִילָּה זָאל זִיא זָאגִין דִיא הַפְטוֹרָה פוּן עֶרְשְׁטִין טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה (אִין שמואל א׳ קפיטל א׳) פוּן וַיְהִי אִישׁ אֶחָד וגו׳ בִּיז קֶרֶן מְשִׁיחוֹ, דָאס אִיז אַגְרוֹיסֶע סְגוּלָה פַאר אַ אִשָּׁה וָואס זִיא אִיז אַ עֲקָרָה אוּנ פַאר אַ אִשָּׁה וָואס בַּייא אִיר שְׁטַארְבֶּען רַחֲמָנָא לִיצְלַן דִיא קִינְדֶער:

(א) וְכִבַּדְתּוֹ וכו׳ שֶׁלֹּא יְהֵא מַלְבּוּשְׁךָ שֶׁל שַׁבָּת כְּמַלְבּוּשְׁךָ שֶׁל חוֹל וכו׳ אַז מֶען טוּט אוֹיס דִיא וָואכְדִיגֶע קְלֵיידֶער אוּנ מֶען טוּט אָהְן דִיא קְלֵיידֶער פוּן שַׁבָּת בְּדַארְף מֶען אַרוֹיס טְרַייבֶּען פוּן קָאפּ אַלֶע נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען פוּן דֶער גַאנְצֶער וָואךְ, אוּנ אַרַיין נֶעמֶען אִין מוֹחַ דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת מִיט הַיילִיגֶע אוּנ רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, כְּדֵי נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין, חָלִילָה, פוּן דֶעם הַיילִיגֶען טָאג שַׁבָּת וָואס עֶר אִיז גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין נָאר אוֹיף עוֹסֵק צוּא זַיין אִין תּוֹרָה אוּנ אִין עֲבוֹדָה. נִישְׁט חָלִילָה אִים פַאר בְּרֶענְגֶען אִין נַארִישְׁקֵייט אוּנ אִין דְבָרִים בְּטֵלִים מִיר וֶועלִין דָאס גֶעבֶּען צוּא פַארְשְׁטֵיין עפ״י מָשָׁל אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה גִיהַאט פוּן אוֹיסְלַאנְד,

האט

כד דרשנה רב שמלאי בצבורניי'. בכן חברייא לקיבליה אמרו לי' כעטיפתינו בחול כן עטיפתינו בשבת. אמר לון אף על פי כן צריכין אתם לשנות לשבת מן הדא ורחצת וגו' וערטילאי הוות אלא אמרה לה לבוש מאניך דשובתא:

(ד) רב הונא אמר צריך להחליף. רבי חייא בשם רבי יוחנן אמר צריך לערב. אבין בר חסדאי אמר צריך לשלשל. רבי ירמיה ורבי זעירא הוו מהלכין כחדא ואסתלקת גולתיה דרבי ירמי' ושילשלה רבי זעירא. הדא אמרה צריך לשלשל:

(ה) רבי חנינא מיעטף וקאי אפניא דמעלי שבתא אמר בואו ונצא לקראת שבת המלכה:

מראה מקומות (ד) מ"ר בראשית פי"א: (ה) שבת קי"ט:

פירושים

(ד) צריך להחליף. כל בגדיו מבגדי חול לבגדי שבת: לערב. בגד אחד של שבת עם בגדי חול ודי בזה ר"ל אם אין לו להחליף כולם או די לו כשיערב אחד: לשלשל. אם אין לו מה להחליף כלל די לו שיתיר הגורו שמשלשלים דרך מטה שלא כדרך החול שחוגר אותם למעלה כדי להקל פסעיו: מהלכין כחדא. הולכין כאחד כלומר ביחד: גולתי'. פי' הערוך טליתו: ואסתלקת. הי' מהופך ומסולק למעלה בחגורתו והתיר ר' זעירא החגורה כדי שיפלו וישתלשלו למטה. וכע"פ סמוך לחשכה הי' או בשבת עצמה:

(ה) מיעטף. בבגדים נאים:

פירוש ע"ם

טאהן דיא שבת'דיגע קליידער, אז רבי שמלאי האט דאס גידרשנת אין שוהל פאר דעם עולם, אז אויף שבת בדארף מען האבין אנדערע מלבושים, האבין דיא ישיבה לייט אהן גיהויבין טייגען (וואָרום זייא זענען גיוועזן ארום האבין זייא נישט גיהאט טאפעלע מלבושים), האבין זייא גיזאגט צוא רבי שמלאי אין דיא מלבושים וואס מיר גייען אהן גיטאהן אגאנצע וואך גייען מיר שבת אויך אהן גיטאהן אין דיא אייגענע מלבושים, האט רבי שמלאי זייא גיענטפערט פון דעסטוועגין בדארפט איהר עפעס איבער בייטין ווייל פון דעם פסוק וואס נעמי האט גיזאגט צוא רות'ן אז זיא זאל אהן טאהן אירע קליידער איז דען רות גיגאנגען נאקעט גאר איך מוז זאגין אז זיא האט גיזאגט צוא איר אז זיא זאל אהן טאהן דיא שבת'דיגע קליידער, איז דאך דער פון גידרינגען אז אויף שבת בדארף מען האבין אנדערע קליידער:

(ד) רב הונא. רב הונא האט גיזאגט אללע קליידער בדארף מען טאהשין אויף שבת, רבי חייא האט גיזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין אויב ער האט נישט אללע קליידער אום צוא טאהשין איז גענוג מען זאל אוים מישין, איין קלייד א אומגיטאשטע מיט דיא איבעריגע וואכענדיגע קליידער, אבין בר חסדאי האט גיזאגט אויב ער האט גאר נישט אומצוטוישין זאל ער אראפ ציהען דיא וואכעדיגע קליידער זייא זאלין אוים זעהן לענגער, צוא ווייזין אז שבת וועט ער נישט טאהן קיין ארבעט ווארום אז אמענטש וויל טאהן א ארבעט מאכט ער קירצער דיא קליידער אונ בייגט זייא ארויף, רבי ירמיה אונ רבי זעירא זענען גיגאנגען צוא זאמען פרייטאג פארין נאכט איז גיוועזן דאס קלייד פון רבי ירמיה אויף גיהויבין, (איינגיבויגין אונטער דעם גארטיל), האט רבי זעירא אראפ גיצויגין דאס קלייד פון רבי ירמיה, פון דאגען ווייסין מיר אז אויף שבת בדארף מען אראפ ציהען דיא קליידער זייא זאלין זיין לענגער:

(ה) רבי חנינא. רבי חנינא פלעגט זיך איין וויקלען אין שיינע קליידער פרייטאג-פארין-נאכט אונ ער האט גיזאגט צוא דיא תלמידים קומט מיר וועלין ארוים גיין אנטקעגין דיא מלכה שבת:

משלי שבת

האט ער זייער גיבענקט צוא זיינע עלטערין, האט ער אללע טאג גיזוכט טאטער וועט ער גיפונען א מענטש וואס איז גיקומען פון זיין שטאט. ער זאל קענען וויסען וואס מאכען זיינע עלטערין. אונ ער האט נישט גיטראפען. אמאל איז אריין גיקומען צוא אים א ארימאן וואס גייט אין דיא טירען. האט ער אים דערקענט אז ער איז פון זיין שטאט. האט ער זיך זייער שטארק גיפרייט מיט אים. אונ האט אים גיגעבין עסין אונ טרינקען אונ האט אים זייער פיין צוא גינומען, אונ האט אים אן גיהויבין פרעגין אויף זיינע עלטערין, אונ וואס הערט זיך אין זיין שטאט, זאגט דער ארימאן צוא אים, האלט מיך נישט אויף, ווארום איר וועט ביא מיר אוועק נעמען דיא צייט, דער טאג

(ו) רבי ינאי לבוש מאני' מעלי שבת ואמר בואי כלה בואי כלה:
(ז) אמרו חכמים שמונה עשרה מלבושים חייב אדם ללבוש בשבת:
(ח) אמר בלעם לבלק האיך אקללם הלא הם לובשים בגדי שבת ויו"ט:

פרק י תפלת ליל שבת:

(א) אמר רבא ואיתימא רבי יהושע בן לוי אפילו יחיד המתפלל בערב שבת צריך לומר ויכולו דאמר רב המנונא כל המתפלל בערב שבת ואומר ויכולו מעלה עליו הכתוב

מראה מקומות (ו) שם: (ז) מדרש עשה"ד: (ח) מדרש הובא בס' אז"א: (א) שבת קי"ט׳

פירושים

(א) ויכלו. הקב"ה וזה שמספר בשבחו של מקום ובשבח של שבת:

פירוש ע"ט

ו) רֶבִּי יַנַּאי. רֶבִּי יַנַּאי פְלֶעגְט אָן טָאהְן זַיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע קְלַיידֶער פְרַייטָאג-פַארְין-נַאכְט אוּנ פְלֶעגְט זָאגִין צוּם שַׁבָּת קוּם אַהֶער כַּלָּה, קוּם אַהֶער כַּלָּה:

(ז) אָמְרוּ. דִיא חֲכָמִים הָאבִּין גִיזָאגְט אַכְצֶעהְן קְלַיידֶער בְּדַארְף אַמֶענְטְש אָן טָאהְן אוּם שַׁבָּת:

(ח) אָמַר. בִּלְעָם הָאט גִיזָאגְט צוּא בָּלָק'ן וִויא אַזוֹי קֶען אִיךְ שֶׁעלְטִין דִיא יוּדִין זַייא טוּעֶן דָאךְ אָן שַׁבָּת'דִיגֶע קְלַיידֶער אוּנ יוֹם-טוֹב'דִיגֶע קְלַיידֶער:

דֶער צֶעהֶנְטֶער פֶּרֶק שְׁמוּעֶסְט פוּן דַאוְונֶען פְרַייטָאג-צוּא-נַאכְט:

(א) אָמַר. רָבָא הָאט גִיזָאגְט אַנְדֶערֶע זָאגִין אַז רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט גִיזָאגְט, אֲפִילוּ אַז אֵיינֶער דַאוִוינְט פְרַייטָאג-צוּא-נַאכְט פַאר-זִיךְ בְּדַארְף עֶר אוֹיךְ זָאגִין וַיְכוּלּוּ, וָוארוּם רַב הַמְנוּנָא הָאט גִיזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס דַאוְוינְט פְרַייטָאג-צוּא-נַאכְט אוּנ זָאגְט וַיְכוּלּוּ, רֶעכִינְט אִים דֶער פָּסוּק (דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער) גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט גִיוֶועןְ אַשׁוּתָּף צוּא אִים אִין בַּאשַׁאפֶענִיג דִיא וֶועלְט, וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַיְכֻלּוּ אָהְן אַוָא"ו. זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֵייעֶנֶען וַיְכוּלּוּ נָאר וַיְכַלּוּ. זַייא הָאבִּין פַאר לֶענְדְט, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִיט דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס גְלַייבֶּען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפֶען

דיא

משלי שבת

טָאג נַייט אַוֶועק, אִיךְ וָואלְט אִין דֶער צַייט גִיוֶועןְ אִין עֶטְלִיכֶע הַייזֶער, וָואלְט אִיךְ גִיהַאט עֶטְלִיכֶע נְדָבוֹת הָאט דֶער יוּנְגֶער מַאן גִיזָאגְט צוּם אָרִימַאן וִויפִיל וָואלְט אִיר דֶען צוּא זַאמֶען גִינוּמֶען נְדָבוֹת אִין אַהַאלְבֶּע שָׁעָה, זָאגְט דֶער אָרִימַאן אִיךְ וָואלְט אַוַדַאי גִיהַאט אַהַאלְבֶּען רוּבִּיל, זָאגְט דֶער יוּנְגֶער מַאן צוּם אָרִימַאן נֶאט אַייךְ אַהַאלְבִּין רוּבִּיל, אוּנ וִיצְט לֶעבִּין מִיר אַהַאלְבֶּע שָׁעָה וֶועט אִיר מִיר אַלְץ דֶערְצֵיילִין פוּן מַיין שְׁטָאט, דֶער אָרִימַאן אִיז בַּאשְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם, אוּנ הָאט צוּא גִינוּמֶען דֶעם הַאלְבִּין רוּבִּיל, אוּנ הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט, אוּנ דֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט מִיט אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּא רֵיידִין אוּנ פְרֶעגִין אוֹיף זַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער אוּנ זַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע, וִויא דֶער אָרִימַאן הָאט אִים נָאר אָנְגִיהוֹיבִּין עֶנְטְפֶערִין, אִיז עֶר בַּאלְד אַנְטְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארִין, אוּנ זָאגְט צוּם יוּנְגִין מַאן, טוּט מִיר אַטוֹבָה אוּנ גִיט מִיר אַ אָרְט אִיךְ זָאל מִיךְ אַבִּיסֶעל אוֹיס רוּהֶען אוּנ אוֹיס שְׁלָאפֶען, אִיךְ בִּין מִיד פוּן אַרוּם גֵיין, אִיז דֶער יוּנְגֶער מַאן זֵייעֶר בֵּייז גִיוָוארִין אוּנ זָאגְט צוּם אָרִימַאן אִיךְ הָאבּ אַייךְ בַּאצָאלְט פַאר דֶער הַאלְבֶּער שָׁעָה, כְּדֵי אִיר זָאלְט מִיר דֶערְצֵיילִין וָואס מַיינֶע עֶלְטֶערִין מַאכִין אוּנ וָואס מַיין פַאמִילְיֶע מַאכְט, אוּנ וָואס הֶערְט מֶען אִין דֶער גַאנְצֶע שְׁטָאט. אוּנ צוּם סוֹף ווִילְט אִיר זִיךְ לֵייגִין שְׁלָאפֶען. הָאבּ אִיךְ דֶען אַייךְ בַּאצָאלְט פַאר דֶעם שְׁלָאפֶען. דֶער נִמְשָׁל אִיז, הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הָאט גִיגֶעבֶּען דֶעם מֶענְטְשׁ אַנְשָׁמָה. אַהֵיילִיגֶע פוּן אוּנְטֶער דֶעם כִּסֵּא הַכָּבוֹד. אוּנ דִיא נְשָׁמָה אִיז דֶער וַוייטֶערְט גִיוָוארִין פוּן אִיר וואהְנוּנְג. אוּנ אַגַאנְצֶע וָואךְ וַויל הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הֶערֶען עֶפֶּעס גוּטְס פוּן דֶער נְשָׁמָה נָאר וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בֶּעשֶׁעפְטִיגְט אַגַאנְצֶע וָואךְ קֶען מֶען פוּן דֶער נְשָׁמָה נִישְׁט הֶערֶען קַיין גוּטְס. וָוארוּם זִיא אִיז זֵייעֶר פַארְטְרָאגֶען אִין הַבְלֵי הָעוֹלָם. הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אוּנְז גִיבֶּאטֶען מִיר זָאלֶען אָנְגְרֵייטֶען פוּן עֶרֶב שַׁבָּת אוֹיף שַׁבָּת. אוּנ שַׁבָּת פוּן פְרַייטָאג צוּ נַאכְט'ס אָן זָאל מֶען נִישְׁט הַאנְדְלֶען. אוּנ נִישְׁט אַרְבֶּעטִין. אוּנ קַיין שׁוּם מְלָאכָה נִישְׁט טָאהְן. מִיר זָאלֶען דֶעם טָאג שַׁבָּת זַיין לֵיידִיג כְּדֵי מִיר זָאלֶען דֶעם טָאג שַׁבָּת זִיךְ קֶענֶען בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען נָאר מִיט הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. מִיט תּוֹרָה אוּנ עֲבוֹדָה. דֶער נָאךְ אַז עֶס קוּמְט דֶער טָאג שַׁבָּת פַאר בְּרֶענְגְט מֶען אִים מִיט דְבָרִים בְּטֵלִים אוּנ נַעֲרִישְׁקֵייטֶען וָואס דִי עֲבֵירָה דֶער פוּן אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס:

(א) אָמַר רָבָא וכו' כָּל הַמִּתְפַּלֵּל בְּעֶרֶב שַׁבָּת וְאוֹמֵר וַיְכוּלּוּ מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ נַעֲשָׂה שׁוּתָּף לְהקב"ה בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית וכו'. דִיא הֵיילִיגֶע סְפָרִים שְׁרַייבֶּען אַז בְּלוֹיז זָאגֶען מִיט דֶעם מוֹיל אִיז מֶען נִישְׁט יוֹצֵא. נָאר מֶען בַּאדַארְף אִין זִינֶען הָאבֶּען דֶעם טַייטְשׁ פוּן דֶעם. וָוארוּם אַז מֶען

זאגט

כאלו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית שנאמר ויכולו אל תקרי ויכולו אלא ויכלו
אמר רבי אליעזר מניין שהדבור כמעשה שנאמר (תהלים לג) בדבר ה׳ שמים נעשו:

(ב) אמר רב חסדא אמר מר עוקבא כל המתפלל בערב שבת ואומר ויכולו שני מלאכי השרת המלווין לו לאדם מניחין ידיהן על ראשו ואומרים לו (ישעי׳ ו). וסר עונך וחטאתך תכפר:

(ג) תניא רבי יוסי בר יהודה אומר שני מלאכי השרת מלוין לו לאדם בערב שבת מבית הכנסת לביתו אחד טוב ואחד רע וכשבא לביתו ומצא נר דלוק ושלחן ערוך ומטתו מוצעת מלאך טוב אומר יהי רצון שתהא לשבת אחרת כך ומלאך רע עונה אמן בעל כרחו ואם לאו מלאך רע אומר יהי רצון שתהא לשבת אחרת כך ומלאך טוב עונה אמן בעל כרחו:

(ד) מעשה ברב אחד שנפטר ונראה לתלמידו בחלום וראה התלמיד שהי׳ לו כתם במצחו. ושאל לו מפני מה הי׳ לך כך. והשיב לו מפני שלא הייתי נזהר מלדבר בברכה א׳ מעין שבעה:

מראה מקומות (ב) שם: (ג) שם: (ד) מדרש הובא במ"מ:

פירוש ע"ט

דיא וועלט ווארום עס איז גלייך וויא ביידע צוא זאמען האבען באשאפען דיא וועלט אונ זייא האבין גיקאנצעט זייער ארבעט פרייטאג-פארין-נאכט]. רבי אליעזר האט גיזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז ווער עס זאגט איז גלייך וויא ער האט גיהאלפען דיא וועלט באשאפין, ווארום עס שטייט אין פסוק דורך גאטס רייד זענען דיא הימיל באשאפין גיווארין, זעהן מיר אז דורך רייד איז גיווארין באשאפין:

(ב) אמר. רב חסדא האט גיזאגט פון מר עוקבא׳ס וועגין דער וואס דאווינט פרייטאג-צוא-נאכט אונ זאגט ויכולו איז דיא צוויא מלאכים וואס באלייטין שטענדיג דיא מענטשין פון שוהל, לייגין ארויף זייערע הענד אויף זיין קאפ אונ זאגין צוא אים דיינע זינד וואס דוא האסט גערין גיזינדיגט] וועלין זיך אפ טאהן, אונ דיינע זינד [וואס האסט גיזינדיגט אומגערין] וועלען פאר געבען ווערען:

(ג) תניא. מיר האבין גילערינט רבי יוסי בר יהודה זאגט צוויא מלאכים באלייטין דיא מענטשין פרייטאג צוא נאכט ווען ער גייט אהיים פון שוהל, איין מלאך איז א שלעכטער, אויב דער מענטש קומט אהיים אונ גיפונט דיא ליכט ברענען, אונ דער טיש איז גיגרייט צום עסין, אונ דיא בעט איז פאר דעקט, זאגט דער גוטער מלאך עס זאל זיין דער ווילין פון גאט אז איבער אכטאג שבת, זאל אויך אזוי זיין, אונ דער שלעכטער מלאך מוז מיט גיוואלד ענטפערין אמן, אבער אויב דער מענטש קומט אהיים אונ ער גיפונט נישט קיין ליכט ברענען, אונ דער טיש איז נישט גיגרייט צום עסין, אונ דאס בעט איז נישט פאר דעקט, זאגט דער שלעכטער מלאך עס זאל זיין דער ווילין פון גאט אז איבער אכט טאג שבת זאל אויך אזוי זיין, אונ דער גוטער מלאך מוז מיט גיוואלד ענטפערין אמן:

(ד) מעשה. עס האט גיטראפין א רב איז גישטארבין האט ער זיך באוויזין אין חלום צוא זיינעם תלמיד, האט דער תלמיד גיזעהן אז ער האט גיהאט א פלעק אויף דעם שטערין, האט דער תלמיד אים גיפרעגט, פאר וואס איז דאס גיווארין אויף אייך האט דער רבי אים גיענטפערט, ווייל איך בין נישט גיוועזן גיווארינט גישט צוא ריידין בשעה מען האט גיזאגט דיא ברכה פון מגן אבוה

משלי שבת

זאגט דאס. זאגט מען עדות אז דער איבערשטער האט באשאפען דיא גאנצע וועלט אין זעקס טעג אונ אום שבת האט ער גירוהט. איז אויב ער איז נישט מכוון דעם טייטש דער פון. וויא אזוי קען ער ווערן אן גירופען עדות אז ער איז נישט מכוון צו זיין א עדות. גאר דיא גמרא מיינט אז ער זאל מכוון זיין מיט דעם גאנצען הארצען אז דער איבערשטער איז מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא אונ ער אליין האט באשאפען אלע וועלטען. דעמאלט הייסט

פרק יא לקדש על יין:

(א) תנו רבנן (שמות כ) זכור את יום השבת לקדשו זוכרהו על היין. אין לי אלא ביום בלילה מנין. ת"ל זכור את יום השבת לקדשו. בלילה מנין אדרבה עיקר קידושא בלילה הוא קדיש דכי קדיש תחילת יומא בעי לקידושי. ותו בלילה מנין ת"ל זכור את יום השבת. תנא מיהדר אלילה וקא נסיב לה קרא לימשא. הכי קאמר זכור את יום השבת לקדשו זוכרהו על היין בכניסתו. אין לי אלא בלילה ביום מנין ת"ל זכור את יום השבת:

(ב) כתיב (בראשית ב) ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו. הקב"ה ברך וקדש את יום השבת וישראל אינן חייבין אלא לשמור ולקדש את יום השבת. מכאן אמרו כל

בראה מקומות (א) פסחים קו: (ב) פדר"א פי"ח:

פירושים

(א) לקדשו. משמע בשעה שמתקדש היום: ה"ק כו'. אע"ג דאין לפרש לשון השינוי כברייתא בענין זה אלא ע"י שאנו מסרסין אותה למפרע. אפ"ה לא שייך למימר חסורי מיחסרא שהרי אין חסר ממנה כלום אלא שנוי' למפרע דבמקום שהי' לו לומר אין לי אלא בלילה ביום מנין טעה התנא בשמועתו ושנה אין לי אלא ביום בלילה מנין הלכך לא שייך למימר חסורי מיחסרא:

פירוש ע"ט

אבות וויא איז איין ברכה וואס עס שטייט אין איר פון אלע זיבען ברכות וואס מען דאווינט אום שבת אין שמונה עשרה]:

דער עלפטער פרק שמועסט אז מען זאל מאכין קידוש אויף וויין:

(א) תנו. דיא רבנן האבין גילערינט עס שטייט אין פסוק זאלסט גידענקין דעם טאג שבת צוא הייליגין אים, מיינט מען, אז מען זאל אים גידענקין אויף וויין, [מען זאל מאכין קידוש אויף וויין], פרעגט דיא גמרא וויים איך נאר אז ביא ט"ג זאל מען מאכין קידוש אויף וויין, ווארום עס שטייט יום] אבער פון וואנען ווייסין מיר אז ביא נאכט זאל מען אויך מאכין קידוש אויף וויין, ענטפערט דיא גמרא וויל עס שטייט אין פסוק אז מען זאל גידענקין דעם טאג שבת צוא הייליגין אים, פרעגט דיא גמרא וואס פרעגסטו פון וואנען ווייסין מיר אז ביא נאכט בדארף מען מאכין קידוש אויף וויין, פארקערט דאס עיקר הייליקייט פון שבת הייבט זיך דאך אהן פון ביא נאכט, אין אנהייב ווען דער שבת הייבט אהן הייליג ווערין, בדארף מען זאגין קידוש, נאך אקשיא איז דוא פרעגסט פון וואנען ווייסין מיר אז מען בדארף זאגין קידוש ביא נאכט, ענטפערסט דוא וויל עס שטייט אין פסוק זאלסט גידענקין דעם טאג שבת, דער תנא זוכט אפסוק מען זאל בדארפין זאגין קידוש ביא נאכט אונ דוא לערינסט פון אפסוק אז מען בדארף זאגין קידוש ביא טאג, ענטפערט דיא גמרא, אזוי איז גילערינט גיווארין, עס שטייט אין פסוק זאלסט גידענקען דעם טאג שבת צוא הייליגין אים, זאג איך ווען דער שבת גייט אריין, ביא נאכט ווען עס ווערט שבת זאלסטו דערמאנען שבת אויף וויין [מאכין קידוש], ווייסין מיר נאר אז ביא נאכט בדארף מען מאכין קידוש אויף וויין אבער פון וואנען ווייסין מיר אז ביא טאג [שבת אין דער פריא] בדארף מען אויך מאכין קידוש אויף וויין, שטייט אין פסוק זאלסט גידענקען דעם טאג שבת צוא הייליגין אים, ווארום עס האט בדארפט שטיין זאלסט גידענקען שבת צוא הייליגין, אונ אז עס שטייט דעם טאג שבת איז גידרונגין אז שבת אין דער פריא בדארף מען אויך מאכין קידוש אויף וויין:

(ב) כתיב. עס שטייט אין פסוק דער אייבערשטער האט גיבענטשט דעם זיבעטין טאג אונ ער האט אים גיהייליגט מיינט מען אז דער אייבערשטער האט גיבענטשט אונ גיהייליגט דעם טאג

שבת

משלי שבת

הייסט ער א עדות. אונ ער ווערט אן גירופען אשותף צום אייבערשטען אין באשאפונג דיא וועלט. מיר וועלען דאס געבען צוא פארשטיין. איינער האט אויס גיקלערט אנייעס ערפינדונג פון נייע מאדישע סחורה. אונ ער האט גימאכט אפאבריק ארבעטען די סחורה. האט ער גיזוכט אשותף מיט געלד. ווארום ער האט נישט גיהאט קיין געלד מיט וואס

צוא

המברך על היין בלילי שבתות מאריכין לו ימיו ושנותיו בעולם הזה ויוסיפו לו שנות חיים לעולם הבא:

(ג) אמר רב הונא הזהיר בקידוש היום זוכה וממלא גרבי יין:

(ד) שאלו תלמידיו את רבי זכאי במה הארכת ימים אמר להם מימי לא השתנתי מים בתוך ארבעה אמות של תפלה ולא כניתי שם לחבירי ולא בטלתי קידוש היום. אימא זקנה היתה לי פעם אחת מכרה כפה שבראשה והביאה לי קידוש היום. תנא כשמתה הניחה לו ג' מאות גרבי יין. כשמת הוא הניח לבניו שלשת אלפים גרבי יין. רב הונא הוה אסר ריתא וקאי קמי' דרב. אמר לי' מאי האי. א"ל לא הוה לי קידושא ומשכנתה להמיינאי

מראה מקומות (ג) שבת כג: (ד) מגילה כז:

פירושים

(ג) הזהיר בקידוש היום זוכה. זה השכר הוא כדומה לעיקר קידוש היום הוא ביין כדאמרינן:

(ד) במה הארכת ימים. באיזה זכות: כפה. לעיף: אסר ריתא. מין נמי: דתיטום בשיראי. סתום ומכוסה במעינין. סתמום פלשתים תרגומו טמונין פלשתאי (בראשית כו): איכלל. כשנכנס לחופה: שלחן. היו פושטות בגדיהן: וכן למר. אף אתה תהא מבורך לכך שמא היה עת רצון ותתקיים אף כי:

פירוש ע"ט

שבת, און יודין זענען נישט מחויב נאר היטין און הייליגין דעם טאג שבת. האבין דיא חכמים גיזאגט דער פון איז גידרינגען אז וועלכער מענטש וואס מאכט קידוש אויף וויין פרייטאג-צוא-נאכט, דער לענגערט מען זיינע יאהרין אויף דער וועלט (ער לעבט לאנג) און מען דער מערט אים יאהרין אויף עולם הבא:

(ג) אמר. רב הונא האט גיזאגט דער מענטש וואס איז אפ גיהיט צוא מאכין קידוש אויף וויין איז ער זוכה צוא האבין פיהל קעללערס מיט וויין:

(ד) שאלו. דיא תלמידים האבין גיפרעגט צוא רבי זכאי דורך וועלכע מצוה האסטו זוכה גיוועזן צוא לעבין לאנג, האט רבי זכאי זייא גיענטפערט דורך דרייא זאכין. ווען איך האב גידאוונט, אויב איך האב גידארפט משתין זיין אין מיטין דאוונען ואדער באלד נאך'ן דאוונען בין איך אוועק גיגאנגען פיר איילין פון דעם ארט וואס כ'האב גידאוונט, און כ'האב דארט משתין גיוועזן, נאין דיא פיר איילין האב איך נישט משתין גיוועזן. דיא צווייטע זאך איז וואס כ'האב נישט גירופין קיין מענטש מיט אביא נאמען, דיא דריטע זאך, וואס כ'האב אללע שבת גימאכט קידוש אויף וויין, און כ'האב קיין מאל נישט פארפעלט. איין מאל האב איך פרייטאג נישט גיהאט קיין געלט צוא קויפען וויין אויף קידוש, איז דאך מיר גיוועזן זייער נישט פריילך, האב איך גיהאט א אלטע מוטער, אז זיא האט גיהערט אז איך האב נישט קיין געלט צוא קויפען וויין, האט זיא פאר קויפט איר שלייער פון קאפ און זיא האט מיר גיקויפט וויין אויף קידוש, זאגט דיא גמרא מיר האבען גילערינט דער רבש"ע האט איר באצאלט פאר דער מצוה, ווען זיא איז גישטארבען האט

משלי שבת

צוא פירען דיא פאבריק. און ער אליין האט נישט גיקענט מפרסם זיין דיא סחורה אויף דער גאנצער וועלט. ווארום מען האט בדארפט ארום פארען פון שטאט צו שטאט מיט פראבען פין דער סחורה. פובליקירען דיא סחורה. און ער האט גימוזט שטענדיג זיצען אין פאבריק ווייל דיא ארבייטער האבען זיך אים נישט גיקאנט אויס ארבעטען דיא סחורה. האט ער צו גינומען זיינעם א ברודער פאר א שותף ער האט גיהאט אסך געלד. נאר ער איז גיוועזן אשטומער. האט מען אים נישט גיקאנט שיקען פאר אריינפירער אין דער וועלט. האט ער גימוזט צוא נעמען אדריטען שותף. האטש ער האט קיין געלד נישט גיהאט אריין לייגען אין גישעפט. נאר ער איז גיוועזן זייער אפעציגער מענטש. אגרויסער

בריה. און א גרויסער רעדנער. מיט זיין מויל האט ער גיקאנט מויערען צוא ברעכען. און דאס האט זייער גינוצט צום גישעפט. כדי ער זאל פארען מפרסם זיין דיא סחורה אויף דער וועלט. ויהי היום האט דער רייזענדער. דער דריטער שותף. נישט גיקענט פארען אויף דער וועלט. האט גיזאגט צוא אים דער פאבריקאנט מהיום והלאה ווערסטו אויס מיין שותף. קיין געלד האסטו נישט אריין גילייגט אין גישעפט. נאר צוא וואס דען האב איך דיר גינומען פאר אשותף. כדי דוא זאלסט ארום פארען אוף דער וועלט און זאלסט מפרסם זיין דיא סחורה פון מיין פאבריק. אבער ערשט אז דוא קאנסט נישט פארען. האסט איז מיר אמעולה אז דוא וועסט זיצין אין פאבריק. ...

ואתאי בי' קידושא אמר לי' יהא רעוא דתיתום בשיראי. כי איכלל רבה ברי'..רב הונא אינש נוצא הוה. ננא אפורי' אתיין בנתי' וכלתי' שלחן ושדי' מנייהו עלי' עד דאיטום בשיראי.
שמע רב ואיקפד אמר מאי טעמא לא אמרת לי כי בריכתיך וכן למר:

(ה) רבי נזר תעניתא ולא אתא מיטרא נחית קמי' אילפא ואמרי לה רבי אילפי אמר משיב הרוח ונשא זיקא. מוריד הגשם ואתא מיטרא. אמר לי' מאי עובדך. אמר לי' דיירנא בקוסטא דחיקא דלית בי' חמרא לקידושא ואבדלתא. טרחנא ואתינא חמרא לקידושא ואבדלתא ומפיקנא להו ידי חובתייהו:

מראה מקומות (ה) תענית כד:

פירושים

(ה) נחית קמי'. לפני התיבה: נשא. כמו נשב: בקוסטא דחיקא. בכפר דחוק שיש בו עניות ביותר:

פירוש ע"ט

הָאט זיא אִיבֶּער גִילָאזְט דְרַייא הוּנְדֶערְט פֶּעסֶער וַויין, אוּנ וֶוען רַבִּי זַכַּאי אִיז גִישְׁטָארְבֶּען הָאט עֶר אִיבֶּער גִילָאזְט דְרַייא טוֹיזֶענְד פֶּעסֶער וַויין, [וָוארוּם דִיא מוּטֶער אִיז רַייך גִיוָוארִין אוּנ עֶר אִיז נָאךְ מַיין רַייך גִיוָוארִין]. רַב הוּנָא אִיז אַמָאל גִישְׁטַאנֶען פַאר רַב אִיז עֶר גִיוֶוען גִיגַארְטֶלְט מִיט אַגַארְטֶיל פוּן וַוייבֶּע קָארֶע הָאט דָאס רַב נִיזֶעהְן הָאט רַב גִיפְרֶעגְט רַב הוּנָא'ן [וְואוּ אִיז דַיין גַארְטֶיל וָואס דוּא גֵייסְט אִין אִים אַלֶע מָאל, הָאט רַב הוּנָא גִיעֶנְטְפֶערְט כ'הָאבּ נִישְׁט גִיהַאט קֵיין גֶעלְט צוּא קוֹיפֶען וַויין אוֹיף קִידוּשׁ, הָאבּ אִיךְ אִים נִיגֶעבִּין אַמַשְׁכּוֹן אוּנ גִיבָּארְגְט אוֹיף אִים גֶעלְט, אוּנ הָאבּ גִיקוֹיפְט וַויין אוֹיף קִידוּשׁ, הָאט רַב גִיזָאגְט צוּא רַב הוּנָא'ן פַאר דֶער מִצְוָה וָואס הָאסְט פַאר זֶעצְט דַיין גַארְטֶיל זָאל זַיין דֶער ווִילִין פוּן אַייבֶּערְשְׁטִין זָאלְסְט זַיין בַּאדֶעקְט מִיט זַיידִין-צַייג. דֶער צֵיילְט דִיא גְמָרָא אַז רַבְ'ס בְּרָכָה אִיז מְקוּיָם גִיוָוארִין, וֶוען רַב הוּנָא הָאט חַתוּנָה גִימַאכְט זַיין זוּהְן רַבָּה הָאט רַב הוּנָא זִיךְ גִילֵייגְט שְׁלָאפֶען אוֹיף אַבֶּעט, אוּנ וַוייל רַב הוּנָא אִיז גִיוֶוען אַקְלֵיינֶער גִיוִוקְסִיק, הָאט מֶען נִישְׁט גִיזֶעהְן אַז רַב הוּנָא לִיגְט אוֹיפֶען בֶּעט, זֶענֶען גִיקוּמֶען דִיא טֶעכְטֶער אוּנ דִיא שְׁנִיר פוּן רַב הוּנָא אוֹיף דֶער חֲתוּנָה, הָאבֶּען זֵייא אוֹיס גִיטָאהְן זֵייעֶרֶע זַיידֶענֶע אוֹיבֶּער-קְלֵיידֶער אוּנ הָאבֶּען אַרוֹיף גִילֵייגְט אוֹיפֶען בֶּעט וָואס רַב הוּנָא אִיז דָארְט גִישְׁלָאפֶען, [וָוארוּם זֵייא הָאבֶּען נִישְׁט גִיזֶעהְן אַז רַב הוּנָא לִיגְט דָארְט] אִיז רַב הוּנָא בַּאדֶעקְט גִיוָוארִין מִיט זַיידֶענֶע קְלֵיידֶער, [וָוארוּם רַב הוּנָא אִיז רַייךְ גִיוָוארִין אוּנ הָאט גִימַאכְט זַיינֶע קִינְדֶער זַיידֶענֶע קְלֵיידֶער], אִיז מְקוּיָם גִיוָוארִין רַבְ'ס בְּרָכָה, אַז רַב הָאט גִיהֶערְט אַז זַיין בְּרָכָה אִיז מְקוּיָם גִיוָוארִין אוֹיף רַב הוּנָא, אִיז עֶר דֶער צֶערְנְט גִיוָוארִין אוֹיף רַב הוּנָא, אוּנ הָאט גִיזָאגְט צוּא רַב הוּנָא וֶועז כ'הָאבּ דִיךְ גִיבֶּענְטְשְׁט פַאר וָואס הָאסְטוּ דֶעמְסְמָאל מִיר נִישְׁט גִיווָאוּנְשִׁין דֶער רֶבִּי זָאל אוֹיךְ אַזוֹי גִיבֶּענְטְשְׁט וֶוערִין [מִיר זֶעהְן דָאךְ עֶרְשְׁט אַז דֶעמְסְטְמָאל אִיז גִיוֶוען אַעֵת רָצוֹן אַז אַלֶע בְּרָכוֹת זָאלִין מְקוּיָם וֶוערִין] וָואלְט אִיךְ דָאךְ אוֹיךְ רַייךְ גִיוָוארִין אוּנ אוֹיךְ גִיגֵייט מַיינֶע קִינְדֶער זַיידֶענֶע קְלֵיידֶער:

(ה) רַבִּי הָאט אַמָאל גוֹזֵר גִיוֶוען אַז מֶען זָאל פַאסְטֶען וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גִיגַאנְגֶען קֵיין רֶעגֶען. אִיז גִיגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אִילְפָא. אַנְדֶערֶע זָאגֶען רַבִּי אִילְפִי. אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט „דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט וֶועהֶען דֶעם ווִינְט" אִיז גִיוָוארֶען אַווִינְט. דֶער נָאךְ הָאט עֶר גִיזָאגְט „עֶר מַאכְט גִידֶערֶען רֶעגֶען". אִיז גִיוָוארֶען אַרֶעגֶען. הָאט רַבִּי אִים גִיפְרֶעגְט וָואס אִיז דַיינֶע מִצְוֹת וָואס דוּא הָאסְט אַזוֹי אַגְרוֹיסֶען זְכוּת. הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט רַבִּי'ן. אִיךְ ווֹאהְן אִין אַדָארְף מִיט אָרִימֶע

משלי שבת

לייט

דֶער עִיקָר אִיז מִיר דַיין מוֹיל וָואס דוּא בִּיסְט מִיט אִים מְפַרְסֵם דִיא תּוֹרָה. אוּנ אוֹיבּ דוּא זִיצְט גְלַאט אִין בַּאבְּרִיק וָואס אִיז מִיר דֶער פּוֹעֵל יוֹצֵא דֶער פוּן. דָאס וֶועלְבָּע זַאךְ אִיז דָא. אוֹיב אַמֶענְטְשׁ זָאגְט וַיְכֻלּוּ מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה. אוּנ הֶערְט וָואס עֶר רֶעדְט אִיז עֶר דֶערמִיט מְפַרְסֵם אַז עֶס אִיז דָא אַבּוֹרֵא יָחִיד וָואס עֶר אַלֵיין הָאט בַּאשַׁאפֶען אִין זֶעקְס טָאג דִיא זִיבֶּען הִימְלֶען אוּנ ד א עֶרְד

אוּנ אַלֶע זַאכֶען וָואס עֶס גֶעפִינְט זִיךְ אִין זֵייא אוּנ אִין דֶעם זִיבֶּעטֶען טָאג שַׁבָּת. הָאט עֶר גִירוּהְט פוּן זַיין בַּאשַׁאפֶען דִיא וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶועלְט. אוּנ דֶעם טָאג שַׁבָּת הָאט עֶר גִיבֶּענְטְשְׁט אוּנ גִיהֵיילִיגְט. אוּנ הָאט דֶעם הֵיילִיגֶען טָאג גִיגֶעבֶּען אַמַתָּנָה צוּא אוּנְז. זַיין גֶעלִיבְּטֶע פָאלְק יִשְׂרָאֵל, אוֹיף אַאֵייבִּיגֶען אַנְדֶענְקוּנְג „אוֹת עוֹלָם" אוּנ אַאֵייבִּיגִין פַארְבִּינְדוּנְג „בְּרִית עוֹלָם" אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ

(ו) אמר רבי ישמעאל ברבי יוסי לרבי פסיעה גסה נוטלת אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם ומהדר לי' בקידושא דבי שמשי:

(ז) אמר רב אדא בר אהבה נשים חייבות בקידוש היום דבר תורה. אמאי מצות עשה שהזמן גרמא הוא וכל מצות עשה שהזמן גרמא נשים פטורות. אמר אביי מדרבנן. אמר לי' רבא והא דבר תורה קאמר. ועוד כל מצות עשה נחייבינהו מדרבנן, אלא אמר רבא אמר קרא (שמות כ) זכור (דברים ה) ושמור כל שישנו בשמירה ישנו בזכירה. והני נשי הואיל ואיתנהו בשמירה איתנהו בזכירה:

פרק יב סעודת שבת:

(א) אמר רבי אלעזר לעולם יסדר שולחנו בערב שבת אף על פי שאינו צריך אלא לכזית:

מראה מקומות (ו) שבת קיג: (ז) ברכות כ: (א) שבת קיט:

פירושים

(ו) קידושא דבי שמשי. השותה מיין של קידוש בלילי שבתות:

(ז) בקידוש היום. מ"ע שהזמן גרמא הוא: זכור. את יום השבת לקדשו זכרהו על היין: בשמירה. דלא תעשה מלאכה: והני נשי איתנהו בשמירה. דתנן (קידושין דף כט.) כל מצות ל"ת בין שהז"ג בין שאין הזמן גרמא נשים חייבות דהשוה הכתוב אשה לאיש לכל עונשין שבתורה:

(א) יסדר אדם שולחנו בע"ש. ללילי שבת:

פירוש ע"ט

לייט. וואס זייא האבען נישט קיין וויין אויף קידוש אונ אויף הבדלה. ברענג איך אלע פרייטאג וויין אויף קידוש אונ אויף הבדלה. אונ איך מאך קידוש אונ הבדלה. אונ איך בין זייא מוציא. דיא מצוה טוא איך אלע וואך:

(ו) אמר. רבי ישמעאל ברבי יוסי האט גיזאגט צו רבין אז א מענטש טוט אגרויסען טריט נעמט דאס צוא פון אים א פינף הינדערט חלק פון דיא ליכטיקייט פון דיא אויגען. אונ דיא ליכטיקייט קומט צוריק צום מענטשען ווען ער טרינקט וויין פון קידוש פרייטאג-צו-נאכט:

(ז) אמר. רב אדא בר אהבה האט גיזאגט ווייבער זענען אויך מחויב מן התורה קידוש מאכען אויף וויין. פרעגט דיא גמרא פאר וואס זענען ווייבער מחויב קידוש מאכען. דאס איז דאך א מצות עשה וואס דיא צייט איז גורם (דאס קומט דאך נאר פון שבת צו שבת) אונ אלע מצות וואס דיא צייט איז גורם זענען ווייבער פטור צוא טאן. האט אביי גיענטפערט זיי זענען נאר מחויב ווייל דיא רבנן האבען אזוי גיהייסען. (אבער באמת מן התורה זענען זייא טאקי פטור) האט רבא גיזאגט צו אביי'ן. רב אדא בר אהבה האט דאך בפירוש גיזאגט אז ווייבער זענען מחויב מן התורה. אונ נאך א קשיא. לאז מען זייא אללע מצות עשות מחייב זיין מדרבנן. חאטש זייא זענען פטור מן התורה. האט רבא גיענטפערט א אנדער תירוץ. אז באמת זענען ווייבער מחויב קידוש מאכען מן התורה. ווייל עס שטייט אין איין פסוק אז מען זאל גידענקען שבת מיט קידוש מאכען. אונ עס שטייט אין נאך א פסוק אז מען זאל היטען שבת פון א מלאכה צו טאן. לערנען מיר דערפון ארויס. דאס יעדער מענטש וואס איז גיבאטען אז ער זאל נישט טאן קיין מלאכה אום שבת. דער איז מחויב קידוש צו מאכען. אונ ווייבער זענען דאך אויך גיבאטען אז זייא זאלען נישט טאן קיין מלאכה אום שבת. זענען זייא אויך מחויב מן התורה קידוש צו מאכען:

דער צוועלפטער פרק שמועסט פון דיא שבת'דיגע סעודות:

(א) אמר, רבי אלעזר האט גיזאגט יעדער מענטש זאל שטענדיג גרייטען צום טיש פרייטאג פארין נאכט אויף שבת ביי נאכט. אפילו ער וועט ביי נאכט נישט מעהר עסען נאר אזוי גרויס וויא א איילבירט פון דעסטוועגען מוז דער טיש זיין גיגרייט:

משלי שבת

בשעת ער זאגט דאס ערוועקט ער אונ פלאמט אויף אין הארץ דעם יסוד פון תורת משה. ווארום שבת איז דאס הארץ פון דער גאנצער תורה. אונ קבלת של מלכות שמים. דער מענטש ווערט אן גירופען א אמת'ר עדות. אונ דרום ווערט ער א שותף צוא הקב"ה אין דיא באשאפונג פון דער וועלט:

(ב) אמר רבי אבא בשבת חייב אדם לבצוע על שתי ככרות דכתיב (שמות טז) לחם משנה. אמר רב אשי חזינא לי' לרב כהנא דנקט תרתי ובצע חדא אמר לקטו כתיב. רבי זירא הוה בצע אכולה שירותי'. אמר לי' רבינא לרב אשי והא מחזי כרעבתנותא. א"ל כיון דכל יומא ויומא לא עביד והאידנא הוא דקעביד לא מיחזי כרעבתנותא. רבי אמי ורבי אסי כי מיקלע להו ריפתא דעירובא שרו עילוי' אמרי הואיל ואיתעביד בה חדא מצוה. ליתעביד בה מצוה אחרינא:

(ג) תנו רבנן כמה סעודות חייב אדם לאכול בשבת שלש. רבי חידקא אומר ארבע. אמר רבי יוחנן ושניהם מקרא אחד דרשו (שמות יז) ויאמר משה אכלוהו היום כי שבת היום לה' היום לא תמצאוהו בשדה. רבי חידקא סבר הני תלתא היום לבד מאורתא ורבנן סברי בהדי דאורתא:

מראה מקומות (ב) שם קיז: (ג) שם:

פירושים

(ב) לבצוע. ברכת המוציא: דנקט תרתי. אוחז בידו: לקטו כתיב. דמשמע אחיזה אבל בליעה לא כתיב משנה: בצע אכולה שירותי'. פרוסה גדולה ודי לו בה לאותה סעודה ולכבוד שבת ונראה כמחבב סעודת שבת להתחזק ולאכול הרבה. והרשב"א פי' בלע על כל הככרות המונחים לפניו וכן פי' רבינו האי: כי מיקלע להו. פעמים שהעירוב בביתם ופעמים בבית א' מאחר בני אדם: שרו בי'. היינו ברכת המוציא שהיא התחלת אכילה: שרו. מתחילין:

(ג) תלתא היום. למנין שלש סעודות כאן:

פירוש ע"ט

(ב) אמר, רבי אבא האט גיזאגט אמענטש בדארף אום שבת מאכען המוציא אויף צווייא חלות. ווארום עס שטייט אין דער תורה מען זאל האבען אויף שבת טאפעלע ברויט [דאס מיינט מען צוויי ברויט צו יעדער סעודה]. רב אשי האט גיזאגט איך האב גיזעהן וויא רב כהנא האט גיהאלטען אין האנט צוויי חלות ווען ער האט גיזאגט דיא ברכה המוציא אונ האט צו שניטען נאר איין חלה. ווארום ער האט גיזאגט אין פסוק שטייט מען זאל קלויבען [נעמען] טאפעלע ברויט. אבער עסין צו יעדער סעודה זאל מען נאר עסין איין ברויט. רבי זירא ווען ער האט גימאכט המוציא האט ער אפ גישניטען פון דער חלה אגרויסע שטיק ער זאל האבען גינוג חלה אויף דער גאנצער סעודה. צוא ווייזען אז ער האט ליב דיא סעודה פון שבת אונ ער וויל עסין פון דער סעודה. האט רב כהנא גיזאגט צו רב אשי עס איז דאך גישט גיוועון שיין ווארום עס האט דאך אויס גיזעהן אז ר' זירא איז אפרעססער. האט ר' אשי אים גיענטפערט ווייל אללע טאג האט ער אזוי נישט גיטאן. נאר שבת האט ער אזוי גיטאן האט ער נישט אויס גיזעהן וויא אפרעססער. ר' אמי אונ ר' אסי אז עס האט זיך גיטראפען אז דיא חלה פון עירוב איז בייא זייא גוועזען אין שטוב האבען זייא אויף דער חלה גימאכט המוציא. זייא האבען גיזאגט ווייל מיט דער חלה האט מען שוין איין מצוה גיטאן [עירוב] זאל מען מיט איר טאן נאך אמצוה אונ אן הויבען מיט איהר דיא סעודה:

(ג) תנו, דיא רבנן האבען גילערינט דריי סעודות בעדארף אמענטש עסין אום שבת. רבי חידקא אגט אמענטש בעדארף עסין אום שבת פיר סעודות, האט רבי יוחנן גזאגט בייד̇ע [דיא רבנן אונ רבי חידקא] לערנען דאס ארויס פון איין פסוק. עס שטייט אין פסוק משה האט גיזאגט צו דיא יודען איר זאלט עסין היינט דעם מן ווארום היינט איז שבת צוא גאט. היינט וועט איר דעם מן נישט געפינען אין פעלד. ווייל עס שטייט אין פסוק דריי מאל "היינט" איז דער פון גידרונגען אז דריי סעודות בעדארף מען עסין אום שבת. נאר רבי חידקא האלט אז דיא דריי סעודות מיינט מען שבת ביי טאג. אויסער דיא סעודה וואס מען באדארף עסין פרייטאג-צו-נאכט. [דריבער זאגט רבי חידקא אז שבת מוז מען עסין פיר סעודות] אונ די רבנן האלטען אז שבת בדארף מען דריי סעודות. אונ דיא סעודה פון פרייטאג־צו־נאכט איז שוין אויך אין דעם. [מען בעדארף עסין פרייטאג־צו־נאכט איין סעודה אונ צוויי סעודות בעדארף מען עסין שבת בייא טאג]:

משלי שבת

(ג) תנו רבנן כמה סעודות חייב אדם לאכול בשבת שלש וכו'. עס איז דא פיל מענטשען וואס ווען גינארט בייא זיך אונ זיי מיינען אז מיט מערין מאכלים (געריכטען) אונ אין צוא טאן זיך פיל פערגעניגען אין צוא זעטיגען דעם גוף.

אין

(ד) אמר רבי שמעון בן פזי אמר רבי יהושע בן לוי משום בר קפרא כל המקיים שלש סעודות בשבת ניצול משלש פורעניות. מחבלו של משיח ומדינה של גיהנם וממלחמת גוג ומגוג. מחבלו של משיח כתיב הכא יום וכתיב התם (מלאכי ג) הנה אנכי שולח לכם את אלי' הנביא לפני בוא יום ה' וגו'. מדינה של גיהנם כתיב הכא יום וכתיב התם (צפני' א) יום עברה היום ההוא. ממלחמת גוג ומגוג כתיב הכא יום וכתיב התם (יחזקאל לח) ביום בוא גוג:

(ה) אמר רבי יוסי יהא חלקי מאוכלי שלשה סעודות בשבת:

(ו) אמר רב נחמן תיתי לי דקיימית שלשה סעודות בשבת:

(ז) רבי חגי בשם רבי שמואל בר נחמן לא ניתנו שבתות וימים טובים אלא לאכילה ולשתי' וכו':

מראה מקומות (ד) שם קיח: (ה) שם: (ו) שם: (ז) ירושלמי שבת פט"ו הל' ג':

פירושים

(ד) חבלו של משיח. כדאמרינן בכתובות (דף קיב:) דור שבן דוד בא בו קטיגוריא בתלמידי חכמים שנא' ועוד בה עשירי' וגו'. חבלו. לשון חבלי יולדה (הושע יג):

(ו) תיתי לי. ישולם שכרי:

(ז) לאכילה ולשתי'. לתענוגים ולמנוחה:

פירוש ע"ט

(ד) אָמַר. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן פָּזִי הָאט גִיזָאגְט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט גִיזָאגְט פוּן בַּר קַפָּרָא'ס וֶועגְן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט דִיא מִצְוָה אוּנ עֶסְט אוּם שַׁבָּת דְרַייא סְעוּדוֹת. וֶועט עֶר בַּאשֶׁערֶעמְט וֶוערֶען פוּן דְרַייא צָרוֹת. פוּן דִיא צָרוֹת וָואס עֶס וֶועט זַיין אִין דֶער צַייט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּנ פוּן דִיא יִסוּרִים פוּן גֵיהִנָם. אוּנ פוּן דִיא מִלְחָמָה פוּן גוֹג וּמָגוֹג. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז עֶר וֶועט בַּאשֶׁערֶעמְט וֶוערֶען פוּן דִיא צָרוֹת וָואס עֶס וֶועט זַיין אִין דֶער צַייט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דָא שְׁטֵייט דָאס וָוארְט „יוֹם" [אִכְלוּהוּ הַיּוֹם] אוּנ דָארְט בַּייא מָשִׁיחַ שְׁטֵייט אִיךְ וֶועל שִׁיקֶען צוּא אַייךְ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אֵיידֶער עֶס וֶועט קוּמֶן [יוֹם ה'] דֶער טָאג פוּן גָאט. וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אִין אִים קוּמֶען. אִיז דֶער פוּן גִידְרוּנְגֶען אַז דֶער יוֹם פוּן סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת בַּאשֶׁערֶעמְט פוּן דִיא צָרוֹת פוּן דֶעם יוֹם וָואס עֶס וֶועט זַיין אִין דֶער צַייט וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען. אוּנ פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז עֶר וֶועט בַּאשִׁירֶעמְט וֶוערֶען פוּן דִיא יִסוּרִים פוּן גֵיהִנָם וָוארוּם דָא שְׁטֵייט יוֹם [כִּי שַׁבָּת הַיּוֹם לַה'] אוּנ דָארְט בַּייא דֶעם גֵיהִנָם שְׁטֵייט [יוֹם עֶבְרָה הַיּוֹם הַהוּא] דֶער טָאג אִיז אַ טָאג פוּן צָארְן. אִיז גִידְרוּנְגֶען אַז דֶער יוֹם פוּן דִיא סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת בַּאשֶׁערִימְט פוּן דֶעם צָארְן פוּן דֶעם יוֹם פוּן גֵיהִנָם. אוּנ פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז עֶר וֶועט בַּאשִׁירֶעמְט וֶוערֶען פוּן דִיא מִלְחָמָה פוּן גוֹג וּמָגוֹג וָוארוּם דָא שְׁטֵייט יוֹם [הַיּוֹם לֹא תִמְצָאוּהוּ] אוּנ דָארְט בַּייא דֶער מִלְחָמָה פוּן גוֹג וּמָגוֹג שְׁטֵייט [בְּיוֹם בּוֹא גוֹג] אִין דֶעם טָאג וָואס גוֹג וּמָגוֹג וֶועט קוּמֶען הַאלְטֶען מִלְחָמָה, אִיז גִידְרוּנְגֶען אַז דֶער יוֹם פוּן דִיא סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת בַּאשֶׁערִימְט פוּן דֶעם יוֹם וָואס דִיא מִלְחָמָה פוּן גוֹג וּמָגוֹג וֶועט זַיין:

(ה) אָמַר. רַבִּי יוֹסֵי הָאט גִיזָאגְט הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גִיהַאט אַזוֹי אַחֵלֶק אוֹיף עוֹלָם הַבָּא וִויא דִיא מֶענְטְשֶׁען וָואס עֶסִין שַׁבָּת דְרַייא סְעוּדוֹת [וָוארוּם זֵייא הָאבֶּען אַגְרוֹיסֶען חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא]:

(ו) אָמַר. רַב נַחְמָן הָאט גִיזָאגְט עֶס זָאל בַּאצָאלְט וֶוערֶען מַיין לוֹין פַאר דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גִיפִילֶעוֶועט עֶסִין אוּם שַׁבָּת דְרַייא סְעוּדוֹת:

(ז) רַבִּי. רַבִּי חַגַּי הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָן'ס וֶועגִין דִיא שַׁבָּתִים אוּנ יָמִים טוֹבִים זֶענֶען גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין נָאר אוֹיף עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען:

משלי שבת

אִין דֶעם בַּאשְׁטֵייט דֶער גַאנְצֶער גִידַאנְק פוּן דִיא שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת. אוּנ מֶעהְר פַארְלַאנְגְט מֶען נִישְׁט פוּן זַייא. אוּנ נָאכְדֶעם מֶעג מֶען שׁוֹין פַאר בְּרֶענְגֶען דֶעם הַיילִיגֶען טָאג מִיט אַלֶע גֶערִיכְטֶען. גֵיין אִין שְׁפַּאצִיר גֶערְפֶּער. אָדֶער זִיצֶען אִין דֶער הֵיים אוּנ רֵיידֶען פוּן וָואכֶעדִיגֶע גִישֶׁעפְטֶען. אָדֶער גְלַאט נִבּוּל פֶּה אוּנ לֵיצָנוּת. אוּנ נִישְׁט עֶפֶענֶען קֵיין יוּדִישֶׁען סֵפֶר. וֶועלִין מִיר דָאס עֶרְקְלֶערִין דוּרְךְ אַגִיוִויסֶע שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה. אַקְלֵיין שְׁטֶעטֶעלְדִיגֶער יוּד אִיז גִיקוּמֶען אִי

(ח) וקראת לשבת ענג במה מענגו רבי יהודה ברי' דרב שמואל בר שילת משמי' דרב אמר בתבשיל של תרדין ודגים גדולים וראשי שומין. רב חייא בר אסי אמר רב אפילו דבר מועט ולכבוד שבת עשאו הרי זה ענג. מאי היא אמר רב פפא כסא דהרסנא:

(ט) ואת סבור שמא לרעתך נתתי לך את השבת לא נתתי לך אלא לטובתך. כיצד אמר רב חייא בר אבא את מקדש את השבת במאכל ובמשתה ובכסות נקיי' ומהנה את נפשך ואני נותן לך שכר מנין (ישעי' נח) וקראת לשבת ענג וגו' מה כתיב אחריו (שם) אז תתענג על ה' ויתן לך משאלות לבך:

מראה מקומות (ח) שבת קיח: (ט) מד"ר דברים פ"ג:

פירושים

(ח) תבשיל של תרדין. מטוב הוא: ראשי שומין. חשובים היו להן: כסא דהרסנא. דגים קטנים מטוגנים בשמן קרביהן ובקמח:

(ט) שמא לרעתך. שיושב בטל ואינו יכול להשתכר במלאכתו: כתיב אחריו אז תתענג על ה'. א"כ רמז שלא לבד המצות שאין שכר בעוה"ז שבלי ספק הוא שמור לעוה"ב אלא אפילו השבת שכולו עונג ושכר בעוה"ז עכ"ז שכרו שמור:

תוספות פירושים

ט) שמא לרעתך נתתי וכו'. יבואר עפ"י דאיתא במס' מעילה שגזרה מלכות גזירה שלא ישמרו שבת הלך ר' ראובן בן אסטרובולא וישב עמהן ולא הכירו שהוא יהודי ואמר להם מי שיש לו אויב יעני או יעשר הוי אומר דיעני א"כ לא יעשו מלאכה בשבת כדי שיעני אמרו שטוב אמר ובטלוהו וכו'. א"כ שמא ח"ו יעלה על דעתך ג"כ כן. אל תאמר כן דכל מזונותיו של אדם קצובים מר"ה חוץ מהוצאות שבתות. והטעם דשבת לא תליא במזלא כלל. בזכות שמירת שבת גורם להעשיר כדאי' כל המוסיף מוסיפין לו מן השמים:

פירוש ע"ט

(ח) וְקָרָאתָ. אין פָּסוּק שְׁטֵייט זָאלְסְט רוּפִין דֶעם שַׁבָּת פַארְגֶענִיגִין [וָואלְסְט זִיךְ שַׁבָּת אָהְן טָאהְן פַארְגֶענִיגִין]. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא מִיט וָואס זָאל מֶען זִיךְ שַׁבָּת אָהְן טָאהְן פַארְגֶענִיגִין הָאט רַבִּי יְהוּדָה בְּרֵי' דר' שְׁמוּאֵל בַּר שִׁילַת גִיזָאגְט פוּן רַבְ'ס וֶועגִין מֶען זָאל עֶסִין דֶעם גִיקֶעכְץ פוּן תְּרָדִין, אוּנ גְרוֹיסֶע פִישׁ, אוּנ קֶעפְּלַאךְ פוּן קְנָאבִּיל. רַב חִיָּיא בַּר אַסִי הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבְ'ס וֶועגִין אֲפִילוּ מֶען עֶסְט אַוָואלְוֶועלֶע זַאךְ אוֹיבּ נָאר מֶען הָאט דָאס גִימַאכְט פוּן שַׁבָּת וֶועגִין הֵייסְט דָאס שׁוֹין אוֹיךְ פַארְגֶענִיגִין, פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא וֶועלְכֶעס הֵייסְט אַקְלֵיינֶע זַאךְ, הָאט רַב פָּפָּא גִיזָאגְט אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסִיל קְלֵיינֶע פִישְׁלַאךְ וָואס זֶענֶען גִיפְרֶעגִילְט גִיוָוארִין אִין דִיא פֶעטְס פוּן זֵייעֶרֶע קִישְׁקַאלַאךְ מִיט אַבִּיסִיל מֶעהְל אוֹיבּ עֶר הָאט דָאס אָנְגִיגְרֵייט אוֹיף שַׁבָּת וַוייל עֶר הָאט גִישְׁט מֶעהְר הֵייסְט דָאס אוֹיךְ אַפַארְגֶענִיגִין אוֹיף שַׁבָּת:

(ט) וְאַתְּ. דֶער אַייבֶּעשְׁטֶער הָאט גִיזָאגְט צוּא דִיא יוּדִין דוּא מֵיינְסְט דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גִיגֶעבִּין דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת אִיז דָאס פַאר דִיר אַרָעָה [דוּא זָאלְסְט נִישְׁט קֶענֶען הַאנְדְלֶען אוּנ אַרְבֶּעטִין] נֵיין, אִיךְ הָאבּ דִיר גִיגֶעבִּין דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת פוּן דַיין טוֹבָה וֶועגִין, פְרֶעגְט דֶער מִדְרָשׁ וִויא אַזוֹי אִיז דָאס פַאר יוּדִין אַטוֹבָה, הָאט רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא גִיזָאגְט דֶער יוּד הִיט אוּנ הֵיילִיגְט דֶעם שַׁבָּת עֶר עֶסְט אוּנ טְרִינְקְט אוּנ עֶר טוּט אָהְן רֵיינֶע קְלֵיידֶער אוּנ עֶר טוּט זִיךְ אָהְן פַארְגֶענִיגִין אוּנ דֶער אַייבֶּעשְׁטֶער גִיט אִים דֶער פַאר לוֹין, פוּן וַואנֶען וֵוייסְט מֶען דָאס, וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זָאלְסְט דִיר שַׁבָּת אָהְן טָאהְן פַארְגֶענִיגִין שְׁטֵייט דָארְט אוֹיס גִיפִירְט אוֹיבּ דוּא וֶועסְט דִיר אָהְן טָאהְן פַארְגֶענִיגִין פוּן גָאטְס וֶועגִין וֶועט עֶר דִיר גֶעבִּין אַלְץ וָואס דַיין הַארְץ גְלוּסְט:

משלי שבת

אַגְרוֹיסֶע שְׂמְחָה אוּנ אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אִין גַאס אַרַיין. הָאט עֶר גִיזֶעהְן וִויא אַהוֹיז בְּרֶענְט. אִיז עֶר אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אִין אַאַנְדֶער גַאס. הָאט עֶר גִיזֶעהְן וִויא מֶענְטְשֶׁען פָארֶען דוּרְךְ מִיט פְרוּמֵייטָשֶׁען אוּנ מִיט פוֹיְקֶען. אוּנ מֶען פַייפְט אוּנ מֶען קְלַאפְּט (כְּדֵי דִיא שְׂמְחָה לַייט זָאלֶען וִויסֶען אַז עֶס בְּרֶענְט אִין שְׂמְחָה. יֶעדֶערֶער זָאל קוּמֶען הֶעלְפִין פַאר לֶעשֶׁען דֶעם פַייעֶר. דֶער מִיט אַהַאק. אוּנ דֶער מִיט אַפַאס. אוּנ דֶער מִיט אַקְרִיג) דֶער יוּד הָאט אִין זַיין שְׁטֶעדְטֶעל קֵיין מָאל נִישְׁט גִיזֶעהְן אַשְׂרֵיפָה. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דִיא מֶענְטְשֶׁען וָואס זֶענֶען דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען דוּרְךְ יֶענֶער גַאס וָואס אִיז יֶעצְט עֶפֶּעס אַשִׂמְחָה וָואס מֶען לוֹיפְט אוֹיף פֶערְד אִין דִיא גַאסֶען אוּנ מֶען פַייפְט אוּנ מֶען פוֹיְקְט. הָאבֶּען אִים דִיא מֶענְטְשֶׁען גִיעֶנְטְפֶערְט וַוייל אוֹיף יֶענֶער גַאס בְּרֶענְט יֶענֶע הוֹיז. אוּנ וַוייל זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גִיעֶנְטְפֶערְט בְּקִיצוּר.

הָאט

(י) אמר לי' קיסר לרבי יהושע בן חנניא מפני מה תבשיל של שבת ריחו נודף. אמר לי' תבלין אחד יש לנו ושבת שמו שאנו מטילין לתוכו זריחו נודף אמר לי' תן לנו הימנו. אמר לי' כל המשמר את השבת מועיל לו ושאינו משמר את השבת אינו מועיל לו:

(יא) כתיב ויברך אלקים את יום השביעי. ברכו במטעמים. רבינו עשה סעודה לאנטונינוס בשבת. הביא לפניו תבשילין של צונן אכל מהם וערב לו. עשה לו סעודה בחול הביא לפניו תבשילין רותחין. אמר לי' אותן ערבו לי יותר מאלו. אמר לי' תבל אחד הן חסרין. אמר לי' וכי יש קלרין של מלך חסר כלום. אמר לי' שבת הן חסרין. אית לך שבת?:

(יב) רבה בר רב הונא איקלע לבי' רבה בר רב נחמן קריבו לי' תלת סאוי טחיי. אמר

מראה מקומות (י) שבת קיט: (יא) ב"ר פ' יא: (יב) שבת קיט:

פירושים

(יא) אותן ערבו לי. אותם שאכלתי בשבת והיו נוכרין ערבים עלי: תבל. תבלין: קלרין. אוצר: אית לך שבת. בתמי':

(יב) טחיי. רקיקין טחין פניהם בשומן אליה או בשמן: מי עדיפת לן מינה. כלום אתה חשוב לנו מן השבת לכבוד שבת הכנוס ולא היינו יודעים בתבוא:

תוספות פירושים

(י) אמר לי' תן לי הימנו. אבל לא שאל למה לא נתן בכל ימי השבוע מזה התבלין די"ל דעושין כן רק לכבוד שבת רק שסוא שאל ממנו ליתן לו לכבוד המלכות וגם ליתן לו ביום השבת לכד והשיב לו שאינו מועיל לו [ע"ר]:

פירוש ע"ט

(י) אָמַר. אַקֵיסַר הָאט אַמָאל גִיפְרֶעגְט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא פַאר וָואס שְׁמֶעקְט דָאס עֶסִין פוּן שַׁבָּת? הָאט אִים רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא גִיעֶנְטְפֶערְט מִיר הָאבִּין אַמִין בְּשָׂמִים, וָואס הֵייסְט שַׁבָּת, לֵייגִין מִיר דִיא בְּשָׂמִים אַרַיין אִין גִיקֶעכְץ, דְרוּם שְׁמֶעקְט דָאס עֶסִין, הָאט דֶער קֵיסַר צוּא אִים גִיזָאגְט גִיבּ מִיר אַבִּיסִיל פוּן דִיא בְּשָׂמִים, אִיךְ זָאל דֶער פוּן אוֹיךְ הֲנָאָה הָאבִּין אַרַיין לֵייגִין דָאס אִין מַיין עֶסִין, הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אִים גִיעֶנְטְפֶערְט, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הִיט שַׁבָּת הֶעלְפְט דִיא בְּשָׂמִים אַז דָאס עֶסִין זָאל גוּט שְׁמֶעקִין, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הִיט נִישְׁט שַׁבָּת הֶעלְפְט אִים גָאר נִישְׁט דִיא בְּשָׂמִים:

(יא) כְּתִיב. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט דֶעם טָאג שַׁבָּת, זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ מִיט וָואס הָאט גָאט גִיבֶּענְטְשְׁט שַׁבָּת מִיט דִיא גִישְׁמַאקְייט פוּן עֶסִין, דֶער צֵיילְט דֶער מִדְרָשׁ אַמַעֲשֶׂה, רֶבִּי הָאט גִימַאכְט אַסְעוּדָה פַאר אַנְטוֹנִינוּסִין אוּם שַׁבָּת, הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט פַאר אַנְטוֹנִינוּסִין קַאלְטֶע גִיקֶעכְץ הָאט אַנְטוֹנִינוּס גִיגֶעסִין פוּן זֵייא אוּנ זֵייא הָאבִּין אִים שְׁטַארְק גִישְׁמֶעקְט, אֵיין מָאל הָאט רֶבִּי גִימַאכְט פַאר אִים אַסְעוּדָה אִין דֶער וָואכִין, אוּנ מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט הֵייסֶע גִיקֶעכְץ, הָאט זִיךְ אַנְטוֹנִינוּס אָהֵן גִירוּפִין דִיא שַׁבָּת'דִיגֶע גִיקֶעכְץ דִיא קַאלְטֶע הָאבִּין מִיר בֶּעסֶער גִישְׁמֶעקְט פוּן דִיא הַיינְטִיגֶע גִיקֶעכְץ דִיא הֵייסֶע, פַאר וָואס אִיז דָאס? הָאט אִים רֶבִּי גִיעֶנְטְפֶערְט עֶס פֶעהְלְט הַיינְט אִין גִיקֶעכְץ אַמִין בְּשָׂמִים. הָאט אַנְטוֹנִינוּס גִיפְרֶעגְט רֶבִּי'ן אִיז דֶען דָא אַאוֹצָר פוּן מֶלֶךְ וָואס עֶס זָאל עֶפֶּעס פֶעלְעֶן, (דָאס מֵיינְט מֶען צוּא פַארִין קֵיסַר'ס וֶועגִין אִיז דֶען דָא אַזַאךְ וָואס מֶען זָאל דָאס נִישְׁט קְרִיגִין), הָאט אִים רֶבִּי גִיעֶנְטְפֶערְט אִין דֶעם גִיקֶעכְץ פֶעלְט אַמִין בְּשָׂמִים וָואס דָאס הֵייסְט שַׁבָּת, נוּא קְרִיגְט מֶען דָאס אִין אַייעֶר קֵיסַרְלִיכִין אוֹצָר? שַׁבָּת'דִיגֶע עֶסִין זֶענֶען גִישְׁמַאקֶער וויא דִיא וָואכֶעדִיגֶע דוּרְךְ גָאטְס בְּרָכָה:

(יב) רַבָּה. רַבָּה בַּר רַב הוּנָא אִיז אַמָאל גִיקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת צוּא רַבָּה בַּר רַב נַחְמָן, וֶוען מֶען הָאט גִיגֶעסִין דִיא סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת הָאט מֶען גִיבְּרֶענְגְט צוּם טִישׁ דְרַייא מָאס קִיכְלַאךְ

משלי שבת

הָאט דֶער יוּד גִימֵיינְט אַז מֶען פָארְט אִין דִיא גַאסֶען אוֹיף פֶערְד אוּנ מֶען פַּייפְט אוּנ מֶען פּוֹיקְט אִיז דָאס אַ סְגוּלָה בְּשַׁעַת אַ שְׂרֵיפָה צוּא פַאר לֶעשִׁין דֶעם פַייעֶר אִיז עֶר תֵּיכֶף גִילָאפֶען אִין אַ קְרָאם אַרַיין אוּנ הָאט גִיקוֹיפְט אַגְרוֹיסֶע

באשמירט

טְרוּמֵייל אוּנ אַגְרוֹיסֶע פּוֹיק. אוּנ אִיז אַוֶועק גִילָאפֶען אוֹיף זַיין סְטַאנְצִיֶע אוּנ הָאט גִינוּמֶען זַיין פֶּעקִיל אוּנ אִיז גְלַייךְ אַוֶועק גִיפָארֶען צוּא זִיךְ אִין שְׁטֶעדְטֶעל אַרַיין. אוּנ אִיז גִיקוּמֶען מִיט אַשִׂמְחָה עֶר הָאט אַ עֵצָה צוּא פַאר לֶעשִׁין דֶעם פַייעֶר

לי׳ מי הוה ידיעתין דאתינא אמר לי׳ מי עדיפת לן מיני׳ דכתיב (ישעי׳ נח) וקראת לשבת ענג: (יג) וכבדתו רב אמר להקדים ושמואל אמר לאחר. אמרו לי׳ בני רב פפא בר אבא לרב פפא כגון אנן דשכיה לן בישרא וחמרא כל יומא במאי נישנייה. אמר להו אי רגיליתו לאקדומי אהרוהו אי רגיליתו לאחרוה אקדמוה. רב ששת בקייטא מותיב להו לרבנן היכא דמטיא שמשא. בסיתוא מותיב להו לרבנן היכא דמטיא טולא כי היכי דליקומו הייא. רבי זירא מהדר אזוזי זוזי דרבנן אמר להו במטותא מינייכו לא תחללוניה:

מראה מקומות (יג) שבת קיט:

פירושים

(יג) להקדים. זמן סעודת שבת לזמן סעודת חול וזהו כבודו: לאחר. וזהו כבודו שהוא מתאוה לאכלו: במה נישנייה. מאחר ימים: אי רגיליתו לאקדומי. בסעודתכם בבוקר אחרוה: רב ששת. סגי נהור הי׳ והיינו רואה עת האכילה וכשהי׳ דורש בשבת מושיב התלמידים במקום שהגיע שם החמה לעת האוכל כדי שילטערו וימהרו לקום: דמטיא טולא. שילטנו: הייא. מהר: מהדר אזוזי זוזי דרבנן. כשהי׳ רואה אותן זוגות זוגות ומדברין בתורה מחזר אחריהם ואומר להן במטותא מנכון לכו והתעסקו בעונג שבת ולא תחללוניה לבטל תענוגים:

פירוש ע"ט

באשמירט (מיט בוים-אייל אדער מיט שמאלץ) האט רבה בר רב הונא גיפרעגט פון וואנען האט איר גיוויסט אז איך וועל קומען, וואס איהר האט אזוי פוהל אהן גיגרייט, האט רבה בר רב נחמן אים גיענטפערט ביסט דוא דען בעסער בייא אונז וויא שבת, מיר האבין גישט גיוואוסט אז דוא וועסט קומען און דיא קיכלאך האט מען אהן גיגרייט אויף שבת:

(יג) וכבדתו. אין פסוק שטייט בייא שבת מען זאל געבין כבוד דעם טאג שבת, רב זאגט מען זאל עסין שבת פריער וויא מען עסט אגאנצע וואך (מיט דעם גיט מען אפ דעם כבוד), שמואל זאגט מען זאל עסין שבת שפעטער וויא מען עסט אגאנצע וואך ער זאל זיין מעהר הונגעריג (מיט דעם וואס מען עסט מיט פוהל אפעטיט דאס איז דער כבוד), דיא קינדער פון רב פפא בר אבא האבין גיפרעגט רב פפא׳ן אגאנצע וואך עסין מיר פלייש און מיר טרינקען וויין, מיט וועלכע זאך זאלין מיר שבת פאר ענדערין אז עס זאל זיין לכבוד שבת, האט רב פפא זייא גיענטפערט אויב אגאנצע וואך זענט איר גיוואהנט עסין פריא זאלט איר שבת עסין שפעט, און אויב אגאנצע וואך זענט איר גיוואהנט צוא עסין שפעט זאלט איר שבת עסין פריא, רב ששת איז גיוועזן אבלינדער האט ער נישט גיזעהן דיא זוהן ער זאל וויסין ווען איז דיא צייט צוא גיין עסין שבת, אז ער האט גיזאגט שבת אין דער פריא אדרשה פלעגט ער אזוי טאהן, זומער האט ער גיהייסין דיא תלמידים זייא זאלין זיצין בשעת דיא דרשה אויף דעם ארט וואו דיא זוהן וועט צוא קומען ווען עס וועט שוין זיין צייט צוא עסין ווייל דיא זוהן וועט זייא ברענגין וועלין זייא שוין מוזען זאגין אז מען זאל שוין אויף הערין זאגין דיא דרשה, ווינטער האט רב ששת גיהייסין דיא תלמידים זייא זאלין זיצין בשעת דיא דרשה אויף דעם ארט וואו דער שאטין וועט צוא קומען ווען עס וועט זיין דיא צייט פון עסין ווייל עס וועט זייא קאלט ווערין וועלין זייא מוזין זאגין אז מען זאל שוין אויף הערין דיא דרשה, און זייא וועלין גישווינד אויף שטיין און וועלין גיין עסין, רבי זירא אז ער האט גיזעהן אום שבת אז צווייא תלמידים שמועסין אין לערנען האט ער צו זייא גיזאגט איך בעט פון אייך אז איר זאלט גיין עסין כדי איר זאלט זיך אהן טאהן פערגעניגין איר זאלט נישט מבטל זיין קיין תענוגים אום שבת:

משלי שבת

פייער ווען עס איז א שריפה. און אויף אפראבע מאכען האט ער גיהייסען אן צינדען זיין שטוב. און, ער האט איינעם גינעבען דיא טרומייט ער זאל טרומייטען און ער האט גינומען דיא פויק און גיהייבען צוא קלאפען אין פויק. דאס פייער האט זיך אבער נישט פאר לאשען האבען זייא גיזאגט צוא איהם פאר וואס לעשט זיך נישט דער פייער האט ער אנגיהויבען שטארקער צו קלאפען אין פויק. ביז ער איז געבליבען אן כחות. און דיא מענטשען האבען גיזעהן אז אויב מען וועט נישט לעשען מיט וואסער קאן פאר ברענט ווערען דיא גאנצע שטאט. אז עס זאל פון איר ווערען א בארג אש. האבען זייא גינומען בתחילת כבודם ברייננגען וואסער און פאר לעשען דעם פייער. איז ער תיכף

(יד) תניא היה רבי מאיר אומר חייב אדם לברך מאה ברכות בכל יום שנאמר (דברים י) ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך. רב חייא בריה דרב אויא בשבתא וביומי טבי טרח וממלי להו באיספרמקי ומגדי:

(טו) כתיב בספר בן סירא כל ימי עני רעים והאיכא שבתות וימים טובים כדשמואל דאמר שמואל שנוי וסת תחלת חולי מעים:

(טז) רבי חנינא בן דוסא הוה יתיב אכול בלילא שבת פחת פתורא קימוי אמרו לו מהו כן אמר להם תבלין שאלתי משכינתי ולא עישרתיו. והזכיר תיניין ועלה השולחן מאליו:

מראה מקומות (יד) מנחות מג: (טו) כתובות קי: (טז) ירושלמי דמאי פ"א הל"ג:

פירושים

(יד) מה ה' אלקיך וגו'. קרי ביה מאה: בשבתות וימים טובים. דלא מגלי י"ח: טרח וממלי להו. למאה ברכות: באספרמקי ומגדי. אספרמקי בשמים. ומגדי מיני מגדים שטעונים ברכה:

(טו) שינוי ווסת. אפילו לטובה:

(טז) פחת פתורא קימוי. נפחת השולחן מלפניו ונפל: והזכיר תיניין. נזכר התנאי שאמר מע"ש להפריש למחר ועלה. חזר השולחן מעצמו למקומו:

תוספות פירושים

(יד) שואל מעמך. פירש ר"ת דהוי מלא ויש מאה אותיות בפסוק. ויש מפרשים דמה עולה בא"ת ב"ש מאה. ובקונטרס פירש א"ת מה אלא מאה [וכ"כ בערוך ע"ש ערך מאה] כלומר שחייב ק' ברכות. וי"מ כדי להבליע מאה באותיות' וכי קרי' מאה הכי כולן [תוס']:

(טז) תבלין שאלתי משכינתי וכו'. מכאן משמע דתבלין חייבין במעשר. ועי' בתוס' חולין (דף ז:) וגדה (דף ג) ויומא (דף פא:) ובתוס' יבמות בם ודו"ק:

פירוש ע"ט

(יד) תניא. אין א ברייתא האבען מיר גילערינט רבי מאיר האט גיזאגט יעדער מענטש איז מחויב צו זאגען הונדערט ברכות אלע טאג. ווארום עס שטייט אין פסוק אונ אצונד יודען וואס באגערט גאט פון דיר. (ואלסטו נישט לייענען מה וואס, נאר מאה הונדערט, אונ אצונד יודען הונדערט באגערט גאט פון דיר). רב חייא רב אויא'ס זון פלעגט שבת אונ יום טוב (וואס מען דאווינט נישט אכטצעהן ברכות) זיך באמיהען ערפילען די הונדערט ברכות מיט שמעקען בשמים אונ עסען גוטע פירות:

(טו) כתיב. עס איז גישריבען אין ספר בן סירא אלע טעג פון ארימאן זענען שלעכט. איז דאך א קשיא עס איז דאך דא שבת אונ יום טוב וואס דער ארימאן עסט בעסער אונ רוהט. ענטפערט די גמרא דאס איז אזוי ווי שמואל האט גיזאגט אז איינער ענדערט זיין גיוואנהייט אפילו צוא בעסער איז דאס אנהייב צוא אנידערים קריינקיט. דריבער איז שבת אונ יום טוב אויך שלעכט פאר דעם ארימאן:

(טז) רבי חנינא. רבי חנינא בן דוסא איז גיזעסען פרייטאג צו נאכט אונ גיגעסען. האט זיך דער טיש אברעך גיטאן האבען אים די מענטשען גיפרעגט וואס איז דאס. וואס דער טיש ברעכט זיך? האט ער זיי גיענטפערט איך האב גיבארגט גיווירץ פון א שכינה אונ איך האב נישט גימעשרת. ואיבער די עבירה איז דער טיש צוא בראכען דער ווייל האט ער זיך דערמאנט דעם תנאי וואס ער האט אוים גירעט אז מארגען זאל ער מעשרין. האט זיך דער טיש צוריק צוא גוף גינומען:

משלי שבת

גיפארען אין יענער שטאט אריין פרעגען סטיימ'ש פאר וואס האט מען אים אפ גינארט. ער האט דאך גיפויקט אונ עס האט נישט גיהאלפען צוא פאר לעשען דעם פייער. האבען די שטאט לייט פון אים זיך שפארק אוים גילאכט אונ גיענטפערט שוטה צוא וואס האסטו גיפויקט צוא בלייבען אן הענד. די פויק איז דאך נאר נימאכט גיווארען אז מען זאל זיך אויף קלויבען מענטשען אונ זייא זאלען פאר לעשען דעם פייער. איז דער עיקר די מענטשען וואס טוען די פעולה. אבער נישט דער עיקר איז צוא פויקען.

דא בייא שבת איז אויך אזוי. דער עיקר איז נישט מען זאל עסען אונ זיך אן טאן פיל פארגניגען. דאס איז נישט דער עיקר פעולה. דער עיקר פעולה איז אז מען זאל קומען לערנען. נאר מען קאן נישט קומען לערנען אז מען וועט נישט פויקען דרום האט מען גיהייסען עסען אונ זיך אן טאן פיל פארגעניגען. כדי דורך דעם זאל ארוים קומען דער עיקר פעולה. אזוי וויא מיר וועלען דאס געבען צו פארשטיין. א שר האט זייער ליב גיהאט אז מען זאל זינגען אונ ער זאל טאנצען. פליצלונג איז דער שר בלינד גיווארען. האט זיך

(יז) רבי מאיר הוה יתיב ודריש בלילי שבתא הויא תמן חדא אתתא יציבא ושמעא ליה תנתא מדרשא אמתינת עד דיחסל מדרדש אזלה לביתה אשכחה בוצינא טפי אמר לה בעלה אן הוית אמרה לי' אנא יתיבה ושמעה קליה דרושא. אמר לה כן וכן לא אעיילת להכא עד דאזלת ורוקת באנפי דרושא. יתיבא שבתא קמייתא תניתא ותליתא. אמרון לה מגירתא כדו אתון צהיבין אתינן עמך לגבי דרושא כיון דהמא יתהון רבי מאיר צפה ברוח הקודש אמר אית מנכון איתתא דהכימא למילחש בעינא אמרון לה מגירתא כדו את אזלת ורוקת באנפיה ותשרי לבעלך כיון דיתבת קמיה אידחילת מיניה אמר ליה רבי לית אנא חכימא למילחש עינא אמר לה אפילו הכי רוקי באנפי שבע זמנין ואנא מינשים. עבדא הכין אמר לה איזילי אמרי לבעליך את אמרת חדא זימנא ואנא רקית שבע זימנין וכו':

מראה מקומות (יז) מד"ר ויקרא פ"ט. ובמדבר פ"ט. ודברים פ"ה:

פירושים

(יז) יציבא. עומדת: תנתא מדרשא. סונה מדרש: אמתינת וכו'. המתינה עד שסיים: בוצינא טפי. הנר כבוי. לא תכבה ת"א לא תטפי: אן הוית. אנה היית: קליה דרושא. קול של הדורש: כן וכן. כין כך וכין כך לא תכנס לכאן. כלומר לבית עד שתלך ותרוק בפני הדורש. ואותו האיש היה רשע ומכוין לצערה. כ"א שנשבע כן וכן לשון קללה היא כלומר זה יהי' לי אם תעייל להכא עד שתרוק בפניו: יתיבא וכו'. ישבה הוץ לביתו שבת ראשונה ושניה ושלישית: מגירתא. שכנותיה: כדו. כזאת כלומר עדיין לעת כזאת: אתון צהיבין. אתם שרויים בכעס יחד כך פירש הערוך: אתינן וכו'. נבוא עמך אל הדרשן וכן עשו והלכו למצוא לה תקנה: ביון וכו'. משראה אותם ר' מאיר הי' צופה ברוח הקודש את כל המאורע. אמר אית וכו'. אמר אל הנשים כלום יש מכם וככם: איתתא דחכימא. אשה חכמה ובקיאה ויודעת ללחוש על העין שהם בעיניו וכשהיו מלחשין היו צריכין לרוק על העין: אמרי וכו'. אמרו לה השכינות: כדו וכו'. בכן את תלך ורקק לו בפניו ותהא מותרת לבעלך וכן עשתה והלכה וישבה לפניו ללחוש עינו: כיון דיתבת וכו'. כשישבה לפניו ללחוש היתה מתיירא מפניו מפני הבושה: לית אנא חכימא. אין אנא חכמה ובקיאה ללחוש על העין: רוקי באנפי. היה רוקק בעיני ז' פעמים: ואנא מינשים. מתרפא והרבה דוגמתם בתלמוד: עבדא הכין. עשתה כן: איזלי וכו'. לך אמור לבעלך אתה אמרת לרוק בפני הדורש פעם אחת ואני וכו':

פירוש ע"ט

(יז) רַבִּי. אַמָאל פְרַייטאג צוּ נאכט אִיז רַבִּי מֵאִיר גִיזֶעסֶען אוּנ גִידַרְשְׁת. אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ אִשָׁה וָואס אִיז גִישְׁטאַנֶען אוּנ הָאט גִיהֶערְט דִיא דְרָשָׁה. אוּנ זִיא הָאט גִיוַוארְט בִּיז רַבִּי מֵאִיר הָאט גִיעֶנְדִיקְט דִיא דְרָשָׁה. נָאךְ דִיא דְרָשָׁה אִיז זִיא גִיגַאנְגֶען אַהֵיים, אוּנ הָאט גִיפִינֶען דִיא לִיכְט הָאבֶּען שוֹין אוּיס גִיבְּרֶענְט הָאט דֶער מַאן גִיזָאגְט צוּא אִיר וואוּ בִּיסְטוּ גִיוֶוען? הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט. אִיךְ בִּין גִיזֶעסֶען אוּנ גִיהֶערְט דִיא דְרָשָׁה. הָאט דֶער מַאן גִיזָאגט צוּא אִיר דוּא זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּב בִּיז דוּא וֶועסְט שְׁפַּייֶען דֶעם דַרְשָׁן אִין פְּנִים. אִיז זִיא נִישְׁט גִיוֶוען אִין שְׁטוּב. נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטֶען שַׁבָּת אוּנ נִישְׁט דֶעם צְוֵוייטֶען אוּנ נִישְׁט דֶעם דְרִיטְטֶען. הָאבֶּען דִיא שְׁכֵנִים גִיזָאגְט צוּא דֶער אִשָׁה בִּיז וִויא לַאנְג וֶועסְטוּ זַיין אִין קְרִיג מִיט דַיין מַאן. מִיר וֶועלֶען מִיט דִיר גֵיין צוּם דַרְשָׁן. ווִיא רַבִּי מֵאִיר הָאט גִיזֶעהֶן דִיא וַוייבֶּער הָאט עֶר גִיוואוּסְט מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וָואס דֶער מַאן פַאר לַאנְגְט פוּן אִיר. הָאט רַבִּי מֵאִיר גִיזָאגְט צוּ דִיא וַוייבֶּער טָאמֶער אִיז דָא צְוִוישֶׁען אַייךְ אַ פְּרוּי וָואס קֶען פַאר שְׁפְּרֶעכֶען שְׁמֶערְצֶען פוּן אוֹיג. הָאבֶּען דִיא שְׁכֵנוֹת גִיזָאגְט צוּ דֶער אִשָׁה גֵייא דוּא אוּנ זָאג אַז דוּא קֶענְסְט פַארשְׁפְּרֶעכֶען. וֶועסְטוּ דָארְט עֶפִּיס זָאגֶען, אוּנ וֶועסְט אַ שְׁפַּיי טְאן אוֹיף דִיא אוֹיג. [דָאס גִיהֶער צוּם פַארְשְׁפְּרֶעכֶען] וֶועסְטוּ שוֹין קֶענֶען קוּמֶען צוּא דַיין מַאן. וִויא דִיא פְּרוֹי הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט פַאר רַבִּי מֵאִיר צוּם פַארשְׁפְּרֶעכֶען. הָאט זִיא זִיךְ דֶער שְׁרָאקֶען אוּנ זִיא הָאט גִיזָאגְט. רַבִּי, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁפְּרֶעכֶען אַ אוֹיג, הָאט רַבִּי מֵאִיר צוּ אִיר גִיזָאגְט פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען שְׁפַּיי אוֹיף מַיין פָּנִים זִיבֶּען מָאל וֶועל אִיךְ גִיזוּנְד וֶוערִין. הָאט זִיא אַזוֹי גִיטָאן. הָאט רַבִּי מֵאִיר צוּ אִיר גִיזָאגְט גֵייא זָאג צוּ דַיין מַאן. דוּא הָאסְט גִיהֵייסֶען אַז אִיךְ זָאל שְׁפַּייֶען אוֹיף דֶעם פָּנִים פוּן רַבִּי מֵאִיר נָאר אֵיין מָאל. אוּנ אִיךְ הָאבּ גִישְׁפִּיגֶען אוֹיף זַיין פָּנִים זִיבֶּען מָאל:

משלי שבת

גִינוּמֶען אַפוּיעֶר עֶר זָאל אִים פִירֶען. זָענֶען זַייא אַמָאל גִיקוּמֶען אִין אַקְרֶעטְשְׁמֶע. אִיז דָארְט גִיוֶוען אַמוּזִיקַאנְט. הָאט עֶר זֵייעֶר פַיין גִישְׁפִּילְט אוֹיף אַפִידֶעל. אוּנ דֶער שַׂר הָאט שְׁטַארק גִיקְוָועלְט פוּן דֶעם. הָאט עֶר נִיקְרִיגְען אַ חֵשֶׁק אַז עֶר זָאל טַאנְצֶען. הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּם פוּיעֶר לָאמִיר טַאנְצֶען. הָאט אִיהְם דֶער פוּיעֶר גִיעֶנְטְפֶערְט צוּא וָואס זָאל

איך

(יח) ולא יקרא לאור הנר וכו'. אמר רבא אם אדם חשוב הוא מותר. מיתיבי לא יקרא לאור הנר שמא יטה אמר רבי ישמעאל בן אלישע אני אקרא ולא אטה. פעם אחד קרא ובקש להטות אמר כמה גדולים דברי חכמים שהיו אומרים לא יקרא לאור הנר. רבי נתן אומר קרא והטה וכתב על פנקסו אני ישמעאל בן אלישע קריתי והטיתי נר בשבת לכשיבנה בית המקדש אביא חטאת שמנה. אמר רבי אבא שאני רבי ישמעאל בן אלישע הואיל ומשים עצמו על דברי תורה כהדיוט:

מראה מקומות (יח) שבת יב:

פירושים

(יח) מותר. לקרות לאור הנר שאינו רגיל להטות נר בחול מפני חשיבותו:

פירוש ע"ט

(יח) וְלֹא. אין דֶער מִשְׁנָה שְׁטֵייט אַז מֶען טָאר גִישְׁט לֵייעֶנֶען (לֶערְנֶען) פְרַייטָאג צוּא נַאכְט פַאר אַלִיכְט אָדֶער פַאר אַלָאמְפּ (טָאמֶער וֶועט מֶען אַיין בֵּייגִין דָאס קְנֵייטִיל כְּדֵי עֶס זָאל בֶּעסֶער בְּרֶענֶען) הָאט רָבָא גִיזָאגְט אַ אֵיידִילֶערְמַאן מֶעג לֵייעֶנֶען פַאר אַלִיכְט וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גִישְׁט גִיוואוֹהְנְט אַלֵיין פַארִיכְטִין דִיא לִיכְט אִין מִיטִין דֶער וָואךְ אִיבֶּער זַיין אֵיידִילְקֵייט, זָאגְט דִיא גְמָרָא אִיךְ וֶועל דִיךְ אַקַשְׁיָא פְרֶעגִין, מִיר הָאבִּין גִילֶערִינְט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בֶּן אֱלִישָׁע הָאט גִיזָאגְט אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען שַׁבָּת בַּייא נַאכְט פַאר אַלִיכְט אוּנ אִיךְ וֶועל נִישְׁט אַיינְבֵּייגִין דִיא לִיכְט, אַיין מָאהְל הָאט זִיךְ גִיטְרָאפִין אַז רַבִּי יִשְׁמָעֵאל הָאט גִילֶערִינְט פְרַייטָאג צוּא נַאכְט פַאר אַלִיכְט אוּנ עֶר הָאט פַאר גֶעסִין אַז עֶס אִיז שַׁבָּת הָאט עֶר גִיוָואלְט אַיין בֵּייגִין דִיא לִיכְט, נָאר אֵיידֶער עֶר הָאט אַיינְגִיבּוֹיגִין דִיא לִיכְט הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶס אִיז שַׁבָּת אוּנ עֶר הָאט דִיא לִיכְט נִישְׁט אַיינְגִיבּוֹיגִין, הָאט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל דֶערְמָאלְט גִיזָאגְט וִויא גְרוֹיס זֶענֶען דִיא רֵייד פוּן דִיא חֲכָמִים וָואס זֵייא הָאבִּין גִיזָאגְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען פְרַייטָאג צוּא נַאכְט פַאר אַלִיכְט. רַבִּי נָתָן זָאגְט אַז רַבִּי יִשְׁמָעֵאל הָאט גִילֶערִינְט פְרַייטָאג צוּא נַאכְט פַאר אַלִיכְט אוּנ עֶר הָאט פַאר גֶעסִין אַז עֶס אִיז שַׁבָּת אוּנ עֶר הָאט דִיא לִיכְט טַאקִי אַיינְגִיבּוֹיגִין, הָאט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל אוֹיף גִישְׁרִיבִּין אוֹיף זַיין בּוּךְ אִיךְ יִשְׁמָעֵאל אֱלִישָׁע'ס זוּהְן הָאבּ גִילֶערִינְט פְרַייטָאג צוּא נַאכְט פַאר אַלִיכְט אוּנ אִיךְ הָאבּ פַארְגֶעסִין אַז עֶס אִיז שַׁבָּת אוּנ כ'הָאבּ דִיא לִיכְט אַיינְגִיבּוֹיגִין, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶועט גִיבּוֹיעֶט וֶוערִין וֶועל אִיךְ בְּרֶענְגִין אַפֶעטֶע בְּהֵמָה פַאר אַקָרְבָּן חַטָּאת, אַזוֹי שְׁטֵייט אִין אַבְּרַייתָא, אִיז דָאךְ פוּן דֶער בְּרַייתָא גִידְרִינְגֶען אַז אֲפִילוּ אַ אֵיידִילֶערְמַאן טָאר אוֹיךְ נִישְׁט, הָאט רַבִּי אַבָּא גִיעֶנְטְפֶערְט רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בֶּן אֱלִישָׁע אִיז אַנְדֶערְשׁ וִויא אַנְדֶערֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, וַוייל וֶוען עֶר לֶערִינְט אִיז עֶר בַּייא זִיךְ גַאנְץ פְּרָאסְט אַזוֹי וִויא אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין, אוּנ אַז מֶען בְּדַארְף פַאר בֶּעסֶערִין דִיא לִיכְט אִין דֶער וָואכִין פַאר בֶּעסֶערְט עֶר אַלֵיין, דְרִיבֶּער הָאט עֶר גִישְׁט גִיטָארְט לֶערְנֶען אוּם שַׁבָּת פַאר אַלִיכְט. אָבֶּער אַ אַנְדֶערֶער תַּלְמִיד חָכָם וָואס אִין דֶער וָואכִין פַאר בֶּעסֶערְט עֶר אַלֵיין גִישְׁט דִיא לִיכְט מֶעג עֶר לֶערְנֶען פַאר אַלִיכְט אוּם שַׁבָּת, וָוארוּם עֶר אַלֵיין וֶועט דָאךְ נִישְׁט פַאר בֶּעסֶערִין, נָאר עֶר וֶועט דָאךְ מוּזִין זָאגִין אַיין אַנְדֶער מֶענְטְשׁ עֶר זָאל פַאר רִיכְטִין, דֶער וַוייל וֶועט מֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז שַׁבָּת:

משלי שבת

אִיךְ פַאנְצֶען. אִיךְ הָאבּ גִישְׁט קֵיין כֹּחַ. אִיךְ וִויל גִישְׁט מַאנְצֶען. הָאט דֶער שַׂר גִיטָאן אַעֵצָה עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבֶּען צוּ טְרִינְקֶען אַסַךְ בְּרַאנְפֶען. אוּנ דֶער פּוֹיעֶר הָאט זִיךְ אָן גִישִׁיכּוֹר'ט. אוּנ דֶעמָאלְט הָאט דֶער פּוֹיעֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפְּרִינְגֶען אוּנ טַאנְצֶען. אוּנ עֶר הָאט שׁוֹין גִיבֶּעטֶען דֶעם שַׂר עֶר זָאל מִיט אִים אוֹיךְ שְׁפְּרִינְגֶען אוּנ טַאנְצֶען. דָאס זֶעלְבִּיגֶע אִיז בַּיי שַׁבָּת. פְרַייטָאג פַאר'ן נַאכְט קוּמְט פוּן יֶענֶער וֶועלְט צוּא יֶעדֶער מֶענְטְשֶׁען אַנְשָׁמָה יְתֵירָה. אוּנ זִיא בֶּענְקְט זֵייעֶר צוּא אַבִּיסֶעל תּוֹרָה. זִיא הָאט שְׁטַארְק חֵשֶׁק אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען. נָאר דֶער גַשְׁמִי'דִיגֶער גוּף פַאר שְׁטֵייט גִ'שְׁט צוּא וָואס בֶּעדַארְף מֶען דָאס לֶערְנֶען. עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט אִין דֶעם קֵיין שׁוּם זִיסְקֵייט אוּנ גִישְׁמַאקְהֵייט. אָבֶּער דִיא נְשָׁמָה פַארְשְׁטֵייט דֶעם אֱמֶת'ן זִיסְקֵייט דֶער פוּן. נָאר זִיא קָאן דָאךְ גִישְׁט טָאן אָן דֶעם גוּף אַזוֹ וִויא דֶער בְּלִינְדֶער, דְרוּם הָאט דִיא תּוֹרָה אָן גִיזָאגְט אַז מֶען זָאל דֶעם גוּף פַארְשִׁיכּוֹרִין מֶען זָאל אִיהְם גֶעבֶּען עֶסֶען אוּנ טְרִינְקֶען אוּנ אָן טָאן זִיךְ פִיל פַארְגֶענִיגֶען, אוּנ דוּרךְ דֶעם וֶועט שׁוֹין דֶער גוּף פָאלְגֶען דִיא נְשָׁמָה אוּ' טָאן דֶער עִיקָר פְּעוּלָה, עוֹסֵק צוּא זַיין אַגַאנְצֶען טָאג שַׁבָּת אִין תּוֹרָה אוּנ אִין אֲבוֹדָה וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר בְּוָונָה:

(יט) נאמרו עשרת הדברות כנגד עשרה מאמרות שבהם נברא העולם וכו' זכור כנגד (בראשית א) ויאמר אלקים תדשא הארץ אמר הקב"ה מה דתיכול בשבת מוקיר לי וכו':

פרק יג מאמר מזוהר הקדוש שאומרים בסעודת ליל שבת קודש:

זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ. רַבִּי יִצְחָק פָּתַח וְאָמַר כְּתִיב וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וּכְתִיב בְּמָן שֵׁשֶׁת יָמִים תִּלְקְטוּהוּ וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת לֹא יִהְיֶה בּוֹ כֵּיוָן דְּלָא מִשְׁתְּכַח בֵּיהּ מְזוֹנָא מַה בִּרְכָתָא אִשְׁתְּכַח בֵּיהּ אֶלָּא הָכִי תָּאנָא כָּל בִּרְכָאן דִּלְעֵילָּא וְתַתָּא בְּיוֹמָא שְׁבִיעָאָה תַּלְיָין וְתָאנָא אַמַּאי לָא אִשְׁתְּכַח מָנָא בְּיוֹמָא שְׁבִיעָאָה מִשּׁוּם דְּהַהוּא יוֹמָא מִתְבָּרְכָאן מִנֵּיהּ כָּל שִׁתָּא יוֹמִין עִלָּאִין וְכָל חַד וְחַד יָהֵיב מְזוֹנֵיהּ לְתַתָּא כָּל חַד בְּיוֹמֵיהּ מֵהַהוּא בִּרְכָה דְּמִתְבָּרְכָאן בְּיוֹמָא שְׁבִיעָאָה וּבְגִינֵי כַּךְ מַאן דְּאִיהוּ בְּדַרְגָּא דִּמְהֵימְנוּתָא בָּעֵי לְסַדְּרָא פָּתוֹרָא וּלְאַתְקָנָא סְעוּדָתָא בְּלֵילְיָא דְּשַׁבְּתָא בְּגִין דְּיִתְבָּרֵךְ פְּתוֹרֵיהּ כָּל אִינוּן שִׁתָּא יוֹמִין דְּהָא בְּהַהוּא זִמְנָא אִזְדַּמַּן בִּרְכָה לְאִתְבָּרְכָא כָּל שִׁתָּא יוֹמִין דְּשַׁבְּתָא וּבִרְכָתָא לָא אִשְׁתְּכַח בִּפְתוֹרָא רֵיקַנְיָא וְעַל

מראה מקומות (יט) פסיקתא דר"כ פכ"א: **פרק י"ג** למען לזכות את הרבים הנני להציג בכאן המאמר מהזוה"ק (זהר שמות דף פ"ח ע"א) אשר נוהגים לאומרו בסעודת ליל שבת:

פירושים

(יט) נאמרו עשרת הדברות. אלו עשרת הדברות נאמרו כנגד העשרה מאמרות: מוקיר לי. ר"ל שאכילתך בשבת הוא כבוד להקב"ה וזכר למעשה בראשית:

פירוש ע"ט

(יט) נֶאֶמְרוּ. דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער הָאט גִיזָאגְט אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי צֶעהְן דִּבְּרוֹת אַנְטְקֶעגִין דִיא צֶעהְן רֵייד וָואס מִיט זֵייא הָאט עֶר בַּאשַׁאפֶען דִיא וֶועלְט, אוּנ דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת הָאט עֶר גִיזָאגְט דִיא פִיעֶרְטֶע, אַנְטְקֶעגִין דֶעם פִיעֶרְטִין מַאֲמַר וָואס עֶר הָאט גִיזָאגְט דִיא עֶרְד זָאל וֶוערִין אָהְן גִיגְרָאזְט. וָוארוּם דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער הָאט גִיזָאגְט מִיט דֶער מִיט וָואס מֶען עֶסְט אוּם שַׁבָּת אִיז מֶען אִים מְכַבֵּד, וַוייל דָאס אִיז דָאךְ אַ זֵכֶר לְמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית [אַז דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער אַלֵיין הָאט דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט בַּאשַׁאפִין אוּנ אִין דֶעם זִיבֶּעטִין טָאג הָאט עֶר גִירוּהְט]:

אִין דֶעם דְרַייצֶענְטֶען פֶּרֶק שְׁטֵייט אַ מַאֲמַר פוּן הֵיילִיגֶען זֹהַר. וָואס מֶען זָאגְט דָאס בַּייא דִיא פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְסְדִיגֶער סְעוּדָה:

זָכוֹר, אִין פָּסוּק שְׁטֵייט זָאלְסְט גִידֶענְקֶען הֵיילִיגֶען דֶעם טָאג שַׁבָּת. רַבִּי יִצְחָק הָאט גִיזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט דֶעם זִיבֶּעטֶען טָאג. אוּנ בַּיים מָן שְׁטֵייט. זֶעקְס טָאג זָאלְט אִיהְר אִיהְם קְלוֹיבֶּען אוּנ דֶעם זִיבֶּעטֶען טָאג שַׁבָּת וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין מָן. אִיז דָאךְ אַ קַשְׁיָא אַז אוּם שַׁבָּת גֶעפִינְט מֶען נִישְׁט קֵיין שְׁפַּייז וִויא אַזוֹי זָשֶׁע שְׁטֵייט אַז אִין דֶעם טָאג גֶעפִינְט מֶען אַבְּרָכָה נָאךְ מֵיין וִויא אַלֶע ט"ג פוּן דֶער גַאנְצֶער וָואךְ וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז גָאט הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט שַׁבָּת. נָאר מִיר הָאבֶּען אַזוֹי גִילֶערִינְט אַלֶע בְּרָכוֹת פוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועלְט אוּנ פוּן דֶער וֶועלְט גִיוֶוענְט זִיךְ אַלְץ אִין דֶעם טָאג שַׁבָּת. אוּנ נָאךְ הָאבֶּען מִיר גִילֶערִינְט פַאר וָואס הָאט מֶען אוּם שַׁבָּת נִישְׁט גֶעפִינֶען דֶעם מָן וַוייל פוּן דֶעם טָאג שַׁבָּת וֶוערְן פוּן אִים גִיבֶּענְטְשְׁט אַלֶע זֶעקְס טֶעג פוּן הִימֶל. אוּנ יֶעדֶער טָאג גִיט פוּן הִימֶל אַרָאפּ שְׁפַּייז אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּנ דָאס אִיז אַלְץ פוּן דֶער בְּרָכָה וָואס זֵייא וֶוערֶען גִיבֶּענְטְשְׁט פוּן דֶעם טָאג שַׁבָּת. דְרוּם וֶועלְכֶער מֶענְטְשׁ וָואס גְלוֹיבְּט דָאס. בֶּעדַארְף אוֹיף פְרַייטָאג-צוּ-נַאכְט גְרֵייטֶען דֶעם טִישׁ אוּנ אָן גְרֵייטֶען אַסְעוּדָה. כְּדֵי עֶס זָאל גִיבֶּענְטְשְׁט וֶוערֶען זַיינֶע שְׁפַּייז [עֶר זָאל הָאבֶּען שְׁפַּייז] אַלֶע זֶעקְס טָאג. וָוארוּם אִין דֶער צַייט אִיז גִיגְרֵייט אַבְּרָכָה אַז עֶס זָאלֶען גִיבֶּענְטְשְׁט וֶוערֶען אַלֶע זֶעקְס טֶעג פוּן דֶער וָואךְ [עֶר זָאל הָאבֶּען שְׁפַּייז אַלֶע זֶעקְס טֶעג]. אוּנ אַבְּרָכָה גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַלֵיידִיקֶען טִישׁ. דְרוּם בֶּעדַארְף מֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְט גְרֵייטֶען דֶעם טִישׁ מִיט בְּרוֹיט אוּנ מִיט שְׁפַּייז. אוּנ פוּן דֶערְפוּן זַיינְט

ניבענטשט

כך בעי לסדרא פתוריה בליליא דשבתא בנהמא ובמזוני. רבי יצחק אמר אפילו ביומא דשבתא נמי. רבי יהודה אמר בעי לאתענגא בהאי יומא ולמיכל תלת סעודתי בשבתא בגין דישתכח שבעא ועונגא בהאי יומא בעלמא. רבי אבא אמר לאזדמנא ברכתא באינון יומין דלעילא דמתברכאן מהאי יומא והאי יומא מליא רישיה דזעיר אנפין מטלא דנחית מעתיקא קדישא סתימא דכולא ואטיל לחקלא דתפוחין קדישין תלת זמנין מכד עייל שבתא בגין דיתברכון כולהו כחדא ועל דא בעי בר נש לאתענגא תלת זמנין אלין דהא בהא תליא מהימנותא דלעילא בעתיקא קדישא ובזעיר אנפין ובחקלא דתפוחין. ובעי בר נש לאתענגא בהו ולמחדי בהו ומאן דגרע חד סעודתא מנייהו אחזי פגימותא לעילא ועונשיה דההוא בר נש סגי. בגיני כך בעי לסדרא פתוריה תלת זמני מכד עייל שבתא ולא ישתכח פתוריה ריקניא ותשרי ברכתא עליה כל שאר יומי דשבתא ובהאי מלה אחזי יתלי מהימנותא לעילא. רבי שמעון אמר האי מאן דאשלים תלת סעודתי בשבתא קלא נפיק ומכרזא עליה אז תתענג על יהוה דא סעודתא חדא לקבל עתיקא קדישא דכל קדישין. והרכבתיך על במתי ארץ דא סעידתא תניינא לקבל חקלא דתפוחין קדישין. והאכלתיך נחלת יעקב אביך דא הוא שלימו דאשתלים בזעיר אנפין. ולקבליהו בעי לאשלמא סעודתיה ובעי לאתענגא בכלהו סעודתי ולמחדי בכל חד וחד מנייהו. משום דאיהו מהימנותא שלימתא ובגין כך שבתא אתיקר מכל שאר זמנין וחגין משום דכלא ביה אשתכח ולא אשתכח הכי בכלהו זמני וחגי: אמר רבי חייא בגין כך משום דאשתכח כלא ביה אדכר תלת זמנין דכתיב ויכל אלהים ביום

השביעי

פירוש ע"ט

גיבענטשט ווערען אלע וואכען טעג פון דער וואך אז ער זאל אין זיי האבען שפייז. רבי יצחק האט גיזאגט אפילו שבת ביי טאג בעדארף מען אויך גרייטען דעם טיש מיט ברויט אונ מיט שפייז. רבי יהודה האט גיזאגט אום שבת בעדארף א מענטש זיך אן טאהן פערגעניגען. אונ בעדארף עסין דרייא סעודות כדי עס זאל גיפינען ווערען פערגעניגען אין דעם טאג אין אלע וועלטען. רבי אבא האט גיזאגט אז מען טוט זיך אן פארגעניגען אום שבת גרייט מען אברכה אויף אלע טעג וואס זייא ווערען גיבענטשט פון דעם טאג וכו'. אונ יעדער מענטש בעדארף זיך אן טאן פארגעניגען אונ זיך פרייען אין אלע דרייא סעודות. אונ וועלכער מענטש וואס מינערט אסעודה. זעהט מען פון אויבען זיין עבירה. אונ זיין שטראף איז גרוס דרום בעדארף מען גרייטען דעם טיש דריי מאל. פון ווען עס ווערט שבת. אונ דער טיש זאל זיך נישט געפינען ליידיג. כדי עס זאל אויף אים רוהען אברכה אלע טעג פון דער גאנצער וואך. אונ מיט דער זאך ווייזט ער אז ער גלויבט אין אייבערשטען. רבי שמעון האט גיזאגט וועלכער מענטש וואס עס אום שבת דריי סעודות גייט ארויס אקול פון הימל אונ רופט אויף אים אויס. דוא טוסט זיך אן פארגעניגען פון גאטס וועגען. דאס איז אויף איין סעודה אנטקעגען „עתיקא קדישא דכל קדישין". צו דער צווייטער סעודה גייט ארויס אקול איך וועל דיר מאכען רייטען אונ רוען אויף דער הייך פון דער ערד. דאס איז אויף דער צווייטער סעודה אנטקעגין „חקלא דתפוחין קדישין". צוא דער דריטער סעודה גייט ארויס אקול איך וועל דיר מאכין עסין דיא ארב פון דיין טאטן יעקב. אונ דאס איז דער סוף פון דיא שבת׳דיגע סעודות. וואררום מיט איר קאנצעט מען „זעיר אנפין". אונ מען בעראף זיך אן טאן פארגעניגען אין אללע דרייא סעודות. אונ פרייען זיך אין איטליכער סעודה. ווארום דאס איז דאס גאנצע גלייבונג אין אייבערשטען. אונ דרום איז שבת טייערער פאר אלע צייטען אונ ימים טובים. ווארום אין שבת׳דיגע סעודות געפינט מען שפייז אויף א גאנצע וואך. אבער אין אלע צייטען אונ ימים טובים איז נישט אזוי. רבי חייא האט גיזאגט ווייל אין דיא דרייא סעודות פון שבת געפינט זיך אברכה אויף דער גאנצער וואך. דרום ווערט דער מאנט דריי מאל, ויכל אלקים ביום

השביעי

השביעי וישבות ביום השביעי ויברך אלהים את יום השביעי. רבי אבא (נ״א רב המנונא סבא) כד הוה יתיב בסעודתא דשבתא הוי חדי בכל חד וחד והוה אמר דא היא סעודתא קדישא דעתיקא קדישא סתימא דכולא. בסעודתא אחרא הוה אמר דא היא סעודתא דקודשא בריך הוא וכן בכלהו סעודתי והוה חדי בכל חד וחד. כד הוה אשלים סעודתא אמר הכי אשלימו סעודתא דמהימנותא. רבי שמעון כד הוה אתי לסעודתא הוה אמר הכי אתקינו סעודתא דמהימנותא עילאה אתקינו סעודתא דמלכא והוי יתיב וחדי. כד אשלים סעודתא תליתאה הוו מכרזי עליה אז תתענג על יהוה והרכבתיך על במתי ארץ והאכלתיך נחלת יעקב אביך. אמר רבי אלעזר לאבוי אלין סעודתי היך מתתקנן אמר ליה ליליא דשבתא כתיב ביה והרכבתיך על במתי ארץ ביה בליליא מתברכא מטרוניתא וכולהו חקל תפוחין ומתברכא פתוריה דבר נש ונשמתא אתוספת והיא ליליא חדוה דמטרוניתא הוי ובעי בר נש למחדי בחדותא ולמיכל סעודתא דמטרוניתא:

פרק יד מצות תענוג שבת:

(א) אמר רבי יוחנן משום רבי יוסי כל המענג את השבת נותנין לו נחלה בלי מצרים שנאמר (ישעי׳ נח) אז תתענג על ה׳ והרכבתיך על במתי ארץ והאכלתיך נחלת יעקב אביך

מראה מקומות (א) שבת קיח:

פירושים

(א) בלי מצרים. כלומר אין לה קץ: אז תתענג. כתר וקראת לשבת ענג כתיב: נחלת יעקב אביך. ולא נחלת אברהם ויצחק: לארכה ולרחבה. ארץ זו ולא יותר: הארצות האל. ותו לא:

פירוש ע״ט

השביעי. אונ וישבות ביום השביעי, אונ ויברך אלקים את יום השביעי. רבי אבא בשעת ער איז גיזעסען אונ האט גיגעסען אום שבת האט ער זיך גיפריידט אין איטליכער סעודה. אונ ער פלעגט זאגען בייא אללע סעודות דאס איז אהייליגע סעודה פון אייבערשטען. אז ער פלעגט קאנטשען דיא דריטטע סעודה פלעגט ער זאגען. עס האבען זיך גיקאנטשעט דיא סעודות וואס זיי ביי וויזען אז מען גלויבט אין אייבערשטען. רבי שמעון אז ער האט זיך גיזעצט צו אסעודה פלעגט ער זאגען גרייטט דיא סעודה פון דעם אייבערשטענס גלויבונג. דאס איז דיא סעודה פון אייבערשטען. אונ פלעגט זיך פרייען. אונ אז ער פלעגט קאנטשען דיא דריטטע סעודה האט מען פון הימל אויף אים אויס גירופען. האסט זיך אן גיטאן פארגעניגען פון גאטס וועגען. וועט ער דיר מאכען רייטען אונ רוהען אויף דער הייך פון דער ערד. אונ ער וועט דיר מאכען עסין דיא ארב פון דיין פאטער יעקב. רבי אלעזר האט גיפרעגט זיין פאטער [רבי שמעון בן יוחאי] וויא גרויס זענען דיא סעודות פון שבת אונ וואס פאריכט מען מיט זייא. האט אים רבי שמעון בן יוחאי גיענטפערט פאר דער סעודה פון פרייטאג-צו-נאכט שטייט. ער וועט מאכען רייטען אונ רוען אויף דער הייך פון דער וועלט. אונ אין דער נאכט ווערט גיבענטשט דער גאנצער הימל. אונ עס ווערט גיבענטשט דער טיש פון יעדער מענטשען. אונ עס קומט צו יעדער מענטשען א נשמה יתירה. אונ דיא נאכט איז אשמחה אויף דעם הימל. דרום בעדארף יעדער מענטש זיך פרייען אונ עסין דיא סעודה פון פרייטאג צו נאכט:

דער המשך איז בייא דער סעודה פון שבת בייא טאג:

דער פערצעטער פרק שמועסט פון אן טאן זיך פערגעניגען אום שבת

(א) אמר. רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי יוסי׳ס וועגין יעדער מענטש וואס טוט אן פערגעניגען דעם שבת [ער טוט זיך אן פארגעניגען אום שבת] גיט מען אים אנחלה אהן אעק, אזו וויא עס

משלי שבת

(א) אמר רבי יוחנן משום רבי יוסי כל המענג את השבת נותנין לו וכו׳, דיא מיטר ספרים זאגין, דרום האבין אונזערע הייליגע חז״ל געזאגט מיט דעם לשון "יעדער וואס טוט פערגעניגן דעם שבת" אונ באמת האט דאך בדארפט שטיין

וגו' לא כאברהם שכתוב בו (בראשית יג) קום התהלך בארץ לארכה וגו' ולא כיצחק שכתוב בו (שם כו) כי לך ולזרעך אתן את כל הארצות האל אלא כיעקב שכתוב בו (שם כח) ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה:

(ב) רב נחמן בר יצחק אמר ניצול משעבוד מלכיות כתיב הכא והרכבתיך על במתי ארץ וכתיב התם (דברים לג) ואתה על במותימו תדרוך:

(ג) אמר רב יהודה אמר רב כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו שנאמר (תהלים לז) והתענג על ה' ויתן לך משאלות לבך ענג זה איני יודע מהו כשהוא אומר וקראת לשבת ענג הוי אומר זה ענג שבת:

מראה מקומות (ב) שם: (ג) שם:

פירוש ע"ט

שטייט אין פסוק אז דוא וועסט זיך אום שבת אן טאן פערגניגען וועט גאט דיר מאכען רייטען [וואהנען] אויף דיא העכסטע לאנד אונ ער וועט דיר געבען עסין דיא נחלה [דאס לאנד] פון דיין פאטער יעקב. ניט אזוי וויא ביי אברהם וואס ביי אים שטייט גאט האט געזאגט צוא איהם שטייא אויף אונ גייא אין לאנד דיא לענג אונ דיא ברייט. האט מען דאך אים נאר צוא געזאגט איין לאנד. ניט מעהר. אונ ניט אזוי וויא ביי יצחק וואס ביי אים שטייט צו דיר אונ צו דיינע קינדער וועל איך געבען דיא אלע לענדער. אבער ניט מעהר. נאר אנחלה אזוי וויא ביי יעקב וואס ביי אים שטייט דוא וועסט זיך שטארקן אין מערב זייט. אונ אין מזרח זייט. אונ אין צפון זייט אונ אין דרום זייט, האט דאך אים גאט גיגעבען דיא גאנצע וועלט:

(ב) רב נחמן. רב נחמן בר יצחק האט גיזאגט דער מענטש וואס טוט זיך אהן פארגעניגען אום שבת וועט ער באשערימט ווערן פון ש"מ. ווארום דא ביי שבת שטייט גאט האט גיזאגט איך וועל דיר מאכען טרעטען אויף דיא הויך פון דער ערד. אונ דארטען שטייט דוא וועסט טרעטען אויף זייערע הויך איז אויב דוא וועסט זיך אן טאן פארגעניגען אום שבת וועסטו באשערעמט ווערין פון זייא, אונ וועסט אויף זייא גיוועלטיגען:

(ג) אמר. רב יהודה האט גיזאגט פון רב'ס וועגין דער מענטש וואס טוט זיך אן פארגיניגען אום שבת גיט מען אים אלץ וואס זיין הארץ פארלאנגט. ווארום עס שטייט אין פסוק אז דוא וועסט זיך אן טאן פארגיניגען פון גאטס וועגין. וועט דיר גאט געבען אלץ וואס דיין הארץ פארלאנגט. מען ווייסט ניט וועלכער פארגעניגען דער פסוק מיינט. איז מחמת עס שטייט נאך א פסוק דוא זאלסט רופען פארגיניגען צום שבת. ווייסען מיר אז דער ערשטער פסוק וואס שטייט סתם פערגעניגען שמועסט פון פערגעניגען פון שבת:

משלי

שטיין "יעדערער וואס טוט זיך אן פערגעניגין אום שבת", נאר זייא האבין אונז גילערינט דער מיט. אז מיט דעם וואס מען עסט גוט אום שבת, טוט מען זיך דאך אן פערגעניגין, אונ דאס איז דער פערגעניגין פון שבת אויך, איז דאס אפערגעניגין פאר ביידע, אבער מען זאל נישט זאגין מיין פערגעניגין איז פון ביידין דברים בטלים אדער אנדערע זאכין, אונ דאס וועט הייסין דער פערגעניגין לכבוד שבת, ניין, וויל דעם עיקר פערגעניגין בדארף מען טאן דעם שבת, פון אזעלכע זאכין וואס שבת האט פון זייא פערגעניגין, אונ פון זאכען וואס שבת זעלבסט האט פון זייא נישט קיין פערגעניגען, דהיינו, ביידין דברים בטלים אדער אנדערע נארישע זאכען, זאל מען דאס נישט טאן, אן טאן מיט דעם פערגעניגען. נאר זיך זעלבסט, דאס האבען דיא חז"ל גיזאגט יעדערער וואס טוט פערגעניגען, דעם שבת, נישט זיך, דעם גוף אליין, דעמאלט גיט מען אים וכו', אבער עס געפינען זיך מענטשין וואס זאגין דיא גאנצע מצוה פון שבת איז דאך נאר מען זאל זיך אן טאן פערגעניגען, איך האב פארגעניגען פון דעם וואס איך לייען

שבת

ביכלאך אונ צייטונגען אדער אנדערע נארישע זאכין, נאר איך וועל אייך ערצעהלין אשיינע מעשה. אקיסר איז אים אמאל גיטאן גיווארין אגרויסען נס, האט ער ארויס גיגעבין אמאנופעסט אז אלע יאהר אין דעם טאג, אלץ וואס יעדער מענטש וועט פון אים בעטין זאל מען אלץ צוא ליב טאהן, איז יענעם טאג גיקומען צו דעם קיסר אמצורע מכף רגל ועד ראש, אונ האט פון אים גיבעטין אזוי וויא ער האט גיהערט אז זיין רפואה איז, מען זאל אים צוא לייגין דיא צואה פון פערד, אונ אזוי וויא דער קיסר האט דאך מסתמא אסך פערד, דרום בעט ער פון דעם קיסר אז ער זאל אן זאגין אין דעם קייסערליכין פאלאץ אז מען זאל אים ארייין לאזען אין שטאל ארייין אלע טאג אונ ער וועט דארט צוא לייגין דיא צואה. זיין רפואה. דער קיסר האט אים דאס צוליב גיטאן אונ האט אן גיזאגט אז מען זאל אים אריין לאזען אין שטאל אלע טאג. וויא דער מענטש איז ארויס גיגאנגען האט זיך דער קיסר אהן גירופין זעהטס וויא אגרויסער שוטה דער מענטש איז איך האב דאך גיזאגט אז וואסער בקשה מען

ווען

(ד) כל המענג את השבת כאלו הוא מכבד להקב"ה שנאמר (ישעי' נח) וקראת לשבת ענג לקדוש ה' מכובד ללמדך אם קראת לשבת ענג אז לקדוש ה' מכובד:

(ה) בעי מיני' רבי מרבי ישמעאל ברבי יוסי עשירים שבארץ ישראל במה הן זוכין. אמר לי' בשביל שמעשרין שנאמר (דברים יד) עשר תעשר. עשר בשביל שתתעשר. שבבבל במה הן זוכין. אמר לי' בשב"ל שמכבדין את התורה. ושבשאר ארצות במה הן זוכין. אמר לי' בשביל שמכבדין את השבת:

(ו) כבוד שבת עדיף מאלף תעניות דכבוד שבת דאורייתא ותענית דרבנן וכו':

(ז) כתיב (דברים כח) תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה זהו ענג שבת:

(ח) רבי עקיבא הי' יושב ובוכה בשבת אמרו לי' תלמידיו למדתנו רבינו וקראת לשבת ענג אמר להם זהו ענג שלי:

מראה מקומות (ד) תנדב"א פ' כ"ו: (ה) שבת קיט: (ו) תנחומא בראשית: (ז) מדרש הובא בס': (ח) מדרש הובא בשבילי הלקט סי' כא:

פירושים

(ה) כמה הן זוכין. לעושר גדול כזה. בב"ר פי"א ופסיקתא דר"כ (פ') הגי' בזכות מה הן חיים:

פירוש ע"ט

(ד) כָּל, יעדערער וואס טוט אָן פארגעניגען דעם שבת איז גלייך וויא ער וואלט מְכַבֵּד גיוועזן דעם אייבערשטען. ווארום עס שטייט אין פָּסוּק זאלסט רופען צום שַׁבָּת פערגעניגען און צום היילינגען גאט עהרליך האלטען. מיינט דער פסוק אויב דוא וועסט אָן טאן פארגעניגען שבת איז גלייך אזוי וויא דוא וואלסט דעם היילינגען גאט מְכַבֵּד גיוועזן:

(ה) בָּעֵי. רבי האט גיפרעגט ביי רבי ישמעאל ברבי יוסי פון וואס פאר א זכות זענען זוכה דיא מענטשען פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צו אגרוים עשירות. האט רבי ישמעאל אים גיענטפערט ווייל זייא גיבען מעשר. און אז מען גיט מעשר ווערט מען רייך אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. זאלסט געבען מעשר כְּדֵי דוא זאלסט רייך ווערין. האט ער אים נאך גיפרעגט פאר וואס האבען זוכה גיוועזן דיא רייכע מענטשען פון בָּבֶל. האט ער אים גיענטפערט ווייל זייא גיבען כבוד דיא תורה. האט אים רבי נאך גיפרעגט און די רייכע מענטשן פון אנדערע לענדער מיט וואסער זכות האבען זיי זוכה גיוועזן צו עשירות האט ער אים גיענטפערט ווייל זיי גיבען גרויס כבוד צום שבת. דרום זענען זייא זוכה צו רייכקייט:

(ו) כָּבוֹד. מְכַבֵּד זיין שבת איז גרעסער וויא טויזינד תעניתים. ווארום מכבד זיין דעם טאג שבת איז א מצוה פון דער תורה. און פאסטען איז נאר פון דיא רבנן (דיא רבנן האבען מתקן גיוועזן אַ מען זאל פאסטען):

(ז) כְּתִיב. עס שטייט אין פסוק דער פאר וואס דוא האסט נישט גידינט דיין גאט מיט שִׂמְחָה (דרום וועט חלילה קומען דיא תוכחה) מיינט מען האסט זיך נישט אן גיטאן פערגעניגען אום שבת מיר וועלען געבען צו פארשטיין פון וואנען ווייס דער מדרש אז דער פסוק מיינט ווייל מען האט זיך נישט אן גיטאן פערגעניגען אום שבת. ווייל אין פסוק האט בדארפט שטיין „יען שלא עבדת" (ווייל דוא האסט נישט גידינט) און עס שטייט „תחת אשר לא עבדת" (וואס דער ווארט „תחת" האט נאך א טייטש „פון הינטען") גאר דיא תורה מיינט דער מיט. אז מען זאל טייטשען. דיא אונטערשטע (דיא ווייטערדיגע) אותיות וואס שטייען נאך דיא אותיות „אשר". זייא זענען דיא אותיות „שבת". (נאך'ן א' איז ב'. נאך'ן ש' איז ת'. נאך'ן ר' איז ש'. דאס איז אותיות שבת). פון דעם לערינט ארויס דער מדרש אז דער פסוק מיינט ווייל מען האט נישט גיהיט שבת מיט שמחה און פערגעניגען:

(ח) רַבִּי עֲקִיבָא. ר"ע איז אום שבת גיזעסן און גיוויינט. האבן אים די תלמידים גיפרעגט. רבי! דוא האסט דאך אונז גילערינט אז שבת זאל מען זיך אן טאן פארגעניגען. האט זיי רבי עקיבא גיענטפערט דאס איז מיין פערגעניגען. דרום מעג איך וויינען אום שבת:

משלי שבת

ווען נאר פארלאנגען פון מיר וועל איך טאן, האט דאך דער מענטש מיך גיקאנט בעטין אז איך זאל היישען מיינע דאקטורים אז זייא זאלין אים אויס היילען, און פון מיין אפטייק זאל מען אים געבין דיא רעצעפטין, לסוף איז גיקומען דער שוטה און האט נאר גיבעטין אויף אקליינינקייט, אז מען זאל אים געבין אלע טאג דיא צ'אה פון דיא פערד, דאס וועלכעס איז ביי דיא מצוה פון שבת דער אייבערשטער האט גיגעבען דעם טאג שבת אז מען זאל זיך אין אים אן טאהן!

(ט) אמר רבה הכל מודים בשבת דבעינן נמי לכם מאי טעמא (ישעי' נח) וקראת לשבת ענג:

(י) אמר רבי אלעזר משום רבי יוסי בן זמרא כל היושב בתענית בשבת קורעין לו גזר דינו של ע' שנה ואעפ"כ חוזרין ונפרעין ממנו דין ענג שבת. מאי תקנתי' אמר ר' נחמן בר יצחק ליתיב תעניתא לתעניתא:

פרק טו. לעסוק בתורה בשבת:

(א) רבי חגיי בשם רבי שמואל בר נחמן לא ניתנו שבתות וימים טובים אלא לאכילה ולשתי' על ידי שהפה מסריח התירו לו לעסוק בדברי תורה. רבי ברכי' בשם רבי חייא בר אבא לא ניתנו שבתות וימים טובים אלא לעסוק בהן בדברי תורה. מתניתא מסייעה בין לדין בין לדין. כיצד הוא עושה או יושב ואוכל או יושב ועוסק בדברי תורה:

מראה מקומות (ט) פסחים סח: (י) ברכות לא: (א) ירושלמי שבת פ' טו:

פירושים

(י) של ע' שנה. כלומר אפילו נגזר עליו מגזירין לפי שתענית קשה בשבת לפי שהכל מתענגים בו והוא מתענה: תעניתא לתעניתא. יתענה למחר:

(א) לאכילה ולשתי'. לתענוגים ולמנוחה: ע"י שהפה מסריח. אם לא יעסקו רק באכילה יש לחוש שיהיו מדברים דברי איסור או שיש לחוש שיבואו לידי מיאוס הקאה וקלות ראש: כיצד הוא עושה. האדם בשבת ויו"ט: או יושב וכו'. הרי כדברי שניהם:

פירוש ע"ט

(ט) אמר. רבה האט געזאגט אלע זענען מודה אז שבת מוז מען זיך אן טאן פערגעניגען וואריום עס שטייט אין פסוק זאלסט זיך אן טאן פערגעניגען אום שבת:

(י) אמר. רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי יוסי בן זמרא'ס וועגען דער וואס פאסט אום שבת צו רייסט מען זיין גזר דין. אפילו וואס פאר זיבעציג יאהר איז אויף אים נגזר געווארען. נאר פון דעסט וועגען ווערט ער געשטראפט. פאר דעם וואס ער האט געפאסט אום שבת. ווייל ער האט דאך מבטל געווען דיא מצוה פון אן טאן זיך פערגעניגען אום שבת. דער תיקון צו דעם איז. האט רב נחמן בר יצחק געזאגט. ער זאל ווייטער אויך פאסטען. ווייל אום שבת האט ער מבטל געווען די מצוה פון ענג שבת:

דער פופצעטער פרק שמועסט אז שבת בדארף מען לערנען תורה:

(א) רבי חגיי, רבי חגיי האט געזאגט פון רבי שמואל בר נחמן'ס וועגן דיא שבתים אונ ימים טובים זענען ניגעבין געווארין נאר אויף עסין אונ טרינקען, נאר ווייל דער מויל ווערט שטינקען פון עסין האט מען מתיר גיווען אז מען זאל מעגין לערנען אום שבת, רבי ברכיה האט געזאגט פון רבי חייא בר אבא'ס וועגין, דיא שבתים אונ ימים טובים זענען גיגעבין געווארין נאר אז מען זאל זיצין אונ לערנען. זאגט דער ירושלמי עס איז דא אברייתא וואס פון איר ווערט זיין אראיה צוא ביידע צוא רבי חגיי (וואס ער זאגט אז אום שבת מוז מען עסין) אונ צוא רבי ברכיה וואס ער זאגט אז אום שבת מוז מען לערנען) ווארום אין דער ברייתא שטייט, וויא אזוי זאל דער מענטש טאהן אום שבת, איז אדער ער זאל זיצין אונ עסין, אדער ער זאל זיצין אונ לערנען תורה, שטייט אין דער ברייתא אזוי וויא רבי חגיי האט געזאגט, אונ אזוי וויא רבי ברכיה האט געזאגט:

משלי שבת

טאן פארגעניגען, קאן מען דאך זיך אן טאהן גוטע פארגעניגען צוא לערנען תורה. אדער טאן אנדערע מצות, קומען דיא שוטים בעטין פון קיסר צואה. זייא טוען זיך אן פארגעניגין מיט פוסטע זאכין פון לייענען ביכלאך אונ ציימונגען. וואס דאס איז פוסטע רייד. מען קען דאך ליבער בעטין פון קיסר דיא בעסטע רפואה. לערנען דיא היילינע תורה, זאגין תהלים, לערנען חומש אדער גמרא, יעדער מענטש נאך זיין קענטשאפט, אונ מיט דעם הייסט עס אן ניטאן זיך אונ שבת דעם אמת'ן פארגעניגען וואס פאר דער מצוה גיט מען אלעם גוטס. אים אונ אלע יודין:

(א) רבי חגיי בשם רבי שמואל בר נחמן וכו'. רבי ברכי' בשם רבי חייא בר אבא לא ניתנו שבתות וימים טובים אלא לעסוק בהם בדברי תורה, דיא כונה פון רבי ברכי' וועלען מיר געבען צו פארשטיין מיט אשיינע מעשה וואס האט אמאל געטראפען, א סוחר פון אקליין שטעדטיל איז געפארען קיין לייפציג אויף דעם יאהר מארק, האט ער מיט גינומען זיין קליינעם יונגעל,

גייענדיג

(ב) כתוב אחד אומר (ויקרא כג) שבת היא לה׳ וכתוב אחד אומר (דברים טז) עצרת לה אלקיך וכתוב אחד אומר (במדבר כט) עצרת תהי׳ לכם הא כיצד תן חלק לתלמוד תורה וחלק לאכול ולשתות:

(ג) רבי ברכי׳ בשם רבי חייא בר אבא לא ניתנה השבת אלא לתענוג. רבי חגיי בשם רבי שמואל בר נחמן לא ניתנה השבת אלא לתלמוד תורה. ולא פליגי. מאן דאמר רבי ברכי׳ בשם רבי חייא בר אבא לתענוג אלו תלמידי חכמים שהם יגיעים בתורה כל ימות השבת ובשבת הם באים ומענגים. ומה דאמר רבי חגיי בשם רבי שמואל בר נחמן לתלמוד תורה אלו הפועלים שהם עסוקין במלאכתן כל ימות השבת ובשבת הם באים ומתעסקים בתורה:

(ד) ימים יוצרו ולו אחד בהם (תהלים קלט) זה יום השבת לישראל אמר להם הקב״ה לישראל לא כתבתי לכם בתורתי לא ימוש ספר התורה הזה מפיך (יהושע א) אף על פי שאתם עושים מלאכה כל ששת ימים שבת יעשה כולו תורה. מכאן אמרו ישכים אדם וישנה בשבת

מראה מקומות (ב) ירושלמי שבת פ׳ טו: (ג) פסיקתא דר״כ פ׳ כ״ג: (ד) תנדבא״ר פ״א:

פירושים

(ב) הא כיצד. איך אפשר לקיים שני המקראות האלה אלא חלקיהו חציו לת״ת והציו לאכילה ולשתי׳:

פירוש ע״ט

(ב) כתיב. אין איין פסוק שטייט, דער שבת איז צוא גאט, אונ נאך אין אפסוק שטייט אויך אזוי, מען זאל מאכין איין איינזאמלונג פון גאטס וועגין, אונ אין אדריטין פסוק שטייט מען זאל מאכין אאיינזאמלונג פון אייערט וועגין, איז דאך אקשיא אין דיא ערשטע צוויא פסוקים שטייט אז שבת זאל זיין פון גאטס וועגין, אונ אין דריטין פסוק שטייט אז עס זאל זיין פון אונזערט וועגין, נאר דיא תורה מיינט אזוי, מען זאל אהאלבען שבת לערנען (דאס איז פון גאטס וועגין) אונ אהאלבין שבת עסין אונ טרינקען (דאס איז פון אונזערט וועגין):

(ג) רבי ברכיה. רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי חייא בר אבא׳ס וועגין שבת איז גיגעבין גיווארין נאר אהן מאהן זיך פערגעניגין, רבי חגיי האט גיזאגט פון רבי שמואל בר נחמן׳ס וועגין שבת איז גיגעבין גיווארין נאר מען זאל זיצין אונ לערנען תורה, זאגט דיא פסיקתא רבי ברכיה אונ רבי חגיי קריגין זיך נישט, דאס וואס רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי חייא בר אבא׳ס וועגין אז שבת איז גיגעבען גיווארין נאר אויף פערגעניגען זיך אהן מאהן שמועסט ביא תלמידי חכמים וואס אגאנצע וואך זיצין זייא אונ לערנען תורה, דרום האט רבי ברכיה גיזאגט אז עס קומט שבת זאלין זייא זיך לכבוד שבת אהן טאן פערגעניגין, אונ דאס וואס רבי חגיי האט גיזאגט פון רבי שמואל בר נחמן׳ס וועגין אז שבת איז גיגעבין גיווארין נאר אז מען זאל אגאנצע טאג זיצין אונ לערנען שמועסט ביא ארבעטארער וואס אגאנצע וואך ארבעטין זייא, דרום אז עס קומט שבת בדארפין זייא נאר זיצין-אונ-לערנען תורה:

(ד) ימים. אין פסוק שטייט גאט האט בשאפין טעג אונ ער האט פון זייא איין טאג, זאגט דער תנא דבי אליהו דאס מיינט מען דעם טאג שבת, גאט האט גיזאגט צוא דיא יודין האב איך אייך דען נישט גישריבען אין דער תורה אז פון אייער מויל זאל זיך נישט אפ טאהן מיין תורה, איר זאלט איהר נאר לערנען. דרום חאטש איר ארבעט אגאנצע וואך, נאר אז עס קומט שבת זאלט איר אגאנצע טאג לערנען, האבין דיא חכמים גיזאגט דער פון איז גידרינגען

אז

משלי שבת

גייענדיג פון באהן ווען זייא אריין גיגאנגען אין א צוקערנע קויפען עטליכע קיכלאך, זעהט דער יונגעל אז עס זיצט אמאנם פערזאן מיט א פארפלאכטענעם צאפ אונ טרינקט קאווע, האט ער גיפרעגט דעם פאטער ווער איז דער מענטש? (ער האט אזוי א מענטש נאך קיין מאל נישט גיזעהן), ענטפערט אים דער פאטער דער מענטש איז פון קיטאי, אונ דער מענטש איז פון יאפאניע, אונ דער מענטש איז פון קאנאדע. פרעגט אים דער יונגעל וויא וויים איז פון דאנען קיין קיטאי אונ קיין יאפאניע ענטפערט אים דער פאטער אזוי וויא פון דאנען קיין אמעריקא, אונ יאפאניע איז נאך ווייטער, אונ קאנאדע איז נאך ווייטער, האט דער יונגעל גיפרעגט פארוואונדערט, מאמע! איז דא אזעלכע גוטע קיווע אז מען פארט אהער פון קיטאי, אונ פון

יאפאניע

וילך לבית הכנסת ולבית המדרש ויקרא בתורה וישנה בנביאים ואחר כן ילך לביתו ויאכל
וישתה לקיים מה שנאמר (קהלת ט) לך אכול בשמחה לחמך ושתה בלב טוב יינך:

(ה) אמרה תורה רבונו של עולם כשישראל נכנסין לארץ מה תהא עלי כל אחד מישראל
הולך לחרוש ולזרוע שדהו ואני מה תהא עלי. אמר לה, יש לי זיווג אחד שאני נותן
לך. זהו יום השבת. שישראל בטלין ממלאכה והם נכנסין לבתי כנסיות, ולבתי מדרשות
ועוסקים בתורה:

(ו) אמר הקב"ה למשה עשה לך קהלות גדולות ודרוש לפניהם ברבים הלכות שבת כדי
שילמדו ממך דורות הבאים להקהיל קהלות בכל שבת ושבת ולכנוס בבתי מדרשות
ללמד ולהורות לישראל דברי תורה איסור והיתר כדי שיהא שמי הגדול מתקלס בין בני וכו'.
אמר משה לישראל אם אתם עושים כסדר הזה. הקב"ה מעלה עליכם כאלו המלכתם אותי
בעולמו שנאמר (ישעי' מג) ואתם עדי נאום ה' ואני אל:

(ז) אמר בלעם לבלק האיך אקללם הלא וכו' הם יושבים בשעה שהחכם יושב ודורש:

(ח) מי מנה עפר יעקב. אדם לבוש בגדים של שבת ושל מועד ונכנס ומתאבק בעפר לשמוע
לזקן ולשמוע דברי תורה:

מראה מקומות (ה) מדרש הובא בי"א: (ו) מדרש אבכיר הובא בילקוט שמעוני פ' ויקהל: (ז) מדרש הובא
בס' איזור אלי': (ח) ילקוט פ' בלק:

פירוש ע"ט

אַז אַמענטש זאָל שבת אויף שטיין גאַנץ פריא אונ גיין אין שוהל וואו מען דאַוונט אונ מען
לערנט, אונ זאָל דאָרט לערנען תורה אונ נביאים, אונ דער נאָך זאָל ער גיין אַהיים אונ זאָל
עסין אונ טרינקען, מקיים זיין וואס דער פסוק זאָגט, גיי עס מיט שמחה דיין ברויט אונ טרינק
מיט פרייד דיין וויין:

(ה) אמרה. דיא תורה האָט גיזאָגט צום אייבערשטין (בשעת דיא יודין זענען גיוועזן אין דער
מדבר) אַז דיא יודען וועלין קומען קיין ארץ ישראל וואס וועט פון מיר ווערין (ווער
וועט מיר לערנען), יעדער יוד וועט דאָך גיין אַקערין אונ זייען זיין פעלד, אונ דיא תורה וועט
קיינער נישט לערנען, האָט איר גאָט גיענטפערט איך האָב צוא דיר אַבאַהעפטונג, דאָס איז דער
טאָג שבת, וואס אין דעם טאָג אַרבעטין נישט דיא יודען, וועלין זייא קומען אין דיא שוהלען
אונ וועלין זיצין-אונ לערנען תורה:

(ו) אמר. דער אייבערשטער האָט גיזאָגט צוא משה'ן זאָלסט אויף קלאַבין גרויסע פערזאַמלונגען
פון מענטשין, אונ זאָלסט פאַר זייא לערנען דיא דינים פון שבת, כדי אַלע קומענדיגע
(שפּעטערדיגע) דורות זאָלין זיך פון דיר אָפּ לערנען, זיך אָהן קלאַבען אַלע שבת אין דיא שוהלין
לערנען תורה אונ דינים וואס מען מעג-אונ וואס מען טאָר נישט, כדי מיין גרויסער נאָמען זאָל
גילויבט ווערין צווישין מיינע קינדער, האָט משה גיזאָגט צוא דיא יודען אויב איר וועט אַזוי טאָן,
וועט אייך דער אייבערשטער גלייכין אַזוי איר וואָלט אים גימאַכט קיניגין אויף דער וועלט, אַזוי
וויא עס שטייט אין פסוק גאָט האָט גיזאָגט איר וועט זיין עדות, אַז איך בין אַ גאָט:

(ז) אמר. בלעם האָט גיזאָגט צוא בלק'ן וויא אַזוי קען איך שעלטין דיא יודין זייא זיצין דאָך אונ
הערין דיא דרשה וואס דער חכם דרשינת אום שבת:

(ח) מי. אין פסוק שטייט וועלכער מענטש קאָן איבער צייל'ין דיא שטויב פון יעקב (איז דאָך נישט
צוא פאַרשטיין וואס מיינט דער פסוק דיא שטויב פון יעקב ענטפערט דער מדרש) אַמענטש

משלי שבת גייט

יאָפּאַניע, טרינקען דאַ קאַווע, קויף אונז אויך אַפּאר גלאָז
קאַווע, וועלען מיר אויך זיא פאַרזוכען, האָט אים דער פאָטער
גיענטפערט, מיין קינד! איך וועל דיר דיא זאַך ערקלערען,
דיא מענטשען זענען גרויסע פאַבריקאַנטען, אונ גרויסע האַנדעלס־
לייט, זייא קומען אַהער אויף דעם יאָהר מאַרק צו פאַרקויפען
זייערע סחורה, אונ צוא קויפען סחורה וואס מען קען גאַר דאָס
נישט בייא זייא, באַדאַרפען זייא דאָך עסען. קומען זייא אַריין
אַהער עסען אונ טרינקען קאַווע. אָבער באמת זייער כוונה

אין

(ט) אמר רבה בהני תלת מילי נחתי בעלי בתים מנכסיהון וכו' דקבעי סעודתייהו בשבתא בעידן בי מדרשא דאמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן שתי משפחות הי' בירושלים אחת קבעה סעודתה בשבתא וכו' ושתיהן נעקרו:

(י) אמר רב זירא מריש כי הוה חזינא להו לרבנן דקא רהטי לפרקא בשבתא אמינא קא מחליין רבנן שבתא. כיון דשמענא להא דרב תנחום אמר רבי יהושע בן לוי לעולם ירוץ אדם לדבר הלכה ואפילו בשבת שנאמר (הושע יא) אחרי ה' ילכו כארי' ישאג וגו' אנא נמי רהיטנא:

(יא) תכלית הימים הלילות. תכלית הלילות שבתות וכו':

מראה מקומות (ט) גיטין לח: (י) ברכות ו: (יא) מדרש הובא בס' ברית אברהם:

פירושים

(ט) בעידן בי מדרשא. כשהחכם דורש דרשות לרבים בשבת והם יושבים בסעודה והי' להם להקדים או לאחר:

(י) לפרקא. לשמוע הדרשה: מחליין רבנן שבתא. דאמר מר (שבת דף קיג:) אסור לפסוע פסיעה גסה בשבת שנאמר אם תשיב משבת רגליך:

פירוש ע"ט

גייט אום שבת אהן גיטאהן דיא שענסטע קליידער, וואס ער האט אויף שבת אונ יום טוב, אונ ער גייט אריין אין שוהל אונ דיא מלבושים ווערין פאר שטויבט צוא הערין פון אלמדן וואס זאגט תורה אין שוהל:

(ט) אמר. רבה האט געזאגט דורך דרייא זאכין נידערין בעלי בתים פון זייער פארמעגין, איין זאך איז ווייל זייא עסין אום שבת אין דער צייט וואס מען זאגט אדרשה אין שוהל, אונ זייא גייען נישט הערין דיא דרשה, וואָרום רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין צווייא פאמיליעס איז געווען אין ירושלים איין פאמיליע פלעגט עסין אום שבת אין דער צייט וואס מען האט געזאגט אדרשה אין בית המדרש וכו', אונ ביידע משפחות זענען אויס גיריסין גיווארין:

(י) אמר. רבי זירא האט געזאגט אין אנהייב אז איך האב געזעהן אז די רבנן לויפען אום שבת צו הערען דיא דרשה האב איך גימיינט אז דיא רבנן זענען מחלל שבת (ווייל אום שבת טאר מען דאך נישט לויפען) דער נאך אז איך האב גיהערט אז רבי תנחום האט געזאגט פון רבי יהושע בן לוי'ס וועגין אז אמענטש זאל שטענדיג לויפען צום לערנען אפילו אום שבת. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט גיין גישווינד פון גאטס זאכען. אזוי גישווינד וויא אמענטש אנטלויפט אז ער הערט אז א לייב שרייט (אונ אפילו אום שבת מעג מען אויך אנטלויפען פון א לייב ווען ער שרייט. וואָרום דאס איז סכנות נפשות. ווייל ווען דער לייב שרייט איז אסימן אז ער איז הונגעריק אונ וויל אפילו אמענטשען אויף עסין. אזוי בדארף מען לויפען פון גאטס וועגען אפילו אום שבת) בין איך אליין שוין אויך גילאפען אום שבת צוא הערען דיא דרשה:

(יא) תכלית. דער עיקר פון דיא טעג איז דיא נעכט, אונ דער עיקר פון דיא נעכט איז דיא שבתים: דיא כוונה פון מדרש איז אזוי. אגאנצען טאג איז דאך יעדער מענטש פאר יאגט אונ פאר פלאגט זוכען צו פארדינען פרנסה פאר זיין ווייב אונ קינדער. נאר ביי נאכט איז מען דאך ס'רוב ליידיג. בעדארף מען עוסק צוא זיין אין תורה. איז דער עיקר פון די טעג נאר דיא נעכט, ווייל אין זייא לערינט מען דאך תורה. וואס דאס איז דר תכלית אונ דר עיקר פון דר וועלט נאר ווייל אמאל איז מען ביי נאכט אויך פארנומען, איז אז עס קומט דער היילגער טאג שבת איז מען דאך עוסק אין תורה. איז ער דער עיקר פון דיא טעג אונ פון דיא נעכט:

משלי שבת

איז נישט קומען קיין לייפציג מרינקען קאווע, דס גלייכען איז ביי שבת, די נארישע מענטשן מיינען אז מען קומט אויף דעם מארק אויף דעם היילינען טאג שבת נאר צוא טרינקען קאווע, אונ נאר אן טאן זיך פראסט פערגעניגען פון עסין גוט אונ טרינקען גוט. אבער זיי פר געסין גאר אז דר היילגער טאג שבת איז גיגעבען געווארען אויף צוא לערנען דיא היילגע תורה אונ נישט נאר אויף צוא עסין אונ טרינקען, אונ דער עיקר איז עוסק צוא זיין אין דער היילגער תורה. וואס מיט דעם לערנען אום שבת ווייזט מען אז מען איז מתפלל אלע תפלות באמת, וואָרום אין זייא בעטען מיר (ונהיי' אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו לומדי תורתך לשמה) מיר אונ אונזערע קינדער אונ אונזערע קינדער'ס קינדער זאלען מיר לערנען תורה לשמה, אונ

פאר

פרק טז שכר השומר שבת:

(א) בתורה ובנביאים ובכתובים מצינו שהשבת שקולה כנגד כל המצות שבתורה. בתורה דכתיב (שמות יד) עד אנה מאנתם לשמור מצותי ותורותי. וכתיב שם ראו כי ה' נתן לכם את השבת. בנביאים דכתיב (יחזקאל כ) וימרו בי הבנים בחקתי לא הלכו וגו' וכתיב שם ואת שבתתי חללו מאד. בכתובים דכתיב (נחמי' ט) ועל הר סיני ירדת וגו' ותתן להם משפטים ישרים ותורות אמת חוקים ומצות וגו' ואת שבת קדשך הודעת להם וגו':

(ב) אמר רבי אלעזר ב"ר אבינא מצות שבת מליא להודיעך שהיא שקולה כנגד כל מצותי' של תורה:

(ג) אמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל אם תזכו לשמור שבת מעלה אני עליכם כאלו שמרתם כל המצות שבתורה:

מראה מקומות (א) ירושלמי נדרים פג: (ב) שם: (ג) מד"ר שמות פכ"ה:

פירושים

(א) ראו. משמע דעל שבת להוד קאמר עד אנה מאנתם וגו' ולא על שאר עבירות שעשו מיום לאתם מאמ"ל: מצוות דכתיב גבי שבת מלא בשני ווי"ן דכתיב ואת שבת קדשך הודעת להם ומצוות וחוקים וגו':

פירוש ע"ט

דער זעכצעטער פרק שמועסט פון דעם שכר וואס מען גיט דעם וואס היט שבת:

(א) בתורה. מיר געפינען אין דער תורה אונ אין נביאים אונ אין כתובים אז שבת איז געוואגן א גלייך אזו וויא אלע מצות פון דער תורה [אויב אמענטש היט שבת איז גלייך וויא ער וואלט מקיים געוועזן אלע תרי"ג מצוה] אין דער תורה געפינען מיר ווארום גאט האט געזאגט צוא משה'ן ביז וואנען וועט איר נישט פאלגען מיין געבאט. האט משה געזאגט צוא דיא יודען זעהט'ס דער אייבערשטער האט אייך געגעבען דיא מצוה פון שבת אונ איר זענט איר נישט מקיים. אונ אז גאט האט געזאגט זייא פאלגען נישט מיינע געבאט מיינט מען דאך אלע געבאט אונ דארט איז דאך נאר געוועזן איין געבאט (שבת) וואס זייא האבען נישט געהיט. איז דער פון גידרונגען אז דיא מצוה פון שבת איז גלייך וויא אלע מצות פון דער תורה. אונ נביאים געפינען מיר אז שבת איז גלייך וויא אלע מצות ווארום דער אייבערשטער האט געזאגט מיינע קינדער [דיא יודען] האבען מיר ווידערגעשפעניגט. אונ מיינע געזעצען האבען זייא נישט גיטאן. דער נאך שטייט אז דיא מצוה פון שבת האבען זייא שטארק פאר שוועכט. האט דער אייבערשטער געזאגט אז דאס איז גלייך וויא זייא וואלטען נישט מקיים געוועזן אלע מצות. אין כתובים געפינען מיר אז שבת איז גלייך וויא אלע מצות ווארום אין פסוק שטייט האסט גינידערט אויף דעם בארג סיני אונ דוא האסט זיי געגעבען ריכטיגע משפטים אונ אמת'ע תורות. אונ געזעצען אונ מצות. אונ דעם היילינגען שבת האסטו זיי גימאכט וויסען. זעהן מיר אז דיא מצוה פון שבת רופט ער, געזעצען אונ מצות. ווארום דיא מצוה אליין איז גלייך וויא אלע געזעצען אונ מצות:

(ב) רבי אלעזר. רבי אלעזר בר רבי אבינא האט געזאגט דיא מצוה פון שבת איז זייער גרויס צוא מאכען דיר וויסען אז זיא איז גלייך וויא אלע מצות פון דער תורה ואז מען היט שבת איז גלייך וויא מען וואלט גיהיט אלע מצות פון דער תורה]:

(ג) אמר. גאט האט געזאגט צוא דיא יודין אויב איר וועט זוכה זיין צוא היטין שבת איז דאס בייא מיר גלייך אזוי ווי: איר וואלט גיהיט אלע מצות פון דער תורה:

משלי שבת

פאר קריאת שמע בעטען מיר [ותן בלבנו להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד] זאלסט געבען אין אונזערע הערצער אז מיר זאלגן פארשטיין דיא היילינגע תורה אונ מיר זאגען איר לערנען, אונ אין מעריב זאגען מיר [כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה] דיא תורה איז אונזער לעבען אונ איר ווילען מיר לערנען טאג אונ נאכט, בעטען מיר אלץ אז מען זאל קענען אונ ווילען לערנען, נאר אגאנצע וואך קאן יעדערער זאגען איך וואלט זייער געוואלט לערנען, נאר מחמת איך בין זייער פאר טראגען אין צרכי עול הפרנסה, אונ האב בשום אופן קיין צייט נישט זיך זעצען לערנען. אבער אז עס קומט דער היילינגער שבת, אויב ער איז מאקע עוסק אין תורה, איז הוכיח סופו על תחילתו, אז ער וויל מאקע באמת עוסק צוא זיין אין דער תורה אגאנצע וואך, נאר ער קען נית חייל ער איז פארטאגט, גיט מען אים שכר אזו וויא ער

וואלט

(ד) אמר רב יהושע בר נחמי' אמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל שמרו את השבת שהיא שקולה כנגד כל התורה. כתיב בשבת שמור את יום השבת ובתורה כי אם שמור תשמרון. השבת נתנה על ידי משה ראו כי ה' נתן לכם השבת והתורה על ידי משה ויאמר ה' אל משה כתב לך את הדברים האלה וגו':

(ה) רבי אלעזר בן פרטא אומר כל המשמר את שבת כאלו עשה את השבת שנא' לעשות את השבת:

(ו) רבי אומר כל המשמר שבת אחת כתיקונה מעלה עליו הכתוב כאילו שומר שבתות מיום שברא הקדוש ברוך הוא את עולמו עד שיחיו מתים שנאמר ושמרו בני ישראל את השבת וגו' אות היא לעולם:

(ז) כל המשמר שבת אחד מעלה עליו הכתוב כאלו קיים עולם מלא:

(ח) כל מי שמשמר את השבת מעיד לפני מי שאמר והי' העולם שברא עולמו לששה ימים ונח בשביעי שנאמר (ישעי' מג) ואתם עדי נאום ה' ואני אל:

מראה מקומות (ד) תנחומא פ' יתרו: (ה) מכילתא פ' יתרו: (ו) שם: (ז) אדר"נ פל"א: (ח) מכילתא פ' יתרו:

פירוש ע"ט

(ד) אָמַר. רַב יְהוֹשֻׁעַ בַּר נְחֶמְיָה האָט געזאָגט גאָט האָט געזאָגט צוא די יודין איר זאָלט היטין שַׁבָּת וואָרום די מִצְוָה פון שַׁבָּת איז גרויס זיא איז גְלייך אזוי וויא איר וואָלט מְקַיֵים געוועזן די גאַנצע תורה, וואָרום ביי שַׁבָּת שטייט איר זאָלט היטען דעם טאָג שַׁבָּת און ביי דער תורה שטייט איר זאָלט היטען די תורה, איז געדרונגען אַז שַׁבָּת איז גלייך ווי די גאַנצע תורה, די מִצְוָה פון שַׁבָּת איז געגעבן געוואָרין דורך משה אזוי וויא משה האָט געזאָגט זעהט גאָט האָט געגעבן אייך דורך מיר די מִצְוָה פון שַׁבָּת, און די גאַנצע תורה איז אויך געגעבן געוואָרין דורך משה אזוי וויא עס שטייט אין פָּסוּק גאָט האָט געזאָגט צוא משה שרייב דיר אויף די רייד וגו':

(ה) רַבִּי אֶלְעָזָר. רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן פְּרָטָא האָט געזאָגט יעדער וואָס היט שַׁבָּת איז גלייך וויא ער וואָלט געמאַכט דעם טאָג שַׁבָּת, וואָרום עס שטייט אין פָּסוּק די יודין זאָלין היטין ניט פאַרשוועכין שַׁבָּת זייא זאָלין מאַכין דעם טאָג שַׁבָּת:

(ו) רַבִּי. רַבִּי האָט געזאָגט יעדער וואָס היט חאָטש איין שַׁבָּת אזוי וויא דער דין איז, רעכינט איהם דער אייבערשטער אזוי וויא ער וואָלט געהיט אַלע שַׁבָּתִים, ציַיט דער אייבערשטער האָט באַשאַפין די וועלט ביז די געשטאָרבענע וועלין לעבעדיג ווערין, אזוי וויא עס שטייט אין פָּסוּק די יודין זאָלין היטין דעם טאָג שַׁבָּת (חאָטש איין שַׁבָּת) דאָס איז אַ צייכין אויף אייביג, (אויב מען היט חאָטש איין שַׁבָּת איז גלייך וויא מען וואָלט געהיט אייביג):

(ז) כָּל. יעדערער וואָס היט אֲפִילוּ איין שַׁבָּת רעכינט איהם דער אייבערשטער אזוי וויא ער וואָלט אויף געהאַלטין די גאַנצע וועלט:

(ח) כָּל. יעדערער וואָס היט שַׁבָּת זאָגט עֵדוּת דעם וואָס האָט געזאָגט און מיט זיינע רייד איז באַשאַפין געוואָרין די וועלט, אַז ער האָט באַשאַפין די וועלט אין זעקס טאָג און דעם

משלי שבת

וואָלט געלערינט אַגאַנצע וואָך, אַזוי וויא די גְמָרָא זאָגט (קידושין דף מ') (חִשַּׁב אָדָם לַעֲשׂוֹת מִצְוָה וְנֶאֱנַס וְלֹא עֲשָׂאָהּ מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ עֲשָׂאָהּ) אַז אַמענטש האָט געטראַכט טאָן אַמִצְוָה, חאָטש עס האָט זיך געטראָפען אַסִבָּה, אַז ער האָט זיא ניט געטאָן, פון דעסטוועגען גיט מען איהם שכר גלייך אַזוי וויא ער וואָלט געטאָן די מִצְוָה. אָבער באַלד עס קומט שַׁבָּת, וואָס ער איז שוין ליידיג פון אַרבעטען און זוכין פַּרְנָסָה, האָט ער דאָך שוין לְכָל הַדֵּעוֹת געקאָנט זיצען און לערנען, און ער לערינט דעמאָלט אויך נישט. זעהט מען דאָך אַז דאָס וואָס ער האָט אַגאַנצע וואָך נישט געלערינט איז נישט מחמת זיינע טרדות הַפַּרְנָסָה. נאָר מחמת ער איז חלילה מבזה די הייליגע תּוֹרָה, וואָרום שַׁבָּת אַליין זאָגט דאָך אויף איהם עדות אַז אֲפִילוּ בְּשַׁעַת ער איז ליידיג פון זיינע געשעפטען פונדעסטוועגין לערינט ער אויך נישט, אין זיין תירוץ איז אַ פאַלשער. דרום ווערט ער חלילה געשטראָפט פאַר דעם ביטול תורה פון אַגאַנצע וואָך אויך, חאָטש אַגאַנצע וואָך האָט ער טאַקי באֱמת קיין צייט נישט געהאַט צום לערנען, מחמת ער האָט בעדאַרפט זוכין פַּרְנָסָה, פאַר די ווייב און קינדער, השי"ת זאָל אונז דער פון היטען און זאָל אונז העלפען אַז אַ גאַנצע וואָך זאָל מען אויך לערנען, מקיים זיין די מִצְוָה וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה. (מען זאָל לערנען ביי טאָג און ביי נאַכטן:

(ז) כָּל הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת וכו' כְּאִלּוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא, די מְפָרְשִׁים פרעגען דא שטייט אַז פאַר'ן זכות פון שַׁבָּת באַשטייט די וועלט און אין מַסֶּכֶת אָבוֹת פ"א מ"ב שטייט אַז די וועלט

(ט) אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל המשמר שבת כהלכתה אפילו עובד עבודת כוכבים כדור אנוש מוחלין לו שנאמר (ישעי' נו) אשרי אנוש יעשה זאת וגו' מחללו אל תקרי מחללו אלא מחול לו:

(י) שמא תאמרו כל מי שמשמר השבת מה שכר נוטל עליו תלמוד לומר (ישעי' נו) אשרי אנוש יעשה זאת וגו' שומר שבת מחללו ושומר ידו מעשות כל רע הא למדנו שכל מי שמשמר את השבת מרוחק מן העבירה:

(יא) ויאמר משה אכלוהו היום רבי יהושע אומר אם תזכו לשמור את השבת עתיד הקב"ה לתת לכם שלשה מועדות פסח ועצרת וסוכות לכך נאמר ויאמר משה אכלוהו היום:

(יב) רבי אלעזר המודעי אם תזכו לשמור את השבת עתיד הקב"ה ליתן לכם שש מדות טובות. ארץ ישראל ועולם הבא ועולם חדש ומלכות בית דוד וכהונה ולוי' לכך נאמר אכלוהו היום:

(יג) רבי אלעזר אומר אם תזכו לשמור את השבת תנצלו משלש פורעניות מיומו של גוג ומגוג ומחבלו של משיח ומיום דין הגדול לכך נאמר אכלוהו היום:

מראה מקומות (ט) שבת קיח: (י) מכילתא פ' בשלח: (יא) שם: (יב) שם: (יג) שם:

פירושים

(ט) כדור אנוש. התחילו לעבוד עכו"ס דכתיב (בראשית ד) אז הוחל לקרוא וגו':

פירוש ע"ט

זיבּעטין טאג האט ער גירוהט, אַזוי ווי אַ עס שטייט אין פּסוק גאט זאָגט איר יודין זענט מיינע עדות צו איך בין גאט ווען מיר אַז דער אייבּערשטער וויל אַז יודין זאָלין עדות זאָגין אַז ער אַליין האט באַשאַפין דיא וועלט:

(ט) אמר, רבי חייא בר אבא האט גיזאָגט פון רבי יוחנן'ס וועגין דער מענטש וואס היט שבת אזוי וויא דער דין איז, אפילו ער האט גידינט עבודה זרה אזוי וויא דער דור פון אנוש פון דעסטוועגין איז מען אים מוחל. אַזוי וויא אין פּסוק שטייט וואהל איז דעם מענטש וואס ער וועט היטען שבת מחללו. זאָלסטו נישט לייענען מחללו נאר מחול לו דאס איז דער טייטש מען איז אים מוחל, מען שענקט אים אלע עבירות וואס ער האט גיטאהן:

(י) שמא, טאמער וועט איר זאָגען אַז אויב מען היט שבת וואסער שכר קריגט מען דער פאר באצאלט? שטייט אין פּסוק וואו איז דעם מענטש וואס ער וועט דאס טאן. ער וועט היטען שבת נישט פאר שוועכען אים. אונ וועט היטען זיין האנד פון טאן שלעכטץ. לערנען מיר פון דעם פּסוק ארויס אַז וועלכער מענטש וואס היט מצות שבת איז ער פאַרוויטערט פון טאן זינד:

(יא) ויאמר, אין פּסוק שטייט משה האט גזאָגט צו דיא יודען עסט היינט. האט רבי יהושע גיזאָגט משה האט גיזאָגט צוא דיא יודען אויב איר וועט היטען שבת וועט אייך גאט געבען דרייא ימים טובים, פּסח, אונ שבועות, אונ סוכות, דרום האט משה גזאָגט עסט היינט וועט איר האָבען נאך ימים טובים:

(יב) רבי אלעזר, רבי אלעזר המודעי זאָגט משה האט גיזאָגט צוא דיא יודען אויב איר וועט היטען שבת וועט אייך גאט געבען זעקס גוטע זאכען, ארץ ישראל, עולם הבא, דיא ניע וועלט. דיא מלכות פון דוד'ס הויז. כהונה, לויה, דרום האט משה גיזאָגט עסט היינט וועט אייך גאט באַצאָלען דיא זעקס גוטע זאכען:

(יג) רבי אלעזר, רבי אלעזר זאָגט משה האט גזאָגט צוא דיא יודען אויב איר וועט היטען שבת וועט איר באשירעמט ווערען פון דרייא ערלייא צרות, פון דער מלחמה פון גוג ומגוג, אונ פון דיא צרות וואס עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען. אונ פון דעם טאג וואס עס וועט זיין

משלי שבת

באשטייט אין זכות פון תורה אונ עבודה אונ גמילת חסד, נאך דארף מען פארשטיין פאר וואס מיט דער איין מצוה'לע פון היטען שבת רעכינט מען אים וויא ער וואלט אויף גיהאלטען דיא גאנצע וועלט, נאך דארף מען פארשטיין פאר וואס אויב אמענטש איז מחלל שבת קומט אים הרגענען סקילה ביים בית דין, אדער כרת [דאס שטראפט אים אז ער שטארבט פאר דער צייט],

(יד) אמר ר׳ יצחק כל עיסקא דשבת כפול וכו׳ שכרה כפול שנאמר (ישעי׳ נח) וקראת לשבת ענג ולקדוש ה׳ מכובד:

(טו) בעת שאדם שומר את השבת גוזר גזירה והקב״ה מקיימה שנאמר (שם נח) אם תשיב משבת רגלך מה כתיב אחריו אז תתענג על ה׳ כמה דתימא (תהלים לז) והתענג על ה׳ ויתן לך משאלות לבך. ולא עוד אלא כל מה שאתה אוכל בעולם הזה אינו אלא מן הפירות אבל הקרן קיימת לך לעולם הבא שנאמר והאכלתיך נחלת יעקב אביך כי פי ה׳ דיבר:

(טז) רבי יהושע דסכנין בשם רבי לוי אמר בזכות שני דברים ישראל מתהטאין לפני המקום בזכות שבת ובזכות מעשרות. בזכות שבת דכתיב (ישעי׳ ס) אם תשיב משבת רגליך מה כתיב בתרי׳ אז תתענג על ה׳ וגו׳:

(יז) אמר לפני הקב״ה רבש״ע אפילו אין ביד בניך אלא זכות שתי מצות הללו שבת ומילה כדאי שתרחם עליהם וכו׳:

מראה מקומות (יד) שוח״ט צב: (טו) מד״ר שמות פכ״ה: (טז) תנחומא פרשת ראה: (יז) מד״ר קהלת פ״א:

פירושים

(טו) אז תתענג על ה׳. כבן המתחטא על אביו והוא ממלא משאלותיו:

(טז) ישראל מתחטאין. מתעהרין:

פירוש ע״ט

דֶער גְרוֹיסֶער מִשְׁפָּט. דְרוּם הָאט משה גִיזָאגְט עֶסְט הַיינְט וָוארוּם דֶער מִיט וֶועט אִיר בַּאשִׁירְעמְט וֶוערְען פוּן דִיא דְרַייא צָרוֹת:

(יד) אָמַר. ר׳ יִצְחָק הָאט גִיזָאגְט דֶער גַאנְצֶער בֶּעשֶׁעפְטִיגוּנְג פוּן שַׁבָּת אִיז גִיבָּאטְן גִיוָארִין טָאפִּיל, דֶער שְׂכַר פַאר שַׁבָּת אִיז אוֹיךְ טָאפֶּעל, אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹיבּ וֶועסְט הִיטִין שַׁבָּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּא רוּפִין צוּם שַׁבָּת פֶערְגְנִיגִין (אִיז אַיין שָׂכָר) אוּנ צוּם הַיילִיקַייט פוּן גָאט (שַׁבָּת) כָּבוֹד (אִיז דֶער צְוַויטֶער שָׂכָר):

(טו) בְּעֵת. אִין דֶער צַייט וֶוען אַמֶענְטְשׁ הִיט שַׁבָּת אוֹיבּ עֶר אִיז גוֹזֵר אַגְזֵירָה פָאלְגְט אִים דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער אוּנ זַיין גְזֵירָה וֶוערְט מְקוּיָם, אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹיבּ דוּא וֶועסְט הִיטִין שַׁבָּת אוּנ דוּ וֶועסְט זִיךְ אָן טָאן פַארְגֶענִיגִין פוּן גָאטְס וֶועגִין וגו׳, אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין נָאךְ אַפָּסוּק אוֹיבּ דוּא וֶועסְט זִיךְ אָן טָאהְן פַארְגֶענִיגִין פוּן גָאטְס וֶועגִין וֶועט עֶר דִיר גֶעבִּין אַלֶע גִיבֶּעט וָואס דַיין הַארְץ וֶועט פַאר לַאנְגֶען, אוּנ נָאךְ מֶעהְר, אַלְץ וָואס אַמֶענְטְשׁ עֶסְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז אַלְץ נָאר פוּן דֶעם פְּרִיצֶענְט פוּן שְׂכַר פַאר שַׁבָּת, אָבֶּער דֶעם שָׂכָר זֶעלְבְּסְט אִיז בַּאהַאלְטֶען אַוֶועק צוּא גֶעבִּין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין סוֹף פָּסוּק אִיךְ וֶועל דִיר מַאכִין עֶסִין דִיא יְרוּשָׁה פוּן טַאטִין יַעֲקֹב (וָואס עֶס אִיז בַּאהַאלְטִין נָאךְ פוּן יַעֲקֹב׳ן) אוּנ דִיא נַחֲלָה פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גָאר אָהְן אַגְרֶענְעץ וָוארוּם גָאטְס מוֹיל הָאט אַזוֹי צוּא גִיזָאגְט:

(טז) רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ פוּן סִכְנִין הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי לֵוִי׳ס וֶועגִין פַארִין זְכוּת פוּן צְוַוייא זַאכִין שַׁבָּת אוּנ מַעֲשֵׂר בַּאוִוילִיגִין זִיךְ דִיא יוּדִין פַאר גָאט וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹיבּ דוּא וֶועסְט אָפּ קֶערִין דַיינֶע פִיס פוּן שַׁבָּת (וֶועסְט הִיטִין שַׁבָּת) וֶועסְטוּ בַּאוִוילִיגְט פַאר גָאט:

(יז) אָמַר. אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גִיזָאגְט צוּא גָאט, הַאר פוּן דֶער וֶועלְט אֲפִילוּ דַיינֶע קִינְדֶער (דִיא יוּדִין) וָואלְטִין נִישְׁט מֶעהְר גִיהַאט נָאר דֶעם זְכוּת פוּן דִיא צְוַוייא מִצְוֹת שַׁבָּת אוּנ מִילָה זֶענֶען זַייא אוֹיךְ וֶוערְט אַז דוּא זָאלְסְט דִיךְ אוֹיף זַייא דֶערְבַּארִימֶען:

משלי שבת

נָאר מִיר וֶועלֶען דָאס גֶעבֶּען צוּא פַארְשְׁטֵיין דוּרְךְ אַמָשָׁל, עֶס אִיז גִיוֶוען אַעֲשִׁיר וָואס הָאט גִיהַאט פִיל קִינְדֶער, דִיא קִינְדֶער זֶענֶען אַלֶע גִיוֶוען שְׁוַואכֶע אוּנ קְרַאנְקֶע, הָאט דֶער עֲשִׁיר גִינוּמֶען אַגְרוֹיסֶען דָאקְטֶער צוּא זִיךְ אִין שְׁטוּב עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף דִיא קִינְדֶער גֶעזוּנְדְהַייט, אוּנ הַיילֶען זַייא וֶוען זַייא וֶועלֶען קְרַאנְק וֶוערֶען, אוּנ גֶעבֶּען זַייא רֶעצֶעפְּטִין כְּדֵי אוּים הַיילֶען זַייא, דֶער פָאטֶער הָאט לִיבּ גִיהַאט דֶעם דָאקְטֶער אוּנ הָאט לִיבּ גִיהַאט דִיא מֶעדִיצִינֶען. אִינ הָאט פַארְבָּאטֶען דִיא קִינְדֶער זַייא זָאלֶען גֶעבֶּען גְרוֹים כָּבוֹד דֶעם דָאקְטֶער, אוּנ זָאלֶען הִיטֶען נֶעמֶען זַיינֶע מֶעדִיצִינֶען פִּינְקְטְלִיךְ וִויא עֶר וֶועט

(יח) ונתתי לך ולזרעך אחריך את ארץ מגוריך רבי יודן אומר וכו' אם מקבלין בניך את השבת הם נכנסין לארץ ואם לאו אין נכנסין:

(יט) אמר רב יהודה אמר רב אלמלא שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהן אומה ולשון שנאמר (שמות טז) ויהי ביום השביעי יצאו מן העם ללקוט וכתיב בתרי' ויבא עמלק:

(כ) אמר רבי חייא בר אבא אין ישראל נגאלין אלא בזכות שבת שנאמר (ישעי' ל) בשובה ונחת תושעון. בשובה ונייח תושעון:

(כא) אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי אלמלי משמרין ישראל שתו שבתות כהילכתן מיד נגאלין שנאמר (ישעי' נו) כה אמר ה' לסריסים אשר ישמרו את שבתותי וכתיב בתרי' והביאותים אל הר קדשי וגו':

מראה מקומות (יח) מד"ר בראשית פמ"ו: (יט) שבת קיח: (כ) מד"ר קהלת פ"ד: (כא) שבת קיח:

פירושים

(יח) אם מקבלין את השבת וכו'. דרש הא דכתיב ואתה את בריתי תשמור על ברית שבת דאלו ברית מילה כתיב אח"כ זאת בריתי וגו':

פירוש ע"ט

(יח) ונתתי. אין פסוק שטייט איך וועל געבין צוא דיר אונ צוא דיינע קינדער וואס וועלין זיין נאך דיר דאס לאנד פון דיין וואהנונג, רבי יודן האט גיזאגט גאט האט גיזאגט צו אברהם אויב דיינע קינדער וועלין היטין שבת וועלין זייא אריין גיין אין דעם לאנד [קיין ארץ ישראל], אונ אויב זייא וועלין נישט היטין שבת וועלין זייא נישט אריין גיין אין דעם לאנד [ווייל דער נאך שטייט גאט האט גיזאגט צו אברהם אונ דוא זאלסט היטין מיין ברית (זיכערהייט) אונ שבת ווערט אהן גירופען ברית איז אויב דיא יודין וועלין היטין שבת וועט ער זייא געבין ארץ ישראל]:

(יט) אמר. רב יהודה האט גזאגט פון רב'ס וועגען ווען דיא יודען וואלטען גיהיט דעם ערשטען שבת [ווען דער אייבערשטער האט זייא גיבאטען דיא מצוה פון שבת] וואלט קיין פאלק נישט גיוועלטיגט אויף דיא יודען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז גיוועזן שבת איז פון פאלק יודען ארויס גיגאנגען מענטשען קלייבען מן, [זייא האבען שוין נישט גיהיט דעם ערשטען שבת] שטייט באלד דער נאך אז עס איז גיקומען עמלק האלטען מלחמה מיט יודען. אבער אז דיא יודען וואלטען גיהיט שבת. וואלט עמלק נישט גיקומען מלחמה האלטען:

(כ) אמר. רבי חייא בר אבא האט גיזאגט דיא יודען וועלען אויס גילייזט ווערען נאר אין דעם זכות פון שבת אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז איר וועט רוהען אונ שבת מיט פארגעניגען וועט איר גיהאלפען ווערען:

(כא) אמר. רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאי'ס וועגין ווען דיא יודין וואלטין היטין צוויא שבתים וויא דער דין איז, וואלטין זייא באלד אויס גילייזט גיווארין פון גלות ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גיזאגט צוא דיא וואס האבין נישט קיין קינדער אז זייא זאלין היטין מיינע שבתים נאכדעם שטייט אין פסוק וועל איך זייא ברענגען צו מיין היליגין בארג צום בית המקדש, אונ אז דער פסוק זאגט אז זייא וועלין היטין שבתים (אלשון רבים) מיינט מען אויב זייא וועלין היטין צוויא שבתים, וועט ער זייא באלד אויס לייזין אונ ברענגען זייא קיין ארץ ישראל צום בית המקדש:

משלי שבת

זאגען אונ ווער עס וועט נישט געבען כבוד דעם דאקטער, אדער ווער עס וועט נישט היטען צוא נעמען פונקטליך דיא מעדיצינען. וועט שטארק באשטראפט ווערען. דאס זעלבינע איז מיט שבת, ביי דעם מענטש איז דא צווייא ערלייא קראנקייטען, דיא קראנקייט פון גוף אונ דיא קראנקייט פון דער נשמה. דיא קראנקייט פון גוף איז נישט שטענדיג. עס טרעפט אמאל א מענטש ווערט קראנק, אבער דיא קראנקייט פון דער נשמה איז אשטענדיגע קראנקייט. ווארום אלע טאג זינדיגט דער

מענטש דרום בעדארף יעדער מענטש צו זיין נשמה אשטענדיגען דאקטער, האט דער אייבערשטער גיגעבען אדאקטער, דאס איז דער טאג שבת, אונ אים גיגעבען דיא יודען, וואס אום שבת האנדילט מען נישט, אונ מען טוט נישט קיין שום ארבעט, אלץ איז אין שטוב אנגיגרייט, קען יעדער מענטש וואס פאר א קראנקייט זיין נשמה איז קראנק גיווארען דיא וואך, אויס היילען איר, ער טוט תשובה אויף דער זאך ער זאל אזעלכעס מער נישט טאן, אונ ער לערינט תורה אונ דאווינט

(כב) אמר רבי לוי אלו היו ישראל משמרין שבת אחת כתיקונה מיד הי׳ בן דוד בא. מאי טעמא (שמות טז) ויאמר משה אכלוהו היום כי שבת היום לה׳ וגו׳ חד יום. ואומר (ישעי׳ ל) בשובה ונחת תושעון בשובה ונייחת תתפרקון:

(כג) ר׳ יהודה אומר וכו׳ אדם שמר אותו וכו׳ והי׳ יום השבת משמרו מכל רע ומכל שרעפי לב שנאמר (תהלים לד) ברוב שרעפי בקרבי תנחומיך ישעשעו נפשי:

פרק יז. גדולת שבת:

(א) אמר לי׳ הקב״ה למשה מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה ואני מבקש ליתנה לישראל לך והודיעם:

(ב) שלשה מעין עולם הבא שבת וכו׳.

(ג) שבת אחד מששים לעולם הבא:

(ד) בזכות שבת נכנס הקב״ה עם ישראל למצרים:

(ה) ושמרתם את השבת כי קודש הוא (שמות לא) מגיד שהשבת מוספת קדושה על ישראל:

מראה מקומות (כב) ירושלמי תענית פ׳ א׳: (כג) מד׳ תהלים מז׳ צ״ב: (א) שבת דף י: (ב) ברכות דף נז ומד״ר בראשית פ׳ יז: (ג) שם: (ד) ציוני: (ה) מכילתא פ׳ תשא:

פירושים

(כב) בשובה ונייחת תתפרקון. היינו בזכות מנוחה תושעון:

פירוש ע״ט

(כב) אמר. רבי לוי האט געזאגט אויב דיא יודין וואלטין גיהיט האטש איין שבת וויא דער דין איז. וואלט באלד משיח גיקומען. ווארים עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט איר זאלט היינט עסין ווארים היינט איז שבת. זעהן מיר אז משה האט געזאגט היט׳ס האטש איין שבת וועט משיח קומען. אונ פון נאך אפסוק ווייס מען אז בזכות איין שבת וועט משיח קומען ווארים עס שטייט אז איר וועט רוהען (האלטין ערליך איין שבת) וועט איר גיהאלפין ווערין. אונ משיח וועט קומען:

(כג) רבי יהודה. רבי יהודה האט געזאגט אדם הראשון האט גיהיט שבת האט אים שבת געהיט פון אללע שלעכטס אונ פון אללע מחשבות פון צער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון פיל מחשבות פון צער טוט מיר דערפרייען דייגע טרייסטען (ברוב שרעפי בקרבי איז ר״ת שבת):

דער זיבעצעטער פרק שמועסט פון דיא גרויסקייט פון שבת:

(א) אמר. דער אייבעשטער האט געזאגט צוא משה׳ן איך האב אגוטען פרעזענט אין מיינע אוצרות. דער פריזענט הייסט שבת. אונ איך וויל דאס געבין דיא יודין גייא אונ גיב זייא צוא וויסען אז איך וויל זייא דאס שיינקען:

(ב) שלשה. דריי זאכין איז דא וואס זייער הנאה איז פון דער הנאה פון עולם הבא. דאס זענען זייא. דיא הנאה וואס אמענטש האט פון שבת איז פון דער הנאה פון עולם הבא וכו׳:

(ג) שבת. שבת איז אזעכציגס טייל פון עולם הבא:

(ד) בזכות. אין זכות וואס דיא יודין היטין שבת איז דער אייבעשטער אריין מיט דיא יודין קיין מצרים אונ האט זייא פון דארטין אויס גילייזט:

(ה) ושמרתם. אין פסוק שטייט איר זאלט היטין שבת ווייל ער איז הייליג איז דערפון גידרונגען אז שבת מערט הייליגקייט אויף דיא יודין:

משלי שבת

מיט כוונה, דאס שטארקט דיא הייליגקייט פון דער נשמה, ער היילט איר אויס פון דיא קרענקייט פון דער פארגייענגענער וואך. אונ מאכט איר גיזונד אז זיא זאל נישט זינדיגען דיא צווייטע וואך וואס וועט קומען, דריבער האט גאט גיגעבין דיא יודין דיא מצוה פון היטין שבת כדי זייא זאלין קענין אויס היילין דיא נשמה מיט דיא סעדיצינען תשובה תורה, תפילה, אונ דרום האט נאט גיזאגט ווער עס וועט מחלל שבת זיין, וועט גישטראפט ווערין מיט דעם גוף, ווייל ער איז דאך קרייגק אויף דער נשמה אונ ער וויל איר נישט אויס היילין, פאלגין דעם דאקטאר׳ס רייד אונ נעמען זייגע ריצעפטין, דאס האבין דיא חז״ל גיזאגט דער וואס היט שבת, ער טוט נאר דיא איין רפואה ער האלט שבת, איז גלייך וויא ער וואלט אויף גיהאלטין דיא

(ו) מעולם לא זזה שכינה מישראל בכל שבתות ויו"ט ואפילו בשבתות דחול:

(ז) טורנוסרופוס הרשע שאל את רבי עקיבא אמר מה יום מיומים. אמר לי' מה גבר מן נובריא. אמר מאי אמרית לך ומאי אמרית לי. אמר לי' אמרית לי מה יום מיומים מאי שנא יומא דשבתא מכל יומא. ואמרית לך ומאי גבר מגוברין מאי שנא טורנוסרופוס מכל גוברין. אמר לי' שרצה המלך לכבדני. א"ל אף זו שרצה הקב"ה לכבדה. אמר לי' מנאן את מודע לי. אמר לי' הרי נהר סמבטיון יוכיח שמושך אבנים כל ימות השבת ובשבת הוא נח. אמר לי' לנגדא את נגיד לי. אתמהא. אמר לי' והרי המעלה את המת בזכורו יוכיח שהוא עולה כל ימות השבת ובשבת אינו עולה. וההוא גברא ליהוי בדק באבוהו. חד זמן צריך ובדק באבוהו וסלק כל יומא

מראה מקומות (ו) מדרש הובא בספרים והוא בזוהר סו"פ קרח: (ז) מד"ר בראשית פ' י"א:

פירושים

(ז) מה יום מיומים. מה מעלת יום אחד משאר הימים: מה גבר. מה מעלת איש אחד משאר אנשים שלפעמים נמנא איש אחד נעלה משאר בני אדם: מאי אמרית. אמור ומפרש לי איך הבנת מה שאמרתי לך או מה עניתני: מנאן. מהיכן אתה מודיעני כמופת שרצה הקב"ה לכבד את השבת: לנגדא את נגיד לי. למשוך אתה משכני כלומר מתשיך ודוחה אותי בדהי' בעלמא מי יאמר שהוא כן והרוצה לשקר ירחיק עדותו: וההוא גברא. על טורנוסרופוס אמר כן אם תרצה לבחון הדבר בחון באביך: חד זמן. לזמן אחד הי' צריך לשאול באוב: ובדק באבוהו. בדק הדבר באביו להעלותו מקברו: סלק כל יומא. עלה לו כל ימות השבוע ובשבת רצה להעלותו ג"כ ולא עלה לו: בתר שבתא. אחר שבת העלהו ואמר לו אבי אחר מיתתך נעשית יהודי:

פירוש ע"ט

ו) מעולם. דיא שכינה רוהט שטענדיג אויף דיא יודין אלע שבת אונ יום טוב, אונ זיא האט זיך נאך קיינמאל נישט אפ גזירט אפילו אום שבת פון דער וואכין:

(ז) טורנוסרופוס. טורנוסרופוס דר רשע האט גיפרעגט ביא רבי עקיבא פאר וואס איז דר טאג שבת ביא איך בעסער אונ גרעסער פון אלע טעג פון אגאנצע וואך. אלע טעג זעננען דאך גלייך פאר וואס דען האלט עטץ דעם טאג פאר הייליגער. האט אים רבי עקיבא גיענטפערט פאר וואס זאל זיין בעסער אונ גרעסער איין מענטש פון אלע מענטשין פין דר גאנצער וועלט. האט איהם טורנוסרופוס גיענטפערט פארשטיי וואס איך האב דיר גיזאגט וועסטו פארשטיין אז דוא האסט מיר נישט גיענטפערט. האט איהם רבי עקיבא גיענטפערט. דוא האסט דאך מיר גיפרעגט פאר וואס איז בעסער דר טאג שבת פון אלע טאג פון דר גאנצער וואך. האב איך דיר גיענטפערט פאר וואס ביסטו בעסער פון אלע מענטשין פין דר וועלט. האט איהם טורנוסרופוס גיענטפערט וייל דר קיסר האט מיר גיוואלט גרוים מאכין. האט איהם רבי עקיבא גיענטפערט שבת איז אויך אזוי. דר האר פון דר גאנצער וועלט האט גיוואלט אז דר טאג שבת זאל זיין הייליגער פון אלע טאג פון אגאנצע וואך. דרום האט ער אונז גיבאטין מיר זאלין געבין כבוד דעם טאג. האט טורנוסרופוס גיזאגט צו רבי עקיבא וויא אזוי קאנסטו דאס מיר בעווייזין אז דר טאג איז שבת. טאמער האט גאט גירוהט אין איין אנדער טאג פון דר וואך. האט איהם רבי עקיבא גיענטפערט דאס קען מען וויסין פון דם טייך סמבטיון וואס אגאנצע וואך ווארפט ער שטיינער. אונ דעם טאג שבת רוהט ער. האט טורנוסרופוס גיזאגט צו רבי עקיבא'ן דוא שלעפסט מיר אפ מיט פאלשע רייד איך זאל גיין צום טייך סמבטיון וואס דוא

גאנצע וועלט, ווארום מיט דער איין רפואה'לע שמארקט ער דיא גאנצע וועלט, אז זיא זאל האבין אקיום, ווארום מיט דעם היטין שבת איז ער דאך עוסק אין תורה אונ אין עבודה אונ אין גמילת חסד, וואס נאר אין דעם זכות שטייט דיא גאנצע וועלט:

(ו) מעולם לא זזה שכינה מישראל וכו'. פשוט קען מען זאגין דיא כוונה פון די"ם וואונדערליכען מדרש.

דאס איז דאך בעוואסט אז דיא מצוה פון תוספת שבת [מעריין שבת] איז מדאורייתא [אחיוב פון דער תורה] דיא מצוה איז פרייטאג פאר נאכט צו נעמען שבת גאנץ פריא, אונ שבת צו נאכט תאלטין שבת שפעט אין דער נאכט, אזוי ווי מיר

מישרי שבת

האבין אויבען געשריבען אין זעקסטין פרק, אונ דאס איז דאך בעוואסט אז אום שבת רוהט דיא שכינה אויף דיא יודין, דאס איז דיא כוונה פון מדרש, אפילו אין דער צייט פון תוספת שבת [חאטש עס איז נאך וואך ביא אנדערע מענטשין] האט זיך אויך נאך קיינמאל נישט אפ גירירט די שכינה פון די יודין, נאר עס רוהט אויף זייא די קדושה שבת, חאטש ביא אנדערע יודין איז ערשט אין דער וואכין:

(ז) טורנוסרופוס הרשע שאל את רבי עקיבא וכו' אמר לי' וכו' אונזער טורנוסרופוס האט גיוואלט נאך מאן אדורפסמאן, וויא איך האב דא נישט לאנג גיהערט

ערצעהלין

דשבתא. ובשבתא לא סלק. בתר שבתא אסקיה. אמר לי' אבא מן דמיתת איתעבדית יהודי. אתמהא. מפני מה עלית כל ימות השבת ובשבת לא עלית. אמר לי' כל מי שאינו משמר את השבת אצליכם ברצונו. כאן הוא משמר אותו בעל כרחו. אמר לי' וכי עמל יש לכם שאתם עמלים כל ימות השבת ובשבת אתם נוחים. אמר לי' כל ימות השבת אנו נידונין ובשבת אנו נוחים. חזר אצל רבי עקיבא אמר לי' אם כדבריך שהקב"ה מכבד את השבת אל ישב בה רוחות אל ירד בה גשמים אל יצמיח בה עשב אמר לי' תיפח רוחיה דההוא גברא אמשול לך משל לשנים שהיו דרין בחצר אחת אם אין זה נותן עירוב וזה נותן עירוב שמא מותרין לטלטל בחצר. אבל אם הי' אחד דר בחצר הרי הוא מותר בכל החצר כולה אף כאן הקב"ה לפי שאין רשות אחרת

פירושים

אצליכם. כעולם שאתם החיים שרויס בה: קברו של אביו. דטורנוסרופוס כל ימות השבת היה מעלה עשן מהי' נדון ונשרף ובשבת פושעי גיהנם שובתים: בוזיתו ביישתו קיללתו. הך קללה אינו אלא גידוף וכן היה לשונס כמו (מלכים א' כ') קללה כמרלה שלא הי' שם קללה אלא גידוף:

פירוש ע"ט

ווייסט אז איך וועל איהם נישט געהן זעהן. אונ איך האב איהם נאך קיינמאהל נישט גיזעהן. האט איהם רבי עקיבא גיענטפערט פון דעם כישוף מאכער וואס הייסט אוב ווערסטו וויסן אז ווען מיר רוהין העמאלט איז שבת. דען אגאנצע וואך קען יען אויף ברייננגען אמת פון דר ערד פרעגין איהם וואס מען וויל. אונ אום שבת קענען זייא דאס נישט טאהן. ווארום דר מת קומט נישט. אונ דוא טורנוסרופוס קענסט דאס פרוווין מיט דיין פאטער. אמאל האט טורנוסרופוס גידארפט וויסן עפעס פלעגט ער אויף ברייננגין זיין פאטער אגאנצע וואך. אונ אום שבת האט ער איהם נישט גיקאנט אויף ברייננגען. נאך שבת האט ער איהם אויף גיבראכט. האט איהם טורנוסרופוס גיפרעגט טאטע. צו פון צייט דו ביסט גישטארבין ביסטו גיווארין איוד? פאר וואס אגאנצע וואך קומסטו. אונ אום שבת ביסטו נישט גיקומען. האט דר פאטער איהם גיענטפערט וועלכער מענטש וואס היט נישט שבת אויף דר וועלט וואס דו ביסט. מוז ער היטין אויף יענער וועלט חאטש ער וויל נישט. האט איהם טורנוסרופוס גיפרעגט האט איר דען אארבעט אויף יענער וועלט וואס אגאנצע וואך ארבעט איר אונ אום שבת רוהט איר. האט איהם זיין פאטער גיענטפערט אגאנצע וואך ווערין מיר גימשפט אין גיהנם. אונ אום שבת לאזט מען אונז רוהען. [האט שוין טורנוסרופוס דר פון גיוואוסט אז ווען מיר מאכין שבת דעמאלט איז טאקי שבת]. איז טורנוסרופוס גיקומען צוריק צו רבי עקיבא אונ האט איהם גיפרעגט זאל שוין זיין אזוי ווייא דוא זאגסט אז ווען איהר רוהט דעמאלט איז שבת אונ דר אייבעשטער איז מכבד דעם טאג דרום ווארפט נישט דר טייך סמבטיון שטיינער אום שבת אונ דר כישוף מאכער אוב קען נישט אויף ברייננגין קיין מת אום שבת. אבער איך האב נאך אקשיא זאל דר אייבעשטער אויך רוהען אום שבת. זאל ער אום שבת נישט בלאזין קיין ווינטין אונ נישט גידערן קיין רעגין. אונ גישט מאכין שפראצין קיין גראזין. האט איהם רבי עקיבא גיענטפערט פאר פוילט זאל ווערין דיא נשמה פון דעם מענטשין איך וועל דיר געבין צו פארשטיין מיט אמשל. צווייא מענטשין האבין גיוואהנט אין איין הויף אויב איין מענטש מאכט אעירוב אונ דר צווייטער מענטש מאכט נישט קיין עירוב טאר דאך קיינער נישט טראגין אין דעם הויף. אבער אויב איין מענטש האט גיוואהנט אין הויף [מיט זיינע קינדער אונ קרעכט] אינ הט נישט גימאכט אעירוב מעג ער טראגין אין דעם גאנצין הויף. אזוי אויך דר אייבעשטער ווייל עס איז דאך גישמא חוץ איהם נאך קיין האר אויף דר וועלט. אונ די גאנצע וועלט איז דאך זיינע. דרום איז בייא איהם דיא גאנצע וועלט אזוי וויא איין הויף. דרום מעג

משלי שבת

ערצעהלין אשיינע מעשה. אדארפסמאן האט חתונה גימאכט זיין זוהן האט ער גיבעטין זיין בעקאנטין דארפסמאן אז ער זאל אויך זיין אויף דער חתונה, איז ער געקומען אויף דער חתונה אונ איז גלייך אריין אין קיך, אונ איז צו גענאנגען צו דער קעכין אונ ער האט איר גיזאגט „מזל טוב כלה!" ווענן דארט גישטאנען מענטשין האבין זייא איהם געפרעגט, רבי יוד פון וואנען פאלט איר דאס אויס צו רעכענען אז דיא פרוי איז דיא כלה? האט דער דארפסמאן גיענטפערט מיט אשמייכעל, וויא איז דאס אחתונה אן אכלה?, האבין זייא איהם גיענטפערט נארישער יוד, קומט וועלין מיר אייך ווייזין דיא כלה, האבין זייא איהם אריין גיפירט אין אגרויסען אונ ליכטיגען סאלאן אונ גיוויזען וויא דיא כלה זיצט אויף אטייערין שטול, אונ זיא גייט

עמו וכל העולם כולו שלו מותר בכל העולם כולו. ולא עוד אלא שהרי אוכלי המן מעידין עליו. שכל ימות השבת הי׳ יורד. ובשבת לא הי׳ יורד. *) קברו של אביו יוכיח שאין מעלה עשן בשבת. אמר לי׳ בוזיתו ביישתו וקיללתו:

(ח) יום השביעי בחר בו הקב"ה וקדשו לשמו וחמדת הימים קראו כי בו חיבר שמים וארץ וברכו שנא׳ (בראשית ב׳) ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו כי בו שבת מכל מלאכתו והנחיל לעמו ישראל שבחר אותם ונתנו בחלקם שלא יהא צער במחנותם כי לשמחה גדולה נתנו אלקים לנו ואפילו אסירי גיהנם ינוחו ביום השבת. כשנכנס שבת מלאך הממונה על הנפשות דומה שמו מכריז ואומר צאו מגיהנם. ומתיר אותם ואינן נידונין בשבת:

(ט) אמר רבי לוי את מוצא דברים הרבה ברא הקב"ה בעולם ובירר לו אחד מהם. ברא שבעה ימים ובחר הקב"ה בשבת שנאמר (בראשית ב) ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו:

מראה מקומות *) סנהדרין דף ס"ה: (ח) מדרש עשה"ד: (ט) מ"ר במדבר פ׳ ג׳:

פירוש ע"ט

ער אלץ אין איהר טאהן. אונ נאך א ראיה אז ווען מיר היטין דעמאלט איז שבת האט גיזאגט רבי עקיבא טורנוסרופוס׳ן. דיא יודין וואס האבין גיגעסין דעם מן וועלין אויך זאגין עדות אז ווען מיר רוהען דעמאלט איז שבת. ווארום אנאנדערע וואך איז גיפאלין מן. אונ אום שבת איז נישט גיפאלין. כדי דיא יודין זאלין אום שבת נישט קלייבין (וואס דאס טאר מען נישט אום שבת) איז דערפון גידרינגען אז דר אייבערשטער איז מכבד דעם טאג וואס מיר רוהען. ווארום דעמאלט איז שבת. אונ פון דיין טאטינס קבר איז אויך גידרונגין אז ווען מיר רוהען איז שבת ווארום עס גייט נישט פון איהם קיין רויך אום שבת. אונ אללע וואכין טאג גייט רויך. האט איהם טורנוסרופוס גיזאגט האסט מיין פאטער מבזה גיוועזן אונ גילעסטערט;

(ח) יום. דעם זיבעטין טאג האט גאט אויס גיוויילט אונ ער האט איהם גיהייליגט פאר זיין נאמענס וועגין. אונ ער האט איהם גירופין דער גלוסטיגער פון דיא טאג. ווארום אום שבת האט גאט באהעפט דעם הימיל מיט דיא ערד. אונ גאט האט דעם טאג גיבענשט. אזוי וויא אין פסוק שטייט גאט האט גיבענשט דעם זיבעטין טאג אונ ער האט איהם גיהייליגט ווארום אין דעם טאג האט גאט גירוהט פון אללע ארבעט. אונ גאט האט דעם טאג שבת גישיינקט דיא יודין וואס ער האט זייא אויסגיוויילט אונ ער האט דעם שבת גיגעבין אין זייער חלק. אונ אום שבת האט מען נישט קיין צער ווארום דער אייבערשטער האט אונז גיגעבין דעם טאג שבת אז מיר זאלין זיין פרייליך. אונ אפילו דיא מענטשין וואס זענען גישלאסין אין גיהנם רוהען זייא אויך אום שבת. אונ אז עס קומט שבת איז דער מלאך וואס הייסט דומה וואס ער איז ממונה אויף דיא מענטשין וואס געפינען זיך אין גיהנם שרייט ער אויס אונ זאגט גייט ארויס פון גיהנם אונ ער בינט זייא אפ ווארום זייא ווערין נישט געמשפט אום שבת:

(ט) אמר. ר׳ לוי האט גיזאגט מען געפינט אסך זאכין וואס דר אייבערשטער האט באשאפין אויף דר וועלט אונ ער האט פין זייא אויס גיקליבן איינס. ער האט באשאפין זעקס טאג האט ער אויס געקליבין דעם זיבעטין פאר זיך אז ער זאל זיין שבת. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גיבענשט דעם זיבעטין טאג אונ האט איהם גיהייליגט:

משלי שבת

אן גיטאהן אין נאלד אונ אין זילבער, דער דארפסמאן האט זיך צו לאכט אונ האט זיך אפ גערופין, פון וואנען ווייסט איר דאס אז דיא כלה איז, וועלכע זיא זיצט אויף דעם שטיל? צו שטייט דאס אן גישריבען ביא איר אויף׳ן שטערין? פאטער איז דיא כלה וועלכע זיא שטייט אין קיך. טורנוסרופוס הרשע האט אויך אזוי גיזאגט פון וואנען ווייס איך אז דער טאג וואס אללע יודין רוהען איז שבת מאטער איז זונטאג שבת, אבער האט מען דען שוין אמאל גיהערט אזוי אנדערישע פראגע, דיא תורה שטעלט אונז זעקס מאל הונדערט מויזינד עדות אז זייא זאלין אונז עדות זאגין ווען איז שבת, אונ דיא זעקס מאל הונדערט טויזינד עדות האבין גיזעהן דיא עדות צוויי טויזענד מאל, ווארום פערציג יאהר נאך אנאנד האבין זייא גיזעהן

(י) למה הדבר דומה לאחד שהי׳ לו כלי חמדה ולא רצה להנחילה אלא לבנו העובד אותו. כך הקב״ה את יום השבת מנוחה וקדושה שהי׳ לפניו לא רצה להנחילה אלא לישראל:

(יא) רבי יצחק פתח (שמות טז) ראו כי ה׳ נתן לכם השבת מהו ראו אמר ר׳ יוסי מרגניתא דיהבית לכון:

(יב) אמר רבי אבא בשר ודם בשעה שהוא עושה אסטאטיבה אינו נותן דונטיבה. ובשעה שהוא נותן דונטיבה. אינו עושה אסטאטיבה. אבל הקב״ה עשה אסטאטיבה ונתן דונטיבה שנאמר (בראשית ב) וישבות ויברך:

(יג) אמר הקב״ה אם ישמרו עמי משמרת שבת יזכו לישב בנוה טוב:

(יד) קדושת הקב״ה וקדושת שבת וקדושת ישראל. שלשתן חשובות כאחת. בקדושת הקב״ה מה כתיב (תהלים כב) ואתה קדוש יושב תהלות ישראל וגו׳ ובקדושת שבת מה כתיב (שמות לא) ושמרתם את השבת כי קודש הוא ובקדושת ישראל מה כתיב (ירמיה ב) קודש ישראל לה׳ וגו׳:

מראה מקומות (י) פדר״א פ׳ יח: (יא) מדרש תהלים מז׳ צ״ב: (יב) מד״ר בראשית פ׳ י: (יג) מדרש תהלים הובא בתניא רבתי כ׳: (יד) תנדא״ר פ׳ כ״ו ואותיות דר״ע אות ש׳:

פירושים

(י) לבנו העובד אותו. רומז למ״ש (מלאכי ג) והי׳ לי אמר ה׳ צבאות ליום אשר אני עושה סגולה וחמלתי עליהם כאשר יחמול איש על בנו העובד אותו. ודרש יום אשר אני עושה סגולה על השבת שהוא סגולה וכלי חמדה של הקב״ה:
(יב) עושה אסטאטיבה. גוזר מנוחה על עבדיו: דונטיבה. מתנה: ויברך. פירושו לשון מתנה כד״א קח נא את ברכתי וכן אלל כת כלב:

פירוש ע״ט

(י) לָמָה. שַׁבָּת אִיז גְלַייךְ צוּ אַמֶענְטְשִׁין וָואס הָאט גִיהַאט אַטֵייעֶרֶע כֵּלִי. הָאט עֶר זִיא נִישְׁט גִיוָואלְט שֵׁיינְקִין נָאר צוּם זוּהְן וָואס עֶר דִינְט אִיהְם. אַזוֹי דָא בַּייא שַׁבָּת וָואס עֶר אִיז אַטֵייעֶרֶער טָאג. אַטָאג פוּן רוּהֶען אוּנ פוּן הֵיילִיגְקֵייט. הָאט אִיהְם גָאט גִיהַאט אוּנ עֶר הָאט אִיהְם נִישְׁט גִיוָואלְט שֵׁיינְקֶען נָאר צוּ דִיא יוּדִין. וָואס זֵייא דִינֶען אִיהְם:

(יא) רַבִּי יִצְחָק. רַבִּי יִצְחָק הָאט גִידַרְשֶׁנְט אִין פָּסוּק שְׁטֵייט מֹשֶׁה הָאט גִיזָאגְט צוּ דִיא יוּדִין זֶעהְטְ גָאט הָאט אַייךְ גִיגֶעבִּין דֶעם שַׁבָּת. אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא פַאר וָואס שְׁטֵייט דֶר לָשׁוֹן „זֶעהְטְס" [שַׁבָּת אִיז דֶען אַגַשְׁמִיּוּתְדִיגֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען עֶס אָן קוּקִין] הָאט רַבִּי יוֹסֵי גִיזָאגְט מֹשֶׁה הָאט צוּ זֵייא גִיזָאגְט זֶעהְטְס דֶעם בְּרִילַיאַנְט [דֶעם טָאג שַׁבָּת] וָואס גָאט הָאט אַייךְ גִיגֶעבִּין:

(יב) אָמַר. רַבִּי אַבָּא הָאט גִיזָאגְט בַּייא אַמֶענְטְשׁ [אַמֶלֶךְ] אִיז דֶר שְׁטֵייגֶער וֶוען עֶר הֵייסְט זַיינֶע קְנֶעכְט אַז זֵייא זָאלִין רוּהֶען [אַז זֵייא זָאלִין נִישְׁט גֵיין אִין דֶר מִלְחָמָה] גִיט עֶר זֵייא נִישְׁט קֵיין מַתָּנוֹת. אוּנ וֶוען עֶר גִיט זֵייא מַתָּנוֹת [וֶוען זֵייא גֵייעֶן אִין דֶר מִלְחָמָה אַרַיין] זָאגְט עֶר זֵייא נִישְׁט אַז זֵייא זָאלִין רוּהֶען. אָבֶּער גָאט הָאט גִיהֵייסִין דִי יוּדִין רוּהֶען אוּנ עֶר הָאט זֵייא גִיגֶעבִּין מַתָּנוֹת אוֹיךְ אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶר אַייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גִיהֵייסִין רוּהֶען. אוּנ הָאט גִיבֶּענְשְׁט אוֹיךְ מִיט דֶר מַתָּנָה:

(יג) אָמַר. דֶר אַייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גִיזָאגְט אוֹיב דִיא יוּדִין וֶועלִין הִיטִין דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת וֶועלִין זֵייא זוֹכֶה זַיין [אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט] זִיצִין אִין אַשֵׁיינֶעם פַּאלַאץ:

(יד) קְדוּשַׁת. דִיא הֵיילִיגְקֵייט פוּן אַייבֶּערְשְׁטִין אוּנ דִיא הֵיילִיגְקֵייט פוּן שַׁבָּת אוּנ דִיא הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִיא יוּדִין זֶענֶען אַלֶע דְרַיי גְלַייךְ. וָוארוּם בַּייא גָאטְ׳ס הֵיילִיגְקֵייט שְׁטֵייט דוּא הֵיילִיגֶער גָאט זִיצְט צוּ הֶערִין דִיא לוֹיבּ פוּן דִיא יוּדִין. אוּנ בַּייא דִיא הֵיילִיגְקֵייט פוּן שַׁבָּת שְׁטֵייט אוֹיךְ. אִיר זָאלְט הִיטִין שַׁבָּת וַוייל שַׁבָּת אִיז הֵיילִיג. אוּנ בַּייא דִיא הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִיא יוּדִין שְׁטֵייט אוֹיךְ. דִיא יוּדִין זֶענֶען הֵיילִיג צוּ גָאט. שְׁטֵייט בַּייא אַלֶע דְרַיי הֵיילִיג וָוארוּם זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ הֵיילִיג:

משלי שבת

צו פוּסְצִיג מָאל אַיָאהְר אַז אַגַאנְצֶע וָואךְ אִיז גִיגַאנְגֶען כֵּן פוּן הִימֶעל אוּנ שַׁבָּת אִיז נִישְׁט גִיגַאנְגֶען, אַנְשְׁטָאט דֶעם אִיז גִינַאנְגֶען פְרֵייטָאג טָאפֶּעלֶער מַן, אוֹיף פְרֵייטָאג אוּנ אוֹיף שַׁבָּת, הָאבִּין מִיר אוֹיף דֶעם זֶעקְס מָאל הוּנְדֶערְט טוֹיזִינְד עֵדוּת וָואס הָאבִּין דָאס גִיזֶעהְן מִיט זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען אוּנ זֵייא הָאבִּין דָאס אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּען אֵיין דוֹר דֶעם צְווֵייטֶען דוֹר, הַיינְט אַז מִילְיָאנֶען מֶענְטְשִׁין זָאגֶן לְכָה דוֹדִי לִקְרַאת כַּלָּה אַז דָס אִיז דִי כַּלָּה, וֶוען יוּדֶען רוּהֶען דֶעמָאלְט אִיז שַׁבָּת. קוּמְט אַ אַייזִיל קָאפּ אוּנ

(טו) שלשה מעידין זה על זה. ישראל ושבת והקב"ה. ישראל והקב"ה מעידים על השבת שהוא יום מנוחה. ישראל ושבת על הקב"ה שהוא אחד. הקב"ה ושבת על ישראל שהם יחידים:

(טז) ויברך אלקים את יום השביעי למה ברכו. רבי ברכיה ורבי דוסתאי ורבי שמואל בר נחמן. רבי דוסתאי אומר שאין לו בן זוג. חד בשבתא. תרי. תלתא. ארבעתא. חמשתא. ערובתא. שבתא לית לה בן זוג. רבי שמואל בר נחמן אמר שאינו נדחה, יום טוב נדחה. יום הכפורים נדחה. שבת אינה נדחית:

(יז) תני רבי שמעון בן יוחאי אמרה שבת לפני הקב"ה רבונו של עולם. לכולן יש בן זוג ולי אין בן זוג. אמר לה הקב"ה כנסת ישראל היא בן זוגך. וכיון שעמדו ישראל לפני הר סיני. אמר להם הקב"ה זכרו הדבר שאמרתי לשבת כנסת ישראל היא בן זוגך היינו דבור (שמות כ) זכור את יום השבת לקדשו:

מראה מקומות (טו) מדרש הובא בתוס' חגיגה דף ג': ד"ה מי: (טז) מד"ר בראשית פ"א: (יז) שם:

פירושים

(טז) למה ברכו. לשבת: שאין לו בן זוג. כשאר ימות החול חד בשבת שני זוגו. תלתא רביעי זוגו. חמשתא ע"ש זוגו. שבת לית לי' בן זוג לכן זווג לו ברכה: ערובתא. יום ששי נקרא כן ע"ש שהוא ע"ש: שאינו נדחה. וזו היא הברכה: יום הכפורים נדחה. מפני ירקא ומפני מתיא כדאי' ספ"ק דר"ה:
(יז) כנסת ישראל. שיחבתו כך:

פירוש ע"ט

(טו) שְׁלֹשָׁה. דְרַיי זָאגִין עֵדוּת אֵיינֶער אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין. דִיא יוּדִין. אוּנ דֶר טָאג שַׁבָּת. אוּנ דֶר אֵייבֶּעשְׁטֶער. דִיא יוּדִין אוּנ דֶר אֵייבֶּעשְׁטָער זָאגֶען עֵדוּת אוֹיף דֶעם טָאג שַׁבָּת אַז עֶר אִיז בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין אַז מֶען זָאל אִין אִיהְם רוּהֶען. דִיא יוּדִין אוּנ שַׁבָּת זָאגִין עֵדוּת אוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטִין אַז עֶר אִיז אַ אֵיינְצִיגֶער גָאט אוֹיף דֶר גַאנְצֶער וֶועלְט. דֶר אֵייבֶּעשְׁטֶער אוּנ דֶר טָאג שַׁבָּת זָאגִין עֵדוּת אוֹיף דִי יוּדִין אַז זַיי זֶענֶען אֵיינְצִיגֶע קִינְדֶער וָואס דֶר אֵייבֶּעשְׁטֶער הָאט זֵייא אוֹיס גִיוַוייְלְט:
(טז) וַיְבָרֶךְ, אִין פָּסוּק שְׁטֵייט גָאט הָאט גִיבֶּענְשְׁט דֶעם זִיבֶּעטִין טָאג. פְרֶעגְט דֶער מֶדְרָשׁ. פַאר וָואס הָאט גָאט אִים גִיבֶּענְשְׁט? קְרִיגִין אִין דֶעם רַבִּי בֶּרֶכְיָ' אוּנ רַבִּי דוֹסְתָּאִי. אוּנ רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָן. רַבִּי בֶּרֶכְיָ' אוּנ רַבִּי דוֹסְתָּאִי זָאגֶען וַוייל שַׁבָּת הָאט נִישְׁט קֵיין פָּאר. זוּנְטָאג אִיז זַיין פָּאר מָאנְטָאג. דִינְסְטַאג-מִיטְווָאךְ. דָאנֶערְשְׁטִיג-פְרַייטָאג. אָבֶּער שַׁבָּת הָאט נִישְׁט צוּ זִיךְ אַפָּאר! דְרִיבֶּער הָאט גָאט גִיפָּארְט צוּם טָאג שַׁבָּת אַבְּרָכָה. רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָן הָאט גִיזָאגְט דִי בְּרָכָה אִיז גִיוֶוען אַז שַׁבָּת זָאל קֵיין מָאל נִישְׁט אַוֶועק גִישְׁטוּיסִין וֶוערִין. וָוארוּם יוֹם טוֹב וֶוערְט אַמָאל אַוֶועק גִישְׁטוּיסִין אוֹיף אֵיין אַנְדֶער טָאג. אוּנ יוֹם כִּפּוּר וֶוערְט אוֹיךְ אַמָאל אַוֶועק גִישְׁטוּיסִין אוֹיף אֵיין אַנְדֶער טָאג וָוארוּם אַמָאל מַאכְט מֶען אַעִבּוּר. אוּנ אַמָאל מַאכְט מֶען רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כְּסְלֵו אוּנ טֵבֵת צוּ אֵיין טָאג רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. אוּנ אַמָאל מַאכְט מֶען צוּ צְוַוייא טֶעג רֹאשׁ חוֹדֶשׁ! אָבֶּער שַׁבָּת וֶוערְט קֵיין מָאל נִישְׁט אַוֶועק גִישְׁטוּיסִין:
(יז) תָּנִי. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי הָאט גִילֶערִינְט. שַׁבָּת הָאט גִיזָאגְט צוּ גָאט הַאר פוּן דֶער וֶועלְט. אַלֶע זַאכִין וָואס דוּא הָאסְט בַּאשַׁאפִין הָאבִּין אַפָּאר אוּנ אִיךְ שַׁבָּת הָאבּ נִישְׁט קֵיין פָּאר. הָאט גָאט גִיעֶנְטְפֶערְט צוּם שַׁבָּת דִי יוּדִין וֶועלִין זַיין דַיין פָּאר. וָוארוּם זֵיי וֶועלִין רוּהֶען אוּם שַׁבָּת אוּנ וֶוען דִי יוּדִין זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען פַאר דֶעם בַּארְג סִינַי הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ דִי יוּדִין גִידֶענְקְט דִי רֵייד וָואס אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט צוּם שַׁבָּת אַז דִי יוּדִין וֶועלִין זַיין דַיין פָּאר. אַז זֵייא וֶועלִין הִיטֶען שַׁבָּת. דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט צוּ דִי יוּדִין גִידֶענְקְט דֶעם טָאג שַׁבָּת. וָוארוּם בְּאֶמֶת הָאט בֶּאדַארְפְט שְׁטֵיין הִיטְם דֶעם טָאג שַׁבָּת. נָאר גָאט הָאט גִיזָאגְט גֶעדֶענְקְט וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ גִיזָאגְט דֶעם טָאג שַׁבָּת:

משלי שבת

גֵייט אִין קִיךְ זָאגְט דִיא אַלְטֶע קֶעכִין „מַזָּל טוֹב דִיר כַּלָּה". „מַזָּל טוֹב דִיר זוּנְטָאג" וָואס אִיז עֶר בְּלִינְד אוּנ זֶעהְט נִישְׁט וִויא אִין דֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט זֶעקְס מָאל הוּנְדֶערְט טוֹיזֶנְד עֵדוּת. צוּא אִיז עֶר טוֹיבּ אוּנ הֶערְט נִישְׁט וִויא דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט זָאגֶען אַז דָאס אִיז דִיא אֶמֶתֶע כַּלָּה אוּנ דָאס אִיז דֶר אֶמֶתֶער טָאג שַׁבָּת. וָואס אִין אִים הָאט גָאט גִיבָּאטֶען צוּ רוּהֶען. אוּנ חָלִילָה נִישְׁט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין. וָואס דֶער עוֹנֶשׁ אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. אַזוֹי וִויא דֶער אַלְשִׁיךְ הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אַז אוּב אַיִיד אִיז חָלִילָה מְחַלֵּל שַׁבָּת אִיז דִיא עֲבֵירָה גְרֶעסֶער וִויא עֶר וָואלְט גִיטָאן דִיא עֲבֵירָה אוּמְדֶערְוָואכֶען. וַוייל אוּם שַׁבָּת הָאט יֶעדֶער יוּד אַהֵיילִיגֶערֶע נְשָׁמָה וִויא אוּמְדֶערְוָואכֶען אִיז עֶר זֵיא מְטַמֵּא. אוּנ צְוַוייטֶענְס אוּם שַׁבָּת בְּרֶענְט נִישְׁט דֶער פַייעֶר פוּן גֵיהִנֹּם פַאר דִיא יוּדִין וָוס

(יח) ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו כתיב (משלי י) ברכת ה׳ היא תעשיר ולא יוסיף עצב עמה ברכת ה׳ היא תעשיר זו השבת שנאמר (בראשית ב) ויברך אלקים את יום השביעי. וכו׳:

(יט) ויברך אלקים את יום השביעי וגו׳ רבי ישמעאל אומר ברכו במן וקדשו במן ברכו במן שכל ימות השבת הי׳ יורד עומר ובערב שבת שני עומרים וקדשו במן שלא ירד בו כל עיקר:

(כ) רבי נתן אומר ברכו במן וקדשו בברכה:

(כא) רבי יצחק אומר ברכו במן וקדשו במקושש וברכו בעטיפה וכו׳:

(כב) רבי אלעזר אומר וכו׳ ברכו באור פניו של אדם וקדשו באור פניו של אדם לא הומה אור פניו של אדם כל ימות השבת כמו שהוא דומה בשבת. ברכן

מראה מקומות (יח) שם: (יט) שם: (כ) שם: (כא) שם: (כב) שם:

פירושים

(יט) ובע״ש שני עומרים. של שבת מלבד עומר ג׳ שהיה על ע״ש:
(כ) בברכה. שצריך לברך עליו ברוך אתה ה׳ מקדש השבת:
(כא) במקושש. שנתקדש שם שמים ע״י שנסקל על שחללו: וברכו בעטיפה. אחת לשבת ואחת לחול:
(כב) ביציאה. ההוצאה לשבת רבה על האדם לפיכך ברכו וכמו שאחז״ל לוו עלי ואני פורע: האיסטניסים. אנשים מפונקים התאבים טעם טוב ברכו בטעם טוב:

פירוש ע״ט

(יח) וַיְבָרֶךְ. אין פסוק שטייט גאט האט געבענשט דעם זיבעטן טאג און האט אים געהייליגט. שלמה המלך האט געזאגט גאטס ברכה מאכט רייך. מיינט מען שבת. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט געבענשט דעם זיבעטן טאג:

(יט) וַיְבָרֶךְ. אין פסוק שטייט גאט האט געבענשט דעם זיבעטן טאג. רבי ישמעאל זאגט ער האט אים געבענשט מיט דעם מן און ער האט אים געהייליגט מיט דעם מן. איז דער מדרש מפורש דאס וואס רבי ישמעאל האט געזאגט ער האט אים געבענשט מיט דעם מן. ווארום א גאנצע וואך איז געגאנגען איין מעסטיל מן פאר א מענטש און פרייטאג איז געגאנגען צוויי מעסטליך מן פאר א מענטש איינער אויף פרייטאג און איינער אויף שבת. און דאס וואס רבי ישמעאל האט געזאגט אז גאט האט שבת געהייליגט מיט דעם מן. ווארום אום שבת איז דער מן גאר נישט געגאנגען:

(כ) רַבִּי נָתָן. רבי נתן האט געזאגט גאט האט געבענטשט דעם שבת מיט דעם מן. און האט געהייליגט מיט א ברכה. מען זאל זאגן ברוך אתה ה׳ מקדש השבת:

(כא) רַבִּי יִצְחָק. רבי יצחק האט געזאגט גאט האט געבענטש דעם שבת מיט דעם מן. און ער האט אים געהייליגט דורך דעם מקושש וואס מען האט אים געהרגת ווייל ער האט מחלל שבת געוועזן. [אזוי ווי עס שטייט אין סוף סדרה שלח] איז דורך אים דער שבת געהייליגט געווארין. און האט געבענטש דעם שבת מען זאל גיין שבת שענערע קליידער פון א גאנצע וואך:

(כב) רַבִּי אֶלְעָזָר. רבי אלעזר האט געזאגט גאט האט געבענשט דעם שבת מיט דיא ליכטיקייט פון דעם מענטשינס פנים. און ער האט געהייליגט דעם שבת מיט די ליכטיקייט פון דעם מענטשינס פנים. עס איז נישט גלייך דיא ליכטיגקייט פון דעם מענטשינס פנים א גאנצע וואך צו די ליכטיקייט פון זיין פנים אום שבת. דער פנים פון דעם יודין אום שבת זעהט אויס ליכטיגער און הייליגער פון א גאנצע וואך. נאך האט גאט געבענטש דעם טאג שבת מיט דיא בעלייכטונגען. דיא זון און דיא לבנה זעהן אויס אום שבת ליכטיגער ווי א גאנצע וואך. נאך האט גאט געבענטש שבת

משלי שבת

אום שבת האבען זייא נישט געזינדיגט. אבער דר יוד וואס זינדיגט אום שבת. צינד ער אן דעם פייער פון גיהנם אום שבת ווארום ווען ער וועט שטארבן וועט זיין פייער ברענען אין גיהנם אפילו אום שבת; צוליעב דיא עבירות וואס ער האט געזינדיגט אום שבת. ווארום אלע רשעים זענען שבת פרייא פון גיהנם. אבער איוד וואס איז מחלל שבת ווערט געשטפט אין גיהנם אפילו אום שבת. מדה כנגד מדה. ווייל ער האט מחלל שבת געוועזן אויף דר וועלט איז ער מחלל שבת אין גיהנם אויך. דאס זאגט דיא תורה (פ׳ ויקהל) (לא תבערו אש) איר זאלט נישט מאכען אן צינדען פייער (בכל מושבותיכם) אין אלע זיצונגען אפילו אין גיהנם (ביום השבת) אום שבת. איר זאלט קיין עבירה נישט טאן אום שבת. ווארום אויב איר טוט

במאורות וכו'. ברכו באורה וכו' ברכו ביציאה וכו' רבי אלעזר בשם רבי יוסי אמר מפני הנ"סמניסים. ברכו במטעמים. רבינו וכו':

(כג) תניא יכול יהא כבוד אב ואם דוחה שבת תלמוד לומר (ויקרא יט) איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו כולכם חייבים בכבודי:

(כד) תניא יכול יהא בנין בית המקדש דוחה שבת תלמוד לומר (שם) את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו כולכם חייבים בכבודי:

(כה) שמעו דבר ה' בית יעקב (ירמיה ב) בטלתם כל הדברות אמרתי (שמות כ) אנכי ה' אלהיכם כחשו בה' ויאמרו לא הוא וכו' הרי בטלתם כל הדברות אפילו

מראה מקומות (כג) יבמות דף ה' (כד) שם דף ו: (כה) פסיקתא דר"כ פ' כ"ח ואג"ב:

פירושים

כה) דבר אחד אם קיימתם. ר"ל כשלא יעברו עוד על הדברים ויחזיקו שמירת שבת כהלכתו יסלח להם על העבר דפסיקא בעתה אינו עובד עכו"ם:

פירוש ע"ט

מיט דיא ליכטיקייט. נאך האט גאט געבענשט דעם מענטשן מיט די הוצאות ואז מענטשן זאלן פארדינען וואס זיא באדארפען אויסגעבן אויף שבת. רבי אלעזר האט געזאגט פון רבי יוסי'ס וועגן נוייל דיא איידעלע מענטשן ווילען עסן געשמאקע עסענווארג. דריבער האט גאט געבענשט דיא עסן פון שבת זאלן האבן אגוטען טעם:

(כג) תניא. אין אברייתא האבן מיר געלערינט איך וואלט מיינען אז דיא מצוה פון ערליך האלטען פאטער און מוטער איז דוחה שבת [אויב דער פאטער אדער די מוטער הייסן דעם זון מחלל שבת זיין זאל ער זיי מעגן פאלגן און מחלל שבת זיין] לערינט אונז דער פסוק יעדער מענטש זאל מורא האבן פאר זיין מוטער און פאטער און מיינע שבתים זאלט איר היטען. חאטש איר האט מורא פאר פאטער און מוטער אבער טאמער וועלן זיא הייסן מחלל שבת זיין זאלט איר מיינע שבתים היטען ווארום איר אלע זענט מחויב מיך ערליך האלטין. דער פאטער און דיא מוטער מוזן דאך מיך אויך פאלגן:

(כד) תניא. אין אברייתא האבן מיר גילערינט איך וואלט מיינען אז בויען דעם בית המקדש שטויסט אוועק שבת [מען מעג באהען דעם בית המקדש אום שבת] לערינט אונז דער פסוק מיינע שבתים זאלט איר היטען און פאר מיין מקדש זאלט איר מורא האבן. אפילו איר באדארפט מורא האבן פאר מיין מקדש. פון דעסטוועגן מוזט איהר היטען מיינע שבתים. איר אללע זענט מחויב מיר צו געבן כבוד:

(כה) שמעו. אין פסוק שטייט ירמי' האט געזאגט צו די יודין הערטין צו גאט'ס רייד. זאגט די פסיקתא ער האט צו זיא געזאגט. גאט זאגט איר האט נישט גיהיט אללע מיינע עשרת הדברות. איך האב אייך געזאגט איך בין איין גאט האבן זייא דאס גילייקינט. און האבן אללע צעהן רייד

משירי שבת

אעבירה אום שבת זענט איר גורם אז אום שבת זאל ברענען פייער אין גיהנם וואס איר ועט דארטען זיצען. דער אייבערשטער זאל אונז היטען דערפון:

כג) תניא יכול יהא כבוד אב ואם דוחה שבת תלמוד לומר וכו' כולכם חייבים בכבודי. דר גידאנק איז פשוט. אין יעדר מענטש באשעפונג איז דא דרייא שותפים. גאט און פאטר און מוטר. דר פאטר און מוטר זענן דאך צווייא שותפים און גאט איז נאר איין שותף. וועלן זייא זאגן צום זון פאלג אונז. וויל מיר זענן דאך צוויי שותפים. דרום האט גאט געזאגט איהר זאלט היטן מיינע שבתים. פאר וואס היט מען שבת. וויל שבת ווייזט אז גאט האט באשאפן דיא וועלט אין זעקס טעג און אום שבת האט ער גירוהט. דרום אז גאט האט באשאפן דיא גאנצע וועלט. האט דאך ער באשאפן דעם ערשטן מענטש. זענען דאך אלע מענטשן גאטס קינדר. איז דאך דר פאטר און מוטר אויך גאטס קינדר. מוזן דאך אויך זייא אים פאלגן. דרום אז גאט האט גיבאטן א מצוה איז דר פאטר און מוטר און זייער קינד מחויב צו טאן דיא מצוה. וויל אלע צוזאמען זענן גאטס קינדר. מיר וועלן דאס געבן צו פארשטיין. דורך אשיינע מעשה. עס איז אמאל גיוועזן דרייא ברידר וואס האבן נישט גיהאט ערגעצוואנגס-מיטיל איז ביי זייא גיבליבן אז יעדערער זאל פארן אין אלאנד זיך אום לערנען עפעס אחכמה. וואס דאס זאל זיין דר פרנסה-געבער. זייא האבן צווישן זיך אפ גירעט. אז מען זאל זיך זאמען אין וועג נישט מעהר וויא איאהר. און דערנאך זאל מען צוזאמען קומען אהיים. אום

דבר אחד אם קיימתם אני סולח לכם ואיזה הדבר הזה יום השבת שכן הוא אומר ירמי' (ירמי' יז) לא תוציאו משא מבתיכם ביום השבת וכל מלאכה לא תעשו וגו' וישבה העיר הזאת לעולם וגו' ואם לא תשמעו אלי וגו' והצתי אש בשערי' וגו' לכך נאמר שמעו נא דבר ה' בית יעקב ואין דבר אלא שבת שנאמר (ישעיה נח) ממצוא חפצך ודבר דבר. וכן הכתוב אומר (שמות לא) ואתה דבר אל בני ישראל ׃

(כו) עשרה דברים עלו במחשבה וכו' שבת וכו' :

(כז) שחורה אני ונאוה (שה״ש א) רבי לוי בר חיתא אמר שחורה אני כל ימות השבוע ונאוה אני בשבת :

(כח) דודי צח ואדום (שם ה') ר' לוי בר חיתא אמר צח לי בשבת ואדום לי כל ימות השבת:

(כט) בשבת אין צריכין שמירה שהשבת שומר :

(ל) אות היא לעולם (שמות לא) מגיד שאין שבת בטילה לישראל וכן אתה מוצא שבכל דבר

מראה מקומות (כו) פדר״א פ״ג : (כז) מד״ר שה״ש פ' א' : (כח) שם פ' ה' : (כט) מדרש הובא בס' מטה משה סי' תכ״ה : (ל) מכילתא פ' תשא :

פירוש ע״ט

נישט גיפילעוועט. און נאר אויב איר וועט האטש מקיים זיין איין רייד פון די צעהן וועל איך אייך מוחל זיין. דאס איז דעם טאג שבת זאלט איר היטען. און אזוי האט נאט גיזאגט צו ירמי' איר זאלט אום שבת נישט ארויס טראגין פון אייערע הייזער ווייל עס איז נישטא קיין עירוב] און קיין מלאכה זאלט איר נישט טאהן אום שבת. וועט דיא שטאט ירושלים זיין שטענדיג באזעצט. אבער אויב איר וועט מיר נישט צו הערין היטען שבת וועט פארברענט ווערין ירושלים און אלע איהרע פאלאצין. און דרום שטייט דא דער לשון ״דבר״ ווארום ״דבר״ מיינט מען נאר שבת. אזוי וויא שטייט אין פסוק וממצוא חפצך ודבר דבר] זאלסט היטען שבת פון טאהן דיינע גישעפטין און פון ריידין רייד, און אזוי שטייט אין פסוק [ואתה דבר] דו משה רייד צוא דיא יודין אז זייא זאלין היטען שבת :

(כו) עשרה. צעהן זאכין זענען ארוף אויף גאט'ס געדאנקען [נאך איידער ער האט די וועלט באשאפען] צו באשאפען זייא. און איינע פון זייא איז דער טאג שבת [וואס נאך איידער גאט האט באשאפען די וועלט האט ער גיוואלט שבת באשאפען] :

(כז) שחורה. די יודין האבין גיזאגט איך בין שווארץ און איך בין שיין. האט ר' לוי בר חיתא גיזאגט דאס מיינט מען שווארץ בין איך אגאנצע וואך [ווארום מיר זענען אין גלות זענען מיר נישט מקיים אלע מצות] אבער אז עס קומט דער היילינער שבת היטען מיר אים ווערין מיר דערמיט שיין :

(כח) דודי. אין פסוק שטייט דער איבערשטער איז קלאר און רויט. האט ר' לוי בר חיתא גיזאגט קלאר איז ער צו אונז אום שבת. און רויט איז ער צו אונז אגאנצע וואך ואז עס קומט שבת און מיר היטען דיא מצוה פון שבת ווערט ער צו אונז גוט און קלאר] :

(כט) בשבת. אום שבת באדארף מען נישט האבין קיין שמירה. ווארום שבת אליין איז אהיטער :

(ל) אות. אין פסוק שטייט דער שבת איז אצייכען אויף אייביג. זאגט דיא מכילתא דער פסוק לערינט אז שבת וועט קיין מאל נישט בטל ווערין. דיא יודין וועלין אייביג פילעווען דיא מצוה

משלי שבת

יעדערער זאל ווייזין זיין חכמה וואס ער האט גיבראכט. און כך הוה. יעדער פון זייא איז גיפארען אין אנאנדר לאנד. אין עטליכע יאהר זענען זיך די דרייא ברידר צו זאמען גיקומען אהיים. און יעדערר האט גיוויזין זיין חכמה וואס ער האט זיך אויס גילערינט, איינר האט גיבראכט אשפאקטיף. וואס מען האט דורך אים גיקענט זעהן ווייט הונדערט מייל. דער צווייטער האט גיבראכט אלופט באלאן. צו פליען אין דר הויך הונדערט מייל אין איין שעה. דר דריטער האט גיבראכט אעפיל. וואס ווער עס האט אים גיגעבן אשמעק. איז ער דורך'ן ריח גיזונט גיווארין פון אלע קריינקייטין. האבין זייא זיך מיישב גיווען אז זייא זאלן אלע דרייא גיין אוף דר וועלט זוכן פרנסה מיט זייערע ערפינדונגן. און זייא האבן גימאכט אומר ועושה. איין גיפאקט די פעקלאך און זיך גיקליבין צו דר רייזע. און אן גיהויבין גיין. זייא זענין גיקומען אין וועג. האבין זייא גיבלאנדזעט. און האבין נישט גיוואוסט וואו צו גיין. האט איינער ארויס גינומען זיין שפאקטיף צו זעהן וויא ווייט זייא זענן פון אשטאט. דר ווייל האט ער דר זעהן אין דר רעזידענץ שטאט איז אגרויסער טרויער. ווייל דעם קיסר'ס טאכטער איז גיפערליך קריינק. און דיא קייסערליכע ארצטע האבן איר אפ גיזאגט פון קיינע הילף. רופט זיך דער

שנתנו ישראל נפשם עליו כגון שבת ומילה ותלמוד תורה וטבילה הרי אלו נתקיימו בידם ואין בטילים. וכל דבר שלא נתנו ישראל נפשם עליו כגון בית המקדש ושמיטין ויובלות והדינים לא נתקיימו בידם:

(לא) בשבת ניתנה תורה לישראל כתיב הכא (שמות כ) זכור את יום השבת לקדשו וכתיב התם (שם יג) ויאמר משה אל העם זכור את יום הזה מה להלן בעצומו של יום אף כאן בעצומו של יום:

(לב) כתיב אפינקסי' דרבי יהושע בן לוי וכו' האי מאן דבשבתא יהי בשבתא ימות על דאחילו עליהי יומא רבא דשבתא אמר רבא בר רב שילא וקדישא רבא יתקרי:

(לג) אמר ר' יצחק שמש בשבת צדקה לעניים שנאמר (מלאכי ג) וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא:

מראה מקומות (לא) שבת דף פו: (לב) שם דף קנו: (לג) תענית דף ח':

פירושים

(לא) מה להלן. זכור את היום הזה: בעצומו של יום. הזכירה דילי"מ נאמר להו כדכתיב הזה: אף כאן בעצומו של יום. הזכירה דשבת נאמר להן זכור את יום וגו':

(לב) האי מאן דבשבתא. הנולד בשבת: וקדישא רבה יתקרי. שיהא פרוש וקדוש דכתיב (שמות כ) ויקדשהו:

פירוש ע"ט

פון שבת. אונ אזו געפינגען מיר ביא יעדער זאך וואס דיא יודין האבין זיך מוסר נפש גיוועזן דהיינו שבת. אונ מילה. אונ לערנען תורה. אונ טבילה [וואס ווייבער זענען מחויב] היטען זייא שטענדיג אונ זייא ווערין קיין מאל נישט בטל. אבער דיא זאכין וואס דיא יודין האבין זיך נישט מוסר נפש גיוועזן. דהיינו בית המקדש. אונ שמיטין [אלע זיבען יאהר מאכין שמיטה] אונ יובלות [אלע פופציג יאהר מאכין יובל] אונ דינים. אויף די אלע מצות האבין זיך די יודין נישט מוסר נפש גיוועזן דרום זענען זייא בטל גיווארין:

(לא) בשבת. אום שבת האט מען גיגעבין דיא יודין דיא תורה. דאס איז געדרונגען ווייל דא שטייט איר זאלט גידענקען דעם טאג שבת היילינגען אים. אונ דארטין ווען דיא יודין זענען ארויס גענאנגען פון מצרים. האט צו זייא משה גיזאגט. איר זאלט גידענקען דעם טאג. איז אזוי וויא דארט מיינט מען דאך דעם מיטען טאג וואס ער האט צו זייא גירעט [וואס זייא זענען ארויס פון מצרים] אזוי דא אז נאט האט גיזאגט איר זאלט גידענקען דעם טאג מאכין שבת היילינגען אים. האט ער געמיינט דעם טאג וואס איך רייד צו אייך [וואס ער האט זייא גיגעבין דיא תורה] זאלט איר מאכין שבת. איז גידרונגען אז אום שבת האט ער גירעט צו זייא אונ גיגעבין דיא תורה:

(לב) כתיב. עס איז געשריבען אויף דעם בוך פון רבי יהושע בן לוי דער מענטש וואס ווערט גיבארין אום שבת וועט ער שטארבין אום שבת ווייל מען האט פון זיינעט וועגין מחלל שבת געוועזן ווען ער איז גיבארין גיווארין. רבא בר רב שילא האט גיזאגט דער מענטש וואס ווערט גיבארען אום שבת וועט ער זיין א היילינגער אונ א אפגעשיידטער מענטש:

(לג) אמר. רבי יצחק האט גיזאגט אז עס שיינט דיא זון אום שבת איז עס א צדקה צוא דיא ארעמע לייט [זייא האבין הערפון פארגעניגען ווייל זייא ווארעמען זיך אין דיא קאלטע טעג אונ

משלי שבת

דריטער אן, הא, עס איז דאך עפעס אגליק פאר אונז. דען זיא וועט געבין אשמעק פון עפיל. וועט זיא דאך געוויס גיווינט ווערן, וועלן מיר דאך אלע דריי גליקלאך ווערן. נאר וויא אזוי קומט מען תיכף אין דר רעזידענץ שטאט. זיא איז דאך גאנץ וייט. רופט זיך אן דר צווייטער. איך האב דאך אלופט באלאן. אלזא לאביר זיך אלע דרייא אריין זעצען אין אים. וועלין מיר אוועק פליהען אין תיכף קומען צום קיסר'ס טאכטער, זייא האבען אזוי גיטאהן, זיך אריין גיזעצט אין באלאן אונ גימאכט אגרויסען ויברח, אין עטליכע מינוט זענען זייא שוין גיוועזן אין דר מלוכה-שטאט, דר וואס האט גיהאט דעם עפיל איז אריין צום קיסר'ס טאכטער, אונ וויא זיא האט נאר אשמעק גיטאן פון עפיל איז איר באלד בעסער גיווארן. אין איינינע שטונדין האט ער איר גיגעבן נאך אמאל צו שמעקן דעם עפיל איז זיא שוין פאלקאם גיזונד גיווארען, ביי דעם קיסר אין שטוב איז גיווארען אששון ושמחה, מען האט גימאכט אגרויסע סעודה פאר דיא דרייא ברידר, ווייל דורך זייא איז זיא גיזונד גיווארין, נאכדעם האט דער קיסר צו זייא גיזאגט, וואס זאל איך אייך געבין? פון געלד שטועסט מען נישט, איך וועל אייך בעווארנען איר זאלט האבן פרנסה וויא לאנג איר וועט לעבן. נאר איך וויל אייך נאך געבען מיין טאכטער פיר אוייב, טא

(לד) כשאדם נפטר מן העולם הנפש שוכנת בקבר והרוח בגן עדן של מטה. והנשמה בגן עדן של מעלה ובשבת וראש חודש הם מתקבצין שלשתן ועולין למעלה שנאמר (דברים יט) שלש ערים תבדיל לך הם ג׳ מקומות הללו:

(לה) בתוך האפריון משיח שוכן וכו׳ ואבות העולם והשבטים כולם ומשה ואהרן דוד ושלמה וכל מלך ומלך מישראל ומבית דוד. כל יום ב׳ וה׳ וכל שבת ויום טוב באים אליו ובוכים עמו ומחזיקים אותו ואומרים לו דום והשען בבוראך כי הקץ קרוב:

(לו) כתיב (ישעי׳ ס) והי׳ מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו וגו׳. והאיך אפשר שיבוא כל בשר בירושלים בכל חודש ובכל שבת אמר ר׳ לוי עתידה ירושלים להיות כארץ ישראל וארץ ישראל ככל העולם כולו. והאיך באים בראש חודש ושבת

מראה מקומות (לד) מדרש הובא בע״ש מבעל הי״ר: (לה) ברייתא דריב״ל: (לו) פסיקתא דר״כ פ׳ א׳:

פירושים

(לו) והאיך אפשר איך תהזיק ירושלים כל בני עולם כיחד· אמר ר׳ לוי עתידה וכו׳. מאחר שתהי׳ גדולה כ״כ תהזיק והאיך באים. איך אפשר שיבואו בכל חודש ובכל שבת מסוף העולם: העבים באים. דס״ל אין תהומין למעלה מעשרה:

פירוש ע״ט

רוהען זיך אוים] אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס וועט שיינען דיא זון צו אייך דיא מענטשין וואס איר האט מורא פאר נאמ [וואס איר היט שבת] אונ דאס וועט אייך זיין א צדקה אונ א היילונג:

(לד) כשאדם. אז א מענטש שטארבט רוהט דיא זעעלע אין קבר אונ דער רוח אין אונטערשטין גן עדן אונ דיא נשמה אין גן עדן וואס אין דער הויך. אום שבת אונ יום טוב קלויבען זייא זיך צונויף אונ גייען ארויף צו זאכען אין אייבערשטען גן עדן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריי שטעט זאלסטו אפ שיידען. דאס זעגען דיא דריי זאכין וואס אין דער וואכין ווערין זייא צושייט איינער פון אנדערין:

(לה) בתוך. אין א פאלאץ פון גן עדן רוהט משיח. אונ די אבות [אברהם יצחק יעקב] אונ אלע שבטים אונ משה אהרן דוד שלמה אונ אלע מלכים—פון דיא יודין אונ פון בית דוד— קומען צו משיח׳ן אלע מאנטאג אונ דאנערשטיג אונ שבת אונ יום טוב. אונ זייא וויינען מיט אים [פאר וואס עס גידויערט אזוי לאנג דער יודישער גלות] אונ זייא שטארקען אים. אונ זייא זאגין צו אים. שווייג אונ פארלאז זיך אויף דעם אייבערשטען ווארום דיא ענדע פון גלות איז נאהענט. ווייל אין גיכען וועלין שוין דיא יודין אויס גילייזט ווערין:

(לו) כתיב. אין פסוק שטייט אז ווען משיח וועט קומען וועט יעדער קומען אלע ראש חודש אונ אלע שבת קיין ירושלים זיך בוקין פאר׳ן אייבערשטין. פרעגט דיא פסיקתא וויא אזוי איז מעגליך אז ראש חודש אדער שבת וועט די גאנצע וועלט מענטשין קענען זיין אין דער שטאט ירושלים אליין. האט רבי לוי גיענטפערט דיא שטאט ירושלים וועט דעמאלט גרויס זיין אזוי ווי ארץ ישראל. אונ ארץ ישראל וועט דעמאלט גרוים זיין אזוי וויא דיא גאנצע וועלט. פרעגט נאך די פסיקתא. ווי אזוי איז מעגליך אז אויף יעדער ראש חודש אונ יעדער שבת וועט יעדערער קומען קיין ירושלים פון דער סוף וועלט. ענטפערט דיא פסיקתא דיא וואלקינעם וועלין קומען אונ וועלין זייא אוועק טראגין

משלי שבת

קלויבט אייך אוים צו וועלכין פון אייך זאל איך זיא געבין, איז גיווארין צווישען זייא א קריג, דר ערשטר ברודר האט גיזאגט ווען איך וואלט נישט דרזעהן מיט מיין שפאקטיף אז דעם קיסר׳ס טאכטער איז קראנק, פון וואנען וואלט איר דאס גיוואוסט? דרום נאר איך בין דער עיקר פינ׳ם קיסר׳ס טאכטער גיזונד ווערין, קומט מיר דעם קיסר׳ס טאכטער פיר א ווייב, דער צווייטער ברודר האט גיזאגט ווען נישט מיין לופט באלאן וויא אזוי וואלט מען תיכף גיקומען צום קיסר, בין איך דער עיקר פון קיסר׳ס טאכטער גיזונד ווערין קומט זיא פיר א ווייב נאר מיר, דער דריטער ברודער האט גיזאגט ווען נישט מיין עפיל וואלט זיא דאך נישט גיזונד גיווארען, קומט זיא מיר פיר א ווייב, ווענן זייא גיקומן פרעגין דעם קיסר׳ס טאכטער זעלבסט, הט זיא זיי גיענטפערט. גירעכט זענט איר אלע דרייא, מיין רפואה איז גיקומען דורך אלע דריי, ווארום איינער אן דעם אנדערין האט מיר נישט גיקענט העלפין. דאס איז אלץ אז מיר וועלין שמועסן פון דר ביז איצטיגער רפואה, אבער אז מיר וועלן שמועסין פון דער סיקונדע אן אונ ווייטער, באדארף איך שוין נישט דעם שפאקטיף. אויך נישט דעם לופט באלאן. איך באדארף נאר אויף אלע טאג דעם עפיל, ווייל איך בין א שוואכע, אונ קען אפטער קראנק ווערין, דרום דעם מענטש מיט דעם עפיל קען

איך

מסוף העולם אלא העבים באים וטוענים אותם ומביאים אותם לירושלים והם מתפללין שם בבוקר והם טוענים אותם לבתיהם והוא שהנביא מקלסן (ישעי' ס) מי אלה כעב תעופנה:

(לז) רב אחא ורב אבהו בשם רבי יוסי בר' חנינא אסור להתענות בשבת עד שש שעות:

(לח) מצוה שישב וירנן בשבתות שנאמר (תהלים צ"ב) מזמור שיר ליום השבת טוב להודות לה' ולזמר לשמך עליון:

(לט) כל מה שאמר איוב בקללה יש לומר להיפך גבי שבת לברכה. באיוב כתיב (איוב ג) אל תבוא רננה בו מכאן שיש לו לאדם לרנן בשבת בשירות ובתשבחות:

(מ) אמרו בית הלל מובטחין אנו שאין אליהו בא לא בשבתות ולא בימים טובים:

מראה מקומות (לז) ירושלמי הובא באבודרהם ובס' מט"מ סי' תס"ט והוא בירושלמי תענית פ"ג הל' י"א ועי' בהי"ף ובהרא"ש פ"ק דשבת: (לח) ספר חסידים סי' רע"א: (לט) שם התשמ"ו: (מ) ירושלמי פסחים פ' ג' הל' ו':

פירושים

(לז) **עד שש שעות.** אסמכתא לזה ממה שכת' וקראת לשבת ענג כתיב חסר וי"ו לרמז שצריך לאכול קודם ו' שעות:
(מ) **אין אלי' בא** מפני הטורח שיש להם לעסוק בסעודת שבת ויטרדו בו: **לא בשבתות.** כ"ה הגי' הנכונה (כ"מ מהפנ"מ ועי' ביפה עינים על מס' פסחים דף י"ג):

פירוש ע"ט

און ברענגען קיין ירושלים. ווען מען דארט דאווענען אין דער פריא. דערנאך ווערין דיא וואלקינס צוריק אוועק טראגין דיא מענטשין צו זייער הויז. דאס האט דער נביא ישעי' געלויבט דיא יודין און האט אויף זייא געזאגט אז ווען משיח וועט קומען וועלין זייא פליהען אזוי וויא אויף וואלקינס:

(לז) **רב אחא.** רב אחא און רב אבהו האבען געזאגט פון ר' יוסי בר' חנינא'ס וועגען אום שבת טאר מען נישט פאסטען ביז זעקס שעה אויפין טאג:

(לח) **מצוה.** עס איז א מצוה אז יעדער מענטש זאל שבת זיצען און זינגען (זמירות) אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אגיזאגט צום טאג שבת. עס איז גוט אז מען זאל אין דעם טאג לויבען גאט און זינגען צום אייבערשטין'ס נאמען:

(לט) **כל.** אלץ וואס איוב האט געזאגט צו קללה. באדארף מען טאן צום שבת פאר קערט צו ברכה. איוב האט געזאגט עס זאל אין יענעם טאג נישט קומען קיין געזאנג. באדארף מען שבת טאן פארקערט זינגען און לויבען גאט:

(מ) **אמרו.** בית הלל האבען געזאגט מיר זענין פארזיכערט אז אליהו הנביא וועט קומען נישט אום שבת און נישט אום יום טוב (מיט אטאג פריער איידער משיח וועט קומען וועט אליהו קומען און זאגען דיא יודען! ווייל ווען ער וועט קומען וועט מען דאך אים גיין אנטקעגען מקבל פנים זיין וועט מען נישט עסען דיא שבת'דיגע סעודה דרום וועט ער נישט קומען אום שבת און יום טוב כדי נישט שטערען דיא סעודה):

משלי שבת

איך נישט אוועק לאזין פון מיר, ביא יעדער מענטש איז אויך אזוי, אמת מאכי דאס דער מענטש ווערט גיבוירין דורך דרייא גלייכע שותפים, אז איינעם וואלט ער נישט גיקאנט באשאפין ווערין, מיר וועלין אבער נישט שמוסין פון דעם וואס עס איז גיווען, נאר פון וואס עס וועט זיין, לאמיר ערשט באטראכטען וועטען בדארף דער מענטש שטענדיג. דאכט זיך נאר צום אייבערשטין בדארף ער שטענדיג אן קומען, מיט לעבין מיט געזונד מיט פרנסה, דרום בדארף מען נאר אים פאלגין, דאס זאגט די תורה יעדער מענטש זאל פאלגין זיין פאטער און מוטער, ווארום זייא זענען דאך אין זיין באשאפונג צוויי שותפים. דאס איז נאר אז זיי זאגין צום קינד אזעלכע זאכען וואס איז נישט דערנעגען דיא גיבאט פון גאט. דעם דריטען שותף. אבער אויב עס איז נעגין דעם גיבאט פון דריטען שותף, דעם אייבערשטין. באדארף ער זייא נישט פאלגין נאר פאלגין דעם אייבערשטין. וואס ער איז אין זייער באשאפונג אויך א שותף:

וקראת לשבת ענג (ישעי׳ נ״ח)

ספר

תַּעֲנוּג שַׁבָּת

הוא

ילקוט שבת

מן ששים מדרשים

עם חמשה פירושים יקרים

מראה מקומות, פירושים, תוספת פירושים, פי׳ ע״ט, משלי שבת

הכל כמבואר בשער השני

חלק ב׳

כל הקורא וההוגה בספר היקר והנפלא הזה יטעום וירגיש נופת צוף תענוג שבת, בגשמי ורוחני, ויזכה לכל טוב בזה ובבא, אמן:

יצא לאור ע״י

ר׳ ישראל ב״ר משה נח סופר

עם מבוא מאת

הרב משה סאלאדאווניק שליט״א

ספר

יַלְקוּט שַׁבָּת מִן שִׁשִּׁים מִדְרָשִׁים: אַזאַמְלוּנְג פוּן זֶעכְצִיג מֶדְרָשִׁים:

תַּעֲנוּג שַׁבָּת

(אַפֶּערְגֶעניגֶען אוֹיף שַׁבָּת)

קובץ הנהגות ודיני ערב שבת וליל שבת ויום השבת ומוצאי שבת, וכל מאמרי התנאים והאמוראים המדברים ומבארים מעלות וסגולת השבת קודש, וגודל שכר גמולו של השומרו והמכבדו והמענגו, והרבה ספורי מעשיות השייכים לשבת, המפוזרים ומפורדים בתוך עפרות זהב התלמוד והמדרשים האלו:

דא ווערט פראכטפאל באשריבין מיט א אײדעלען גישמאק א גוטע אויפפירונג וויא אזוי יעדער מענטש זאל זיך פירין, גייסטליך און פיזיש, פרייטאג, און פרייטאג-צו-נאכט, און שבת, און שבת-צו-נאכט. אויך איז צונויפגעקליבען אלע ליכטיגע רייד פון די הייליגע תנאים און אמוראים וואס האבען. און ערקלערט די גרויסקייט פונם הייליגען טאג שבת, און דעם גרויסען שכר וואס עס ווערט בעלוינט דער מענטש וואס שעצט און היט דעם הייליגען טאג שבת, אויך ווערט דערצעהלט פיעל שיינע און וואונדערליכע מעשיות וואס האט פאסירט אום שבת, וואס דאס איז צו שפרייט און צו זייט אין די פאלגענדע הייליגע מדרשים:

א) אבות דר' נתן ב) אגדות בראשית ג) אותיות דר' עקיבא ד) ברייתא דריב"ל ה) ברייתא דמס' כלה ו) ברייתא דשמואל הקטן ז) דרך ארץ זוטא ח) דרך ארץ רבתי ט) זהר הקדוש י) זהר חדש יא) חופת אלי' רבה יב) ילקוט המכירי על ישעי' תהלים משלי יג) ילקוט חדש (הישראלי) יד) ילקוט ראובני טו) ילקוט שמעוני טז) כל בו יז) מכילתא יח) מכילתא דרשב"י יט) מעשה תורה לרבינו הקדוש כ) מחזור וויטרי כא) מסכת (פרקי) גן עדן כב) מסכת גיהנם כג) מדרש אביר כד) מדרש אגדה כה) מדרש השכם כו) מדרש הנעלם כז) מדרש והזהיר כח) מדרש ויושע כט) מדרש ילמדנו ל) מדרש כונן לא) מדרש משלי לב) מדרש עשה"ד לג) מדרש רבה עה"ת לד) מדרש רבה על חמ"ג לה) מדרש שמואל (שיה"ש) לו) מדרש תהלים לז) מדרש תנחומא לח) מדרש תנחומא הקדום לט) מדרש תדשא מ) מדרש תלפיות מא) מדרשי חז"ל אשר נעלמו מאתנו ומובאים בהרבה ספרים קדמונים מב) ספרא מג) ספרי מד) ספר הפליאה מה) ספר הקנה מו) ספר חסידים מז) ספר התגין מח) סודי רזא מט) פרקי דר' אליעזר נ) פרקא דרבינו הקדוש נא) פסיקתא דרב כהנא נב) פסיקתא זוטרתא (לקח טוב) נג) רעיא מהימנא נד) שאלתות דרב אחאי גאון נה) תלמוד בבלי נו) תלמוד ירושלמי נז) תוספתא נח) תנא דבי אלי' רבה נט) תנא דבי אלי' זוטא ס) תקוני זהר סא) תרגום יונתן בן עוזיאל סב) תרגום ירושלמי:

חלק שני.

עם חמשה פירושים יקרים

מַרְאֵה מְקוֹמוֹת — יחשוף ויציין מקור מחצבת המאמרים, לדעת איה מקום משכן כבודם, בתוך קהל אוצר הספרים הנ"ל:

פֵּירוּשִׁים — יבאר ויפרש פירוש המלות ותוכן הענין בשפה ברור' ונעים' עם מעט הערות על חלופי הגרסאות ושינוי הנוסחאות:

תּוֹסֶפֶת פֵּירוּשִׁים — יברר וילבן תיובתות ופירוקים בדרך ישר וזך, והכנס כתפוחי זהב במשכיות כסף, נקבץ ממבחרי ומוטבי המפרשים:

פֵּירוּשׁ ע"ט — אגוטע זארגפעלטיגע איבערזעצונג מיט אליינכטע שפראך, ס'זאל ערלייכטען יעדער מענטש דיא אויגען:

מִשְׁלֵי שַׁבָּת — ווייער זיסע משלים, ענטהאלטין פיעל האונדער שיינע פארשטעה-לונגען, און וואארע ערצעהלונגען, יעדער לעזער וועט זיך פער-שאפין פיל פערגעניגען:

Printed in U. S. A. by Saphrograph Co., 194 Elizabeth Street, New York 12, N. Y.

COPYRIGHT 1954 BY
I. SOIFER
1581 Washington Avenue
Bronx, N. Y.

פרק יח. עון ועונש המחלל שבת:

(א) רבי אלעזר המודעי אומר המחלל שבתות וכו' אף על פי שיש בידו תורה ומעשים טובים אין לו חלק לעולם הבא:

(ב) אמר להם הקב"ה לישראל אם חללתם את מצות שבת מעלה אני עליכם כאלו חללתם כל המצות. וכן הוא אומר (ישעי' נ"ו) שומר שבת מחללו ושומר ידו מעשות כל רע:

(ג) כל המחלל שבת אחד מעלה עליו הכתוב כאלו איבד עולם מלא:

(ד) כתיב זכור את יום השבת וכנגדו כתיב לא תענה מגיד הכתוב שכל מי שמחלל את השבת מעיד לפני מי שאמר והי' העולם שלא ברא עולמו בששה ימים ולא נח בשביעי:

(ה) אמר רב הונא איזהו ישראל מומר זה המחלל שבתות בפרהסיא וכו' רב אשי אמר האי תנא הוא דהמירא עלי' שבת כעכו"ם וכו' אלמא עכו"ם ושבת כי הדדי נינהו שמע מינה:

(ו) זכור את יום ס"ת רתם שהמחלל שבת מאכילין אותו גחלי רתמים:

מראה מקומות פרק יח (א) אדר"נ פכ"ו: (ב) מד"ר שמות פ' כ"ה: (ג) אדר"נ פ' ל"א: (ד) מכלתא פ' יתרו: (ה) עירובין דף סט: (ו) פענה רזא:

פירושים

(ה) איזהו ישראל מומר. דהכינן לי' מומר לכל מילי: חמירא שבת בעכו"ם. דהעובד עכו"ם כופר בהקב"ה והמחלל שבת כופר במעשיו ומעיד שקר שלא שבת הקב"ה במעשה בראשית (רש"י חולין דף ה'):

פירוש ע"ט

דער אכצעטער פרק שמועסט וויא גרויס עס איז דיא עבירה אז מען איז חלילה מחלל שבת:

(א) רבי אלעזר המודעי האט געזאגט דער מענטש וואס איז מחלל שבתים האטש ער קאן לערנען תורה און האט געטאן גוטע מעשים פון דעסטוועגען האט ער נישט קיין חלק אין עולם הבא:

(ב) אמר. גאט האט געזאגט צוא דיא יודין אויב איהר וועט פאר שוועכין דיא מצוה פון היטען. שבת. איז דאס ביי מיר גלייך אזוי וויא איהר וואלט פאר שוועכט און נישט גיפ ליוועט אללע מצות פון דער תורה. אזוי שטייט אין פסוק דער מענטש וואס היט שבת. נישט פאר שוועכין איהם. איז גלייך אזוי וויא ער וואלט אפ געהיט זיין האנד פון צוא טאן אללע עבירות:

(ג) כל. יעדערער וואס איז מחלל שבת רעכינט איהם דער אייבערשטער אזוי וויא ער וואלט גימאכט פאר לירין דיא גאנצע וועלט:

(ד) כתיב. אין פסוק שטייט זאלסט געדענקען דעם טאג שבת און אנטקעגין דעם שטייט אין דיא לוחות אז מען זאל נישט זאגען פאלשע עדות וואראום אין, דיא לוחות איז געשטאנען פינף מצות אין איין זייט און פינף מצות אין דער אנדערע זייט. און שבת איז דיא פירטע מצוה פון דער ערשטער שורה און לא תענה איז אויך דיא פירטע מצוה פון דער צווייטער שורה] לערינט דער פסוק ווער עס איז מחלל שבת זאגט נישט עדות דעם אייבערשטען אז ער האט באשאפען דיא וועלט אין זעקס טאג און גערוהט אין זיבעטען טאג:

(ה) אמר. רב הונא האט געזאגט דער מענטש וואס איז אמחלל שבת בפרהסיא הייסט ער אמומר (ער פילעוועט נישט) דיא גאנצע תורה. האט רב אשי געזאגט דער תנא האלט אז אויב מען פילעוועט נישט שבת איז גלייך אזוי וויא מען וואלט געדינט עכו"ם. איז געדרינגען אז זייא זענען ביידע גלייך:

(ו) זכור. דיא לעצטע אותיות פון דיא ווערטער זכור את יום איז רתם וקוילין] מיינט מען. דער מענטש וואס איז מחלל שבת מאכט מען איהם עסין נאך'ן טויט אנגיברענטע קוילין:

משלי שבת

(ג) כל המחלל שבת אחד כאלו איבד עולם מלא ומעיד לפני מי שאמר והי' העולם שלא ברא עולמו בששה ימים וכו' דיא מפרשים פרעגען פאר וואס אז מען היט נישט אפילו נאר איין שבת (מען טוט נישט נאר דיא איין מצוה'לע) איז שוין גלייך וויא מען וואלט געמאכט פארלירען דיא גאנצע וועלט. און עס איז גלייך אזוי וויא ער וואלט חלילה געלייקענט אין דער גאנצער תורה. און אין הש"ת אז ער האט נישט באשאפען דיא וועלט. מיט וואס איז דיא מצוה פון היטען שבת אויס גענומען

(ז) עונשה כפול שנאמר (שמות לא) מחללי' מות יומת:

(ח) ישראל שלא שמר שבת בעולם הזה אין לו מנוחה לעולם. וממונה אחד מוציא גופו ומכניס אותו לגיהנם לעין הרשעים. ורואין כי סביבו תולעים. ונשמתו אין לה מנוחה באור גיהנם ועליהם נאמר (ישעי' ס"ו) ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי וגו' וכשיוצא שבת אותו ממונה מחזיר הגוף למקומו ונדונים כל אחד לעצמו:

(ט) אמר רב יהודה ברי' דרב שמואל משמיה דרב אין הדליקה מצוי' אלא במקום שיש הילול שבת שנאמר (ירמי' י"ז) ואם לא תשמעו אלי לקדש את יום השבת ולבלתי שאת משא וגו' והצתי אש בשערי' ואכלה ארמנות ירושלים ולא תכבה. מאי ולא תכבה אמר רב נחמן בר יצחק בשעה שאין בני אדם מצויין לכבותה:

(י) אמר אביי לא הרבה ירושלים אלא בשביל שחללו בה את השבת שנאמר (יחזקאל כ"ב) ומשבתותי העלימו עיניהם ואחל בתוכם:

מראה מקומות (ז) מדרש התהלים מז' צב: (ח) מדרש הובא במעבר יבק (מאמר שפתי רננות סימן ל"ט): (ט) שבת דף קיט: (י) שם:

פירושים

(ח) אין לו מנוחה לעולם. אפילו בשבת:

(ט) שאין בני אדם מצוין לכבותה. בשבת. דאין לך פורעניות כמו האש במכלה את הכל. וז"ש דמשום הילול שבת הדליקה מצוי'. שהיא הגדולה שבפרעניות: בשיעה שאין בני אדם. דהיינו שרוב שריפות באים בשבת שאין ב"א וכו' ויש רמז בקרא שע"כ לא תבערו אש ילא לחלק מכל ל"ט מלאכות כדי שלא תבערו אש כו' שלא תבוא עליכם פורעניות של אש ודו"ק. ק"ה:

(י) בשביל שחללו בה שבת. לא הרבה ירושלים בפרעניות של אש כמש"כ וילת אש בציון אלא בשביל שחללו בה את השבת שנאמר ומשבתותי העלימו עיניהם וגו' הרבה עבירות השב שם באותו ענין שנא' כהני חמסו תורתי וגו' אבל ממה

פירוש ע"ט

(ז) עונשה. דער מענטש וואס איז מחלל שבת איז זיין שטראף אטאפפילער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מענטש וואס איז מחלל שבת מות יומת וואל גיטייט ווערען שטייט צוויי מאהל דער לשון מיתה:

(ח) ישראל, א יוד וואס היט נישט שבת אויף דער וועלט. האט ער נישט קיין רוהע שטענדיג (אפילו אום שבת). א מלאך ברייגגט אריין זיין גוף אין גיהנם. פאר אלע רשעים אין דיא אויגען. און מען זעהט וויא ארום איהם איז פול מיט ווערים. און זיין נשמה האט נישט קיין רוהע. דורך'ן פייער פון גיהנם. אויף דיא מענטשן שטייט אין פסוק מען וועט ארויס גיין און מען וועט זעהן דיא קערפער פון געשטארבענע מענטשען וואס האבען מיר ווידער געשפעניגט. און אז עס ווערט אויס שבת נעמט דער אייגענער מלאך דעם גוף און קערט איהם צוריק אויף זיין ארט. און יעדערער ווערט געמשפט באזונדער:

(ט) אמר. רב יהודה דער זוהן פון רב שמואל האט געזאגט פון רב'ס וועגען דאס רוב שריפות איז אין דיא ערטער וואו מען איז מחלל שבת. אזויא וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט אויב איהר וועט נישט הערין מיינע רייד צוא היילעגין דעם טאג שבת אז איהר זאלט נישט טראגען קיין משא אום שבת וגו' וועל איך אהן צינדען אפייער אין דיא טויערען און עס וועט פאר ברענען דיא פאלעצין פון ירושלים און עס וועט נישט פאר לאשען ווערען. וואס מיינט מען עס וועט נישט פאר לאשען ווערען. האט רב נחמן בר יצחק געזאגט עס וועט ברענען אין אזא צייט וואס מען וועט נישט געפינען קיין מענטשען צוא פארלעשין. דאס מיינט מען. עס וועט ברענען אום שבת. ווארום דעמאלט זענען אלע מענטשען אין זייערע הייזער און מען גייט נישט אין גאס:

(י) אמר. אביי האט געזאגט ירושלים איז חרוב געווארען נאר ווייל מען האט דארט מחלל שבת געווען אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט פון מיינע שבתים האבען זייא

משלי שבת

געוועזן גרעסער פון אלע מצות פון דער תורה. און פאר וואס איז דער שטראף פאר חילול שבת דער גרעסטער פון אלע שטראפן. ווארום עס איז דא עבירות וואס אויב מען איז זייא עובר. איז מען עובר א עשה. אויף גרעסערע איז מען עובר א לאו. אויף גרעסערע קומט מיתה בידי שמים. אויף גרעסערע קומט כרת. אויף גרעסערע קומט מיתה בידי אדם

(יא) טור שמעון למה הרב שהיו משחקין בכדור בשבת:

(יב) אמר הקב"ה לישראל אם קיימתם אתם אותו (שמות כ') זכור את יום השבת נתקיים בכם (ישעי' נח) אז תתענג על ה' וגו' עכשיו שעברתם עליו נתקיים בכם (ויקרא כו) ואתכם אזרה בגוים וגו' אז תרצה הארץ את שבתותי' וגו':

(יג) נולד עמו יצר טוב כיון שמהלל שבתות אומר לו ריקא הרי הוא אומר (שמות לא) מחללי' מות יומת:

(יד) אמר רבי סימון בשם רבי שמעון הסידא בעולם הזה אדם הולך ללקוט תאנים בשבת אין התאנה אומרת כלום. אבל לעתיד לבוא היא צווחת ואומרת שבת הוא שבת הוא:

(טו) רבינא הוה יתיב קמי' דרב אשי חזייה לההוא גברא דקא אסר לי' לחמרא בצינתא בשבתא רמא בי' קלא ולא אשגח בי' אמר לי' להוי האי גברא בשמתא:

מראה מקומות (יא) ירושלמי שבת פ' ד' ובמד"ר איכה פ' ב': (יב) תנדא"ר פ' כ"ו: (יג) מדרש הובא בס' הברית: (יד) מד' תהלים מז' ע"ג: (טו) עירובין דף ס"ג:

פירושים

שהזכיר זה הפרענויות ואשפוך המתי כלם וגו'. מוכרח בשביל חילול שבת בא זה הפרעניות כמ"ש לעיל דבשביל חילול שבת הדליקה מגוי' ומשכתותי העלימו דקאמר אכהניס קאמר שהם מורי התורה. ולפי שאיסורי שבת אין ידועין להמון עם כמ"ש הרמב"ם כגון הקשירה והטלטול והליכה והדבור שלא לצורך וראוי לת"ח שהוא הכהן להודיען לע"ה. אבל הם הכהנים העלימו עיניהם ועי"ז אחל בתוכם כמש"נ אות ברית ביני וביניכם וגו'. ה"א:

(יב) אז תתענג. וזה השכר קאי על שמירת שבת: נתקיים בכם. והוא מדה כנגד מדה שהשומר שבת זוכה להרכיב על במתי ארץ ולאכול נחלת יעקב שהוא בלי מצרים כן הוא להיפוך מי שאינו שומר שבת כהלכתו יגלה מן הארץ ויגרש מנחלת יעקב כמש"נ מקודש והשימותי אני את הארץ ושממו עלי' אויביכם היושבים בה ואתכם אזרה וגו':

(טו) בצינתא. בדקל ואין משתמשין באילן משום שבות:

פירוש ע"ט

פאר הוילין זייערע אויגין. און מיין היילינקייט האט אויף געהערט בייא זייא. מיינט מען דער בית המקדש און ירושלים איז חרוב געווארען ודאס מיינט דער פסוק (אין סוף פ' בהר) את שבתותי תשמורו ואת מקדשי תיראו. מיינע שבתים זאלט איהר היטען און פאר מיין בית המקדש זאלט איהר מורא האבען. איהר בדארפט מורא האבען אז ירושלים און דער בית המקדש זאל נישט חרב ווערין אויב איהר וועט חלילה נישט היטען שבת:

(יא) טור. דער טור שמעון איז חרב געווארען ווייל דיא מענטשען פון דארטען האבען געשפילט אום שבת אין קוילין:

(יב) אמר. דער אייבערשטער האט געזאגט צו דיא יודין אויב איהר וואלט געפילעוועט דיא מצוה פון היטען שבת וואלט איהר געהאט דעם לוין פון שבת אז איהר וואלט געהאט אגאטלעכין תענוג. אבער אז איהר האט נישט געפילעוועט איז אויף אייך מקוים געווארען. איך פאר שפרייט אייך צווישען דיא פעלקער און דיא ערד רוהט איהרע שבתים:

(יג) נולד. מיט יעדער מענטשען ווערט געבוירען א גוטער יצר. און אויב דער מענטש איז מחלל שבת זאגט דער יצר צום מענטשען. פוסטער מענטש! אין דער תורה שטייט דאך דער מענטש וואס ער איז מחלל שבת קומט איהם טויטין פאר וואס דען זשע ביכטו מחלל שבת:

(יד) אמר. רבי סימון האט געזאגט פון רבי שמעון חסיד'ס וועגען אויף דער וועלט אויב אמענטש קלויבט אום שבת א פייג רעדט דיא פייג גאר נישט. אבער אויף יענער וועלט שרייט דיא פייג און זאגט אום שבת האסטו מיר אפ געריסען האסט מיט מיר מחלל שבת געווען:

(טו) רבינא. רבינא איז געזעסען פאר רב אשי האט ער געזעהן אמענטש וואס האט אום שבת צוא געבונדען א אייזעל צוא אבוים (אום שבת טאר מען זיך נישט באנוצען מיט אבוים)

משלי שבת

אדם. חנך. אויף גרעסערע קומט הרג. מיט אשווערד. אויף גרעסערע קומט שריפה. אויף גרעסערע קומט סקילה. און אויב מען איז מחלל שבת קומט דיא הארבסטע מיתה סקילה אזוי וויא מען דינט עבודה זרה. אנאר מיר וועלן געבן צוא פארשטיין מיט אמשל. אגרויסער סוחר איז געפאהרען אין וועג מיט אבעל עגלה. וויא זייא האבען זיך געשטעלט אף רוהען אין אקרעטשמע איז געקומען אגנב און האט אוועק גענבעט דעם גאנצען פערד און וואגען. מיט אלע טייערע

סחורות

(טז) מעשה באחד שרכב על סוס בשבת והביאוהו לבית דין וסקלוהו. לא מפני שראוי לכך אלא שהשעה צריכה לכך:

(יז) עולא איקלע לבי רב מנשה אתא ההוא גברא טרף אבבא. אמר מאן האי ליתחל גופי' דקא מחיל לי' לשבתא. אמר לי' רבה לא אסרו אלא קול של שיר:

(יח) רבי חייא אזל להר אתר הזא לאחד דתליש עשבא בשבתא למחר יצא וכתב (במות ל"א) מחלליה מות יומת:

מראה מקומות (טז) יבמות דף צ' וסנהדרין דף מ"ו: (יז) עירובין דף קד: (יח) ירושלמי הובא בס' יס"ה:

פירושים

(טז) לא מפני שראוי לכך. דסכות בעלמא הוא מדרבנן: אלא שהשעה צריכה לכך. שהיו פרוצים בעבירות שהיו רואין לוחצן כל ישראל שהיווניס הם גוזרים עליהם גזירות והיה מלות בזוית בעיניהם:

(יז) טרף אבבא. הקיש על הדלת באגרופו והשמיע קול: ליתחל גופי'. יתחלל גופו: דקא מחיל שבת. דקסבר כל אולודי קלא אסור: בקול של שיר. הנשמע כעין שיר בנעימה ובכוונת:

(יח) למחר יצא וכתב מחללי'. לא אמר לו כן תיכף. מפני שר' חייא לא הי' יכול לבטא האות ח' כדאיתא במגילה (דף כד) אמר לי' (לר' חייא) כשאתה מגיע אלל והכיתי לה' לא נמצאת מחרף ומגדף. ופירש"י שהי' קורא לחיתין ההין נראה כאומר והכיתי עכ"ל. א"כ לא הי' יכול לומר בע"פ מחללי' מות יומת דהא לא הי' יכול לומר בע"פ את המכתא ח'. לכך למחר יצא וכתב מחללי' מות יומת (המחבר):

פירוש ע"ט

האט רבינא אויף איהם אהן גיהויבען שרייען אז ער זאל עס נישט טאן. האט דער מענטש איהם נישט געפאלגט. האט רבינא געזאגט זאל דער מענטש זיין אין חרם:

[טז] מעשה. עס האט אמאל געטראפען אז אמענטש האט אום שבת געריטען אויף אפערד. האט מען געבראכט דעם מענטש צוא בית דין אונ מען האט דעם מענטש פארשטיינט. נישט ווייל עס האט איהם דער פאר געקומט סקילה. נאר ווייל יענע צייט האט געפאדערט אז מען זאל אויך פארשטיינען אפילו אויף עבירה וואס זיא איז אסור נאר מדרבנן [ווארום דא האט ער עובר געווען אויף אשבות וואס דאס איז נאר אסור מדרבנן] ווארום פיעל מענטשען האבען אהן געהויבען מחלל שבת זיין. אונ דיא מצוה פון שמירת שבת איז געווארען ביא זייא גרינג. דרום האט מען פארשטיינט אפילו אויף אעבירה מדרבנן. כדי צוא מאכען אמורא אז מען זאל היטען שבת:

[יז] עולא. עולא איז געווען ביא רב מנשה'ן איז געקומען אמענטש אונ האט געקלאפט מיט'ן פויסט אין טיר. האט זיך עולא אהן גערופען ווער קלאפט דאס זאל פאר שוועכט ווערען זיין גוף ווייל ער איז מחלל שבת [עולא האלט אז גלאט קלאפען טאר מען אויך נישט] האט צוא איהם רבה געזאגט עס איז נישט אסור נאר אז מען קלאפט אגיזאנג. אבער גלאט קלאפען מיט'ן האנד אין טיר מעג מען:

(יח) רבי. רבי חייא איז אמאל געגאנגען אין וועג האט ער גיזעהן אז אמענטש האט געריסען גראז אום שבת [דאס טאר מען נישט אום שבת] זונטאג האט רבי חייא אויף געשריבען דעם פסוק דער מענטש וואס פאר שוועכט שבת קומט איהם מיתה. [רבי חייא האט מורא געהאט פאר דעם מענטשען דרום האט ער איהם נישט געזאגט פערזענדליך דעם פסוק נאר ער האט דאס אויף געשריבען אונ אריין געווארפען לעבען יענעמס שטוב]:

משלי שבת

סחורות צוזאמען. אויף דעם וואגען איז אויך געלעגען דיא אלטע קליידער פון בעל עגלה. היינט אז מען האט אוועק גענומען דעם וואגען מיט דער סחורה האט דער בעל עגלה אויך געהאט שאדען. דער סוחר האט געקלאגט אונ געוויינט אויף זיין ביטערען היזק. אונ דער ארימער בעל עגלה האט אויך געוויינט אן אויפהערונג. האט מען געפרעגט דעם בעל עגלה. פאר וואס וויינסטו מעהר פארען סוחר. ער האט דאך געהאט טויזענדער רובעל היזק. אונ דיין היזק איז אנטקעגען זייעם כטיפה מן הים. האט דער בעל עגלה נעבעך גיענטפערט גיין טייערע ברידער. איך האב מעהר וואס צוא קלאגען פאר איהם. ער איז אגרויסער סוחר. אונ חאטש מען האט ביא איהם צוא גענאנבעט סחורה אויף עטליכע טויזענד רובעל פון דעסטוועגען וועט ער נאך אלעם בלייבען אגביר. אבער ביא מיר איז דאך דאס מיין גאנץ פארמעגען. אונ איך וועל שוין נישט קענען פארדינען אשטיקעל ברויט פאר מיר אונ פאר מיין ווייב אונ קינדער. אונ דארף שוין אויסגיין פאר הונגער. דרום האב איך צוא וויינען. דאס זעלביגע איז דא ביא שבת. וואס דיא מצוה איז דער יסוד פון דער גאנצער תורה. אונ דער יסוד פון דער יודישער אמונה אז מען היט שבת ווייזט מען דערמיט אז דער אייבערשטער האט דיא וועלט באשאפען אין זעקס טאג אונ אין זיבעטען טאג האט ער גירוהט אונ אסך מצות קאנען מיר היינט. בעונותינו הרבים. נישט

מקיים

(יט) מעשה שהי' בישראל אחד שהי' לו פרה אחת והי' חורש בה בכל יום ויום וכשהגיע ביום השבת מניה אותה. לימים ירד אותו צדיק מנכסיו ולא הי' בידו כלום ומכרה לעכו"ם אחד והי' חורש אותו עכו"ם ששת ימים וכשהגיע ליום השבת הוציאה לחרוש בה כשיצאה לחוץ רבצה תחת העול ולא רצתה לעשות מלאכה ביום השבת והי' מכה אותה מכות רעות ולא הועיל לו כלום כיון שראה אותו העכו"ם כך הלך אצל אותו צדיק ואמר לו בא וטול פרתך ששת ימים עבדתי בה וביום השבת הוצאתי אותה לחוץ לחרוש בה ורבצה תחת העול ולא רצתה לעשות שום מלאכה בעולם והייתי מכה אותה ולא הועיל כלום כיון שאמר לו כך הבין אותו חסיד מפני מה אינה עושה מלאכה לפי שהיתה למודה לנוח ביום השבת. אמר לו אותו צדיק לך ואני אעמידה ואני אעשה חורשת. כיון שהגיע אצלה אמר לה באזניה אוי פרה כשהיית בידי הייתי שומר את השבת ועכשיו גרמו לי עונותי ומכרתי אותך לזה

מראה מקומות (יט) מדרש עשה"ד ופסיקתא דר"כ פכ"ד:

פירוש ע"ט

(יט) מעשה. עס איז געווען א חסיד. ער האט געהאט א קיא. ער האט מיט איהר געאקערט א גאנצע וואך. אז עס איז געקומען שבת האט ער געלאזט איהר רוהען. ער האט מיט איהר קיין שום מלאכה נישט געטאהן [אזוי וויא דער דין איז]. עס איז געקומען א צייט וואס דער צדיק איז געווארען שטארק ארום האט ער דיא בהמה פארקויפט צוא א עכו"ם. האט דער עכו"ם מיט איהר געארבייט דיא גאנצע זעקס טאג. ווען עס איז געקומען שבת האט ער איהר ארויס גענומען אויף אקערין. אז זיא איז ארויס געגאנגען אויפ'ן גאס האט זיא זיך אנידער געלייגט אונ זיא האט נישט געוואלט ארבייטען דעם גאנצען טאג שבת. דער עכו"ם האט איהר שטארק געשלאגען אונ דאס האט גאר נישט געהאלפען זיא האט נישט געוואלט ארבייטען בשום אופן אז דער עכו"ם האט געזעהן אז דיא קיא האט נישט געארבייט א גאנצע טאג איז ער אוועק געגאנגען צום צדיק וואס ער האט בייא איהם גיקויפט דיא קיא אונ האט צוא איהם גיזאגט גייא נעם אפ דיין קיא אונ גיב מיר צוריק מיין געלט ווארום דיא זעקס טעג האב איך מיט איהר גיארבייט אונ אום שבת האב איך איהר ארויס גינומען איך האב גיוואלט [מיט איהר ארבייטען] האט זיא זיך אנידער גילייגט אונ זיא וויל נישט ארבייטען. איך האב איהר גישלאגען אונ דאס האט אליץ נישט גיהאלפען. וויא דער צדיק האט דאס גיהערט האט ער פארשטאנען פאר וואס זיא וויל נישט טאהן קיין שום מלאכה. ווארום זיא איז געוואהנט אז דעם טאג שבת זאל זיא רוהען. האט דער צדיק געזאגט צום עכו"ם קענסט גיין אהיים איך וועל איהר אויף שטעלען אונ איך וועל מאכען אז זיא זאל שוין אקערען. וויא דער צדיק איז גיקומען צוא דער קיא האט ער איר גיזאגט אין דיא אויערין. וויי! ווען דוא ביסט גיוועז בייא מיר אין האנד פלעג איך היטין שבת דרום פלעגסט דוא אויך נישט ארבעטין. אבער ערשט האבין מיינע זינד גיברענגט דער צו אז איך האב דיר גימוזט פאר קויפען צום עכו"ם. דרום בעט איך דיר אז זאלסט טאהן דעם ווילין פון דעם ערשטינין בעל הבית. וויא דער צדיק האט צוא איר אזוי גיזאגט. איז דיא קיא אויף גישטאנען אונ האט שוין גיוואלט ארבייטען. דער עכו"ם האט גיפרעגט דעם צדיק זאג מיר וואס איז דאס אזוינס. פריהער האט זיא נישט גיוואלט ארבעטין אונ ערשט יעצט וויל זיא שוין ווייטער ארבעטין? אפשר האסט דו גימאכט א כישוף אין דער בהמה. דרום וועל איך דיר נישט אפ לאזין ביז וואנען דוא וועסט מיר זאגין וואס האסטו גיטאן אין דער קיא אדער וואס האסטו גיזאגט אין איר אויער. האט דער צדיק גיזאגט צום עכו"ם איך האב קיין שום כישוף

משלי שבת

מקיים זיין, איז דא איין מצוה, דיא גאנצע פרנסה פון בעל עגלה, דאס גאנצע יודישע חיות, אונ או גי חלילה מען גנבעט דאס אוועק, האט מען דערמיט אוועק גינגבעט דיא גאנצע יודישע וועלט, דעם גאנצין יודישען צייכין, דרום איז בייא אללע מצות (חוץ עבודה זרה) האט ער פילעווערט נישט איין מצוה הייסט ער נאך נישט א מומר אויף דער גאנצער תורה, אבער אויב ער פילעווערט נישט דיא מצוה פון שבת אונ איז מחלל שבת איז דער דין אין שלחן ערוך אורח חיים[סימן] שפ"ה סעיף ג') ווער עס איז מחלל שבת עפענטליך מאל בפרהסיא איז ער גירעכינט וויא ער איז א מומר אויף דער גאנצער תורה, אויף אללע זעקס הונדערט מיט דרייצען מצות וואס שטייען אין דער תורה, אונ ער איז גלייך צו א עכו"ם, אבער אז מען טוט חלילה א אנדער עבירה, הייסט ער נישט א מומר צו דער גאנצער תורה וויא צום ביישפיל אללע פאבריקאנטין אונ סוחרים שטעלין ארויס שילדין, אז דא ווערט דיא מלאכה גיארבעט, אונ אז דא קריגט מען דעם מין סחורה צוא

קופין

האיש בבקשה ממך שתעשה רצון אדוניך כיון שאמר לה כך עמדה ובקשה לעשות מלאכה אמר אותו האיש הגד לי שמא כישפת אותה לא אניה אותך עד שתגיד לי מה עשית לה או מה אמרת לה באזניה. אמר לו אותו צדיק כך וכך אמרתי לה כיון ששמע העכו"ם כך נבהל ונזדעזע ונשא ק"ו בעצמו ואמר מה זאת שאין לה לא דעת ולא תבונה הכירה את בוראה ואני שבראני הקב"ה בצלמו ובדמותו ונתן לי דעה ובינה לא יהי' ראוי לי להכיר את בוראי מיד חזר ליראת שמים וזכה ללמוד תורה ונקרא רבי חנינא בן תורתא:

(כ) חד נפתי הוה במגורא דר' יונה נפילת דליקא במגורת דר' יונה אזל ההוא נפתייה בעי מטפייתא ולא שבקי'. א"ל בגדך מדלי. א"ל אין ואשתזיב כולה:

(כא) ר' יודן דכפר אימי פרס גילתי' על גדישא ונורא ערקא מינה:

(כב) בעון הילול שבת חי' רעה רבה ובהמה כלה ובני אדם מתמעטין והדרכים משתוממין וכו':

מראה מקומות (כ) ירושלמי שבת פ' ט"ז ה"ז: (כא) שם: (כב) שבת דף לג:

פירושים

(כ) במגורי' דר' יונה. בשכונת ר' יונה: בעי מטפייתא. רלה לכבותה: א"ל. נפתי לר"י: בגדך מדלי כמולך תהא מוכחת אולרי ואם יגיע לו היזק הוא ישלם לו: א"ל אין. מרולה לקבל אחריותו:

(כא) פרס גלימי'. על הגדיש והאש ברחה מן הגדיש:

(כב) והדרכים משתוממין. מאין עובר:

פירוש ע"ט

ניש גיטאן אין דער קיא. אנאר דיא קיא. חאטש זיא האט נישט קיין שום שכל אונ פאר שטאנד פון דעהטוועגין ווייס זיא דעם באשעפער אונ פאלגט וואס מען הייסט איר טאן. דרום אז איך האב איר גיזאגט אז איך האב איר גימוזט פר קויפין אונ זיא בדארף יעצט פאלגין דעם יעצטיגין בעל הבית האט זיא מיר באלד גיפאלגט וויא דער עכו"ם האט דאס גיהערט איז ער דער שראקען אונ פערציטערט גיווארין אונ ער האט גיזאגט. דיא קיא וואס זיא האט גישט קיין שום פארשטאנד פון דעסטוועגין ווייס זיא אז זיא האט א באשעפער אונ טוט זיין ווילין. איך וואס איך בין א מענטש וואס איך בין באשאפען גיווארין אין דעם גישטאלט פון אייבערשטין אונ ער האט מיר גיגעבין פאר שטאנד. בדארף איך אוודאי טאהן דעם ווילין פון אייבערשטין. האט זיך דער עכו"ם באלד מגייר גיוועזן אונ ער איז גיווארין אפרומער יוד, אונ ער האט זוכה גיוועזן צו לערנען תורה, אונ מען האט אים גירופין רבי חנינא בן תורתא:

(כ) חד. עס איז גיוועזן א בשמים-הענדלער, וואס האט גיוואהנט נעבין ר' יונה'ן, האט זיך אמאל אום שבת אן גיצונדין אהויז נעבין ר' יונה'ן, האט דער בשמים-הענדלער גיוואלט פארלעשין דעם פייער, האט אים ר' יונה נישט גילאזין, האט זיך דער בשמים-הענדלער אן גירופין צוא ר' יונה, אין דיין מזל זאל ליגין מיין פארמעגין, אונ אויב עס וועט פאר ברענט ווערין זאלסטו מיר באצאלין, האט ר' יונה אים צו גיזאגט אז ער נעמט עס אויף זיך, האט דער בשמים-הענדלער אויף גיהערט פארלעשין, האט גאט גיטאן אנס אז עס איז אין גאנצין אפ געהיט גיווארין ודער פייער האט זיך פארלאשין]:

(כא) רבי יודן. ר' יודן פון דארף אימי האט זיך אים אמאל אן גיצונדין אום שבת דער שייער, האט ער גינומען אמלבוש אונ צוא גידעקט דעם שייער. איז דער פייער אנטלאפין פון שייער ואין דעם זכות וואס ער האט נישט גיוואלט מחלל שבת זיין אונ פארלעשין]:

(כב) בעון. פאר דער עבירה וואס מען איז מחלל שבת מערין זיך שלעכטע חיות אויף דער וועלט אונ דיא בהמות ווערין פאר לענדט, אונ מענטשין ווערין ווייניג, אונ דיא וועגין ווערין וויסט וואורום קיינער גייט נישט וכו':

משלי שבת

קויפין, טרעפט זיך אפט מאל אז דער פאבריקאנט פאהרט אמאל אוועק אויף עטליכע טעג, פון דעסטוועגין רייסט ער נישט אפ דעם שילד, וואורום דא וואהנט ער דאך, ער האט דאך דיא דירה נאך נישט אפ גיזאגט, אבער אויב ער רייסט אפ דעם שילד ווייסין שוין אללע, אז דער פאבריקאנט האט זיך גשוין אויס גיצויגין פון דער דירה. אזוי דא בייא שבת. אויב א יוד היט שבת. העננגט נאך אויף אים א שילד אז ער גלויבט אין אייבערשטין אז ער האט דיא וועלט באשאפין (וואורום שבת באווייזט אז מען גלויבט אז דער אייבערשטער האט דיא וועלט באשאפין אזוי וויא מיר האבין אויבין גישריבען

(כג) כתיב זכור את יום השבת לקדשו וכבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך וכי מה ענין זה אצל זה אלא ללמדך שכל זמן שאדם מכבד את אביו ואת אמו אין חטא של חילול השבת ולא שאר שום חטא בא על ידו:

(כד) למה הרשעים דומים לאדם שהוא מהלך באפילה הגיע לאבן נכשל בה הגיע לגומץ נפל בה הוא שכתיב (משלי יא) דרך רשעים כאפלה לא ידעו במה יכשלו. אבל הצדיקים דומים לאדם המהלך ונר לפניו הגיע לאבן סר ממנה. הגיע לגומץ משתמר. כך אמר דוד באתי לחלל את השבת האירה לו התורה שנאמר (שמות לא) ושמרתם את השבת וגו׳ מחלליה מות יומת וכן לשאר העבירות. הוי (תהלים קי״ט) נר לרגלי דבריך ואור לנתיבתי:

(כה) מעשה ברבן גמליאל ורבי יהושע ורבי אליעזר בן עזרי׳ ורבי עקיבא שהלכו לרומי ודרשו שם. אין דרכיו של הקב״ה כבשר ודם. שהוא גוזר גזירה והוא אומר לאחרים לעשות והוא אינו עושה כלום. והקב״ה אינו כן. הי׳ שם מין אחד. אחר שיצאו. אמר להם אין דבריכם אלא כזב לא אמרתם אלקים אומר ועושה למה אינו משמר את השבת. אמרו לו

מראה מקומות (כג) תוגדא״ר פ׳ כו: (כד) ילקוט הדלים רמז תתע״ה: (כה) מד״ר שמות פ׳ ל׳

פירוש ע״ט

(כג) כְּתִיב. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט זָאלְסְט גִידֶענְקִין צוּ הֵיילִיגְעִן דֶעם טָאג שַׁבָּת אוּנ נָאךְ דֶער מִצְוָה שְׁטֵייט זָאלְסְט עֶרְלִיךְ הַאלְטִין דַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער כְּדֵי זָאלְסְט לַאנְג לֶעבִּין, אִיז דָאךְ אַקְשְׁיָא פַאר וָואס שְׁטֵייט שַׁבָּת אוּנ כִּיבּוּד אָב אֵיינְס לֶעבִּין דֶעם אַנְדֶערְן, נָאר דָאס לֶערִינְט אוּנְז אוֹיבּ אַמֶענְטְשׁ הַאלְט עֶרְלִיךְ פָאטֶער אוּנ מוּטֶער קוּמְט נִישְׁט פְאהְר פַאר אִים דִיא עֲבֵירָה פוּן חִילּוּל שַׁבָּת אָדֶער אַנְדֶערֶע זִינְד וְדֶער זְכוּת פוּן שַׁבָּת בַּאשִׁיצְט אוֹיף אִים:

(כד) לָמָּה. דִיא רְשָׁעִים זֶענֶען גְלַייךְ צוּא אַמֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אִין דֶער פִינְסְטֶער, אוֹיבּ עֶר קוּמְט צוּא אַשְׁטֵיין גִיט עֶר זִיךְ אַקְלַאפּ, אוֹיבּ עֶר קוּמְט צוּא אַגְרוּבּ פַאלְט עֶר אַרַיין, דָאס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער וֶועג פוּן רְשָׁעִים אִיז אַזוֹי וִויא אִין דֶער פִינְסְטֶער זֵייא וַוייסִין נִישְׁט אִין וָואס זֵייא וֶוערִין גִישְׁטְרַאכִילְט אוּנ אִין וָואס זֵייא גִיבִּין זִיךְ אַקְלַאפּ, אָבֶּער דִיא צַדִּיקִים זֶענֶען גְלַייךְ צוּא אַמֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אוּנ טְרָאגְט אַלִיכְט, אוֹיבּ עֶר זֶעהְט אַז עֶס לִיגְט אוֹיפִין וֶועג אַשְׁטֵיין, קֶערְט עֶר זִיךְ אִין אַזֵייט, אוֹיבּ עֶר זֶעהְט אַגְרוּבּ הִיט עֶר זִיךְ עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיין פַאלִין, אַזוֹי הָאט דָוִד גִיזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיוָואלְט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין הָאט מִיר גִילוֹיכְטִין דִיא תּוֹרָה, וָוארוּם אִין דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט אִיר זָאלְט הִיטִין נִישְׁט מְחַלֵּל שַׁבָּת צוּ זַיין, אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְחַלֵּל שַׁבָּת וֶוערְט עֶר גִיטֵייט, אוּנ אַזוֹי אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת הָאט מִיר דִיא תּוֹרָה גִילוֹיכְטְעֶן וְאִיךְ וַוייס וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טָאן, דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק דַיינֶע רֵייד (דִיא תּוֹרָה) אִיז וִויא אַלִיכְט צוּא מַיינֶע פִיס אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט גִישְׁטְרוֹיכִילְט וֶוערִין, אוּנ וִויא אַלִיכְטִיקֵייט צוּא מַיין שְׁטֶעג (דִיא תּוֹרָה הָאט מַיינֶע אוֹיגִין אִין אַלֶץ עֶרְלוֹיכְטֶען):

(כה) מַעֲשֶׂה. עֶס הָאט גִיטְרָאפֶען אַז רַבָּן גַמְלִיאֵל אוּנ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוּנ רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה אוּנ רַבִּי עֲקִיבָא זֶענֶען גִיגַאנְגֶען קַיין רוֹם אוּנ זֵייא הָאבֶּען דָארְט גִידַרְשְׁנְתּ אַז דֶער פִיהְרוּנְג פוּן גָאט אִיז נִישְׁט וִויא אַמֶענְטְשְׁלִיכֶער פִיהְרוּנְג, אַמֶענְטְשׁ אִיז גוֹזֵר אַגְזֵירָה אוּנ זָאגְט אַז אַנְדֶערֶע זָאלֶען דָאס טָאהְן, אוּנ עֶר אַלֵיין טוּהְט גָאר נִישְׁט זַיין גְזֵירָה, אָבֶּער גָאט טוּט נִישְׁט אַזוֹי, וָואס עֶר הָאט גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף דִיא יוּדֶען זֵייא זָאלֶען טָאהְן, טוּט עֶר אַלֵיין אוֹיךְ אַזוֹי, בַּייא דִיא רֵייד אִיז דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען אַאַפִּיקוֹרוֹס, וִויא זֵייא זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען, הָאט דֶער אַפִּיקוֹרוֹס גִיזָאגְט צוּא זֵייא, אַייעֶרֶע רֵייד אִיז לִיגִנְט, הָאט אִיר דֶען נִישְׁט גִיזָאגְט אַז גָאט טוּט וָואס עֶר אִיז

משלי שבת

נִישְׁרִיבִּין) אוּנ עֶר אִיז חָלִילָה נָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דֶער יוּדִישֶׁער דִירָה. אָבֶּער אוֹיבּ עֶר אִיז חָלִילָה מְחַלֵּל שַׁבָּת נֶעמְט עֶר דָאךְ שׁוֹין אַרָאפּ פוּן זִיךְ דֶעם יוּדִישִׁין שִׁילְד. אַז עֶר וואהְנְט שׁוֹין נִישְׁט אִין דֶער דִירָה. אוּנ גְלוֹיבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּעשְׁטֶער הָאט דִיא וֶועלְט בַּאשַׁאפִין אִין זֶעקְס טָאג. אוּנ אִין זִיבֶּעטִין טָאג הָאט עֶר גִירוּהְט. דְרוּם אוֹיבּ עֶר אִיז חָלִילָה מְחַלֵּל שַׁבָּת אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט גִילֵייקֶנְט אִין דֶער גַאנְצֶער תּוֹרָה. אוּנ עֶס אִיז גְלַייךְ וִויא מֶען וָואלְט בַּייא אִים אַוֶועק גִינַנְבֶעט דֶעם גַאנְצִין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער דִיא גַאנְצֶע יוּדִישֶׁע וֶועלְט, דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה וּמִצְוֹת. אוּנ דִיא גַאנְצֶע אֱמוּנָה. אוּנ עֶר בְּלַייבְּט נֶעבֶּעךְ לֵיידִיג אוּנ לֶער פוּן זַיין גַאנְצִין יוּדִישְׁען פַארְמֶעגִין דְרוּם אִיז זַיין שׁוּלְד זֵייעֶר גְרוֹיס אַז עֶר וֶוערְט גִירֶעכֶנְט אַזוֹי וִויא עֶר וָואלְט נִישְׁט גִיפִּילֶעוְט אַלֶע תַּרְיַ״ג מִצְוֹת אוּנ הָאט נִישְׁט קֵיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא:

רשע שבעולם אין אדם רשאי לטלטל כתוך הצירו בשבת. אמר להם הן. אמרו לו העליונים וההתתונים הצירו של הקב"ה שנאמר (ישעי' ו') מלא כל הארץ כבודו. ואפילו אדם עובר עבירה אינו מטלטל מלוא קומתו אמר להם הן. אמרו לו כתיב (ירמי' כג) הלא את השמים ואת הארץ אני מלא:

פרק יט. שביתה בשבת:

(א) אמר רב אבהו (שמות כ') שבת לה' שבות כה' מה הקב"ה שבת ממאמר אף את שבות ממאמר:

מראה מקומות פרק יט (א) ירושלמי שבת פ' טו:

פירושים

(כה) ואפילו אדם עובר עבירה. אפי' עבר והוציא לר"ה אינו נקרא טלטול עד שיוציא יותר ממלא קומתו וגבי הקב"ה לא די בה"א לצייר ר"ה אפילו מלא קומתו לא תצייר בו כי מלא הארץ כבודו כדכתיב את השמים וגו':

(א) שבת ממאמר. שהרי לא ברא הקב"ה את עולמו אלא במאמר ובשבת שבת ממאמר:

פירוש ע"ט

גוזר. פאר וואס זשע היט ניט גאט דעם טאג שבת? ווער טראגט אום שבת אונ שיקט אראפ רעגין אום שבת (האבען זייא גיזאגט צום אפיקורוס, דוא רשע אמענטש מעג טראגען אין זיין הויף אום שבת? האט ער זייא גיענטפערט יוא, האבען זייא גיזאגט צוא אים דער הימיל אונ דיא ערד זענען גאטס הויף, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא גאנצע וועלט איז פוהל מיט זיין כבוד, אונ אפילו דוא וועסט זאגען אז עס איז ניט גירעכינט אזוי וויא אהויף נאר וויא אגאס, וויא איז אויב אמענטש האט גיטאן אעבירה אונ ער איז ארויס גיגאנגען אום שבת פון שטאט ווייטער וויא אתחום שבת, פון דעסטוועגין טאר ער דען דארט ניט טראגען פיר איילין גרויס אזוי וויא ער איז, האט דער אפיקורוס גיענטפערט יוא ער מעג, האבען זייא צוא אים גיזאגט עס שטייט דאך אין פסוק איך בין פוהל אויף דעם גאנצען הימיל אונ אויף דיא גאנצע ערד, דרום מעג גאט טראגען אויף דער גאנצער ערד:

דער ניינצעטער פרק שמועסט וויא אזוי מען בדארף רוהען אום שבת:

(א) אמר. רב אבהו האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק דער שבת איז צוא גאט, דאס מיינט מען אז מען זאל רוהען אזוי וויא גאט האט גירוהט אפילו פון ריידין אום שבת (וואָרום אלץ האט ער באשאפען נאר מיט'ן זאגין, אונ אום שבת האט ער גירוהט ער האט ניט גיזאגט אז עס זאל באשאפען ווערין) אזוי בדארף מען אויך רוהען אונ ניט ריידין אום שבת דיא זאכען וואס מען בדארף ניט גייטיג צוא שבת:

משלי שבת

(א) אמר ר' אבהו וכו' אף את שבות ממאמר. עס איז דא מענטשין וואס פרעגין פאר וואס איז דאס אז אמענטש טאר גאר ניט אוים רעדין אוואָרט פון זיינע גישעפטין אום שבת, צוא וועט ער דען קאליע מאכען דיא מצוה פון שבת, אויב ער וועט רעדין עטליכע ווערטער? נאר מיר וועלין דאס געבין צוא פארשטיין עפ"י משל אז אמענטש וויל מויערין אהויז בדארף ער גיין צום אינזשיניער ער זאל אים מאכין אפלאן אויף דעם פלאץ, נעמט דער אינזשיניער אקליין שטיקיל פאפיר אונ מאכט אויף דעם פאפיר דעם פלאן, אמאל איז גיקומן צום אינזשיניער פון קיסר, אמענטש וואס הט גיוואלט מויערין אגייעם פלאץ, אז ער זאל אים מאכין אפלאן, האט דער אינזשיניער אויף דעם פלאן שטארק גיהארעוועט, ווארום דער פלאן איז גימאכט גיווארין מיט גרויס חכמה, איידער דער אינזשיניער האט דעם פלאן אוועק גיגעבין האט ער גיזאגט צוא זיין שרייבער שרייב אפ דעם גאנצין פלאן, ווייל איך וויל אז עס זאל ביי מיר בלייבין א אנדענקונג פון דעם וואס איך האב אויף דעם גיהארעוועט עטליכע יאהר, דער שרייבער האט אזוי גיטאן אונ האט אפ גישריבען דעם גאנצין פלאן, האט ער דאס גיבראכט צום אינזשיניער. דער אינזשיניער האט גינומין אויף אשפאקטיף אונ ער האט שטארק גיקוקט אויב זייא זענען ביידע גלייך, האט ער גיפינען

אז

(ב) ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך וכי אפשר לו לאדם לעשות כל מלאכתו בששת ימים אלא שבות כאלו מלאכתך עשוי' דבר אחר שבות ממחשבות עבודה :

(ג) אמר רבי חנינא מדוחק התירו לשאול בשלום בשבת :

(ד) אמר רבי חייא בר אבא. רבי שמעון בן יוחאי כד הוי חמי לאימי' משתעיא סגין הוה אמר לה אימא שובתא היא :

(ה) ממצוא חפצך מכאן שאסור לאדם לתבוע צרכיו בשבת. רבי זעירא בעי' קומי' דר' חייא בר אבא א"ל אינון דאמרין רועינו זוננו פרנסנו. בשבת מהו א"ל טופס ברכות כך הוא :

(ו) מעשות דרכיך שלא יהא הלוכך של שבת כהלוכך של חול. ממצוא חפציך. חפציך אסורין חפצי שמים מותרין. ודבר דבר שלא יהא דבורך של שבת כדבורך של חול דבור אסור

מראה מקומות (ב) מכילתא יתרו : (ג) ירושלמי שבת פ' ט"ו ה"ג ומד"ר ויקרא פ' לד : (ד) שם : (ה) שם (ו) שבת דף קיג :

פירושים

(ג) בשלום בשבת. מפני שהיא תמירה שאינה צריכה :

(ד) כד הוי חמי. כשהי' רואה שאמו מדברת הרבה בשבת : שובתא היא. שבת היום :

(ו) ממצוא חפצך. כי ההיא דאמרינן בעירובין (דף לח) לא יטייל אדם לסוף שדהו בשבת לידע מה היא צריכה (אחר השבת) : חפצי שמים מותרים. כגון פוסקים לדקה ומשדכין על התינוקות ליארוס (שבת דף קג.) :

פירוש ע"ט

(ב) **שֵׁשֶׁת.** אין פסוק שטייט זעקס טאג זאלסטו ארבעטין און זאלסט אפּ טאן דיין גאנצע ארבעט, איז דאך אַקשיא וואס האט דיא תורה אן געזאגט אז אין זעקס טאג זאל מען אפּ טאן דיא גאנצע ארבעט, נאר דאס מיינט מען אז עס זאל זיין גלייך ביא דעם מענטש אום שבת אזוי וויא ער וואלט שוין אפּ געטאן זיין גאנצע ארבעט וואס ער האט צו טאן, נאך אפּשט קאן מען זאגן אז ער זאל רוהען פון צו טראכטין וועגין ארבעטין, עס זאל ביא אים זיין גלייך אזוי וויא ער האט שוין אלץ אפּ געארבעט :

(ג) **אָמַר.** רבי חנינא האט געזאגט עס איז געוועזן שווער ביז וואנען דיא חכמים האבען ערלויבט אז מען זאל מעגין פרעגין דעם צווייטען אום שבת וואס ער מאכט אין זיין געזונד ווארום דאס בדארף מען נישט לצורך שבת :

(ד) **אָמַר.** רבי חייא בר אבא האט געזאגט, אז רבי שמעון בן יוחאי האט געזעהן אום שבת אז זיין מוטער רעדט פיעל פלעגט ער איר זאגין היינט איז שבת בדארף מען נישט ריידין קיין סך :

(ה) **מִמְּצוֹא.** אין פסוק שטייט זאלסט היטין שבת פון צו נעמען [צו טאן] דיינע געשעפטין, זאגט דער מדרש דער פון איז געדרינגען אז אום שבת טאר מען נישט מאנען פון אייבערשטען זיינע באדערפעניששין, רבי זעירא האט געפרעגט פון רבי חייא בר אבא אין בענטשין זאגין מיר דאך אלע טאג אונזער אונזער שפּייזער אונז שפּייז אונז און גיב אונז אונזער באדערפעניש, וויא אזוי מעג מען דאס זאגין און בעטין אום שבת? האט אים רבי חייא געענטפערט דער נוסח פון בענטשין איז דאך אזוי, דרום פאר ענדערט מען נישט דעם נוסח אום שבת :

(ו) **מֵעֲשׂוֹת.** אין פסוק שטייט זאלסט שבת ערליך האלטען פון צו טאהן דיינע וועגין דאס מיינט מען שבת זאלסטו נישט גיין וויא דוא גייסט אין דער וואכען, אין דער וואכין גייט דער מענטש געשווינד, ווייל ער היילט זיך צו זיינע געשעפטין, אבער אום שבת בדארף ער גיין

משלי שבת

אז אין איין ארט פעלט אפּינטעלע, האט אים דער אינזשיניער געפרעגט פאר וואס האסטו נישט ריכטיג נאך געשריבען, האט אים דער שרייבער געענטפערט וואס הארט עס דען אז עס פעלט אפּינטעלע, זאגט צו אים דער אינזשיניער, נער! דוא ווייסט וויא גרויס איז דער פלאץ? ער איז דאך גרויס הונדערטער מיילין, און זעה וויא

קליין איז דאס שטיקיל פאפּיר, פאר וואס פארשטייסט דוא נישט, וויא גרויס איז אפּינטעלע אויף דעם פלאץ, איז אז דו פארפעלסט אפּינטעלע אויף דעם פאפּיר וועט אויף דעם פלאץ פעלין אגאנצע שטיק מויער, און עס וועט קאליע ווערין דער גאנצער פאלעץ ווארום אויף איין ארט וועט דאך פעלין אגאנצע שטיק מויער, דאס זעלביגע איז ביא

הרהור מותר. בשלמא כולהו לחיי אלא שלא יהא הלוכך של שבת כהלוכך של חול מאי היא. כדבעיא מיני' רבי מרבי ישמעאל ברבי יוסי מהו לפסוע פסיעה גסה בשבת אמר לי' וכי בחול מי הותרה. שאני אומר פסיעה גסה נוטלת אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם וכו':
(ז) ודיבור מי אסור והא רב חסדא ורב המנונא דאמרי תרוייהו חשבונות של מצוה מותר לחשבן בשבת. ואמר רבי אלעזר פוסקים צדקה לעניים בשבת. ואמר רבי יעקב בר אידי אמר רבי יוחנן מפקחין פיקוח נפש ופיקוח רבים בשבת והולכין לבתי כנסיות לפקח על עסקי רבים בשבת. ואמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן הולכין לטרטיאות ולקרקסאות לפקח על עסקי רבים בשבת. ואמר תנא דבי מנשה משדכין על התינוקות ליארס בשבת ועל התינוק ללמדו ספר וללמדו אומנות. אמר קרא ממצוא חפצך ודבר דבר חפציך אסורים חפצי שמים מותרים. שם דף קנ:
מראה מקומות (ז). שם דף קנ:

פירושים

כדבורך של חול. כגון מקח וממכר וחשבונות: הרהור מותר. להרהר בלבו כך וכך יציאות אני צריך להוציא על שדה זו: (ז) ודבור מי אסור והא"ר חסדא וכו'. וכל הני דבור הוא: פקוח נפש. בדבר שיש בו סכנה: ופקוח רבים. כגון לרשות:

פירוש ע"ט

פאמעלעך צוא ווייזין אז אום שבת האט ער ניט קיין גישעפטין, נאך שטייט אין פסוק פון צוא געפינען דיינע באגערונג, איז דער פון גידרינגען אז דיינע גישעפטען וואס דוא דארפסט פאר דיר טארסטו ניט טאהן אום שבת; אבער הימיל זאכען תורה אונ מצות מעגסטו טאהן אום שבת, נאך שטייט אין פסוק פון צוא רעדין אום שבת, מיינט מען דיינע רייד וואס דוא רעדסט שבת זאלין ניט זיין דיא וועלכינע רייד וואס דוא רעדסט אין דער וואכען, אום שבת זאלסטו ניט רעדין פון האנדיל אדער פון ארבעט וויא דוא רעדסט אין דער וואכען, נאך איז גידרינגען אז רעדין פון גישעפטין טאר מען ניט אום שבת, אבער טראכטין פון גישעפטין מעג מען אום שבת, זאגט דיא גמרא אללע זאכין וואס אום שבת בדארף מען ענדערין וויא אין דער וואכין ווייסין מיר, אבער וואס מיינט מען אז מען זאל ניט גיין שבת וויא מען גייט אין דער וואכין, ענטפערט דיא גמרא דאס איז אזוי וויא רבי האט גיפרעגט ביא רבי ישמעאל ברבי יוסי צוא מעג מען גיין אום שבת גרויסע טריט, האט אים רבי ישמעאל גיענטפערט אונ אין דער וואכין מעג מען דען יוא? ווייל איך זאג אויב מען גייט גרויסע טריט נעמט דאס צוא פון מענטש א פינף הונדערט חלק פון דיא ליכטיקייט פון זיינע אויגין אונ דיא ליכטיקייט קומט צוריק אז מען קוקט אין דעם כוס אונ אויף דיא ליכט שבת ביא נאכט ווען מען זאגט קידוש:

(ז. ודיבור. דיא גמרא פרעגט וויא אזוי זאגסטו אז מען טאר ניט רעדין אום שבת, אמיין רב חסדא אונ רב המנונא האבין דאך גיזאגט אז מען מעג רעכענען אום שבת ארעבענונג פון אזאך וואס איז אמצוה, אונ רבי אלעזר האט גיזאגט מען מעג אום שבת צוא זאגין צדקה צוא ארימע לייט, אונ רבי יעקב בר אידי האט גיזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין אז איינער איז אין אסכנה מעג מען אים ראטעווען אום שבת, אונ אויב פיהל מענטשין זענען אין אסכנה מעג מען גיין אום שבת צוא אגראף בעטין אים פון זייערט וועגין, אונ מען מעג גיין אום שבת אין שוהל מאכען

משלי שבת

שבת דער הייליגער טאג שבת איז וויא אפאלעץ, אונ אויב איוד רעדט ארוים ווערטער וואס מען טאר זייא ניט רעדין אום שבת מאכט ער קאליע דעם גאנצין פלאן, אונ אז מען וועט אויף שטעלין דעם פאלעץ, ווען ער וועט קומען צום בית דין של מעלה וועט מען זעהן זיינע שבתים וואס ער האט ניט היטין וועט פעלין אשטיקיל וועט דער גאנצער יודישער פאלעץ ניט זיין שיין. דרום בדארף מען זיין גיווארנט אפילו אופין קלענסטין פינטעלע כדי עס זאל ניט קאליע ווערין דער יודישער בנין, וואס מען האט דערפאר זייער אגרויסין שטראף, וואס עס איז אומעגליך אויס צו שרייבען אויפין פאפיר, נאר דיא קטני אמנה פרעגין פאר וואס זעהט מען ניט באשיינפליך דעם שטראף פון דיא מחללי שבת, דער שטראף שטייט נאר אויף לעתיד, אבער פאר וואס באצאלט מען זייא ניט באלד אויף דער וועלט, וועל איך ערצעהלין אשיינע מעשה, עס איז אמאל גיוועזען אגינעראל וואס ער האט דערלאנגט עסין דעם קיסר, איז ער אמאל אין כעס גיווארין אויף דעם קיסר אונ האט אריין גיטאן סם אין קיסר'ס עסין, מען איז דערפון גיווארר גיווארין אז ער האט אריין גיטאהן סם אין עסין, איז גיוועזען א אוקראזנאיער סוד. האט מען דעם גינעראל גיפסקעט אז מען זאל אים גאר ניט טאהן ווייל ער האט פארט אגינעראלסקין טשין, אונ ער

רבים בשבת. ואמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יוחנן הולכין לטרטיאות ולקרקסאות לפקח על עסקי רבים בשבת ותנא דבי מנשה משדכין על התינוקות ליארס בשבת ועל התינוק ללמדו ספר וללמדו אומנות. אמר קרא ממצוא חפצך ודבר דבר חפציך אסור חפצי שמים מותרין:

(ח) תנו רבנן מעשה בחסיד אחד שנפרצה לו פרץ בתוך שדהו ונמלך עליו לגודרה ונזכר ששבת הוא ונמנע אותו חסיד ולא גדרה. ונעשה לו נס ועלתה בו צלף וממנה היתה פרנסתו ופרנסת אנשי ביתו:

מראה מקומות (ח) שם:

פירושים

טרטיאות וקרקסאות ובסילקאות. מיני פלטין הן ששם נאספו לבית הוועד: ללמדו אומנות. דהא נמי מצוה היא דכל שאינו מלמדו אומנות מלמדו לסטות ומנוה ילפינן מקרא בקידושין (דף ל):

(ח) ונמלך עליו לגודרה. בשבת הי׳ מתיעץ האיך יגדור בחול והי׳ סבור שאין זה חטא ואח״כ נתחרט כיון שבשבת היסב ע״ז ובשביל זה לא גדר אפילו בחול כדי שלא יהנה ממחשבה זו (כ״פ הט״ז וכ״ה להדיא בירושלמי):

פירוש ע״ט

אַ אַסִיפָה (אַ פַּאר זַאמְלוּנְג) וָועגִין אַקָהָל׳שֶׁע זַאךְ, אוּנ רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן׳ס וָועגִין מֶען מֶעג גֵיין אוּם שַׁבָּת אִין טַרְטְרָאוֹת אוּנ אִין קַרְקְסָאוֹת אוּנ אִין בַּסִילְקָאוֹת (דָאס זֶענִין אַזֶעלְכֶע עֶרְטֶער וָואס דָארְטֶען זַאמְלֶען זִיךְ אוֹיף פִיהְל מֶענְטְשִׁין) צוּא הַאלְטִין אַ עֵצָה פוּן קָהָל׳שֶׁע זַאכִין, בַּייא מְנַשֶׁה׳ן הָאט מֶען גִילֶערִינְט מֶען מֶעג אוּם שַׁבָּת רֵיידִין שִׁידוּכִים, אוּנ מֶען מֶעג אוּם שַׁבָּת אָן דִינְגֶען אַקִינְד בַּייא אַמְלַמֵד אָדֶער בַּייא אַבַּעַל מְלָאכָה, סַייא וִויא סַייא דִיא אַלֶע אַמוֹרָאִים הָאבִּין דָאךְ גִיזָאגְט אַז מֶען מֶעג יוֹא רֵיידִין אוּם שַׁבָּת, עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּא זָאלְסְט דֶעם שַׁבָּת עֶרְלִיךְ הַאלְטֶען פוּן צוּא גֶעפִינֶען דֵיינֶע זַאכֶען אוּנ רֵיידִין רֵייד, אִיז דֶער פוּן גִידְרִינְגֶען אַז דֵיינֶע זַאכִין אוּנ דֵיינֶע רֵייד וָואס דוּא דַארְפְסְט פַאר דִיר טָארְסְטוּ נִישְׁט טְאהְן אוּנ נִישְׁט רֵיידִין אוּם שַׁבָּת, אָבֶּער דִיא רֵייד וָואס זֶענֶען וֶועגִין אַמִצְוָה-זַאךְ מֶעג מֶען יוֹא רֵיידִין אוּם שַׁבָּת, אוּנ דִיא אַלֶע אֲמוֹרָאִים וָואס הָאבֶּען גִיזָאגְט אַז מֶען מֶעג רֵיידִין אוּם שַׁבָּת זֶענֶען זֵייא דָאךְ אַלֶע פוּן אַ דְבַר מִצְוָה:

(ח) תָּנוּ. דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערִינְט עֶס הָאט אַמָאל גִיטְרָאפִין בַּייא אַפְרוּמֶען מַאן אַז אַוַואנְד פוּן זַיין פֶעלְד אִיז אוֹיף גִיבְּרָאכִין גִיוָוארִין, הָאט עֶר אוּם שַׁבָּת גִיטְרַאכְט אַז מָארְגִין וֶועט עֶר פַארִיכְטֶען דִיא וַואנְט *) נַאכְהֶער הָאט עֶר זִיךְ בַּאדֵיינְקְט, שְׁטֵייט! אוּם שַׁבָּת הָאט עֶר גִיטְרַאכְט פוּן וָואכֶעדִיגֶע גִישֶׁעפְטִין, הָאט עֶר אוֹיף זִיךְ גִינוּמֶען אַתְּשׁוּבָה אַז עֶר זָאל לָאזִין דֶעם בְּרָאךְ אָפִין, כְּדֵי דִיא מַחֲשָׁבָה פוּן שַׁבָּת זָאל בְּלַייבִּין אָהְן נוּצִין, אִיז אִים גִיטְאהְן גִיוָוארִין אַ נֵס אַז עֶס אִיז דָארְטֶען אוֹיס גִיוַואקְסִין פוּן דֶער עֶרְד אַבּוֹים וָואס הֵייסְט צְלָף וָואס הָאט אַסַךְ צְוַוייגִין, הָאט דֶער בּוֹים פַאר שְׁטֶעלְט דֶעם בְּרָאךְ, אוּנ פוּן דִיא פְרוּכְט פוּן דֶעם בּוֹים הָאבֶּען זִיךְ גִישְׁפֵּייזְט עֶר אוּנ זַיין וַוייבּ מִיט דִיא קִינְדֶער:

משלי שבת

אִיז אַגִינֶערַאלְם אַזוּהְן נָאר מֶען זָאל אִים לָאזִין זִיצִין אִין זַיין פַּאלֶעץ אוּנ שְׁטֶעלִין זָעלְנֶער בַּייא זַיין טִיר אַז זֵייא זָאלִין הִיטִין אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט דֶער לַאנְגֶען קֵיין שוּם עֶסִינְוַוארְג, וֶועט עֶר דָאךְ שְׁטַארְבִּין פוּן הוּנְגֶער, וֶועט מֶען בְּיָדַיִם אִים קֵיין שוּם שְׁטְרָאף נִישְׁט טָאן. נָאר דֶער שְׁטְרָאף וֶועט קוּמֶען מִמֵילָא פוּן זִיךְ זָעלְבְּם, דֶער קֵיסָר הָאט גִיוָואלְט אַז דִיא גַאנְצֶע מְדִינָה זָאלִין דָאס זֶעהְן לְמַעַן יִשְׁמְעוּ וְיִירָאוּ הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז דֶעם גִינֶערַאלְם טִיהְר פוּן פַּאלַאץ זָאל מֶען אִיהְר מַאכִין פוּן גְלָאז אוּנ אִיר צוּ שְׁלִיסִין. כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרֵיין גֵיין צוּא אִים וַוייל טָאמֶער וֶועלִין זֵייא בַּאהַאלְטֶענֶער הֵיים אִים דֶערְלַאנְגֶען אַ דָבָר מַאַכָל, אוּנ יֶעדֶערֶער וֶועט קֶענֶען זֶעהְן זַיין פְּסַק אוּנ מֶענְטְשִׁין פְלֶעגִין אָהְן קוּמֶען מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ זֶעהְן דֶעם וְואוּנדֶער. אַלֶע טָאג הָאט דֶער גִינֶערַאל מֵיין גִישְׁפִּירְט פוּן דֶעם הוּנְגֶער אוֹיף דֶעם פִיעֶרְטִין טָאג הָאט עֶר אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ רַייסִין פוּן זִיךְ אַלֵיין דָאס פְלֵייש, יֶענֶעם טָאג אִיז גִיקוּמֶען אַגְרוֹיסֶער שׁוֹטֶה אוּנ עֶר הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִישְׁטֶעלְט אוּנ גִיקוּקְט דוּרְךְ דֶער גְלֶעזֶענֶער טִיהְר, אוּנ עֶר הָאט גִיזֶעהְן וִויא דֶער

גינעראל

---

*) כן פי׳ הט״ז בפי׳ ט״ז ס״ק י״ד:

(ט) אמר רבה בהני תלת מילי נחתי בעלי בתים מנכסיהון וכו׳ דסיירי נכסייהו בשבתא וכו׳:
(י) בשבת לא יאמר אדם נישן כדי שנעשה מלאכתנו במוצאי שבת. שאסור לומר למחר אעשה כך. ואפילו חפץ לכתוב תורה. מפני שמראה מה שישן ונח בשבת שעושה בשביל החול. אלא יאמר ננוח כי שבת היום:
(יא) עכו״ם שבא לכבות אין אומרים לו כבה ואל תכבה מפני שאין שביתתו עליהן וכו׳. ת״ר מעשה ונפלה דליקה בחצירו של יוסף בן סימאי בשיחין ובאו אנשי גיסטרא של ציפורי לכבות מפני שאפוטרופוס של מלך הי׳ ולא הניחן מפני כבוד השבת ונעשה לו נס וירדו

מראה מקומות (ט) גיטין דף לח: (י) חסידים סי׳ רס״ו: (יא) שבת דף קכא וירוש׳ שבת פט״ז ה״ז:

פירושים

(ט) דסיירי נכסייהו. מסתכלין שדותיהם בשבת לידע מה הן צריכין:
(י) שאסור לומר וכו׳. ר״ל אפילו לא אמר נישן כדי וכו׳ אלא אמר למחר וכו׳ אסור מודבר דבר שלא יהא דבורך של שבת כדבורך של חול: ואפילו חפץ לכתוב תורה. ר״ל לא יאמר נישן כדי לכתוב למחר. אבל אם אמר נכתב למחר תורה שהוא דבר מצוה אינו אסור. וזה שמסיים מפני שמראה מה שישן ונח בשבת שעושה בשביל החול אלא וכו׳:
(יא) אין אומרין לו כבה. רבנן גזור על אמירה לעכו״ם משום שבות: ולא תכבה. אין צריך למחות בידו אלא יניחנו ויכבה: שאין שביתתו. של עכו״ם: עליהן. דישראל אינו מוזהר על שביתתו של עכו״ם שאינו עבדו: גיסטרא. שלטון: אפוטרופוס. ממונה על ממונו: מפני כבוד שבת. משום דליכא איסורא אלא מפני כבוד שבת בעלמא החמיר על עצמו כדי שלא יחשדוהו שהוא אמר להם כבה וק״ל. ח״א: כבוד השבת. בירושלמי הגי׳ אמר להן הניחו לגבאי שיגבה חובו:

פירוש ע״ט

(ט) אמר. רבה האט געזאגט דורך דרייא זאכין נידערין בעלי בתים פון זייער פארמעגין איינע פון זייא איז ווייל אום שבת באקוקין זייא זייערע פעלדער וואס עס פעלט צוא פארבעסערין:
(י) בשבת. אום שבת זאל אמענטש נישט זאגין איך שלאף ערשט כדי בייא נאכט זאל איך קענען ארבעטין, ווארום מען טאר אפילו נישט זאגין אז איך וועל מארגין טאן דיא ארבעט, אונ מען טאר אפילו נישט זאגין אז ער וועט שרייבין תורה, ווייל עס ווייזט אויס אז דאס וואס ער שלאפט אונ רוהט אום שבת איז וועגין דער וואכען, נאר מען זאל זאגין איך שלאף אונ רוה מיך אויס ווייל היינט איז שבת, איז אמצוה צוא רוהען:
(יא) עכו״ם. אעכו״ם וואס קומט פארלעשין אפייער אום שבת טאר מען אים נישט זאגען פארלעש, אונ מען בדארף אים נישט זאגען פארלעש נישט ווארום איד איז נישט פארבאטען אז דער עכו״ם זאל נישט מחלל שבת זיין, דיא רבנן האבען גילערינט עס האט אמאל גיטראפען אז עס האט גיברענט אום שבת אין דעם הויף פון יוסף בן סימאי אין דער שטאט שיחין, זענען גיקומען דיא זעלנער פון ציפורי פארלעשין דעם פייער, ווייל דער יוסף איז גיוועזען אבעאמטער אויף דיא אוצרות פון קיסר, האט יוסף נישט גילאזען דיא זעלנער אז זייא זאלען פארלעשין דעם פייער, ווייל עס איז גיוועזען שבת, איז גיווארען אנס עס האט אנגיהויבען רעגענען. אונ דער רעגין האט פארלאשין דעם פייער, שבת-צוא-נאכט האט יוסף גישיקט יעדער זעלנער צוויא טאלער. אונ

משלי שבת

גינעראל עסט פלייש האט ער ארוים גילאזען אגרויסין גילעכטער, אונ אוים געשריען בלינדע! זעהט איר דען נישט אז דער גינעראל עסט פלייש? האבין אים דיא מענטשין וואס זענען גישטאנען לעבען אים גיענטפערט אוי אונ ווייא איז צוא דעם גינעראל וואסער פלייש ער עסט, זעהסטו דען נישט אז דיא פלייש וואס ער עסט איז פון זיין גוף, צוליעב זיין ביטערין הונגער, אזוי דא בייא שבת דעם גאנצין קרן פון שכר פאר מצות שבת איז באהאלטען אויף לעתיד לבוא, נאר וואס מיר האבין השפעה אונ פרנסה דאס איז אלץ פריצענט, דיא פירות פון מצות שבת, דרום דער וואס פילעוועט חלילה נישט שבת איז גליך צו אשכור וואס האט פארזעצט זיין פאלטאן פאר אפלעשיל בראנפין אונ האט דאס אויס גיטרינקען אונ פון גרויס פרייד האט ער אנגיהויבען זינגען אונ טאנצין אונ איז ארייין גיפאלין אין רינשטאק נאקעטערהייט, וואס אין פלוג איז אים יענע צייט בעסער פונעם גרעסטין גביר נאר חען ער וועט זיך אויס ניכטערין וועט ער פארשטיין זיין גרויסע ארימקייט אונ עלענטקייט, אונ אין אוואסער פאלאזעניע ער איז, אז ער האט

שוין

גשמים וכיבו. לערב שיגר לכל אחד מהן שתי סילעין ולאפרכוס שבהן חמשים. וכששמעו חכמים בדבר אמרו לא הי' צריך לכך שהרי שנינו עובד כוכבים שבא לכבות אין אומרים לו כבה ואל תכבה:

(יב) אל ידור אדם במקום שהשוק של עכו"ם בשבת כי אי אפשר שלא יחטא בדבריו אי בשום דבר:

(יג) נהר סמבטיון שובת בשבת כי כל ימות החול הוא מעין הנובע. ואיתם מים מוציאים אבנים גדולות וחול ובשבת נח המעין ואין האבנים הולכים מן הנהר:

(יד) יש הר שמוציאין מעפרו כסף ובשבת לא ימצאו בעפרו כסף:

(טו) יש דג ששובת בשבת על שפת הים עד מוצאי שבת. ושם הדג הזה שבתי:

(טז) אמר רבי אפטוריקי אור של גיהנם שובת בשבת ובראש חודש שנאמר (ישעי' סו) ויצאו וראו בפגרי האנשים וגו' וסמיך לי' והי' מידי חודש בחדשו ומידי שבת בשבתו וגו':

(יז) בכל יום השבת יש להרשעים מנוחה בגיהנם ולא עוד אלא שמכתירים אותם בכתר שבת. וביום חששי נדונים בגיהנם בכפלים כמו שמצינו במן (שמות טז) ויהי ביום הששי לקטו לחם משנה:

מראה מקומות (יב) ס' חסידים סי' רסב: (יג) ספר התגין: (יד) שם: (טו) שם: (טז) פסיקתא הובא בתוספת מרדכי פ' ערבי פסחים: (יז) מדרש הובא בענג שבת מהי"ר:

פירוש ע"ט

דעם עלסטען האט ער געשיקט דרייא טא"ער. אז דיא חכמים האבען גיהערט אז יוסף האט נישט גילאזין דיא זעלנער פארלעשין נאר ער האט גיווארט אויף אגס, האבען זייא גיזאגט אז ער האט אזוי נישט בדארפט צוא טאהן, ווארום מיר האבין גילערינט אז א עכו"ם קומט פארלעשין טאר מען צוא אים נישט זאגין פארלעש, אבער מען בדארף אים אויך נישט זאגין פארלעש נישט, ווייל איוד איז נישט פארבאטען אז דער עכו"ם זאל רוהען אום שבת, (סיידין דער עכו"ם איז אקגעבט בייא דעם יוד. מוז דער יוד היטין אז דער עכו"ם זאל נישט ארבעטין אום שבת עיין בש"ע או"ח):

(יב) אל. מען זאל נישט וואהנען אין א ארט וואו דער מארק איז אום שבת ווארום עס איז אומעגליך אז מען זאל נישט זינדיגען מיט רייד אדער מיט א אנדערע זאך:

(יג) נהר. דער טייך סמבטיון רוהט אום שבת, א גאנצע וואך איז ער א טרייבעדיגער קוואל, און דיא וואסער ווארפט ארויס גרויסע שטיינער און זאמד, אבער אום שבת רוהט דער קוואל און ווארפט נישט ארויס קיין שטיינער און זאמד:

(יד) יש. עס איז דא א בארג וואס פון זיין ערד גענומט מען ארויס זילבער. אבער אום שבת געפינט מען דארטען נישט קיין זילבער:

(טו) יש. עס איז דא א פיש וואס ער רוהט אום שבת אויפין ברעג פון טייך, ביז שבת-צו-נאכט'ס, דער פיש הייסט שבתי:

(טז) אמר. ר' אפטוריקי האט גיזאגט דער פייער פון גיהנם רוהט אויך אום שבת און ראש חודש, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מען וועט ארויס גיין און מען וועט זעהן דיא גישטארבענע קערפער, און פריער שטייט דאס וועט זיין אלע ראש חודש און אלע שבת, איז דערפון גידרינגען אז דיא גישטארבענע קערפער זענען פרייא אום שבת און ווערין נישט גענמשפט אין גיהנם, אום שבת:

(יז) בכל. אללע שבת האבין דיא רשעים רוה אין גיהנם, און מען טוט זייא נאך אהן א שבת'דיגע קרוין, נאר פרייטאג ווערין זייא טאפיל גענמשפט אין גיהנם, אזוי וויא מיר גיפינען בייא דעם מן אז פרייטאג האבין זייא געפינען טאפיל (אויף פרייטאג און אויף שבת):

משלי שבת

שוין נישט אפילו דעם פאלטאן, אזוי דא דער יצה"ר פארפירט זייא אזוי וויא שיכורערהייט, ביז זייא פארמאגין נישט אפילו דעם פאלטאן דעם יודישען לבוש. נאר דער נאך אחר פטירתם אז מען פירט זייא אריין אין גיהנם און זייא זעהן און שפירין דעם גרויסען עונש, דעמאלט פארשטייען זייא שוין גוט וויפיל גוטץ זייא האבען אן גיווארין אויף דער וועלט:

(יח) אמר רבי יצחק חייב אדם להקביל פני רבו ברגל שנאמר (מ"ב ד') מדוע את הולכת אליו היום לא חודש ולא שבת. מכלל דבחודש ושבת מיחייב אינש לאקבולי אפי רבי':

(יט) ביום השבת הפיל [המן] פור. עמד שרו לפני הקב"ה ואמר לפניו רבש"ע יום שבת בו נגמרו כל מעשיך ונשתכללו. הדא הוא דכתיב (בראשית ב) ויכל אלקים ביום השביעי. וכתיב (שמות ל"א) ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם. ואם אתה מבקש לעקור אותם עקור את השבת ובטל אותה ואח"כ אתה מכלה אותם:

(כ) אדריינוס קיסר אמר לבני פלטרין שלו. היהודים עושין ולנו ראוי לעשות ונאה לנו. שאנו שלטונים ומלכים וכו'. ברא הקב"ה את עולמו בששה ימים ונח בשביעי. עושין ישראל את השבת שמחה ויו"ט. למי הי' נאה. לא לנו שאנו שלטונים בעולם. אבל מה נעשה שכבר קדמו היהודים. ולא נאה שנראין כהולכין אחריהן וכו'. אמרו לו עבדיו ברוך אלקיהן של אלו שקידש אותם וכו' וחפץ ביום השבת:

מראה מקומות (יח) סוכה דף כו ר"ה דף טז: (יט) מד"ר אסתר עה"פ בחודש הראשון הוא חודש ניסן: (כ) פרקא דרבינו הקדוש מערכת ארבע אות מז:

פירושים

(יח) חייב אדם להקביל. במאמר הזה האריך באריכות גדול ובקיאות נפלאה בספר היקר אוהל מועד. (מהרה"ג המפורסם ר' אברהם ביק זלה"ה מפרעסבורג) בחלק הרביעי בסי' ס"ב. עיי"ש מה שהעיר בזה בגודל חריפותו ובקיאותו המבהיל את העין:

(יט) שרו. השר הממונה על יום השבת. בו נגמרו כל מעשיך. שעם המנוחה שנתחדשה בשבת נשלמה מלאכת העולם: ונשתכללו. ויכלו השמים תרגם אונקלוס ואשתכללו:

פירוש ע"ט

(יח) אמר. רב יצחק האט געזאגט יעדער מענטש איז אום יום טוב מחויב מקבל זיין דעם פנים פון זיין רבי'ן. ווארום עם שטייט אין פסוק שונמית מאן האט געזאגט צו שונמית'ן פאר וואס גייסטו היינט צום רבי'ן. היינט איז דאך נישט ראש חודש און נישט שבת. איז דערפון גידרונגען אז אים ראש חודש און אום שבת באדארף יעדער מענש גיין צום רבי'ן מקבל פנים זיין:

(יט) ביום. המן הרשע האט אום שבת געווארפן גורל אויף די יודען פאר לענדין זיי. האט דער שר פון שבת געזאגט צום אייבערשטען. אום שבת האסטו דאך געענדיגט דיין וועלט=באשעפניש. און אום שבת זענען זיי געווארן געשיינט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אום שבת האט גאט געענדיגט אין עס שטייט דאך שבת איז אויף אייביג אצייכין צווישען מיר אין צווישען די יודען. איז אויב דו ווילסט פאר לענדין דיא יודען [אזוי ווי המן הרשע טראכט] פארלענד זשע פריער דעם טאג שבת. און זיי אים מבטל. דערנאך וועסטו פאר לענדין די יודען. אבער יעצט אז עס איז דא שבת אויף דער וועלט מוזין די יודען אויך זיין אויף דער וועלט:

(כ) אנדריינוס. דער קעניג אנדריינוס האט אזוי געזאגט צו זיינע מיניסטארין פון זיין פאלאץ. די זאכין וואס די יודען טוען. ווירקליך באדארפין מיר גאר דאס טאן. אין עס איז שיין פאר אונז מיר זאלין דאס טאן. ווארום מיר זענען געוועלטיגער און קעניגין. גאט האט באשאפין די וועלט אין זעקס טאג אין ער האט גירוהט דעם זיבעטין טאג. מאכין די יודען דעם טאג שבת אטאג פון פרייד און יום טוב. וואלט דען נישט שיין גיוועזן פאר, אונז אז מיר זאלין דאס טאן? ווארום מיר געוועלטיגען אויף דער וועלט. נאר וואס זאל מען טאן. אז די יודען האבען דאס פריהער אן גיהויבען צו טאן. פאכט שוין נישט פאר אונז מיר זאלין דאס טאן. ווארום מען וועט מיינען אז מיר טוען זיי נאך. האבין אים זיינע קנעכט געענטפערט. געלויבט איז דער גאט פון די יודען דערפאר וואס ער האט זיי געהייליגט אין ער האט גיוואלט דעם טאג שבת: דער אייבערשטער זאל העלפין אז ער זאל אונז אין גיכין שוין אוים לייזען אין שיקען צו אונז משיח'ן דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן:

פקודת שבת.

(א) תניא (שמות כ) זכור ושמור בדבור אחד נאמרו מה שאין הפה יכול לדבר ומה שאין האוזן יכול לשמוע:

(ב) אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי כל מצוה שנתן להם הקב"ה לישראל נתן להם בפרהסיא חוץ משבת שנתן להם בצנעה שנאמר (שמות לא) ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם. אי הכי לא ליענשו עכו"ם עלה שבת אודועי אודעינהו מתן שכרה לא אודעינהו ואי בעית אימא מתן שכרה נמי אודעינהו נשמה יתירה לא אודעינהו:

(ג) תניא רבי אליעזר אומר בכ"ח מקומות הזהיר הכתוב על השבת:

מראה מקומות פ"כ (א) שבועות דף כ: (ב) ביצה דף טז: (ג) מדרש הובא בס' כמאות לבית דוד בית ד' שער כג:

פירושים

(א) זכור ושמור. בדברות הראשונות נאמר זכור את יום השבת. ובשניות בפ' ואתחנן נאמר שמור את יום השבת: בדבור אחד נאמרו. בדיבור אחד וכתיבה אחת נאמרו ובשמיעה אחת נשמעו: מה שאין הפה יכול לדבר. פי' הדבור והשמיעה הי' כדרך נס ופלא כמ"ש (איוב לז) ירעם אל בקולו נפלאות. ומבואר במדרש שהי' הקול נחלק לז' קולות ומז' לשבעים לשון:

(ב) לא ליענשו עכו"ם עלה. והא אמרינן (ע"ז דף ב') שחזר הקב"ה להעמיסן על התורה ועל המצות דכתיב (דברים לג) וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן וכתיב (חבקוק ג) אלוה מתימן יבוא:

פירוש ע"ט

דֶער צְוָואנְצִיגְסְטֶער פֶּרֶק שְׁמוּעֶסְט פוּנ'ם גִיבָּאט צוּ הִיטִין שַׁבָּת:

(א) תַּנְיָא. אִין אַבְּרַייתָא הָאבִּין מִיר גִילֶערִינְט דֶעם גִיבָּאט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גִיבָּאטִין מֶען זָאל גִידֶענְקִין דֶעם טָאג שַׁבָּת. אוּנ דֶעם גִיבָּאט וָואס דֶער אֵייבֶּעשְׁטֶער הָאט גִיבָּאטִין מֶען זָאל הִיטִין דֶעם טָאג שַׁבָּת. זֶענֶען בֵּיידֶע גִיזָאגְט גִיוָארִין אִינְאֵיינֶעם. אַמֶענְטְשְׁלִיכֶער מוֹיל קָאן אַזוֹי נִישְׁט רֶעדִין. אוּנ אַמֶענְטְשְׁלִיכֶער אוֹיעֶר קֶען אַזוֹי נִישְׁט הֶערִין:

(ב) אָמַר. רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי'ס וֶועגִין אַלֶע מִצְוֹת וָואס גָאט הָאט גִיגֶעבִּין צוּ דִיא יוּדִין. הָאט עֶר זֵייא גִיגֶעבִּין וֶוען אַלֶע הָאבִּין גִיוואוּסְט. נָאר דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת הָאט גָאט גִיגֶעבִּין צוּ דִיא יוּדִין שְׁטִילֶערְהֵייט. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק שַׁבָּת אִיז צְוִוישִׁין מִיר אוּנ צְוִוישִׁין דִיא יוּדִין. מֶער הָאבִּין נִישְׁט גִיוְואוּסְט נָאר אִיךְ אוּנ דִיא יוּדִין. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אוֹיבּ עֶס אִיז אַזוֹי בְּדַארְפִין דָאךְ דִיא עכו"ם נִישְׁט גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין אוֹיף דֶעם וָואס זֵייא הִיטִין נִישְׁט דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת. וַוייל זֵייא קֶענֶען זָאגִין מִיר הָאבִּין גָאר נִישְׁט גִיוואוּסְט אַז גָאט הָאט גִיבָּאטִין אַז מֶען זָאל הִיטִין שַׁבָּת. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא וֶוען גָאט הָאט גִיבָּאטִין אוֹיף שַׁבָּת הָאבִּין אַלֶע גִיוְואוּסְט. נָאר דֶעם לוֹין וָואס מֶען וֶועט הָאבִּין דֶערְפַאר דָאס הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ דִיא יוּדִין שְׁטִילֶער הֵייט. אָדֶער מֶען קֶען זָאגִין. דֶעם לוֹין פַאר דֶעם וָואס מֶען וֶועט הִיטִין שַׁבָּת הָאט אוֹיךְ גָאט גִיזָאגְט אַלֶעמֶען. נָאר אַז עֶר וֶועט גֶעבִּין דֶעם מֶענְטְשִׁין וָואס וֶועט הִיטִין שַׁבָּת אַנְדֶערֶע נְשָׁמָה. דָאס הָאט גָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גִיזָאגְט נָאר צוּ דִי יוּדִין שְׁטִילֶערְהֵייט. וָוארוּם אוֹיף שַׁבָּת וֶוערְט אַרֵיין גִיגֶעבִּין אַנְדֶערֶע נְשָׁמָה:

(ג) תַּנְיָא. אִין אַבְּרַיְיתָא הָאבִּין מִיר גִילֶערִינְט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט אִין אַכְט אוּנ צְוָואנְצִיג עֶרְטֶער הָאט דִיא תּוֹרָה אָן גִיזָאגְט אַז מֶען זָאל הִיטִין שַׁבָּת:

משלי שבת

(א) תַּנְיָא זָכוֹר וְשָׁמוֹר בְּדִיבּוּר אֶחָד נֶאֶמְרוּ וכו'. עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם גִידַיינְק וָואס דִיא הֵיילִיגֶע חז"ל הָאבִּין גִיזָאגְט אַז גָאט הָאט גִיזָאגְט זָכוֹר אוּנ שָׁמוֹר צוּ זַאמֶען. וָואס מֵיינְט מֶען דָאס? אוּנ וָואס אִיז דָאס אוּנְז אַנַפְקָא־מִינָה? נָאךְ בְּדַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין צוּ וָואס הָאט גָאט מַאכִי גִיזָאגְט בֵּיידֶע לְשׁוֹנוֹת. וָואס אִיז דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד צְוִוישִׁין זֵייא? אוֹיךְ וֶועלִין מִיר פַארְעֶנְטְפֶערִין דִיא קַשְׁיָא וָואס דִיא מְפָרְשִׁים פְרֶעגִין פַאר וָואס אִין אֵיין אָרְט יְרוּשַׁלְמִי

(ד) הלכות שבת וכו' הרי הם כהררים התלוין בשערה שהן מקרא מועט והלכות מרובות :

(ה) לפי שבמצרים עבדו בישראל בפרך. ופרך בא"ת ב"ש וג"ל שהם מלאכות ארבעים חסר אחת. לכך כשנגאלו ממצרים הזהירם על השבת לשבות מאותן ל"ט מלאכות :

(ו) זכור את יום השבת, יכול בלבך כשהוא אומר שמור את יום השבת הרי שמירת הלב אמורה הא אינו אומר זכור את יום וגו' אלא להיות שונה בפיך :

(ז) זכור את יום השבת לקדשו. (שמות כ) הכא כתיב זכור ולהלן (דברים ה) שמור. רבי יודן ורבי איבו בשם רבי שמעון בן לקיש למלך ששלח את בנו אצל החנוני ומסר לו איסר ונתן לו צלוחית שיבר את הצלוחית ואיבד את האיסר צרם באזנו ותלש בשערו ונתן לו פעם שנייה ואמר לו הזהר שלא תאבד את אלו כשם שאבדת את הראשונות כך על ידי שאבדו ישראל זכור במדבר לכך נתן להם שמיר לכך נאמר זכור ושמור :

מראה מקומות. (ד) חגיגה דף י: (ה) מדרש הובא בתוס' פסחים דף קי"ז ד"ה למען: (ו) ספרא פ' בחקותי: (ז) פסיקתא דר"כ פ' כ"ג:

פירושים

(ד) **הלכות שבת.** יש כמן הלכות שהן תלויות כרמז מקרא מועט: **כהררים התלוים.** בשערות ראש:

(ו) **יכול בלבך.** שהי' שמור בשת הזוכר שלא ישכח ממנו: **שמירת הלב.** שמירה בשת הזוכר: **להיות שונה בפיך.** שתהא שוגה ועוסק בהלכות ודיני שבת כדי שיהי' מלות שבת יותר נזכרים וגעשים כי לא יספיק המחשבה והידיעה בלב אלא צריך להוציא בפיו ולהגותו בפה וזה תיקן גדול שלא לבטל השבת מהלב:

(ז) **צרם.** להכאיבו ולצערו: **שאבדו ישראל זכור במדבר.** ע"י מעשה העגל שנשתברו הלוחות שהי' כתוב בהם זכור. א"נ שילאו מן העם ללקט במדבר ועברו על מלות שבת ואמר להם הקב"ה שמתן להם שמור ר"ל שלא תעברו עוד ותאבד וכמ"ש במשל:

פירוש ע"ט

(ד) **הלכות**; דיא דינים פון היטין דעם טאג שבת זענען אזוי וויא בערג וואס הענגען אויף א האר. ווארום פסוקים פון דיא דינים זענען ווייניג. אונ דיא דינים זענען פיל :

(ה) **לפי.** ווייל אין מצרים האט מען מיט דיא יודין געארבעט בפרך [שווערע ארבעט] אונ פרך איז אין [א' ב' פון סדר] אתב"ש אותיות וג"ל. וואס דאס באטרעפט ניין אונ דרייסיג. דרום אז דיא יודין זענען אויס גילייזט גיווארין פון מצרים האט זייא גאט אן גיזאגט אז זייא זאלין היטין שבת נישט צו טאן ניין אונ דרייסיג אב מלאכות [זייא זענען אויס גירעכינט אין מס' שבת אין זיבעטין פרק]:

(ו) **זכור.** אין דער תורה שטייט זאלסט גידענקען דיא מצוה פון שבת. וואלט איך גיוואלט מיינען אז מען איז מקיים דיא מצוה מיטין גידיינקען אליין. דערמיט וואס מען האט עם נאר אויפין גידאנק. אנאר ווייל עס שטייט אין נאך אפסוק זאלסט היטין דיא מצוה פון שבת. מיינט מען דאך דאס אז מען זאל גידיינקין אויף דיא גידאנקין דיא מצוה פון שבת. איז דערפין גידרינגען אז דער ערשטער פסוק מיינט אז מען זאל גידיינקען דיא מצוה פון שבת מיטין מויל אז מען זאל לערנען דיא דינים פון שבת. אונ עס איז נישט גינוג מיטין גידיינקען אויף דיא גידאנקען:

(ז) **זכור.** אין פסוק שטייט זאלסט גידענקין היילגין דעם טאג שבת זאגט דיא פסיקתא דא שטייט זאלסט גידענקען דעם טאג שבת. אונ אין דברים שטייט זאלסט היטין דעם טאג שבת. האט רבי יודן אונ רבי איבו גיזאגט פון רבי שמעון בן לקיש'ס וועגין דאס איז גליך צו אמלך וואס האט גישיקט זיין זוהן צו אקרעמער אונ האט אים גיגעבין אמטבע וואס הייסט איסר. אונ האט אים מיט גיגעבין אפלאש. ער זאל עפעס קויפין האט דער זוהן צו בראכין דיא פלאש אונ האט פאר לוירין דיא מטבע. האט אים דער מלך גישאקילט

משלי שבת

תענית פרק ראשון] שטייט אז ווען דיא יודין וועלין היטין צווייא שבתים וועט משיח קומען וואלטין געהיט חאטץ איין שבת וואלט משיח גיקומען ומיר האבין עס גיבראכט אויבין אין פרק טז סעיף כא אונ סעיף ואונ אין נאך אנ'ארט [שבת דף קיח]

כב

(ח) אמר רבי יודן זכור נתן לעכו"ם שמור נתן לישראל :

(ט) אמר אייבו זכור נתן ליורדי הים שאינם יודעים אם באיסור הם מטלטלים ואם בהיתר הם מטלטלים. שמור נתן ליושבי היבשה :

מראה מקומות. (ח) שם: (ט) שם:

פירושים

(ח) זכור נתן לעכו"ם. פידעו את השבת שהוא מעיד על חידוש העולם אעפ"י שלא יקיימו המצוה במעשה. וגם שיהיו זכורים שהקב"ה נתן השבת לישראל בקולי קולות ויהיו מזהרים שלא לכוף אותם שיחללו שבת:

(ט) שאין יודעים וכו'. מחמת ששוהין זמן רב על הים נשכח מהם איזה יום שבת. גם שיש מקומות שלילה כיום יאיר או להיפך ואין יודעים מדת ימים מה הם אעפ"כ צריכים לשמור שבת מעל"ע ולשמור יום א' וע"ע בס' דברי יוסף ובס' כתב סופר פי' ע"ז:

פירוש ע"ט

ביי דעם אויער אונ האט אים גירישן דיא האר פון קאפ. אונ האט אים גיגעבן נאך אמאל אפלאש מיט אמטבע אונ האט אים אן גיזאגט. זעה זייא גיווארינט אז דו זאלסט נישט פארלירין דיא פלאש מיט דער יעצטיגע מטבע. אזוי וויא דוא האסט פארלוירין דעם פאהריגין מאל. אזוי דא אז דיא יודין האבין פאר לוירין דעם זכור אין דער מדבר ווארום דורך דער מעשה עגל האט משה צובראכין דיא לוחות וואס דארטין שטייט זכור. דרום האט זייא גאט גיזאגט אין צווייטין מאל איר זאלט היטין דעם טאג שבת. איר זאלט נישט פארלירין וויא דעם ערשטין מאל דרום האט גאט גיזאגט זכור אונ ושמור:

(ח) רבי. רבי יודן הט גיזאגט זכור האט גאט גיגעבין צו דיא עכו"ם. ער האט זייא אן גיזאגט איר זאלט גידענקין דעם טאג שבת. ווארום שבת ווייזט אז גאט האט באשאפין דיא וועלט אין זעקס טאג אונ אין זיבעטין טאג האט ער גירוט. דרום זאלין דיא עכו"ם דאס וויסין אונ גידענקען. האטץ זייא זענען דאך פטור פון היטין שבת אבער אז זייא וועלין דאס וויסין אז גאט האט דאס אן גיזאגט דיא יודין מיט קולי קולות וועלין זייא נישט נייטין דיא יודין אז זייא זאלין נישט פילעווען דיא מצוה פון שבת. אונ שמור האט ער אן גיזאגט דיא יודין אז זייא זאלין היטין שבת:

(ט) אמר. אייבו האט גיזאגט גאט האט גיזאגט זכור [מען זאל גידיינקען דעם טאג שבת] צו דיא מענטשין וואס פארין אויפין ים. ווארום אויפין ים איז נישטא קיין שטן פון הייזער אדער פון ביימער. איז חאטץ עס איז שוין נאנהינט צו נאכט זעהט נאך אויס אויפין ים אז עס איז נאך גרויסער טאג. אונ זייא האלטין אזאך וואס ס'איז מוקצה. דרום בדארף מען גידיינקען דעם טאג שבת [נישט צו האלטין קיין מוקצה] אויפין ים חאטץ עס איז נאך ליכטיג. אונ שמור [מען זאל היטין שבת] האט גאט גיזאגט צו דיא מענטשין וואס זיצין אין שטאט וואס דארטין איז דא דער שטן פון דיא הייזער. איז האטש עס איז נאך גרויסער טאג דאכט זיך אז עס איז שוין נאכט. דרום האט גאט גיזאגט אז מען זאל היטין אונ וואקטין דעם טאג שבת. מען זאל שבת־צו־נאכט נישט טאהן קיין מלאכה אויב עס איז נאך אספק־טאמער איז נאך שבת:

משלי שבת

כב]. אנאר באמת אין דער מצוה פון היטין שבת איז דא צווייא טייל מצוה. איין טייל איז פארין מענטשין גאר נישט שלעכט. אום שבת זאל מען גוט עסין אונ טרינקען אונ זיך אן טאהן פארגעניגין. איז דאס אגאנץ גוטע אונ גרינגע מצוה. אבער דיא צווייטע טייל מצוה מען זאל נישט מחלל שבת זיין. נישט טראגין וויא עס איז נישטא אעירוב. אונ מען זאל עוסק זיין אין תורה אונ אין עבודה. אונ נאך אזוינע זאכין. דאס איז עפעס נישט גישמאק. אונ דיא ביידע טייל זענען איין גיטיילט. איין טייל הייסט זכור ואונ איין טייל הייסט שמור. דיא ערשטע טייל מצוה הייסט זכור וואס דאב איז דער טייטש מען זאל גידיינקען דעם טאג שבת אויף וויין. אונ מיט אללע התענוגים. אונ דיא צווייטע טייל מצוה הייסט שמור. מען זאל היטין דעם טאג שבת. מען זאל קיין מלאכה נישט טאהין. מען זאל נישט האלטין קיין מוקצה. מען זאל נישט טאהן קיין אב מלאכה אדער אתולדה. אונ מען זאל לערנען תורה

דאס

(י) אמר הקב"ה השבת הזה נתתי לישראל א"ת ביני לבינם, בששת ימי המעשה פעלתי את העולם ובשבת נהתי לפיכך נתתי להם ששת ימי מלאכה ויום השביעי ברכה וקדושה ומנוחה לי ולהם. לכך נאמר ביני ובין בני ישראל:

(יא) אמר רבי יוסי ברבי חנינא אימתי שמרו ישראל את השבת כשם שראוי לה, התחלה כשניתנה להן באלוש. מנין שנאמר (שמות טז) וישבתו העם ביום השביעי:

מראה מקומות. (י) פדר"א פ' י"ח: (יא) מד"ר דברים פ"ג:

פירושים

(י) ברכה וקדושה ומנוחה לי ולהם. כמש"נ ויברך ויקדש וכתיב וינח ביום השביעי הרי ברכה ומנוחה וקדושה להקב"ה. ובישראל ברכה הוא לברך על היין. וקדושה זכור לקדשו. ומנוחה למען ינוח עבדך:

(יא) באלוש. שבת באלוש תפקוד אליבא דחד מ"ד כדאיתא בירושלמי ריש פרק י"ט וכסדר עולם וזהו חולק על מ"ש (בשבת דף קי"ח) שאף שבת ראשונה לא שמרו כהלכתה:

פירוש ע"ט

(י) אמר, גאט האט גיזאגט די מצוה פון שבת האב איך גיגעבן צו די יודין אז עס זאל זיין אצייכן צווישן מיר און צווישן זיי. אז אין זעקס טאג האב איך באשאפין די וועלט. און אום שבת האב איך גירוהט. דרום האב איך די יודין אויך אזוי גיגעבן זעקס טאג אויף ארבעטין. און דעם זיבעטין טאג וואס ער איז אגיבענטשטער און אהייליגער און ארוה־טאג איז פאר מיר און פאר זיי. דרום שטייט אין פסוק צווישן מיר און צווישן די יודין. פאר אונז ביידי:

(יא) אמר. רבי יוסי ברבי חנינא האט גיזאגט ווען האבין די יודין גיפילעוועט די מצוה פון שבת ווי דער דין איז. נאר דעם ערשטין שבת אין אלוש. דארטין האט מען זיי גיבאטין די מצוה פון שבת. ווי עס שטייט אין פסוק דאס פאלק האט גירוהט דעם זיבעטין טאג. מיינט מען נאר דעם שבת:

משלי שבת

דאס איז אלץ אין כלל פון שמור מען זאל היטין שבת און די מצוה איז נישט זייער קיין לייכטע און אגרינגע. מען זאל זיין אין אלץ אפ גיהיט. אבער אויב עס וועלין זיך גיפינען מענטשין וואס וועלין זאגין די מצוה פון שבת איז טאקי גאנץ גרויס. מען וועט טאקי האבין פיעל עולם הבא. נאר אזוי ווי עס איז דאך אין איר דא צוויא טייל. וועל איך נאר מקיים זיין איין טייל. און טאקי דעם ערשטין טייל. איך וועל עסין גוט און טרינקען גוט. און זיך אן טאן פיל פארגעניגין. וועל איך האבין העלפט שכר העלפט עולם הבא. צו מוז איך דען מקיים זיין ביידע חלקים מצוה און האבין צוויי חלקים עולם הבא. איך וועל מקיים זיין נאר איין חלק מצוה. און וויל מיין נישט האבין נאר איין חלק עולם הבא. זאגט די גמרא ניין זכור און שמור. ביידע טייל פון דער מצוה זענען גיזאגט גיווארין פאר־אנאנד. מיר וועלין מקדים זיין אבישל אגרויסער גביר האט גיקויפט אגרויסין וואלד אין אווייטע מדינה האט ער גיזוכט אמענטש וואס ער זאל אים אריין זעצין אין וואלד. ער זאל אכטונג געבין אויב די ארבייטער ארבעטין ערליך ווארום מען האט אים גיהאקט ביימער און מען האט פון זיי גימאכט טראטפעס צו שיפין זיי אויף דעם ים און נאך אלץ וואס אגישעפט פאדערט. איז גיקומען אין די ווייטע מדינות צום גביר זיין ברודער און האט צו אים גיזאגט אזוי ווי מיין זוהן וואס האט דא נישט ליינג חתונה גיהאט. איז אגאנץ קליגער יונגער מאן און ער קען אביסול שרייבין. און ער איז אגאנץ ערליכער מאן. אלזא האסטו נישט קיין אבעסערין מענטש ווי ער איז. און אגב איז ער דאך פארט דיין ברודערס אזוהן. דער גביר האט גיפאלגט זיין ברודער און האט גישיקט רופין דעם יונגער מאן. און האט צו אים גיזאגט אזוי ווי איך האב אין יענער מדינה אוואלד און איך וויל דארט זעצין אמענטש על כן אזוי ווי די טויגסט צו דעם. פאר אהין און איך וועל דיר געבין דערפאר וואכענטליך צעהן רובל. און לבד זאת וועל איך דיר נאך געבין באזונדער פינף רובל אוואך אויף גוט עסין און גוט טרינקען. כדי די זאלסט קאנען מיט אקלארע קאפ אכטונג געבין אויף דעם וואלד. אלץ

וואס

(יב) פתיתני ה' ואפת (ירמי' כ) אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבונו של עולם פתיתני עד שנתת לי את התורה ונתת על צוארי עול מצות ונענשתי בהם. אילו לא קבלתי את התורה הייתי כאחת העכו"ם לא שכר ולא עונש. אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבונו של עולם שדלתני בסיני ואמרת לי (שמות כ) זכור את יום השבת הייתי סבורה שהיא רפה חזקתני ותוכל (שמות לא) מחלליה מות יומת:

(יג) אנדריאנוס שחיק טמיא שאל לרבי יהושע בן חנניא אמר לי' אנא טב ממשה רבך. אמר לי' למה? דאנא חי והוא מת וכתיב כי לכלב חי הוא טוב מן הארי' המת. אמר לי' יכול את

מראה מקומות. (יב) פסיקתא דר"כ פ' כ"א: (יג) מד"ר רות פ"ג:

פירושים

(יב) שדלתני בסיני. לשון פיתוי וריצוי. כי יפתה מתרגמינן ארי ישדל:
(יג) יכול את. לשון שאלה היש בכחך שתגזור על כני העיירות שלא ידליק אדם אור שלשה ימים.

פירוש ע"ט

(יב) פִּתִּיתַנִי. אין פסוק שטייט דיא יודין האבין גיזאגט צו גאט האסט מיר איין גירעד. אונ האסט מיר איבער גירעד. זאגט דיא פסיקתא אז דיא יודין האבין אזוי גיזאגט צו גאט. הערר פון דער וועלט. ביז דיא האסט מיר גיגעבין דיא תורה האסטו מיר איין גירעד אז זיא איז זייער גרינג. אבער אז איך האב איר שוין מקבל גיוועזן האסטו גיגעבין אויף מיר אזאך פון מצות. אונ איך האב זייא נישט מקיים גיוועזן בין איך גישטראפט גיווארין. אבער אז איך וואלט נישט מקבל גיוועזן דיא תורה וואלט איך דאך גיוועזן גלייך וויא אללע עכו"ם. איך וואלט נישט גיקריגין קיין לוין. אבער קיין שטראף אויך נישט. אבער אז איך האב מקבל גיוועזן דיא תורה האב איך דאך שטראף. נאך האבין דיא יודין גיזאגט צו גאט הערר פון דער וועלט. האסט מיר איין גירעט אויף דעם בארג סיני אונ דיא האסט מיר נאר גיזאגט זאלסט גידענקין הייליגין דעם טאג שבת האב איך גימיינט אז דאס איז אגרינגע מצוה'לע [אויב איך וועל איר פילעווען וועל איך האבין שכר] אבער דער נאך האסטו מיר גישטארק [אז איך מוז היטין שבת] אונ גיזאגט דער מענטש וואס וועט מחלל שבת זיין זאל גיטייט ווערין:

(יג) אַנְדְרִיָאנוּס. אנדריאנוס זאל צו ריבין ווערין זיינע ביינער. האט גיזאגט צו רבי יהושע בן חנניא איך בין גרעסער פון משה רבינו'ן. האט אים רבי יהושע בן חנניא גיפרעגט פאר וואס? האט אים אנדריאנוס גיענטפערט איך לעב אונ ער איז שוין גישטארבין אונ אין פסוק שטייט אז אלעבידיגער הונט איז בעסער פון אגישטארבינעם לייב. האט אים רבי יהושע

משלי שבת

וואס מען וועט בדארפין. דער יונגער מאן איז באשטאנען אונ איז מיט מזל אוועק גיפארין אין וואלד אריין. דער גביר האט מקיים גיוועזן וואס ער האט צו גיזאגט ער פלעגט אים שיקין יעדע וואך פינעף רובל אויף גוט עסין אונ טרינקען. ויהי היום איז דער גביר גיפארין אין וואלד אריין. האט ער גיזעהן אז פון גאנצין וואלד איז גיווארין אתל עולם דער יונגער מאן האט בייא אים גיבעטין ער זאל אים געבין וויפיל עס קומט אים צו צעהן רובל אוואך. איז דער גביר גיווארין שטארק אין כעס אונ פרעגט דעם ברודערם זוהן. פאר וואס האסטו גאר נישט אכטונג גיגעבין אויף דעם וואלד. אזוי וויא איך האב דיר גיהייסין. וואס אויף דעם האב איך דאך דיר דא אוועק גיזעצט. האט דער יונגער מאן אנגיהויבין צו לאכין אונ זאגט צו אים איך האב דאך גיטאן וואס איר האט מיר גיהייסין. איר האט מיר גיגעבין פינעף רובל אוואך איך זאל גוט עסין גוט טרינקען. זיך אן טאן אללע פארגעניגען נוא האב איך דען עפעס פארפעלט. קומט מיט מיר אין שטוב וועל איך אייך ווייזען אז עס איז בייא מיר דא אללע פרוכטין. אללע ערליי צוקערקעס. זאגט צו אים דער גביר. שוטה. פרא אדם. צו איז דען מיין כוונה גיוועזן אז דיא זאלסט נור גוט עסין אונ גוט טרינקען אונ האבין פרוכטין אונ קאנפעקטין? איך האב דיר גיהייסין אז דיא זאלסט אויף דעם וואלד אכטונג געבין. אונ כדי דיא זאלסט עס

לגזור דלא ידליק בר נש נר תלתא יומין. אמר לו אין. לעידן עמיא סלקון תרויהון על איגר פלטין חמי תננא סליק מן רחוק. אמר לי' מה כן. אמר לי' איפרכיא ביש עאל אסיא ובקר יתיה. ואמר לי' עד דשתי חמימא לא מיתסי. אמר לי' תיפח רוחיה דאת קיים בטלה גזירתך. ומשה רבינו משעה שגזר אלינו (שמות לה) לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת לא מדליק יהודא נר בשבתא מיומיהי ועדיין לא נתבטלה גזירתו עד השתא אמרת את כן דאנא טב מיני':

(יד) דקליטיינוס מלכא הוה רעי חזירין בהדא טברי'. וכיון דהוה מטי סדרי' דרבי, הוו מיניקא נפקין ומחיין לי'. לבתר יומין איתעביד מלך נחת ויתיב לי' בהדא פניים.

מראה מקומות. (יד) מד"ר בראשית פ' ס"ג:

פירושים

אין. וכן עשה: לעידן עמיא. לעת ערב: סלקון וכו'. עלו שניהם על גג פלטין: חמי וכו'. ראה ר' יהושע עשן עולה מרחוק: מה כן. מה זה הלא גזרת שלא ידליקו אור: איפרכיא ביש. שר אחד חולה: עאל אסיא ובקר יתי'. נכנס רופא ובקר אותו: עד דשתי. עד ששתה חמין לא יתרפא ולפיכך הדליקו נר: עד דאת וכו'. בעוד שאתה בעולם: בטלה וכו'. כי זה הי' לו להמתין עד למחר כיון שהוא חולה שאין בו סכנה: מיומוהי. מימיו עד השתא: אמרת את. ואיך אמרת אני טוב ממנו ממשה רבינו:

(יד) דקליטיינוס מלכא הוה רעי חזירין. קודם שמלך: בהדא טברי'. קרוב לעיר טברי': מטי סדרי'. הגיע זמן הדרשה או זמן בית המדרש: דרבי. הוא ר' יהודה הנשיא. והכי איתא בירושלמי דמסכת תרומות: הוו מינוקא נפקין ומחיין. הלכו התלמידים הקטנים והכו אותו: לבתר וכו'. לאחר ימים נעשה מלך וזכר אשר הכו אותו התלמידים: ויתיב לי' בהדא פמיים. ישב לו אצל מקום פמיים. ובירושלמי גרס בהדיא

פירוש ע"ט

בֶּן חֲנַנְיָא גִיעֶנְטְפֶערְט דִיא קָאנְסְט בַּאפוּילִין אַז דְרַייא טָאג זָאל קֵיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט אָן צִינְדִין פַייעֶר? הָאט אִים אַנְדְרִיָאנוּס גִיעֶנְטְפֶערְט יוא. אוּנ עֶר הָאט טַאקִי תֵּיכֶּף בַּאפוּילִין. אַז קֵיין מֶענְטְשׁ זָאל דְרַייא טָאג נִישְׁט אָן צִינְדִין קֵיין פַייעֶר. פַארִין נַאכְט אִיז רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא אוּנ אַנְדְרִיָאנוּס אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף'ן דַאךְ פוּן פַּאלֶעטִין הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא גִיזֶעהְן אַז עֶס גֵייט אַרוֹיךְ. הָט אִים רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא גִיפְרֶעגְט וָוס אִיז דָס וָוס מֶען הָט גִימַאכְט פַייעֶר אוּנ עֶס גֵייט אַרוֹיךְ? הָט אִים אַנְדְרִיָאנוּס גִיעֶנְטְפֶערְט אַ גְרַאף אִיז קְרַאנְק. הָט מֶען גִירוּפִין אַדְאקְטֶער אוּנ הָאט אִים בַּאטְרַאכְט אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט. אַז אוֹיבּ דֶער גְרַאף וֶועט נִישְׁט טְרִינְקֶען אַ וַוארֶעמֶע זַאךְ וֶועט עֶר נִישְׁט גִיהַיילְט וֶוערִין. הָאט זִיךְ אָן גִירוּפִין רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא זָאל וֶוערִין פַארְפוּילְט דַיינֶע בֵּיינֶער אַז דִיא לֶעבְּסְט נָאךְ אִיז שׁוֹין בָּטֵל גִיוָוארִין דַיין בַּאפֶעל [וָוארוּם מֶען הָאט דָאךְ גִיקָאנְט וַוארְטִין בִּיז מָארְגִין. וַוייל דֶער גְרַאף אִיז נִישְׁט גִיוֶוען קְרַאנְק גִיפֶערְלִיךְ] אוּנ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ פוּן דֶער צַייט וָואס עֶר הָאט בַּאפוּילִין „אַז אוּם שַׁבָּת זָאל מֶען עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן צִינְדִין קֵיין פַייעֶר" אִיז קֵיין יוּד צִינְד נִישְׁט אָן קֵיין פַייעֶר פוּן דֶעמָאלְט. אוּנ זַיין בַּאפוּיל אִיז נָאךְ בִּיז עֶרְשְׁט נִישְׁט בָּטֵל גִיוָוארִין. אוּנ דִיא זָאגְסְט אַז דִיא בִּיסְט נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ:

(יד) דִקְלִיטַיינוּס. דִקְלִיטַיינוּס דֶער קֵיסֶר אִיז גִיוֶוען אַפַּאסְטוּךְ גֶעבִּין דֶער שְׁטָאט טְבֶרְיָא אֵייבֶער עֶר אִיז גִיוָוארִין אַקֵיסֶר. וֶוען ס'אִיז גִיקוּמֶען דִיא צַייט אַז רֶבִּי [ר' יְהוּדָא הַנָּשִׂיא] זָאל זָאגִין דֶעם שִׁיעוּר אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ. זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דִיא קִינְדֶער אוּנ הָאבִּין אִים גִישְׁלָאגִין. אִין אַצַייט אַרוּם אִיז דֶער קְלֵיינֶער פַּאסְטוּךְ דִקְלִיטַיינוּס גִיוָוארִין אַקֵיסֶר. אוּנ

משלי שבת

קָאנֶען טָאן מִיט אַקְלָארֶע קָאפּ. הָאבּ אִיךְ דִיר גִיהֵייסִין גוּט עֶסִין אוֹיךְ. אוּנ פַאר דֶעם וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ גֶעבִּין צֶעהְן רוּבִּיל אַוָואךְ. אָבֶּער דִיא הָאסְט אִין וַואלְד גָאר נִישְׁט גִיטָאן. נָאר דִיא הָאסְט גִיטָאן דֶעם טָפֵל דִיא הָאסְט גוּט גִיגֶעסִין אוּנ גִיקוֹיפְט פֶערְשִׁידֶענֶע פְרוּכְטִין אוּנ קָאנְפֶעקְטִין. אוּנ פַארְלַאנְגְסְטוּ נָאךְ דִיא צֶעהְן רוּבִּיל אַוָואךְ?. דִיא וֶועסְט מִיר נָאךְ צוּרִיק גֶעבִּין דִיא פִינְף רוּבִּיל אַוָואךְ וָואס דִיא הָאסְט אַרָאפּ גִינוּמֶען יֶעדֶע וָואךְ אוֹיף עֶסִין. וָוארוּם אוֹיבּ דִיא וָואלְסְט אַכְטוּנְג גִיגֶעבִּין אוֹיף דֶעם וַואלְד. וָואלְט אִיךְ דִיר גִיגֶעבִּין דִיא פִינְף רוּבִּיל אוֹיף עֶסִין. אוּנ אִיךְ וָואלְט דִיר נָאךְ גִיגֶעבִּין צֶעהְן רוּבִּיל אַוָואךְ שְׂכִירוּת. אָבֶּער עֶרְשְׁט פַאר וָואס קוּמְט דִיר

דיא

(נ"א פמיים) ושלח כתבים לטברי' מפני רמשא דערובתא, אמר אנא יהיב קילוון דיהוון רברבני דיהודאי קיימין קודמי בצפרא דחד בשבא, פקדי' לשלוחה אמר לי' לא תתן יתהון להון אלא עם מטעמי יומא דערובתא, נחת ר' שמואל בר נחמן למיסחי, חמתי' לרבי דהוה קאים קומי סדרא רבה, ראה פניו חולניות, אמר לי' למה פניך חולניות, אמר כן וכן אשתדר לי כתבין מן מלכותא, א"ל איתא סחי דברייך עביד לנא נסין, עלון למסחי, ואתא הדין ארגיניטון מגחיך ומרקד קדמיהון בעא רבי דיזעוף בי', א"ל ר' שמואל בר נחמן, רבי שבקי' דזמנין על נסין הוא

פירושים

נחית לי' סמיים, והערוך פירוש מערה היא בראש הירדן: מפני רמשא דערובתא. לפנות של ערב שבת שהערב פנה לבוא: אנא וכו'. אני נותן גזירות שיהיו הרבנים של היהודים וגדוליהם עומדים לפני בבוקר של אחד בשבת: קילוון. גזירה וצווי: פקדי' וכו'. צוה לשליח שלא יתן האגרת ליד היהודים אלא עם הערב שמש של ע"ש כדי שלא יוכלו לבוא קודם שבת וגם במוצאי שבת לא יוכלו לבוא בלילה אחת ויעליל עליהם לאמר לא השגחתם על גזירתי: נחת וכו'. ירד ר' שמואל בר נחמן אל היאור לרחוץ לכבוד שבת וראה את רבי שהי' עומד לפני בית המדרש הגדול וראה אותו בפנים זועפים וחולניות: אשתדר לי. נשתלח לי מאת המלך: איתא סחי וכו'. בא ורחץ לכבוד שבת ובוראך יעשה לנו נסים: עלון למסחי. ירדו לרחוץ ובא אותו ארגיניטון פי' הערוך שד של בית המרחץ ובירושלמי גרס אנגיסטרים: מגחיך וכו'. הי' צוחק ומרקד לפניהם: בעא רבי דיזעוף. רצה רבי לגעור בו: שבקי'. הנח אותו: דזמנין וכו'. שלפעמים נתגלה על נס שיעשה על ידו: א"ל. ר' שמואל לאותו שד: מריך בעקא. אדוניך ר' יהודה

פירוש ע"ט

האט זיך דערמאנט פון די יודישע קינדער וואס האבן אים אמאל געשלאגען, האט ער זיך באזעצט אין פמיים, און האט געשיקט אבריף קיין טבריה, אז ער באפעלט אז זונטאג אין דער פריא זאלען זיך פאר אים שטעלען די יודישע גרויסע לייט נדיא רבנים, און ער האט אן געזאגט דעם שליח אז ער זאל נישט אפ געבין די יודען דעם בריף נאר פרייטאג פארין נאכט גאנץ שפעט, כדי די רבנים זאלען נישט קענען פארען פרייטאג, און שבת צו נאכט וועלין זייא נישט אויספעיען פארען אזוי ווייט, וועלין זייא דאך מוזען מחלל שבת זיין, און אויב זייא וועלען נישט מחלל שבת זיין וועלין זייא דאך נישט קומען פאר אים צוא דער באשטימטער צייט וועט ער אויף זייא מאכען אבלבול אז זייא פאלגען נישט דעם קיסר'ס פריקאז, איז גיגאנגען ר' שמואל בר נחמן צום טייך וואשען זיך לכבוד שבת, האט ער געזעהן אז רבי שטייט פארין גרויסען בית המדרש מיט אטרויערדיגען פנים. האט אים גיפרעגט ר' שמואל בר נחמן פאר וואס זענט איר טרויערדיג? האט איהם רבי גיענטפערט אזו און אזו האט דער קיסר באפולען און ערשט קאנען מיר דאך שוין נישט פארין, סיידין מיר זאלען מחלל שבת זיין, האט צו אים גיזאגט ר' שמואל בר נחמן קומט מיט מיר, וועלין מיר זיך וואשען לכבוד שבת, און דער אייבערשטער וואס העלפט אלע מאל די מענטשען וואס פארזיכירען זיך אין אים וועט אונז ערשט געווים אויך העלפען, אז מיר זאלען נישט בדארפען מחלל שבת זיין, איז רבי גיגאנגען מיט אים וואשען זיך לכבוד שבת, האט דער שד פון מרחץ גילאכט און פריילעכדיג גישפרינגען פאר זייא, האט רבי גיוואלט זיך אן בייזערין אויף אים, האט ר' שמואל גיזאגט צו רבין לאזט אים אפ ווארום טייל מאל ווערט ער אנפעקט דורך דעם נס וואס באדארף גיטאן ווערין דורך אים, האט ר' שמואל גזאגט צום שד, פאר וואס דר האר, ר' יהודה דער נשיא, איז טרויערדיג און דוא שפרינגסט פריילעכדיג און לאכסט? האט דער שד גיזאגט צו זייא גייטס אהיים און עסט און טרינקט פריילעך און מאכטס אגוטען שבת ווארום דער אייבעשטער וועט אייך טאן וואונדער, ווארום איך וועל אייך אוועק שטעלין פארין קיסר זונטאג גאנץ פריא, און ער האט

משלי שבת

די פינף רובעל ? דאס זעלבינע איז ד, די לייכטזיניקע מענטשין דענקין אז זיי וועלן האבן שכר פאר דעם ג'שפין טייל מצוה. פאר זכור. פאר דעם וואס זיי האבן גוט גיגעסין, און אבישיל זיך צו גישפארט ביי טאג שלאפין, מקיים זיין די מצוה שינה בשבת תענוג (שלאפין אום שבת איז אפערגעניגען) אדער זיך אן גיטאן אנדערע פערגעניגען, און נאר דאס אליין זענען זייא מקיים אזוי ווייא מען זאגט אין די זמירות פרייטיג-צו-נאכט לנוח בו ולשמוח בתענוג אכול ושתו כל עדת ישראל יעשו אותו, אויס רוהען זיך און זיך פרייען פון פערגעניגען פון גוט עסין און טרינקן טוהן דאס אללע יודין, נאר גאט זאגט ניין, איך וועל געבין שכר אויב דורך דעם עסין הט איר גיהיט דעם אנדערן טייל מצוה, שמור, וואס איך האב אייך אן

מתחמא, א"ל מריך בעקא ואת קאים נחיך ומרקד, אמר להון אזלין ואכלין ושתון ועבדין שבא טבא דמריכון עביד לכון נסין, ואנא מקים לכון קודמוי בצפרא דחד בשבתא, באפוקי שבתא בתר סידרא נסבון ואקימהון קודם פיילי דפניים, עלון ואמרין לי' הא קיימון קודם פיילי, אמר סגרון פיילי, נסבוהון ואקמון על מטכסא דמדינתא, עלון ואמרין לי' אמר אנא קלון אנא דיתזון בי' בני תלתא יומין ויעלון ויסחון ויאתון לגבאי, אזלין ואתזין בי בני תלתא יומין ואעל חד ארגינטון ומזגא קדטיהון

פירושים

הגביא הוא פורה בלער: ואת וכו'. ואתה עומד וסוחק ומרקד: אמר להון וכו'. לכו אכלו ושתו כטוב לב ועשו לכם שבת טוב שאדוניכם הקב"ה יעשה לכם נסים, ובירושלמי מפרש ששאל להם מהו הצער ואמרו לי. ואמר לא תתיירא שאני מעמיד אתכם וכו': ואנא מקים וכו'. אני אעמיד אתכם לפני המלך בבוקר של יום ראשון, ובירושלמי מפרש שהי' נושא אותם באויר עד חצר המלך: באפוקי שבתא. במוצאי שבת: בתר סידרא. אחר שהשלימו סדר קדושה: נסבון. לקח אותם אותו הארגיניטון ונשא אותם: ואקימהון וכו'. העמידם לפני שער חצר המלך שבמקום פניים: פיילי. שער: עלון וכו'. נכנסו משרתי המלך ואמרו לי' הרי היהודים עומדים לפני השער: אמר סגרון וכו'. סגרו השער כדי שלא יכנסו מעלמם ואמר כן שאח"כ יעליל עליהם לאמר הרי לא באתם בבוקר כאשר צויתי ואך הם יאמרו הייגו לפני השער בבוקר והשער הי' סגור יכחישם ומי ידין עם שהתקיף ממנו: נסבוהון. לקח אותם הארגיטון ואקמון. והעמידם: על מטכסא. באמצע של העיר פניים: עלון וכו'. נכנסו משרתיו ואמרו למלך שעומדים כבר באמצע העיר אמר אני גוזר ומצוה שיחממו המרחץ שלשה ימים ואח"כ יכנסו וירחצו שמה ואח"כ יבואו לפני וכוונתו היתה

פירוש ע"ט

טאקי אזוי גיטאן, שבת צו נאכט נאך הבדלה האט ער זיי גינומען און האט זייא גיטראגען אין דער לופטען און ער האט זייא אוועק גישטעלט זונטאג פאר טאג פארין קיסר'ס טויער וואס אין פנים, זענען אריין גיגאנגען צום קיסר זיינע בעדינער און האבען אים גיזאגט אז דיא רבנים שטייען פארין טויער, האט ער גיהייסען אז מען זאל פערשליסען דעם טויער, כדי דיא רבנים זאלען נישט קענען אריין גיין צו אים, פון זיך זעלבס, און דער נאך וועט ער אויף זייא מאכען אבלבול פאר וואס זייא זענען נישט גיקומען צו אים אין דער פריא צו דער באשטימטער צייט, אזוי וויא ער האט באפוהלען, האט זייא דער שד גינומען און האט זייא אריבער גיטראגען און אוועק גישטעלט אין מיטען פנים פארין קיסר'ס פאלאץ זענען אריין גיגאנגען דעם קיסר'ס בעדינער צום קיסר און האבען צו איהם גיזאגט אז דיא רבנים שטייען שוין אין מיטען שטאט. און וויא דער קיסר האט דאס גיהערט האט אים זייער פארדראסען וואס זיין ווילען איז נישט ערפילט גיווארען, האט ער צו דיא באדינער גיזאגט, איך בין אויף זייך גוזר אז מען זאל הייצען דעם מרחץ דרייא טאג און נאכהער זאלין דיא רבנים זיך דארטען וואשען, נאכהער זאלען זייא קומען צו מיר, נייין כוונה איז גיוועזען אז עס זאל דארטען זיין זייער הייס וועלין זייא פאר ברענט ווערין פון דער היטץ] זיין פערבאט האט מען מקיים גיוועזען, מען האט גהייצט דעם מרחץ דרייא טאג, און דער נאך האט מען זייא דארטען אריין געפירט, איז דארטען אריין גיגאנגען אשר און האט דארטען אן גיגאסען קאלטע וואסער, האבען זייא זיך שוין גיקאנט וואשין, און זייא האבען זיך אויס גיוואשען, און זייא זענין גיקומען צום קיסר, האט ער צו זייא גיזאגט נוויל איר ווייסט אז אייער גאט טוט מיט אייך נסים דרום פילעוועט איר נישט דעם כבוד פון קיסר, וואראום דיא יודישע קינדער האבען אים גישלאגין און דיא רבנים האבען זיי נישט גיווערט] האבען זייא אים גיענטפערט דעם כבוד פון אחזירים־פאסטוך האבען מיר נישט גיפילעוועט, אבער צום כבוד פון דקליטיינוס קיסר זענען מיר אונטערגיגעבען ודעמאלס ביסטו

משלישבת

גיזאגט צו היטין שבת פון אלע זאכען וואס מען טאר נישט טאן אום שבת, אבער דאס וואס איר זענט מקיים נאר מיטין עסין אליין איז דאס נאך ווינציג וואראום פוסעים בו פסיעה קטנה מען טוט אין שבת גאר אקליינעם טריט מיט דעם וואס סועדים בו לברך שלש פעמים מען עסט גוטע דריי סעודות, און מען טוט נאר זיך אן פערגעניגען, און מען איז מקיים דיא מצוה פון זכור, וואראום די מצוה פון שבת איז זייער הויך און גרויס, דר עיקר איז אז מען זאל מקיים זיין דעם אנדערען טייל מצוה, שמור, נישט טאן חלילה אמלאכה מיט דער האנד אדער מיט דר מחשבה, און עוסק צו זיין אין תורה ועבודה, וואס דאס איז דר עיקר מצוה פון שבת, דעמאלט וואלט איך אייך גיגעבין שכר פאר דעם עסין אייך, אבער איר האט נאר זיך אן גיטאן פערגעניגען און דיא אנדערע טייל מצוה האט איר נאר נישט גיטאן פר נוס מאנט איר נאך שכר? דס זאגן הז"ל וועו יודן וואלטן געהיט האלטן איין טאג שבת, נאר באופן צוויי שבתים, דיא צוויי הלקים מצוה פון שבת, דעם טייל זכור פון אן טאן זיך

פערגעניגען

ועלו וסחון ואתון לגבי׳, אמר להון בגין דאתון ידעין דאלהיכון עביד לכון נסין אתון מקילין למלכא, אמרין לי׳ לדיקליטיינוס רעי הזירין אקילינן, ברם לדיקליטיינוס מלכא אנן משועבדין, אמר להון אפילו כן לא תבזון לא ברומי זעיר ולא בגולייר זעיר:

(טו) אמרו כנסת ישראל לפני הקב"ה רבש"ע אתה גרשתני לבין העכו"ם למה נשמור את השבת אמר הקב"ה איש כתיב בפרשה (דברים כ"ד) אנבי אל ולא איש וגו׳:

(טז) לא תעשו לכם אלילים ופסל ומצבה לא תקימו לכם את שבתותי תשמרו (ויקרא כ"ו) אע"פ שגליתם בין העכו"ם לא תעשו כמעשיהם שנאמר (הושע ט׳) אל תשמח ישראל אל גיל כעמים וגו׳ אע"פ שפונות אליהם אל תעשו כמעשיהם, השבתות תשמרו ובבתי כנסיות ובבתי מדרשות תתקבצו, אני ה׳ נאמן לשלם שכר:

(יז) כשיצאו ממצרים עד שלא נתן להם את התורה נתן להם השבת שנאמר

מראה מקומות (טו) מדרש הובא בס׳ שם משמואל: (טז) פסיקתא: (יז) פדר"א פי"ח:

פירושים

סיסרפו מחומו, ובירושלמי גרס שסמרקן הי׳ מהומס שבעה ימים: אעל חד וכו׳. נכנס שמה הארגיגטון והי׳ מוזג מים קרים ומקרר המרחץ ונכנסו והרחילו ובאו לפניו: אמר להון. המלך וכי בשביל שאתם יודעים שאלהיכם עושה לכם נסים אתם מקילים בכבוד המלך, ועל שהכו אותו התלמידים והם לא מיחו בידם אמר כן: אמרין וכו׳. בעוד שהיית רועה חזירים לא השגחנו עליהם אבל עכשיו שהגעת למלכות אין אנו מקילין בכבודך: אמר להון אפילו וכו׳. לא תהיו בוזין לאדם חשוב אפי׳ בעוד שהוא קטן ולא באדם שפל שמא יעלה לגדולה: רומי. פי׳ הערוך לשון התרוממות כלומר אדם חשוב: בגולייר. אדם הלוש ושפל ובירושלמי גרס ולא בחבר זעיר ופירש"י בפרסי קטן:

(טו) למה נשמור וכו׳. פי׳ ע"ז המדרש עי׳ בס׳ שם משמואל:

(יז) שנאמר ומצות וחוקים. בקרא כתיב בתחילה ואת שבת קדשך הודעת להם ואח"כ ומצות וחוקים צוית להם ביד משה עבדך:

פירוש ע"ט

גיוועו אפאסטיק האבען מיר דיר ניטט נוהג כבוד גיוועו] האט ער צו זייא גיזאגט פון דעסטוועגין זאלט איר וויסען אז איר זאלט ניטט פארשעמען אחשובדיגען מענטש חאטש ער איז יונג, און אפילו אפראסטען יונגען מענטשען זאלט איר אויך ניטט טשעפען, ווארום טאמער ווערט ער אגרויסער חשוב. אזוי וויא עס האט גיטראפען מיט מיר:

(טו) אמרו. די יודען האבען גיזאגט צו גאט, האר פון דער וועלט! דוא האסט אונז פאר טריבען צווישען דיא עכו"ם פאר וואס זאלען מיר היטען שבת? האט גאט גיזאגט צו דיא יודן אין דער פרשה שטייט, אמענטש, אבער איך בין גאט, ניטט קיין מענטש:

(טז) לא. גאט האט אן גיזאגט דיא יודען איר זאל ניטט מאכען קיין אפ-געטער און אבילד, און אשטייענדיגען שטיין זאלט איר ניטט שטעלען, און מיינע שבתים זאלט איר היטין, מיינט מען חאטש איך האב אייך פארטריבען צווישען דיא עכו"ם פון דעסטוועגען זאלט איר יודען זיך ניטט פרייען מיט דיא עכו"ם דהיינו חאטש איר האנדילט מיט זייא פון דעסטוועגען זאלט איר ניטט טאן אזוי וויא זייא, שבת זאלט איר היטען און אין דיא שוהלען זאלט איר זיך אויף קלובען, ווארום איך בין גאט, איך בין באגלייבט אייך צו באצאלען אגוטען לוין:

(יז) כשיצאו. אז דיא יודען זענען ארויס פון מצרים נאך איידער דער אייבעשטער האט זייא גיגעבען דיא תורה, האט ער זייא גיגעבען שבת, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיין הייליגען שבת האסטו דיא יודען גימאכט וויסען, און דער נאך שטייט אז ער האט זייא גיגעבן

משלי שבת

פערגעניגען, און דעם אנדערן פייל שמור אויך, פון צו טאן אמלאכה. און לערנען תורה דעם טאג וואס דאס איז דער עיקר וואלט מען באלד גיין ארן אויס גילייזט. דאס האבן דיא חז"ל גיזאגט מיטן לשון (אלמלא שמרו) ווען די יודין וואלטין ג״ר די מצוה שמור (דעם אנדערן פייל מצות דעם עיקר) וואלט מען באלד גיוואָרן אויס גילייזט, דר אייבערשטר זאל העלפן אז דאס זאל זיין במהרה בימינו אמן:

(יז) כשיצאו ממצרים עד שלא נתן להם את התורה נתן להם השבת וכו׳. צוליעב וואס האט מאקי גאט גיבאטען די יודין די מצוה פון שבת צום ערשטין. נאך איידער

ער

(נחמי׳ ט׳) ואת שבת קדשך הודעת להם ואחרי כך נתן להם את התורה שנאמר (שם) ומצות וחקים ותורה צוית להם ביד משה עבדך:

(יח) כתיב (דברים ה׳) כאשר צוך ה׳ אלהיך אמר רב יהודה כאשר צוך במרה:

(יט) פעם אחת גזרה מלכות גזירה על ישראל שלא ישמרו שבת וכו׳ הלך רבי ראובן בן איסטרובלי וסיפר קומי והלך וישב עמהם אמר להן מי שיש לו אויב יעני או יעשיר אמרו לי׳ יעני, אמר להן אם כן לא יעשו מלאכה בשבת כדי שיענו, אמרו טבית, אמר ליבטל, ובטלוהו:

(כ) תנו רבנן מפקחין פקוח נפש בשבת והזריז הרי זה משובח וכו׳:

(כא) אמר רב יוסי מנין לפקוח נפש שדוחה את השבת שנאמר (שמות ל״ד) את

מראה מקומות (יח) סנהדרין דף נ״ו: (יט) מעילה דף י״ז: (כ) יומא דף פ״ד: (כא) תוספתא שבת פ׳ ט״ז:

פירושים

(יח) כאשר צוך ה׳ אלהיך. כתיב בדברות האחרונות גבי שבת וכבוד או״א והיכן צוך הא ליכא למימר דמשה הוה אמר להו בערבות מואב כאשר צוך בסיני דמשה לאו מאליו הי׳ שונה להם משנה תורה ומזהירם על מלותי׳ אלא כמו שקבלה הוא הי׳ חוזר ומגיד להם וכל מה שכתוב בדברות האחרונות הי׳ כתוב בלוחות וכן שמע בסיני:

(יט) סיפר קומי. גילח השער שעל מצחו והניח בלורית לאחריו כמו הנכרים כדי שלא יכירו שהוא יהודי: א״כ לא יעשו מלאכה בשבת. ולא ירויחו בשבת ועוד מתוך שהם פנוין אוכלין ומתענגין ומוציאין כל מה שהרויחו בחול:

(כ) פקוח. כל דבר שנצרך לו לנפש להעביר סכנת מות:

פירוש ע״ט

דיא תורה, אזוי וויא עס שטייט דארט ווייטער מצות אונ געזעצין אונ דיא תורה האסטו זייא פערבאטען דורך דיין קנעכט משה:

(יח) כתיב. ביא שבת שטייט אין פסוק אזוי וויא גאט האט דיר געבאטען האט רב יהודה געזאגט אזוי וויא ער האט דיר געבאטען אין מרה, איז דערפון געדרונגען אז דיא מצוה פון היילינגען דעם טאג שבת זענען דיא יודען געבאטען געווארען אין מרה:

(יט) פעם. אמאל האט אמלכות באפוילען אז דיא יודען זאלען נישט היטען דיא מצוה פון שבת, האט זיך רבי ראובן בן איסטרבולי אפ געשוירען דעם פארערשטין האלבען קאפ אונ ער האט געלאזען האר פון הינטען (אזוי פלעגט מען גיין אין יונן) ווייל ער האט געוואלט אז מען זאל נישט דער קענען אז ער איז איוד, אונ האט זיך אנידער געזעצט צווישען די גראפין פון מלך, אונ האט צוא זייא געזאגט, אז איינער האט אפיינד צו באדארף ער אים מאכען ארום צו רייך? האבען זיי אים געענטפערט ס׳פארשטייט זיך אז מען באדארף אים ארום מאכען, האט צו זייא רבי ראובן געזאגט, טא לאזט זשע דיא יודען היטען שבת וועלען זייא נישט פארדינען, אונ אום שבת עסין זייא, אונ טרינקען וועלען זייא פאר ברענגען דאס געלט וואס זייא פארדינען דיא גאנצע וואך, וועלען זייא דאך ארום ווערין, האבען די גראפין צו ווישען זיך גערעד, דער מענטש זאגט רעכט האט רבי ראובן געפאדערט אז מען זאל דיא גזירה מבטל זיין, האבען דיא גראפען אזוי געטאן מען האט דיא גזרה מבטל געווען אונ מען האט דיא יודען ערלויבט צו היטען שבת:

(כ) תנו. דיא רבנן האבען גלערינט מען מעג זיך באשעפטיגין אום שבת ראטעווען אמענטש פון אגיפאהר, אונ ווער עס איז אין דעם פלינקער איז ער גילויבט פון דיא חכמים:

(כא) אמר. רבי יוסי האט געזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז פקוח נפש [ראטעווען אמענטש פון אגיפאר] איז דוחה דיא מצוה פון שבת. ווייל אין פסוק שטייט מיינע שבתים זאלט איר

משלי שבת

ער האט זיי געגעבען די גאנצע תורה, וועלן מיר געבן צו פארשטיין על פי משל אמענטש האט אויס געקלערט ריצעפטין צו אקריינקשאפט, אבער אין זיין שטאט איז נישט געווען דיא קריינקשאפט, האט ער געחשט אז אין א אנדערע מדינה איז דא מענטשען וואס קריינקען אויף דער שלאפקייט, אונ דרום איז דארטען כמעט דיא גאנצע מדינה בעלי מומין. האבען אים זיינע גוטע פריינד גיראטהען אז ער זאל אוועק פארען אין יענער מדינה. אונ דארטען וועט מען דאך ביים אים קויפען זיינע ריצעפטין. וועט ער דארטען גליקלאך ווערין. ער האט זייא פאלגי געפאלגט. אונ איז אוועק געפארען מיט דיא ריצעפטען אין יענער מדינה אונ איז ארום געגאנגען אין אלע גאסין אונ געשריגען אז ער האט געבראכט ארפואה צו אזוי אמין קרייגקייט אונ עס קאסט אזוי פיל. אונ קיינער האט אים נישט געהערט. אזוי איז ער דארט געזעסין עטליכע טעג

אונ

שבתותי תשמרו, יכול במילה ועבודה ופיקוח נפש תלמוד לומר (שם) אך חלק, פעמים שאתה שובת פעמים שאי אתה שובת:

(כב) כתיב (בראשית י"ב) אמרי נא אחותי את מכאן ששוחטין לחולה בשבת:

(כג) תניא רבן שמעון בן גמליאל אומר תינוק בן יומו חי מחללין עליו את השבת דוד מלך ישראל מת אין מחללין עליו את השבת, תינוק בן יומו חי מחללין עליו את השבת אמרה תורה חלל שבת אחד כדי שישמור שבתות הרבה, דוד מלך ישראל מת אין מחללין עליו כיון שמת אדם בטל מן המצות:

(כד) הלכה אדם מישראל שיש לו מנורה שעשוי' פרקים פרקים מהו לטלטלה בשבת כך שנו חכמים המרכיב קני מנורה בשבת חייב חטאת ומשום מאי

מראה מקומות (כב) מדרש הובא בס' כתב סופר: (כג) שבת דף קנ"א: (כד) מד"ר דברים פ"ג

פירושים

(כב) מכאן ששוחטין. פי' ע"ז המדרש עיין בס' כתב סופר (פ' לך):

פירוש ע"ט

היטן, וואלט איך זשע געוואלט מיינען אז אום שבת טאר מען אויך נישט מל זיין, אדער טאן דיא עבודה, אדער ראטעווען אמענטשען, שטייט דארטען אין פסוק אמיעוט, נאר מיינע שבתים זאלט איהר היטען, דער מיעוט ווייזט אז אלע זאכען טאר מען נישט טאן אום שבת, אבער אנדערע זאכען, דהיינו מילה, און עבודה, און ראטעווען אמענשען מעג מען יוא טאהן אום שבת:

(כב) כתיב. אין פסוק שטייט אברהם האט געזאגט צו שרה'ן זאלסט זאגען דיא מצריים אז איך בין דיין ברודער, איז דערפון גידרונגען אז מען מעג שחט'ן פאר אקראנקען אום שבת:

(כג) תניא. מיר האבען גילערינט רבן שמעון בן גמליאל זאגט אלעבעדיג קינד וואס איז נאר אלט איין טאג מעג מען פון זיינעט וועגען מחלל שבת זיין. אבער אז דוד דער יודישער קעניג איז גישטארבען איז כ'ען פון זיינעט וועגען נישט מחלל שבת, איז דיא גמרא מפורש, אלעבעדיג קינד וואס איז אלט איין טאג מעג יוא פון זיינעט וועגין מחלל שבת זיין, ווארום דיא תורה האט גיזאגט מען זאל מחלל זיין פון זיינעט וועגען איין שבת, כדי ער זאל לעבען וועט ער היטען פיל שבתים, אבער אז דוד דער יודישער קעניג איז גישטארבען איז מען פון זיינעט וועגין נישט מחלל שבת ווארום אז אמענש שטארבט קען ער שוין נישט טאן קיין מצוה, באדארף מען פון זיינעט וועגין נישט מחלל שבת זיין:

(כד) הלכה. דער מדרש פרעגט וויא איז דער דין אז איינער האט אלייכטער וואס איז צו זאמען גישטעלט פון שטיקער צו מעג מען איהם האלטען אום שבת? זאגט דער מדרש אזוי האבען דיא חכמים גילערינט אז מען שטעלט צו זאמען אום שבת דיא רערין פון אלייכטער איז מען מחויב צו ברענגען אקרבן חטאת [ווען דער בית המקדש איז גישטאנען] פרעגט דער מדרש פאר וואס איז מען מחויב צו ברענגען אקרבן חטאת [וואסער עבירה איז דאס] האט רבי אחי גיזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגען אז מען שרויפט צוזאמען אום שבת אלייכטער איז גלייך וויא מען וואלט גיבויט אשטוב אום שבת, און אז מען בויט אשטוב אום שבת איז אעבירה וואס עס קומט מיתה,

משלי שבת

און קיינער איז נישט גיקומען צו איהם קויפען די ריצעפטען. ווארום זיי האבען נישט פערשטאנען וויא אזוי קען זיין צו דער קריינקשאפט ארפואה, און יעדערער האט מורא גיהאט איין שטעלין די עטליכע רובעל. טאמער נארט ער זייא אוים, דער מענטש האט גיזעהן אז עס איז נישט פריילוך ער האט גימאכט אומזיסט פיעל הוצאות, און קיינער גיט זיך גאר נישט צו איהם אקער. האט ער באקלערט אעצה ער איז ארוים גיגאנגען אין גאס און האט אומזיסט אוים גיהיילט אמענטשין. ווייזין פאר דער וועלט אז ער האט אוים גיטראכט אנייע רפואה, וויא דער מענטש איז אוים גיהיילט גיווארען האבען זיך פון איהם דער וואוסט די גאנצע שטאט אז עס איז גיקומען אמענטש וואס קען טאקי באמת אויסהיילין פון זייער קראנקהייט, האבען זיך צו איהם גיקליבין די גאנצע שטאט מענטשין איז ער דערפון רייך גיווארען און דאס איגנאנצען איז ארוים גיקומען דורך דעם וואס ער האט דעם ערשטען מענטש גיהיילט אומזיסט, דאס זעלבינע איז דא אז גאט ב"ה האט גיוואלט געבען די יודין דיא הייליגע תורה, וואס זיא איז בעסער פון אלע רפואות און פון אלע ברילאנטין אזוי ווי עס שטייט אין פסוק [כי היים הם למוצאיהם ולכל

מחיב אמר רבי אבהו בשם רבי יוחנן המרכיב את המנורה בשבת כאדם שבונה בשבת ומי שהוא בונה בשבת חייב :

(כה) תנו רבנן הנכנס לבקר את החולה בשבת אומר שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא, ור׳ מאיר אומר יכולה היא שתרחם ר׳ יהודה אומר המקום ירחם עליך ועל חולי ישראל, ר׳ יוסי אומר המקום ירחם עליך בתוך חולי ישראל, שבנא איש ירושלים בכניסתו אומר שלום וביציאתו אומר שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא ורחמיו מרובים ושבתו בשלום וכו׳ ואמר ר׳ חנינא בקושי התירו לנחם אבלים ולבקר חולים בשבת :

(כו) אמר ריש לקיש עכו״ם *) ששבת חייב מיתה שנאמר (בראשית ח׳) ויום ולילה לא ישבתו ואמר מר אזהרה שלהן זו היא מיתתן :

מראה מקומות (כה) שבת דף י״ב : (כו) סנהדרין דף נ״ח :

פירושים

(כה) שבת היא מלזעוק. צריך להרחיב דעתם בתנחומים שלא יצטערו : יכולה היא שתרחם. אם תכבדוהו מלהצטער בה : בתוך חולי ישראל. שמתוך שכוללו עם האחרים תפלתו נשמעת בזכותן של רבים : שבנא איש ירושלים. אדם גדול הי׳ בירושלים ושמו שבנא : רחמיו. של הקב״ה מרובים : שבתו בשלום. נחו בשבתכם לשלו׳ : בקושי התירו. מפני שמצטער :

(כו) עכו״ם ששבת. ממלאכתו יום שלם חייב מיתה שנא׳ יום ולילה לא ישבתו וקרא דריש לי׳ לא ישבתו ממלאכה דאשני אדם כמי קאי ולא תימא לא ישבתו אהך שבת עתים דקרא קאי כלומר לא יבטלון ולא יפסקו מלהיות :

פירוש ע״ט

דרום טאר מען נישט האלטען אום שבת אלייכטער וואס איז צו זאמען געשרויפט, טאמער וועט ער אפּ שרויפען אדער צוא שרויפען :

(כה) תנו. דיא רבנן האבען געלערנט אז אמענטש גייט אום שבת צו אקריינקען זעהן וואס ער מאכט זאל דער מענטש זאגען עס איז היינט שבת מען טאר נישט שרייען אונ וויינען, אונ דיא רפואה וועט אין גיכען קומען, רבי מאיר זאגט מען זאל אזוי זאגען, אויב איר וועט ערליך האלטען שבת אונ איר וועט זיין פרייליך וועט דער זכות פון שבת אויף אייך באשיצען אונ וועט אויף אייך רחמנות האבען, אז איר זאלט געזונד ווערען, רבי יהודה זאגט מען זאל אזוי זאגען, גאט זאל זיך דר בארימען אוף דיר אונ אויף אלע קריינקע יודען, רבי יוסי זאגט מען זאל אזו זאגען, גאט זאל זיך דער בארימען אוף דיר צווישען אלע קריינקע יודען, [כדי דיא תפילה זאל אן גינומען ווערין בזכות הרבים] שבנא פון ירושלים אז ער פלעגט אריין קומען צו אקריינקען אום שבת, האט ער גיזאגט פריד איז צו אייך, אונ ווען ער פלעגט ארוים גיין פון קריינקען האט ער גיזאגט, היינט איז שבת מען טאר נישט שרייען אונ וויינען, אונ דיא רפואה וועט אין גיבען קומען, אונ דיא רחמנות פון גאט אויף אמענטשען איז זייער פיל, אונ רוהט׳ס אין פריעד, ואיר זאלט אייך נישט מצער זיין] : נאך האט רבי חנינא גזאגט עס איז שווער אן גיקומען ביז דיא רבנן האבען מתיר גיוועזן אז מען מעג גיין אום שבת טרייסטען אאבל, אונ מען זאל מעגין גיין אום שבת צו אקריינקען זעהן וואס ער מאכט ומען זאל נישט טארין גיין ווייל דער גייער האט צער אונ אום שבת טאר מען זיך נישט מצער זיין מען באדארף זיך אהן טאן עונג] :

(כו) אמר. רבי שמעון בן לקיש האט גיזאגט אעכו״ם וואס האט געהיט שבת איז חייב מיתה, אזוי וויא עם שטייט אין פסוק גאט האט זייא פערבאטען אז טאג אונ נאכט זאלען זייא נישט רוהען אונ דער הנא האט גיזאגט אויב זייא האבען נישט גיפילעוועט וואס מען האט זייא פערבאטען זענען זייא חייב מיתה :

משלי שבת

בשהו כרפּא] דיא תורה גים אחיות אין מענטשין אונ זיא איז הייליג צו זיין נאנצין לייב. אונ זיא איז אויף יעדר מענטשין ווי אפּאנציר. אים אם היטן פון אלע שלעכטס נאר פון דעסטוועגן וייל די יודין זענן גיוועזן שטארק פאר טיעפּט אין דיא טומאה פון מצרים. אונ האבן נאך נישט גישפּירט אונ גוואוסט דיא טייערקיים פון דר תורה אונ די פיל גוטץ וואס מען האט פאר איר בזה ובבא, וואלטין זייא איר נישט גיוואלט אפשר מקבל זיין האט דר אייבערשטר אזוים גיקליבן איין מצוה פון דר תורה אונ האט זיא אונז גיגעבען אויף אפּראבע מיר זאלען זעהן וויא גוט אונ וויא נוציג עם איז דיא גאנצע הייליגע תורה אונ דיא פיעל גוטץ וואס מיר בעקומען אונ וועלען באקומען פאר איר אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט :

*) מיירי בהעכו״ם הקלמוכים שהיו בימי חכמי התלמוד ;

(כז) אמר רבי יוסי בר חנינא עכו"ם ששמר את השבת עד שלא קיבל עליו את המילה חייב מיתה, למה שלא נצטוו עליה, ומה ראית לומר עכו"ם ששומר את השבת חייב מיתה, אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן בנוהג שבעולם מלך ומטרונה יושבין ומסיחין זה עם זה מי שבא ומכניס עצמו ביניהם אינו חייב מיתה, כך השבת הזו בין ישראל ובין הקב"ה שנאמר (שמות ל"ה) ביני ובין בני ישראל לפיכך כל עכו"ם שבא ומכניס עצמו ביניהם עד שלא קיבל עליו לימול חייב מיתה:

(כח) רבנן אמרי אמר משה לפני הקב"ה רבש"ע לפי שלא נצטוו עכו"ם על השבת תאמר אם הם עושים אותה אתה נושא להם פנים אמר לו הקב"ה מן הדבר הזה אתה מתיירא, חייך אפילו הם עושים כל מצות שבתורה אני מפילן לפניכם מניין ממה שקרינן בענין (דברים ב') ראה החילותי תת לפניך וגו':

פרק כא. מצות שבת שמרו גם האבות:

(א) ויקח ה' אלהים את האדם ויניחהו בגן עדן (בראשית ב'), ויניחהו נתן לו מצות

מראה מקומות (כז) מד"ר דברים פ"א: (כח) שם: (א) מד"ר בראשית פ' ט"ז:

פירושים

(כח) תאמר אם הם עושים אותה. נפקא לי' מדקאמר ראה החילותי תת לפניך ע"כ קאי אשבת שעכו"ם ששבת חייב מיתה וז"פ שאמר הקב"ה אתה מתיירא פאם ישמרו עכו"ם שבת אני נושא להם פנים אדרבא זה שיגרום שאתן אותם בידך:

(א) לעבדה. זו שבת שנקראת שבת גם כן בלשון נקבה:

פירוש ע"ט

(כז) אָמַר. רבי יוסי בר חנינא האָט געזאָגט אַז אַ עכו"ם האָט געהיט שבת אײדער ער האָט זיך גמל געווען קומט אים מיתה ווייל ער איז נישט געבאָטען געוואָרען אַז ער זאָל היטען שבת, פרעגט דער מדרש פאַר וואָס איז דאָס אַזוי, האָט רבי חייא בר אבא געענטפערט פון רבי יוחנן'ס וועגין דער פירונג פון דער וועלט איז, ווען דער מלך און די מלכה זיצען און שמועסין צווישען זיך, אויב אײנער קומט אַריין צווישען זיי קומט אים מיתה, אַזוי איז דאָ ביי שבת זי איז געגעבען געוואָרען צווישען די יודען און גאָט, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאָט האָט געזאָגט דער שבת זאָל זיין צווישען מיר און צווישען די יודען, דרום דער עכו"ם וואָס איז נישט געמל'ט און היט שבת קומט ער צווישען גאָט און יודען, קומט אים דרום מיתה:

(כח) רַבָּנָן. די רבנן האָבען געזאָגט, משה האָט געזאָגט צו גאָט, האַר פון דער וועלט ווייל די עכו"ם זענען נישט געבאָטען געוואָרען צוא היטען שבת, און אויב זיי וועלין היטען שבת וועסטו זיי ווייזען אַפרייליך פנים און וועסט זיי געבען דערפאַר שכר, האָט גאָט געזאָגט צוא משה'ן פאַר דער זאַך פאַרכטסטו זיך, איך שווער ביי דיין לעבין אַז אפילו אויב זיי וועלין טאָהן אַלע מצות וואָס שטייט אין דער תורה וועל איך זיי מאַכען פאַלען פאַר אייך, פרעגט דער מדרש פון וואַנען ווייסען מיר אַז גאָט האָט אַזוי געזאָגט צו משה'ן, ענטפערט דער מדרש עס שטייט דאָרטען אין פסוק גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן זעה איך האָב אָנגיהויבען געבין פאַר דיר דעם מלך סיחון און דיין מורא וועט פאַלען אויף אַלע פעלקער ואפילו זיי וועלען היטען שבת און וועלען טאָהן אַלע מצות וועלען זיי אויך פאַלין פאַר די יודין:

דער אײן-און-צוואַנציגסטער פרק שמועסט אַז זאָגאַר אונזערע אבות האָבען אויך געהיט שבת (האָטש זיי האָבען נאָך נישט גיהאַט די תורה מיט דעם געבאָט צוא היטען שבת):

(א) וַיִּקַּח. אין פסוק שטייט גאָט האָט גינומען דעם מענטש (אדם) און האָט אים גימאַכט רוהען אין גן עדן זאָגט דער מדרש וואָס מיינט מען ער האָט אים גימאַכט רוהען, נאָר דער פשט

משלי שבת

(א) וַיִּקַּח וכו' נתן לו מצות שבת וכו', צוא פאַרשטיין צוא וואָס האָבען און די הייליגע חז"ל דערצעהלט אין

שבת כמו דאת אמר (שמות כ׳) וינח ביום השביעי, לעבדה (שם) ששת ימים תעבוד, ולשמרה (דברים ה׳) שמור את יום השבת לקדשו :

(ב) ר׳ יהודה אומר הקב״ה שמר את השבת בעליונים ואדם שמר אותו ראשון בתחתונים וכו׳ :

(ג) תנו רבנן אדם נברא בערב שבת ומפני מה כדי שיכנוס למצוה וכו׳ :

(ד) בשבע שעות ביום בערב שבת נכנס אדם הראשון בגן עדן והיו מלאכי השרת מקלסין אותו ומכניסין אותו לגן עדן ובין השמשות בערב שבת גורש ויצא וכו׳, בא יום השבת ונעשה סניגור לאדם אמרה לפניו רבון כל העולמים בששת ימי המעשה לא נהרג אדם בעולם ובי אתה מתחיל זו היא קדושתי וזו היא ברכתי שנאמר (בראשית ב׳) ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו ובזכות יום השבת ניצל אדם מדינה של גיהנם וכו׳ :

(ה) אמר רבי ברכי׳ כיון שראה אדם שבחו של שבת שהמביא קרבן מתכפר לו

מראה מקומות (ב) מד׳ תהלים מז׳ צ״ב : (ג) סנהדרין דף ל״ח : (ד) פדר״א פ׳ י״ט ומד׳ תהלים מז׳ צ״ב : (ה) שם ומד״ר קהלת פ׳ א׳ ומד״ר בראשית פ׳ כ״ב :

פירושים

(ג) למצוה. שבת :
(ה) כיון שראה אדם. אדם הראשון :

פירוש ע״ט

איז ער האט אים געגעבן דיא מצוה פון רוהען, ער זאל היטען שבת, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט גירוהט אין זיבעטען טאג [איז גידרונגען אז שבת ווערט אנגירופען רוהען], עס שטייט נאך אין פסוק ער זאל ארבעטען, גייט דאס אויך אויף שבת, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זעקס טאג זאלסטו ארבייטען, נאך שטייט אין פסוק אונ ער זאלען היטען מיינט מען אויך אויף שבת אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זאלסט היטען דעם טאג שבת צו היילגען אים :

(ב) רבי יהודה. ר׳ יהודה האט גיזאגט דער אייבערשטער איז גיוועזן דער ערשטער וואס האט געהיט שבת אין הימעל, אונ אדם הראשון איז גיוועזן דער ערשטער וואס האט געהיט שבת אויף דער וועלט :

(ג) תנו. דיא רבנן האבען גילערנט אדם הראשון איז באשאפען גיווארען פרייטאג, כדי אז ער זאל באלד קענען מקיים זיין אמצוה, דיא מצות שבת :

(ד) בשבע. פרייטאג זיבען שעה אויף׳ן טאג איז אדם הראשון אריין גיגאנגען אין גן עדן, האבען אים דיא מלאכים גילויבט אונ האבען אים אריין גיבראכט אין גן עדן, אונ פארין נאכט האט מען אים ארויס גיטריבען פון גן עדן [ווייל ער האט גיגעסין פון עץ הדעת] איז גיקומען דיא מצוה פון שבת אונ איז גיווארען אגוטער פערטיידיגער פאר אים, אונ האט גיזאגט צום אייבערשטען, האר פון דער גאנצער וועלט ! אין דיא זעקס טעג וואס דוא באשאפסט דיא וועלט איז נאך קיין מענטש ניט גיהרגט גיווארען, אונ אין מיר, אין זיבעטן טאג שבת, ווילסטו אן הייבן, צו דאס איז מיין היילגקייט ? אונ צו דאס איז מיין ברכה ? וואס עס שטייט אין פסוק גאט האט גיבענטש דעם זיבעטען טאג אונ האט אים גיהייליגט, אונ טאקי צו ליב דעם זכות איז אדם הראשון באשירומט גיווארען פון גיהנם :

(ה) אמר. רבי ברכיה האט גיזאגט אדם הראשון באלד וויא ער האט גיזעהן דיא גוטסקייט פון שבת, אז אויב מען איז מחלל שבת אומגערין אונ מען ברענגט אקרבן איז

משלי שבת

אין דיא אלע ערטער פון דעם גאנצען פרק, אז זאגאר אונזערע אבות האבען אויך געהיט דיא מצוה פון שבת ? צו וואס איז דאס אונז אשטארקער אונטערשייד ? ווילען מיר דאס געבין צו פארשטיין מיט אמשל, אגעוויסער מאן האט געגרינדעט אנייע פאבריק פון מאנופאקטור סחורה האט ער זייער גיוואלט רעקלאמירין אויף דער וועלט זיינע וואארע, אונ צו ציהען פיל קונדין, אנאר מחמת ער איז דאך גיוועזן אפרישער מענטש אין אנהייב גישעפט, אונ כל התחלות קשות, האט ער גימוזט גיהערין דיא פרייזין, דאס האט אבער אויך גישט פיעל געווירקט, האט ער זיך מיישב גיוועזן אונ האט ארויס

געשיקט

התחיל משורר עליה להקב"ה שבת ומזמור הדא הוא דכתיב (תהלים צ"ב) מזמור שיר ליום השבת אמר רבי לוי אדם הראשון אמרו:

(ו) וישם ה' לקין אות (בראשית ד') יש אומרים שבת נעל בפניו כמו שכתוב (שמות ל"א) ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם, כשם שלמד שבת זכות על אדם הראשון כך למד על קין:

(ז) והיו לאותות (בראשית א') אלו שבתות ולמועדים אלו שלש רגלים ולימים אלו ראשי חדשים ושנים זה קדוש שנים:

(ח) אמר רבא ואיתימא רב אשי קיים אברהם אבינו כל התורה כולה ואפילו עירובי תבשילין שנאמר (בראשית כ"ו) תורתי אחת תורה שבכתב ואחת תורה שבעל פה:

(ט) שימר יעקב את השבת קודם שניתן:

(י) רבי יוחנן בשם רבי יוסי בר חלפתא אמר, אברהם שאין כתוב בו שמירת

מראה מקומות (ו) תנחומא פ' בראשית: (ז) מד"ר בראשית פ' ו': (ח) יומא דף כ"ח ומד"ר בראשית פ' מ"ט ופ' ס"ד ופ' צ"ה, ובתנחומא לך סי' א' וסי' י"א בהר סי' א' מד' תהלים מז' א', אג"ב פ' י"ג: (ט) מד"ר בראשית פ' ע"ט: (י) מד"ר בראשית פ' י"א:

פירושים

(ו) שבת נעל בפניו. שנתן לפניו זכות שבת שתשובתו הי' בערב שבת א"נ שהקדים והחשיך היום שלא בעונתו שיכנוס שבת שלא בעונתו:

(ז) שבתות. דכתיב בהם אות היא לעולם:

(י) אברהם שאין כתוב בו שמירת שבת. כפירוש אלא וישמור משמרתי: ויחן. משמע לשון שבת ומנוחה

פירוש ע"ט

מען מוחל די עבירה, האט ער אנגיהויבען זינגען פאר גאט אלויב אונ אגיזאנג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אגיזאנג צו זינגען אויף דעם טאג שבת, האט רבי לוי גיזאגט דעם קפיטל האט אדם הראשון גיזונגען:

(ו) וישם. אין פסוק שטייט נאט האט קין'ן גיגעבען אצייכען זאגט דער מדרש דער צייכען איז דער זכות פון מצות שבת, אזו וויא עס שטייט אין פסוק שבת איז אצייכען צווישען מיר אונ צווישען דיא יודען, אונ אזוי וויא שבת האט פערטיידיגט (כלמר זכות גיוועזן) אויף אדם הראשון אזוי האט זיא אויך פערטיידיגט קין'ן:

(ז) והיו. אין פסוק שטייט גאט האט גיזאגט עס זאל זיין ליכטיג כדי עס זאל זיין צו צייכנס, מיינט מען שבתים, ווארום שבת ווערט אן גירופען אצייכען ולמועדים מיינט מען דיא דריי ימים טובים (פסח שבועות סוכות), לימים מיינט מען ראש חודש, לשנים מיינט מען צו היילגין דיא יאהרען, וועלכער יאהר זאל זיין פון צוועלף חדשים אונ וועלכער זאל זיין פון דרייצען חדשים:

(ח) אמר. רבא האט גיזאגט, אנדערע זאגען רב אשי האט גיזאגט, אברהם אבינו האט גיפילעוועט דיא גאנצע תורה, אונ אפילו עירוב תבשילין האט ער אויך גימאכט (אז יום טוב גיפאלט פרייטאג טאר מען דאך נישט קאכען אונ גרייטען עסענווארג פון יום טוב אויף שבת, מאכט מען דרום ערב יום טוב עירוב תבשילין כדי מען זאל מעגין קאכען אונ אן גרייטען אויף שבת):

(ט) שימר. יעקב האט געהיט שבת נאך איידער גאט האט גיבאטען די מצות שבת:

(י) רבי יוחנן. רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי יוסי בר חלפתא'ס וועגען אברהם אבינו וואס בייא אים שטייט נישט אז ער האט געהיט שבת ווארום ער האט נישט גמאכט עירובי

משלי שבת

געשיקט אויף דער וועלט וואיאזשארין, אויף זיין רעכענונג כדי זיא זאלן באקומען אין אלע הויפט שטעט גרויסע באשטעלונגען, דיא וואיאזשארין זענען אין אגליקליכע שעה ארויס גיפארען, אונ מחמת ער האט באפולען צו פאר קויפען פאר בילינגע פרייזען, האבין זיי די וועלט אפ גינומען, אונ האבען באקומען פיל באשטעלונגען, גאר אאומגעלומפעטער צאל. אונ ס'האט

גאר נישט גיהאלפען דיא רייד אונ דיא השתדלות פון דיא איבעריגע וואיאזשארין פון אלע אנדערע עלטערע פאבריקען וואס האבען גיטענה'ט צוא דיא קונים, לאזט זיך נישט נארין, ווארום עס איז אומעגליך אז ער זאל קענען שטענדיג פאר־קויפען אויף דיא מקחים, אונ סוף כל סוף וועט ער בייא איך צוא חאפען דאס האנד געלט, אונ ער וועט אייך פושט את

שבת ירש את העולם במדה שנאמר (בראשית י"ג) קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה וגו' אבל יעקב שכתוב בו שמירת שבת שנאמר (שם ל"ג) ויחן את פני העיר נכנס עם דמדומי חמה וקבע תחומין מבעוד יום ירש את העולם שלא במדה שנאמר (שם כ"ח) והי' זרעך כעפר הארץ ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה:

(יא) כל זמן שהיה יעקב בבית לבן לא שמר אלא שבת:

(יב) כתיב (איוב מ"א) מי הקדימני ואשלם מדבר ביוסף שהוא הקדים ושימר את השבת עד שלא נתנה דכתיב (בראשית מ"ג) וטבוח טבח והכן, אמר ר' יוחנן ערב שבת היתה ואין והכן אלא לשבת שנאמר (שמות ט"ז) והי' ביום הששי והכינו וגו', אמר הקב"ה יוסף אתה שמרת את השבת עד שלא נתנה התורה חייך שאני משלם לבן בנך שיהא מקריב קרבנו בשבת מה שאין יחיד מקריב ועלי לקבל

מראה מקומות (יא) מדרש הובא בס' יסוד התורה: (יב) מד"ר במדבר פ' י"ד. ותנדא"ר פ' כ"ו:

פירושים

ומדכתיב את פני העיר משמע שהולרך לחנות ולשבות לפני העיר שלא היו לו פנאי לשבות בתוכה: עם דמדומי חמה. סמוך לשקיעת החמה שאז השמש אדומה:

(יא) כל זמן וכו'. פי' ע"ז המדרש עי' בס' יסוד התורה:

פירוש ע"ט

תחומין) האט ער גערירשט די וועלט מיט א מאס (נאר ארץ ישראל) אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו אברהם'ן שטיי אויף און גיי אין דעם לאנד אין לייגג און אין ברייט, אבער יעקב וואס ביי אים שטייט אז ער האט געהיט שבת, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער האט גירוהט פאר דער שטאט, און איז נישט אריין גיגאנגען אין שטאט ווייל עס איז אן גיקומען שבת, און ער איז אריין גיגאנגען צום שבת ווען די זוהן איז נאך רויט גיווען, און ער האט גימאכט עירובי תחומין ווען עס איז נאך גווען טאג פון פרייטאג, דרום האט ער גערירשט די וועלט אן א מאס, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו יעקב'ן דיינע קינדער וועלן זיין וויא די שטויב פון דער ערד און דו וועסט זיך שטארקען אין מערב און מזרח און צפון און דרום (צו דיר וועט קערין די גאנצע וועלט פאר דעם וואס דו היטסט שבת):

(יא) כל. די גאנצע צייט וואס יעקב איז גיווען ביי לבן'ן האט ער נאר געהיט שבת:

(יב) כתיב. אין פסוק שטייט גאט זאגט ווער פעדערט מיר (טוט א מצוה נאך איידער איך האב אים גיהייסען) וואס איך זאל אים (פריער נישט באצאלען זיין לוין נאר) דער נאך באצאלען, דאס מיינט מען ביי יוסף'ן ער האט זיך גיפעדערט און געהיט שבת נאך איידער גאט האט גיגעבען די יודען די מצוה, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יוסף האט גיזאגט צו זיינע בעדינער איר זאלט שחטין און אן גרייטען, האט ר' יוחנן גיזאגט דאס האט יוסף גיזאגט פרייטאג, און דאס וואס ער האט זיי אן גיזאגט איר זאלט אן גרייטען, האט ער גימיינט איר זאלט אן גרייטען אויף שבת, האט גאט גיזאגט צו יוסף'ן דו האסט געהיט שבת נאך איידער מען האט גיגעבען די תורה, איך שווער ביי דיין לעבען, אז איך וועל באצאלען דיין איניקיל אז ער וועט מעגין מקריב זיין א קרבן אום שבת, וואס קיין מענטש (א יחיד) טאר דאס נישט, און איך וועל מקבל זיין דעם קרבן מיט מיין גוטען ווילען, דאס מיינט דער פסוק איך באצאל נאך איידער מען טוט מיין גיבאט, און

משלי שבת

הרגל זיין, און גלאט איר ווייסט דאך נישט וואס פאר סחורה איר וועט פון אים באקומען, צוא פונקט ראיעל וויא די פראבין, אבער פון אונזערע פאבריקאנטען, בעקומט איהר דאך ראיעלע סחורה און פונקטליך, ווייל אונזערע פאבריקאנטען זענען אלטע בעוויסטע פאבריקאנטען, און אונזערע פירמעס עקזעסטירען שוין פיעל צעהנדליגער יאהרן, און אונזערע פירמעס זענען פעראנטווארטליך פיר ראיעלע סחורה און גוטע בעהאנדלונג. און אייערע מאמעס און זיידעס האבען אויך גיקויפט סחורה ביי אונזערע פאבריקאנטען. אבער דער נייער אופגיקומענער פאבריקאנטיל ווייס דאך קיינער נישט ווער ער איז? און וואו ער איז? דאס האבען אונז די חז"ל גילערינט אפשר ווילט איר וויסען וואס איז דאס די מצוה שבת

קרבנו ברצון הוי מי הקדימני ואשלם ומניין שכן הוא מטה שאמר בענין (במדבר ז׳) ביום השביעי נשיא לבני אפרים:

(יג) כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע (שמות כ״ד) ראוי הי׳ לומר נשמע ונעשה אלא אמרו ישראל להקב״ה רבון כל העולמים עד שלא שמענום קיימנום, זכור קיים יוסף שנאמר וטבוח טבח והכן:

(יד) ויזרח לו השמש (בראשית ל״ב) מכאן ששמרו האבות את השבת:

(טו) כתיב (שמות ב׳) וירא בסבלותם, ראה שאין להם מנוחה הלך ואמר אל פרעה מי שיש לו עבד אם אינו נח יום אחד בשבוע הוא מת, ואילו עבדיך אם אין אתה מניח להם יום אחד בשבוע הם מתים, אמר לו לך ועשה להן כמו שתאמר, הלך משה ותקן להם את יום השבת לנוח:

(טז) כתיב (שמות ה׳) תכבד העבודה על האנשים מלמד שהי׳ בידן מגילות שהיו

מראה מקומות (יג) מדרש אביר הובא בילקוט יתרו: (יד) מדרש הובא בספר חמדת צבי ובספר דברי יוסף ובספר יסוד התורה: (טו) מד״ר שמות פ׳ א׳: (טז) מד״ר שמות פ׳ ה׳:

פירושים

(יד) מכאן ששמרו. פי׳ ע״ז המדרש עי׳ בס׳ חמדת צבי ובס׳ דברי יוסף ובס׳ יסוד התורה:
(טו) והתקן להם וכו׳. וזהו שתקנו (בתפלת שחרית) ישמח משה במתנת חלקו שהי׳ שמח על שבחר הקב״ה שינוחו ישראל ביום שבחר הוא להם:

פירוש ע״ט

פון וואנען ווייס איך דאס אז יוסף׳ס אייניקיל האט מקריב געווען אקרבן אום שבת, ווייל אין פסוק שטייט גאט האט אן גזאגט אין זיבעטען טאג (אום שבת) זאל מקריב זיין דעם קרבן דער נשיא פון שבט אפרים (יוסף׳ס אייניקיל):

(יג) כל. אין פסוק שטייט דיא יודען האבען גיזאגט אלץ וואס גאט האט אונז אן גיזאגט האבען מיר גיטאן אונ גיהערט, אין פלוג האט דאך באדארפט שטיין „האבען מיר גיהערט אונ גיטאן". נאר אזוי האבען דיא יודען גיזאגט צום אייבערשטען. נאך איידער מיר האבען גיהערט דיא מצות האבען מיר זייא דאך שון מקיים גיוועזען, דיא מצוה פון שבת האט נאך יוסף מקיים גיוועזען, אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יוסף האט אן גיזאגט צוא זיינע בעדינגער גרייטס אן אוף שבת:

(יד) ויזרח. אין פסוק שטייט דיא זוהן האט יעקב׳ן גישיינט, איז דערפון גידרונגען אז אונזערע עלטערען (דיא אבות) האבען געפילעוועט שבת:

(טו) כתיב. אין פסוק שטייט משה האט גיזעהן דיא ארבעט פון דיא יודען, משה האט גיזעהן אז דיא יודען האבען נישט קיין אפרוה, איז ער גיגאנגען צו פרעה׳ן, אונ האט צו אים גיזאגט, דער מענטש וואס האט אקנעכט אויב ער וועט אים נישט לאזען רוהען איין טאג אין דער וואך, וועט ער שטארבען, אונ דיינע קנעכט (דיא יודען) אויב דוא וועסט זייא נישט לאזען רוהען איין טאג אין דער וואך וועלין זייא אויס שטארבען, האט פרעה גיזאגט צו משה גייא טוה מיט זייא וויא דוא זאגסט, איז משה גיגאנגען אונ האט אויס גיקליבען פון זייערט וועגין דעם טאג שבת זייא זאלען אין אים רוהען:

(טז) כתיב. אין פסוק שטייט פרעה האט גיזאגט מען זאל דיא ארבעט שווערער מאכען אוף דיא מענשען זאגט דער מדרש דערפון איז גידרונגען אז דיא יודען האבען גיהאט בראשורין

משלי שבת

פון וואנען שטאמט זיך? ווער וויים פון איר? פון איר גרוים־קייט אונ דעם לוין וואס מען באקומט פיר איר? מא גאט איך אגוטין סימן. אגוטע רעקאמענדאציע, מיט איהר האבן געהאנדילט איך געפילעוועט אונזערע אבות הקדושים דערמאנט זיך נאר אז אונזערע היילינע אבות זיי וועלט בארימטע צדיקים האבן איך געפילעוועט נאך איידער דר אייבערשטר האט זייא גיבאטין וועגין איר, אזוי ליב אונ טייער איז גיוועזען בייא זייא דאס היילינע פאבריקיל ווייל זייא האבין גיוואוסט דיא ראיעלקייט פון דר תורה, אונ וויא אזוי מען ווערט גום באהאנדילט אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט, אז מען האנדילט מיט אונזער פאבריק, אז מען איז מקיים די היילינע מצוה צו היטן שבת:

משתעשעין בהן משבת לשבת לומר שהקב"ה גואלן לפי שהי' נוחין בשבת, אמר להן פרעה תכבד העבודה על האנשים ויעשו בה ואל ישעו וגו' אל יהו משתעשעין ואל יהו נפשין ביום השבת:

(יז) זכור את יום השבת לקדשו קיימו חנניה מישאל ועזרי' שנאמר (ישעיה נ"ו) כי כה אמר ה' לסריסים אשר ישמרו את שבתותי:

פרק כב. תפלת שבת קודש:

(א) כתיב (שה"ש ח') היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני, רבי נתן בשם רבי אחא אמר, למלך שכעס על עבדיו וחבשן בבית קולין, מה עשה המלך נטל כל קצרקטין שלו ועבדיו והלך לשמוע מה הי', ומה הן אומרים, שמע שהי' אומרים אדונינו המלך הוא שבחינו, הוא חיינו, אל נחסור לאדונינו המלך לעולם, אמר להם בני הגביהו קולכם כדי שישמעו חברים שעל גביכם, כך אע"פ שישראל עסוקין במלאכתן כל ששת ימים, ביום השבת משכימין ובאים לביהכ"נ,

מראה מקומות (יז) תנדא"ר פ' כ"ו: (א) מד"ר שה"ש פ"ח:

פירושים

(טז) שהיו נוחין. כדלעיל: משתעשעין. דרש ישעו לשון שעשוע:
(יז) לסריסים. אלו חנני' מישאל ועזרי' שנאמר והי' סריסים בהיכל מלך בבל יכך דרשו בפ' חלק:
(א) בבית קולין. סהר ותפיסה ששם חובשים המורדים: קצרקטין. שרי הצבא ותיל ומחנה: אל נחסור. כלומר יהי רצון שלא יחסור ממנו לעולם כלומר והי לעולם או ר"ל לא נחסור אומנותינו ממנו ולא נמעול:

פירוש ע"ט

וואס אין זייא איז גיוועזן גישריבען אז גאט וועט זייא אוס לייזען, אלע שבת פלעגין זיי רוהען אונ לייענען דיא בראשורין, אונ האבען זיך מיט דעם גיפרייט, האט פרעה גיזאגט מען זאל אויף דיא מענטשען שווערער מאכען דיא ארבעט, וועלען זייא מוזען ארבעטען, וועלען זייא זיך נישט פרייען מיט פאלשע רייד אונ הבטחות, אז גאט וועט זייא אויס לייזען, דרום זאל מען מאכען אז זיי זאלען גאר נישט רוהען אום שבת:

(יז) זכור. דיא מצוה פון היטען שבת האבען אויך חנניא מישאל עזריה מקיים גיוועזן אזו וויא עס שטייט אין פסוק אזו האט גאט גיזאגט צו דיא קערליכע בעדינער (חנניא מישאל עזריה) וואס זייא היטען דיא מצוה פון שבת:

דער צוויי־אונ־צוואנציגסטער פרק שמועסט פון דעם שבת'דיגען דאווענען אין דר פריא:

(א) כתיב. אין פסוק שטייט גאט האט גיזאגט צוא דיא יודען איר זיצט אין גערטנער (אין דיא שוהלען אונ בתי מדרשים) אונ דיא מלאכים הערין אונ פערנעמען אייער שטימע רבי נתן האט גיזאגט פון רבי אחא'ס וועגין ס'איז גלייך צו א מלך וואס איז דערצערענט גיווארען אויף זיינע קנעכט, האט ער גיהייסען פארשליסען זייא אין געפינגקעניש, אונ ער האט גינומען אלע גינעראלען אונ אפיצירען אונ דיא איבעריגע קנעכט אונ איז גיגאנגען צום גיפינגקעניש הערין דורך'ן טיר וואס רעדין זייא דארטען, האט ער גיהערט אז זייא האבען גיזאגט אונזער הער דער מלך איז אונזער לויב אונ אונזער לעבין זאל ער פון אונז קיין מאל נישט פעלין, האט זיך דער מלך צו זייא אפ גירופען רעדט העכער כדי עס זאלען הערין אייערע חברים וואס זענען איבער אייך, אזוי דא

משלי שבת

(א) כתיב היושבת בגנים וכו' אע"פ שישראל עסוקין במלאכתן כל ששת ימים ביום השבת משכימין ובאים לביהכ"נ וגו' והקב"ה אומר להם בני הגביהו קולכם וכו'. מיר וועלין דאס געבין צו פארשטיין מיט א משל. אנביר האט ניהאט אבן יחיד פלעגט אים דר פאטר ברענגין אלע מאל ווען ער פלעגט קומען פון דר רייזע. טייערע שבאכין קליידער. דר בן יחיד איז גיוועזן א גרויסער שטיפער. אונ שטיפענדיג מיט קינדער אין קיים אונ שמוץ האט ער אלע קליידער פאר שמוצט אונ פערדארבן. דיא וועלט איז דאך אגלגל החוזר, דר פאטר איז אלע מאל ארימר גיווארין. אונ ער האט נעבעך אויפגיהערט

וקורין קריאת שמע, ועוברין לפני התיבה, וקורין בתורה, ומפטירין בנביא, והקב"ה אומר להם בני הגביהו קולכם כדי שישמעו חברים שעל גביכם, ואין חברים אלא מלאכי השרת, ותנו דעתכם שלא תשנאו זה את זה, ולא תקנאו זה את זה, ולא תחרחרו זה את זה, ולא תביישו זה לזה, שלא יאמרו מלאכי השרת לפני, רבש"ע תורה שנתת להם לישראל אינן עוסקים בה, והרי איבה וקנאה ושנאה ותחרות ביניהם ואינם מקיימים אותה בשלום:

(ב) בשבת יושב הקב"ה וממתין לתפילת ישראל ורמז לזה (תהלים כ"ב) ואתה קדוש יושב תהלות ישראל הסופי תיבות אותיות שבת:

(ג) בשבת ממהרין לבוא וממהרין לצאת:

(ד) הקדוש ברוך הוא ברא שר לכל בריה ובליל שבת בראשית ישב על כסא כבודו וקראם כולם ובעמדם לפניו עמד מכסאו והושיב בו שר של שבת ובראותם כך עמדו ואמרו שירות ותשבחות לשר של שבת (תהלים צ"ב) מזמור שיר ליום השבת,

מראה מקומות (ב) מגלה עמוקות: (ג) מגילה דף כ"ג: (ד) מדרש הובא בע"ש מבעל הי"ר, והוא בבתי מדרשות בית ראשון צד ח':

פירושים

(ג) ממהרין לבוא. לכיהכ"נ שכבר תקנו הכל מערב שבת ויפה למהר כיהתן לקרות שמע כוותיקין: וממהרין לצאת. משום ענג שבת ועי' במס' סופרים פי"ח מ"ד ונ"ע ועי' בש"ע או"ה סי' רפ"א:

פירוש ע"ט

ביא דיא יודען האטען זייא זענען געשלאסען אנאנצע וואך פון צו לערנען תורה, ווייל אלע וועקם טאג זענען זייא באשעפטיגט אין זייערע געשעפטען, אנאר אז עס קומט שבת שטייען זייא אויף גאנץ פריא, אונ גייען אין שוהל, אונ לייענען קריאת שמע, אונ דאווענען פארין עמוד, אונ זייא לייענען אין דער תורה, אונ זייא זאגען דיא הפטורה, זאגט גאט צוא דיא יודען הייבט אויף אייער שטימע אום עס זאלען הערין דיא חברים, דיא מלאכים וואס זענען אויף אייך, אונ זעהט אז איינער מיטען צווייטען זאלען זיך נישט פיינד האבען, אונ נישט מקנא זיין, אונ זיך נישט קריגען, אונ נישט פאר-שעמען, אום דיא מלאכים זאלען נישט זאגען, האר פון דער וועלט, די"א תורה וואס דוא האסט גיגעבען די יודען לערנען זייא איר נישט, ווארום ס'איז דא צווישען זייא פיינדשאפט אונ קנאה אונ קריג, אונ זענען איר גישט מקיים מיט פריעד:

(ב) בשבת. אום שבת זיצט דער אייבערשטער אונ ווארט צוגעמען דיא יודישע תפלות, אונ עס איז דא ארמז אין פסוק [ואתה קדוש יושב תהלות] דוא היילינער גאט דוא ווארטס אויף דיא לויב פון דיא יודען איז דיא לעצטע אותיות שבת:

(ג) בשבת. אום שבת קומט מען אין שוהל פריא, לייענען פריא קריאת שמע, אונ מען גייט אוועק פריא פון שוהל, כדי פריער עסין אונ אן טאן זיך פערגעניגען:

(ד) הקב"ה. גאט האט צוא יעדער באשאפעניש באשאפען א שר, דעם ערשטען פרייטאג-צו-נאכט האט זיך גאט אנידער גיזעצט אויף זיין שטול, אונ ער האט גירופען אלע שרים [פון דיא באשעפענישען] האבען זייא זיך אנידער גישטעלט פאר אים, האט זיך גאט אויף גיהובען פונם שטול אונ ער האט אויף איר אנידער גיזעצט דעם שר פון שבת, וויא אלע שרים האבען דאס גיזעהן האבען זייא אנגיהויבען זאגען לויבונגען אונ גיזאנגען צום שר פון שבת. זייא האבען גיזאגט אגיזאנג צו זינגען צום שבת, האט זיך גאט אן גירופען. צום שר פון שבת זאגט איר שירה אונ צו מיר זאגט

משלי שבת

צו רייזען אויף דר וועלט אונ ער האט נישט גיקענט קויפן דעם בן יחיד'יל נייע שטאף אויף קליידר. דר פאטר האט דערפון גיהאט גרויסע שמערצין ווארום דאס קינד איז כמעט געבליבין נאקעט אונ בארוועס. רופט זיך אמאל אפ דר פאטר צום קינד, הער מיין קינד! אלע קליידר האסטו שוין ליידער איבר געפירט

ווייל דוא האסט געשטיפט אונ זיך גיוואלגערט אין שמוץ אונ בלאטע מיט דיינע חברים אונ נייע קליידער קען איך דיר, זעלבסט פערשטענדליך גיט מאכין, אלזא מיין קינד יעצט וועניגסטען זאלסטו האטען היטען דעם מלבוש וואס דר שניידר וועט דיר נאך אפ ברענגען, אז האטן אים אליין זאלסטו שוין גישט

אמר הקדוש ברוך הוא לו אתם אומרים שירה ולי אין אתם אומרים שירה, כיון ששמע שר של שבת כך שטוב בעיני הקב"ה לומר שירה לפניו מיד ירד מן הכסא וצוח ואמר טוב להודות לה' וענו כולם ואמרו לזמר לשמך עליון לפיכך התקינו לאל אשר שבת:

(ה) מזמור שיר ליום השבת (תהלים צ"ב) במזמור הזה אתה מוצא שבעה אזכרות וכו' מכאן סמכו שבעה ברכות שמתפללין בשבת, ד"א כנגד שבעה קולות שכתוב במזמור (תהלים כ"ט) קול ה' על המים, ד"א כנגד שבעה קולות שבמתן תורה וכו' וכן דוד אומר (תהלים קי"ט) שבע ביום הללתיך:

(ו) השיר שהיו הלוים אומרים במקדש וכו' בשבת היו אומרים מזמור שיר ליום השבת מזמור שיר לעתיד לבא ליום שכולו שבת ומנוחה לחי העולמים:

פרק כג. קריאת התורה בשבת:

(א) משה תיקן להם לישראל שיהיו קורין בתורה בשבתות:

מראה מקומות (ה) מדרש ילמדנו הובא בילקוט תהלים סי' צ"ב ועי' במס' ברכות דף כ"ט: (ו) תמיד דף ל"ג, ר"ה דף ל"א: (א) ירושלמי מגילה הל' א' הובא ברא"ש מגילה פ' הקורא עומד סוף סי' ו' ובאלפסי שם:

פירושים

(ו) ליום שכולו שבת. שעתיד העולם להיות חרב ואין אדם, וכל המלאכות מובטלות, על אותו יום אומרים שיר של שבת: ומנוחה לחי העולמים. עי' בס' באר שבע שכתב בשם ספרים מדויקים של"ג ומנוחה לחי העולמים אלא ליום שכולו שבת ותו לא:

(א) משה תיקן. עי' במס' בב"ק (דף פ"ב) ובר"ן שעל הרי"ף (פ' הקורא עומד) ובמג"א (סי' קל"ה סק"א) ועי' מס"כ ע"ז הרי"מ בהסכמתו להר"ן מגילה (הנדפס בירושלים):

פירוש ע"ט

איר זינגט קיין שירה? וויא דער שר פון שבת האט געהערט אז גאט וויל אז מען זאל פאר אים זאגען שירה, איז ער אראפ פון שטול אונ אן גיהובען שרייען אונ זאגען, גוט איז צוא לובען גאט, האבען אלע שרים גיענטפערט אונ צו זינגען צו דיין נאמען וואס איז העכער פון אלע [דאס איז אין תהלים קפיטיל צ"ב], דרום האט מען מתקן גיוועזן צוא זאגען לאל אשר שבת, [דאס דאווינט מען אום שבת]:

(ה) מזמור. אין קפיטיל מזמור שיר ליום השבת איז דא זיבען מאל דער שם הוי', דרום האבען די חכמים מתקן גיוועזן אז אום שבת זאל מען דאווענען אין שמונה עשרה זיבען ברכות, נאך אטעם פאר וואס מען האט מתקן גיוועזן זיבען ברכות, אנטקעגין דיא זיבען מאל קול (אויף זיבען זאכען איז דעם אייבערשטין'ס שטימע) וואס דוד המלך האט גיזאגט, אין תהלים [קפיטיל כ"ט], נאך אטעם געגען דיא זיבען קולות וואס מען האט גיהערט בשעת מען האט דיא יודען גיגעבען דיא תורה, אונ אזו האט דוד גיזאגט זיבען מאל טוה איך דיר לויבען אין טאג שבת:

(ו) השיר. דיא קפיטלאך תהלים האבין דיא לוים גיזונגען אין בית המקדש, אום שבת פלעגין זייא זאגען דעם קפיטיל מזמור שיר ליום השבת, ווייל דיא וועלט וועט דאך חרב ווערין, אונ אלע ארבעטין וועלין פאר ניכטעט ווערין, וועט דאך דעמאלט זיין טעג פון רוהען, דרום האבען זייא גיזאגט אגיזאנג איז צו דעם קומענדיגען טאג, [צו דיא נייע וועלט] וואס עס וועט דעמאלט שטענדיג זיין שבת:

דר דריי־אונ־צוואנציגסטר פרק שמועסט פון לייענען די תורה אום שבת אין דר פריא.

(א) משה. משה האט פארארדינט אז מען זאל לייענען דיא תורה אום שבת:

משלי שבת

גישט פארשמוצען אונ פאר דארבען, ווייל דאך נאר דער אייגער קאסטיום איז איבר גיבליבין פון אלע דיינע מלבושים, אונ דר איז אין גאנצין דיינע מלבושי כבוד, דר צייכן פון מיינע גבירישקייט. זעה שוין מיין קינד פאלג מיינע רייד ועסמו זיין גליקלאך איבער גליקלאך, דער בן יחיד האט באמערקט אז דר פאטר איז גירעכט, אונ אז זיינע רייד זענין

פיל

(ב) בשבת שבעה אין פוחתין מהן אבל מוסיפין עליהן ומפטירין בנביא הפותח והחותם בתורה מברך לפניה ולאחריה והאידנא כולהו מברכי לפניה ולאחריה גזירה משום הנכנסין ומשום היוצאין :

(ג) הני שבעה כנגד מי פליגי בה ר' יצחק בר נחמני וחד דעימי' ומנו ר' שמעון בן פזי ואמרי לה ר' שמעון בן פזי וחד דעימי' ומנו ר' יצחק בר נחמני ואמרי לה ר' שמואל בר נחמני חד אמר כנגד ברכת כהנים וחד אמר כנגד שבעה רואי פני המלך :

מראה מקומות (ב) מגילה דף כ"א : (ג) שם דף כ"ג :

פירושים

(ב) משום הנכנסין. שאם יכנס אדם לבית הכנסת אחר שבירך ראשון ואם לא ישמע את האחרים מברכין יאמר אין ברכה בתורה לפני' : ומשום היוצאין. ולא שמעו את החותם מברך לאחריה והראשונים לא ברכו יאמרו היוצאים אין ברכה בתורה לאחרי' :

(ג) ברכת כהנים. שבעה תיבות בפסוק שלישי : שבעה רואי פני המלך. כדכתיב שבעת שרי פרס ומדי וכנגדן תקנו אלו מעין דבר מלכות :

פירוש ע"ט

(ב) בשבת. אום שבת רופט מען אויף צוא דער תורה זיבען מענטשען. מען טאר נישט רופען וויינינגער פון זיבען, אבער רופען מיין פון זיבען מעג מען, נאכען לייענען באדארף מען לייענען דיא הפטרה אין נביאים, דער ערשטער גירופענער זאגט דיא פאדער [ערשטע] ברכה, און דער לעצטער גירופענער זאגט דיא צווייטע ברכה, נאר היינטיגע צייטען זאגט יעדער גירופענער ביידע ברכות, דיא ערשטע באדארף יעדער גירופענער זאגען ווייל מען האט מורא פאר דיא קומענדיגע מענטשען [ווארום אויב יעדער גירופענער וועט נישט זאגען ביידע ברכות האט מען מורא טאמער נאכדעם דיא מען האט אויף גירופען דעם ערשטען און האט גימאכט דיא ברכה, וועט עמיצער אריין גיין אין שוהל און וועט זעהן וויא מען רופט אויף מענטשען, און זיא זאגען נישט דיא ברכה, וועט ער זאגען אז פארין לייענען דיא תורה באדארף מען נישט זאגען קיין ברכה, און באמת האט ער נישט גיהערט אז דער ערשטער האט גיזאגט דיא פאדער ברכה]. און דיא צווייטע ברכה [דיא ברכה נאכען לייענען] באדארף יעדער גירופענער זאגען ווייל מען האט מורא פאר דיא ארויסגייענדיגע מענטשען [ווען וועלין ארויס גיין מענטשען פון שוהל איידער מען וועט אוף רופען דעם לעצטען וואס וועט זאגען דיא ברכה, וועלין זיא מיינען אז נאכען לייענען באדארף מען נישט זאגען קיין ברכה, און באמת וועט דער לעצטער וואס מען וועט אויף רופען אגען דיא צווייטע ברכה] דרום האט מען מתקן גיוועז אז יעדער גירופענער זאל זאגען דיא צווייטע ברכה אויך :

(ג) הני. געגין וואס רופט מען אום שבת אוף צוא דער תורה זיבען מענטשען, קריגען אין דעם ר' יצחק בר נחמני און איינער מיט אים. דאס איז ר' שמעון בן פזי. אנדערע זאגען ר' שמעון בן פזי און איינער מיט אים, דאס איז ר' יצחק בר נחמני און אנדערע זאגען ר' שמואל בר נחמני איינער זאגט דאס איז געגין דיא ברכות וואס דיא כהנים בענטשען דיא יודען איז דא אין דריטען פסוק זיבען ווערטער, און איינער זאגט דאס איז קעגין דיא זיבען הארין פון פרס ומדי, וואס זענין גיזעסין נעבין אחשורוש'ן [דאס איז דאך אויך אקיסר'ליכע זאך] :

משלי שבת

וועלכע שעדליכע זאך האט איר געגעסן. דערצעהלן זייא אים. ספייטש. מיר עסן דאך נאר קאמפאט. שון איינגע מאנאטן. קיין אנדער געקעכץ קומט דאך צוא אונז אין מויל נישט אריין. דר דאקטער האט זיך שטארק צוא לאכט. און זאגט צוא זיי. שוטים. א קוסישע קעפ, קאמפאט איז גוט. אז מען עסט פיש און פלייש. דאן פארדייעט דר קאמפאט דיא שפייז. און עס איז אנגענעהם. אבער עסין דורך אום קאמפאט. אן פיש און אן פלייש. קען מען נאך חלילה באקומען א קאמאר־זאלודאק. האט ער זייא געגעבן ריצעפטין און האט זייא קיים

אוים

(כא) גדולה שבת שנתנה הקב"ה לבחון בה גרי הצדק שהרי לא פירש טתרי"ג מצות אלא שבת בלבד, שנאמר (ישעי' נ"ו) ובני הנכר הנלוים וגו' כל שומר שבת וגו':

(כב) גדולה שבת שאין כהן גדול נכנס לעבודה אחר משיחתו עד שתעבור עליו השבת שנאמר (שמות כ"ט) שבעת ימים ילבשם הכהן:

(כג) גדולה שבת שכשהדלדלו ישראל ממעשים טובים לא עמדה להם אלא זכות השבת שנאמר (מ"א כ') ויחנו אלה נוכח אלה שבעת ימים, עד שתעבור עליהם השבת, ובימי יאשיהו היא שעמדה להם שנאמר (מ"ב י"ח) בשביעית, שהזכיר להם השבת:

(כד) גדולה שבת שאינה נדחית אלא מפני סכנת נפשות כגון חולה מסוכן או תינוק שנפל לים או לנהר או לבור או כיוצא בזה:

(כה) בשבת מחזירין לישראל השני כתרים של נעשה ונשמע:

מראה מקומות (כא) מדרש הובא באור עולם שבסוף ספר ראשית חכמה: (כב) שם וכן הוא להלכה ברמב"ם הל' כלי המקדש פ' ד' הל' י"ג: (כג) שם: (כד) שם: (כה) מדרש הובא ברמתים צופים על התנדא"ו ח"ב אות י"ב:

פירושים

(כג) ובימי יאשיהו. נ"ל כצ"ל „ובימי יהואש היא שעמדה להם שנאמר (מ"ב י"א) השלישית מכם באי השבת וגו'", שזכות השבת עמדה ליהואש שניצל מתוך בני המלך המומתים ע"י עתליהו:

פירוש ע"ט

(כא) גדולה. די מצוה פון שבת איז גרוס, דען גאט האט גאר איר אום געקליבען פון אלע זעקס הונדערט און דרייצען מצות צו פרובירען דיא גרים, אזו וויא אין פסוק שטייט די פרעמדע פעלקער וואס באהעפטען זיך צו יודען זייא היטען שבת וכו':

(כב) גדולה. דיא מצוה פון שבת איז גרוס. דען דער כהן גדול טאר נישט טאן דיא עבודה נאך דעם וויא מען האט איהם געזאלבט ביז עס לופט איבער דער טאג שבת, אזו וויא עס שטייט אין פסוק זיבען טאג זאל דר כהן איבער ביטען זיינע קליידר (בדי עס זאל איבער לופן שבת):

(כג) גדולה. דיא מצוה פון שבת איז גרוס, דען אז דיא יודען זענען פארארומט געווארען פון מצות און וואהלטהאטין איז זייא נישט בייא געשטאנען נאר דער זכות פון מצות שבת, אזו וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען גירוהט איינער אנטקעגען צווייטען זיבען טאג (איז געווען אין מיטען שבת), און אין יאשיהו'ס צייטען איז אויך בייא געשטאנען נאר דער זכות פון שבת, אזו וויא עס שטייט אין פסוק אין זיבעטען, ער האט זייא דערמאנט דעם זיבעטען טאג שבת:

(כד) גדולה. דיא מצוה פון שבת איז גרוס, דען קיין זאך שטוסט איר נישט אפ, אויסער אלעבינם-איינשטעלעניש, דהיינו איינפעהרליכער-קראנקער, אדער אקינד וואס איז אריין גיפאלען אין אטייך אדער אין אברונען, אדער אין אגריב. אדער דאס גלייכען:

(כה) בשבת. אום שבת גיט מען צוריק דיא יודען דיא צוויי קרוינען וואס מען האט גיגעבען יעדער יודען פאר דעם וואס זייא האבען גיזאגט נעשה ונשמע (מיר וועלען טאן נאך איידער מיר וועלען הערין) וואס מען האט צו גינומען אז מען האט גיזינדיגט מיטען עגל:

משלי שבת

אויב ניחיילט. און האט וויא אין גיזאגט אז דר עיקר איז אז איר זאלט שטענדיג עסין פיש און פלייש. דאס זאל זיין בייא אייך דר איין און איינציגסטע מאכל. ווארום דאס איז דר חיות פונם מענטשען. נאר היות מען מוז דאך עפעס פארבייסען כדי עס זאל לייכטער פארדייען דאס עסין, מעגט איר נאך מיטאג, אז איר האט שוין אפ גיגעסן פיש אין פלייש. עסין אביסילע קאמפאט. דאס זאגט דיא ספיקקא דאס גלייבן איז דא. נאט האט באשאפן איהם יאהר דריי הונדערט און פינף און זעכציג טעג. האט ער אז גיזאגט דיא יודן. דר עיקר און דר יסוד פונם גאנצן יאהר זאל זיין בייא אייך נאר איין און איינציגער טאג שבת. איר זאלט זיך האלטן שטענדיג אזוי וויא עס איז יעצט דר איין טאג שבת וואס נאט האט אויס גקליבן. דרום זאלט איר נידעיקן אגאנצן יאהר. יעדר חודש. יעדר וואך. יעדר טאג. יעדר שעה. יעדר רגע, אז עס איז יעצט

(כו) בשבת ישראל שומרי שבת:

(כז) רבי אליעזר אומר שער החצר הפנימית הפונה קדים ששת ימי המעשה דלתיו סגורים וביום השבת הם נפתחים מאליהם שנאמר (יחזקאל מ"ו) כה אמר ה' שער החצר הפנימית וגו' יהי' סגור וגו', ר' יהודה אומר בשבתות ובחדשים היו ישראל עומדים שם ורואין הדלתות נפתחין מאליהן ויודעים שבא יום השבת ומקדשין את השבת:

(כח) שבעה מועדות הן, שבת, חג המצות, חג העומר, חג השבועות, חג השופרות, חג יום הכפורים, וחג הסוכות:

(כט) כשברא הקב"ה שמים וארץ עשה ממונים לכל מה שברא, למזלות ולדשאים ולאילנות ולימים, וכשבא יום השבת נתקבצו כל הממונים וקלסו להקב"ה ואמרו (תהלים צ"ב) מזמור שיר ליום השבת:

(ל) רבי שאליה לרבי ישמעאל ברבי יוסי אמר לי' שמעת מאביך מהו (בראשית ב')

מראה מקומות (כו) מדרש הובא בילקוט אסתר ג': (כז) פדר"א פ' נא וילקוט יחזקאל מזמור מ"ו: (כח) מדרש תדשא פרק ו' (כט) ספר יצירה הובא בפי' המיוחס לרש"י שעל המדרש ב"ר פ' י ד"ה מה הי': (ל) מד"ר בראשית פרק י':

פירושים

(כט) כשברא וכו'. עי' לעיל (פרק כ"ב אות ד') הובא מאמר כעין זה בארוכה קצת בשם סודי רזי להרוקח: (ל) מהו ויכל. וכי בשבת הי' עושה מלאכה והכתיב וישבות ביום השביעי: הסדן. מתיכת ברזל גדולה שמרדדין

פירוש ע"ט

(כו) בְּשַׁבָּת. אום שַׁבָּת הָאבֶּען דִיא יוּדֶען אַזְכוּת, וָואס זַייא הִיטֶען דִיא מִצְוָה פוּן שַׁבָּת:

(כז) רַבִּי אֱלִיעֶזֶר. רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הָאט גִיזָאגְט דֶער טוֹיעֶר פוּנְם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּנְם אִינְעֶווייניגְסְטֶען הוֹיף, וָואס עֶר קֶערְט זִיךְ צוּ מִזְרָח, זֶענֶען פֶערְשְׁלָאסֶען זַיינֶע טִירֶען אַלֶע זֶעקְס טֶעג פוּן דֶער וָואךְ, אוּנ אוּם שַׁבָּת, וֶוערֶען זַייא גִיעֶפֶענְט פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט, אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַזוֹ הָאט גָאט גִיזָאגְט דֶער טוֹיעֶר פוּנְם אִינְעֶווייניגְסְטֶען הוֹיף, וָואס קֶערְט זִיךְ צוּ מִזְרָח, זָאל זַיין פַארְשְׁלָאסֶען אַגַאנְצֶע וָואךְ. אוּנ אוּם שַׁבָּת זָאל עֶר זִיךְ עֶפֶענֶען. מֵיינְט מֶען פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט זָאל עֶר אָפֶען וֶוערִין, רַבִּי יְהוּדָה הָאט גִיזָאגְט אַלֶע פְרֵייטָאג אוּנ עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זֶענֶען דִיא יוּדֶען גִישְׁטַאנֶען לֶעבֶּען דִיא טְהִירִין, אוּנ וָוען זַייא הָאבֶּען דֶערְזֶעהֶן אַז דִיא טְהִירִין עֶפֶענֶען זִיךְ הָאבֶּען זַייא גִיוואוּסְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין שַׁבָּת, הָאבֶּען זַייא גִיהֵיילִיגְט דֶעם שַׁבָּת:

(כח) שִׁבְעָה. זִיבֶּען יָמִים טוֹבִים אִיז דָא, שַׁבָּת, אוּנ פֶּסַח, אוּנ דֶעם טָאג וָואס מֶען הָאט מַקְרִיב גִיוֶוען דֶעם עוֹמֶר, אוּנ שָׁבוּעוֹת, אוּנ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּנ יוֹם כִּפּוּר, אוּנ סוּכּוֹת דִיא אַלֶע זִיבֶּען וֶוערִין אָן גִירוּפֶען יוֹם טוֹב:

(כט) כְּשֶׁבָּרָא. אַז גָאט הָאט בַּאשַׁאפֶען דִיא הִימֶעל אוּנ דִיא עֶרְד, הָאט עֶר בַּאשְׁטִימְט אוֹיפְזֶעהֶער (שָׂרִים) אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפֶען, דְהַיְינוּ אוֹיף דִיא מַזָּלוֹת אוּנ אוֹיף דִיא גְרָאזֶען אוּנ אוֹיף דִיא בּוֹימֶער אוּנ אוֹיף דִיא טֵייכֶען, אַז עֶס אִיז גִיוָוארֶען שַׁבָּת הָאבֶּען זִיךְ דִיא אַלֶע שָׂרִים אוֹיף גִיקְלִיבֶּען אוּנ הָאבֶּען גִילוֹיבְּט גָאט, אוּנ הָאבֶּען גִיזָאגְט אַגִיזַאנְג אִיז צוּ זִינְגֶען אִינְם טָאג שַׁבָּת:

(ל) רַבִּי. רַבִּי הָאט גִיפְרֶעגְט בַּייא רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בְּרַבִּי יוֹסֵי פִילֵייכְט הָאסְטוּ גִיהֶערְט פוּן דַיין פָאטֶער דֶעם פְּשַׁט פוּנְם פָּסוּק אַז גָאט הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין אַרְבֶּעט דֶעם זִיבֶּעטֶען טָאג, אִיז דָאךְ

משלי שבת

דֶר טָאג. אוּנ גָאט הָאט אוּם גִיקְלִיבֶּן אָט דֶעם מָאמֶענְט פַאר זִיךְ. דְרוּם בַּאדַארְף מֶען יֶעצְט טָאן אַלְץ פוּן גָאטְס וֶועגְן. נָאר דַאוְונֶען אוּנ לֶערְנֶען אוּנ מְקַיֵּים זַיין מִצְוֹת הַשֵּׁי"ת. אוּנ נִישְׁט פַארְבְּרֵיינְגֶען אִין הֶבֶל הֲבָלִים. וָוארוּם דָאס אִיז דָאס גַאנְצֶע חָיוּת פוּנְם יוּדֶענְטְהוּם אוּנ פוּנְם יוּדִישְׁן גְלוֹיבְּן. אוּנ נָאר אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט דִיא וֶועלְט. נָאר הָיוֹת מֶען בַּאדַארְף דָאךְ קֶענֶען פַארְדִיינֶען אַזַא מִין מַאֲכָל. מֶען מוּז דָאךְ הָאבֶּן אוֹיף'ן לֶעבִּינְס־מִיטֶיל. הָט גָאט עֶרְלוֹיבְּט עֶסֶן אַקַאפֶּעלֶע קָאמְפָּאט. בַּאשֶׁעפְטִיגֶן זִיךְ אִין מִסְחָר אָדֶר מְלָאכָה. וָוארוּם דָאס אִיז דָאךְ אַדָבָר הֶכְרֵחִי. דֶר מֶענְטְשׁ מוּז דָאס הָאבֶּן צוּם עֶקְזִיסְטֶענְץ. נָאר

ויכל אלהים ביום השביעי, אתמהא, אמר לו כזה שהוא מכה בקורנוס על גבי הסדן הגביהה מבעוד יום והורידה משתחשך, אמר רבי שמעון בן יוחאי בשר ודם שאינו יודע לא עתיו ולא רגעיו ולא שעותיו הוא מוסיף מחול על הקודש, אבל הקב"ה שהוא יודע רגעיו ועתיו ושעותיו נכנס בו כחוט השערה, גניבה ורבנן, גניבא אמר משל למלך שעשה לו חופה וציירה וכיירה ומה היתה חסירה כלה שתכנס לתוכה, כך מה הי' העולם חסר, שבת, רבנן אמרי משל למלך שעשה לו טבעת מה היתה חסירה חותם, כך מה הי' העולם חסר, שבת, וזה אחד מן הדברים ששינו לתלמי המלך ויכל אלהים ביום הששי וישבות ביום השביעי וכו',
ומה נברא בו לאחר ששבת, שאנן ונחת ושלוה והשקט:

פירושים

עלי' ברזל וכל כלי מתכות: **והורידה משתחשך**. ורש"י גרס והורדה משתחשך, פי' החזיר ידו מן המלאכה משתחשך: **וציירה**. פי' הערוך עשה ציורים בקירה ובכותלים: **מה הי' העולם חסר שבת**. פירש רש"י יום הקילוס וכן מפורש בספר יצירה כשברא הקב"ה שמים וארץ עשה ממונים לכל מה שברא וכו' כשבא יום השבת נתקבלו כל הממונים וקלסו להקב"ה וכו', אבל בפירש"י בחומש משמע שהעולם הי' חסר מנוחה וכאשר בא שבת הרי בא ג"כ מנוחה ונגמרה המלאכה בלי חסרון. ופירושו ויכל אלקים עם יום השביעי מלאכתו: **ומה נברא בו**. כשבת מאחר ששבת מכל מלאכתו: **שאנן וכו'**. כמו שאמרו חז"ל בפירוש [מובא בתוספת סנהדרין דף ל"ח ע"א ד"ה אלבה] מה הי' העולם חסר, מנוחה, בא שבת בא מנוחה:

פירוש ע"ט

וואונדער האט דען גאט גיארבעט אים שבת? האט אים רבי ישמעאל ברבי יוסי גיענטפערט דאס איז אזו וויא אמענטש קלאפט מיט אהאמער אויף אקלאץ, האט ער אויף גיהובען אין דער הויך די האנד מיטען האמער איידער סאיז גיווארען שבת און האט אראפ גילאזען די האנד פונקט ווען עס האט אנגיהובען צו ווערען שבת, זעהט עס אויס וויא ער האט גיארבעט אום שבת. רבי שמעון בן יוחאי האט גיזאגט אמענטש ווייל ער ווייס נישט פונקט די רגע ווען עס טיילט זיך אפ דער טאג פון דער נאכט, דריבער באדארף ער מערין פון פרייטאג אויף שבת, אבער גאט וואס ער ווייס די צייט און די רגע ווען עס ווערט שבת, האט ער אויף גיהערט צו ארבעטען פונקט אין דער רגע ווען עס איז גיווארען שבת. גניבא און די רבנן קריגען, גניבא זאגט דאס איז גלייך צו אקעניג וואס האט גימאכט אחופה האט ער איר אום גיקאלכט און אום גימאלעוועט. וואס פעלט נאך? די כלה זאל אריין גיין אונטער דער חופה. אזוי איז דא גיוועין. גאט האט באשאפען די וועלט זייער שיין, וואס האט גיפעלט? דר טאג שבה, און ווי דער טאג שבת איז גיקומען איז גיענדיגט גיווארען די גאנצע ארבעט. [דאס מיינט דער פסוק ויכל אלהים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה, מיט דעם זיבעטען טאג האט גאט גיענדיגט זיין ארבעט], די רבנן זאגען דאס איז גלייך צו אקעניג וואס מען האט אים גימאכט פארטיג אפינגעריל פעלט נאר מען זאל אום קריצען אויפען פינגעריל דעם קעניג'ס נאמען. אזוי איז דא גיוועין גאט האט באשאפען די וועלט פעלט נאר אחתימה אלע זאלען וויסען אז גאט האט זיא באשאפען און די וועלט גיהער צו אים. דריבער האט גאט גיגעבען דעם שבת, וואס דער שבת זאגט עדות אז גאט האט באשאפען די וועלט, [מיינט דער פסוק ויכל אלהים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה, דער זיבעטער טאג זאגט עדות אז גאט האט גיענדיגט זיין ארבעט וואס ער האט גימאכט, נישט קיין אנדערער]: דער פסוק איז איינער פון די פסוקים וואס מען האט פארענדערט פאר דעם קעניג תלמי. מען האט פאר אים גישריבען גאט האט גיענדיגט זיין ארבעט דעם זעקסטען טאג, און ער האט גירוהט דעם זיבעטען טאג: וואס איז באשאפען גיווארען אויף דער וועלט דער נאך וויא גאט האט גירוהט שטילקייט און פערגעניגען און פרייד און רוהיקייט;

משלי שבת

בתנאי אז מ'ען זאל געדיינקען אז דעם קאמפאט עסט מען. ווייל מען האט גיגעסן פיש און פלייש. און מען וויל דאס זעלבע ווייטער עסן. כדי מען זאל קענען עקזיסטירן. און מען האפט דאס ביסעלע קאמפאט נאר אויף אקנות סעודה. ווארום דאס

איז

(לא) למה לא נאמר ויהי ערב ויהי בוקר ביום השבת מפני שנשים חייבות בקידוש היום דבר תורה:

(לב) שם שם לו חק ומשפט (שמות ט"ו) חק זה שבת דברי רבי יהושע וכו':

(לג) ושמרתם את בריתי (שמות י"ט) רבי אליעזר אומר זה ברית שבת:

(לד) החודש הזה לכם (שמות י"ב) ר' יהודה בן שמעון אומר מה החודש הזה, למה הדבר דומה, למלך שהי' נוטל נשים הרבה ולא הי' כותב להם גמיסקין ולא איפטיה ולא חודש ולא שבת, ראה אחת בת טובים ובת גינוסים, וכתב לה גמיסקין ואיפטייה וחודש ושבת ועיבור שנים, כך אמר הקב"ה, כיון שבראתי את עולמי היו אומות העולם עומדים, לא נתתי להם לא חודש ולא שבת ולא עיבור שנים, וכיון שעמדו ישראל נתתי להם ראשי חדשים ועיבור שנים, לכך נאמר החודש הזה:

מראה מקומות (לא) מדרש הובא בספר דברי יוסף: (לב) מכילתא פ' בשלח: (לג) מכילתא פ' יתרו (לד) תנחומא הקדום פ' בא י"א ופסיקתא דר"כ (הוצאה החדשה) פ' ה':

פירושים

(לא) מפני שנשים וכו'. זה ילפינן מן המקרא דזכור את יום השבת לקדשו, כדאיתא בגמרא, וזהו רק בכניסת השבת בערב, אבל בבוקר ביום השבת אינו חייב מן התורה רק' מדרבנן, ומטעם זה נקרא קידושא רבה בלשון ס"נ כידוע. והמדרש הזה דרש לה דרך אסמכתא מזה שלא כתיב ויהי ערב ויהי בוקר לרמז שאינן שוין והיינו לענין קידוש [דברי יוסף]:

(לד) גמיסקין. כ"ה גירסת הערוך ערך גמס. ופי' כתובה: איפטיה. שררה ושלטון של שני שרים הנבחרים מדי שנה בשנה למשול בכיפה ובכל ספרי זכרונות היו כותבים בשעת שררת פלוני ופלוני לכוון הזמן ולקבוע מניט:

פירוש ע"ט

(לא) למה. פאר וואס שטייט נישט אין דער תורה ביא שבת „אז עס איז געווארען נאכט אונ עס איז געווארען טאג" וואז וויא עס שטייט ביא אלע זעקס טאגן ענטפערט דער מדרש ווייל ווייבער זענען אויך מחויב פון דער תורה, צו מאכען קידוש, שבת אין דער פריא:

(לב) שם. אין פסוק שטייט דארט (אין מרה) האט ער אים געגעבען אגיזעץ אונ אגירעכט, זאגט רבי יהושע אגיזעץ מיינט מען שבת האט זייא נאט געגעבען אין מרה ווארום שבת ווערט אן גירופען חק:

(לג) ושמרתם. אין פסוק שטייט איר זאלט היטען מיין זיכערהייט, זאגט רבי אליעזר וואס מיינט מען מיין זיכערהייט דס איז די מצוה פון שבת ווארום שבת ווערט אן גירופען ברית:

(לד) החודש. נאט האט גיזאגט צו דיא יודען דער חודש ניסן זאל זיין צו אייך, האט רבי יהודה בן שמעון גיזאגט וואס מיינט מען עס זאל זיין צו אייך, נאר דאס איז גלייך צו אקעניג וואס האט גינומען פיל ווייבער, האט ער זייא נישט געשריבען קיין עהרע־קאנטראקט אונ הערשאפט, אונ נישט קיין חודש אונ נישט קיין שבת, האט ער גיפונען אווייב אמיוחסת וואס זיא שטאמט פון אהויכגישטעלטע פאמיליע, האט ער איר גישריבען אעהרע־קאנטראקט אונ אהערשאפט אונ דעם חודש אונ דעם שבת אונ דעם יאהר, אזו האט גאט גיזאגט אז איך האב באשאפען דיא וועלט איז גיוועז פיל פעלקער, האב איך זייא נישט גיגעבען נישט קיין חודש אונ נישט קיין שבת אונ נישט קיין עיבור־שנים נאר אז עס זענען אויף גישטאנען דיא יודען האב איך זייא גיגעבען ראש חודש אונ עיבור שנים. דרום הט גאט גיזאגט דיא חדשים זענען גיגעבען גיווארן נאר צו אייך:

משלי שבת

אין נישט דער עיקר סחורה. נאר אפשר שבמשלים. ווארום אויב עס איז נאר נישט אדבר הכרחי. טאר מען שוין נישט ווארום נאט האט אן גיזאגט איך האב באשאפן דיא וועלט אונ דעם יאהר. האב איך באפוילן אז עס זאל שטענדיג זיין דר טאג שבת וואס איך האב אום גיקליבן. טאר מען קיינמאל נישט פארברייגנן דיא צייט מיט איבעריגע זאכין אזוי

(לה) שלשה דברים העכו"ם נאנחין על התורה ועל המילה ועל השבת שניתן לישראל:

(לו) אני פי מלך שמור ועל דברת שבועת אלקים (קהלת ח׳), אמר הקב"ה לישראל משביע אני עליכם שאם תגזר עליכם מלכות *) גזירות קשות אל תמרדו בה, בכל דבר שהוא גוזרת עליכם, אלא פי מלך שמור, אבל אם תגזר עליכם לבטל את התורה, ואת המצות ואת השבת אל תשמעו לה, אני פי מלך שמור בכל דבר שהיא צריכה, אבל על דברת שבועת אלהים אל תבהל מפניו תלך אל תעמוד בדבר רע:

(לז) גזרה המלכות גזירה שלא יעסקו בתורה ושלא ימולו את בניהם ושיחללו שבתות, מה עשה יהודה בן שמוע וחביריו הלכו ונטלו עצה מטמרונית אחת שכל גדולי העיר, מצוין אצלה, אמרה להם בואו והפגינו בלילה, הלכו

מראה מקומות (לה) מעשה תורה אות שלשה ופרקא דרבינו הקדוש שם: (לו) תנחומא פ׳ נח י׳ ותנחומא הקדום שם ט"ו, ואגדות בראשית פ׳ ז׳, וילקוט קהלת רמז תתקעה: (לז) ר"ה דף י"ט ותענית דף י"ח:

פירושים

(לו) על דברת שבועת אלקים. שנשבעת בסיני לקיים התורה ומצות:
(לז) והפגינו. נעקו בשוקים וברחובות כך מפורש בתהלים כל לשון שועה וצעקה לשון פגינה: בלילה. כדי שישמעו השרים וירחמו עליכם: אי שמים. אהה ה׳ להקב"ה היו צועקים על אותם שגזרו עליהם גזירות קשות יהיי אומרים להם לפני הקב"ה וכי לא אחיכם וכו׳: בעשרים והמניא בי׳. כאדר קאי במגילת תענית: דלא יעידון מן אורייתא. שלא יצטרכו לנתק עצמן מן התורה:

תוספת פירושים

(לז) הלכו והפגינו. הפיגו לשון יהי וצעקה:

פירוש ע"ט

(לה) שְׁלֹשָׁה. דיא עכו"ם זיפצען אויף דיא דריי זאכען וואס גאט האט צוועק גיגעבען דיא יודען תּוֹרָה אונ מִילָה אונ שַׁבָּת:

(לו) אֲנִי. אין פָּסוּק שטייט איך טוה היטין דיא רייד פון קעניג. אונ דיא רייד פון דער שְׁבוּעָה וואס מיר האבין גישווארין צו גאט [אז מיר זאלין היטין דיא תּוֹרָה], מיינט מען אזוי. גאט זאגט צו דיא יודין, איך באשווער אייך אויב דיא רעגירונג וועט אויף אייך גוזר זיין שווערע גְזֵירוֹת, טאָרט איר גאר נישט ווידערשפעניגין, גאר איר זאלט היטין דעם קעניג'ס באפעהל. נאר אויב זיא וועט אויף אייך גוזר זיין מְבַטֵּל זיין דיא תּוֹרָה, אונ מִצְוֹת, אונ שַׁבָּת, זאלט איר נישט הערין. נאר היט'ס דעם קעניג'ס באפעהל וואס אינטערעסירט איר, אבער געגין טייל דיא זאכין וואס גיהערט צו דער געטליכער שְׁבוּעָה, [וואס מען האט גישווארין צו היטין] זאלסטו זיך נישט היילין אנטלויפין פון אים [פון איבערשטין] אונ זאלסט זיך נישט האלטין אין דיא שלעכטע זאכין:

(לז) גְזֵרָה. אמאל האט א רעגירונג באפוילין אויף דיא יודין דאס זייא זאלין נישט לערנען תּוֹרָה, אונ זייא זאלין נישט מל זיין זייערע קינדער, אונ זייא זאלין נישט היטין שַׁבָּת' איז רַבִּי יְהוּדָה בֶּן שַׁמּוּעַ אונ זיינע חֲבֵרִים, גיגאנגען צו אהויכגישטעלטע פירשטין, וואס דיא גרעסטע לייט פונם שטאט פלעגין קומען צו איר, אונ האבין מיט איר גיהאלטין א עֵצָה, האט זיא, זייא גיראטהען אז זייא זאלין גיין ארום ביי נאכט אונ שרייען אין דיא גאסין, האבין זייא אזוי גיטאן אונ גישריגין ביי נאכט אין דיא גאסין, הימלישער גאט! אקלאג איז צו אונז, אונ צו דיא מענטשין האבין זייא גיזאגט, זעגען מיר דען נישט אייערע ברידער צו זעגען מיר דען נישט

משלי שבת

אזוי וויא לערנען ווילד פרעמדע שפראכן וואס זייא זעגן נישט קיין דבר הכרחי. אונ דורך דעם וואס קיינער האט נישט גילערינט אונ נישט גיקענט דיא פרעמדע שפראכען. איז אמאל אין אחשורוש'ס צייטען ארום גיקומען אגאולה וישועה

*) קאי על המלכות הקדמונים בימי חכמי התלמוד שהיו אכזרים וגזרו לבטל את התורה, אבל עתה המלכות שאנחנו תחת צלם מלכי חסד המה, עושים משפט וצדק עם היהודים ומניחים לנו לקיים התורה ומצות, ועל כן מחויבים אנחנו לשמוע לקולם, ודינא דמלכותא דינא:

והפגינו בלילה, אמרו אי שמים לא אחיכם אנחנו, ולא בני אב אחד אנחנו, ולא בני אם אחד אנחנו, מה נשתנינו מכל אומה ולשון שאתם גוזרין עלינו גזירות קשות, בעשרים ותמניא בי׳ אתת בשורתא טבתא ליהודאי דלא יעידון מאורייתא, ואותו היום עשאוהו יום טוב:

(לח) יחיו מתיך נבלתי יקומון (ישעי׳ כ״ו), אמר רב אריסטי בשם ר׳ ברכי׳ ישעי׳ צווח לפני הקב״ה יחיו מתיך, אותו שהיו מתנבלין בשבילנו, זה נצלוב, למה, על שמל את בנו, וזה נשרף למה, ששימר את השבת, וזה נהרג למה, שקרא בתורה; על אותו הוא אומר נבלתי יקומון:

(לט) רב תנחומא בר ר׳ חייא משם רבי הושעיא תורגמנא אין כל שבת ושבת שאין קורין בה פרשתו של לוט:

מראה מקומות (לח) תנחומא הקדום פ׳ תולדות י״ט ואג״ב פ׳ מ״ג וילקוט ישעי׳ מזמור כ״ו:
(לט) מד״ר בראשית פ׳ נא:

פירושים

(לח) אותן שמתנבלין בשבילו. דקדקו לשון מתיך וכינוי לישראל ולשון נבלה גם דקדקו הכינוי נבלתי שלא כינה אותם לישראל כמו שאמר מתיך, לכן אמרו שתיבת מתיך הוא לרמוז אל אותם המתים בטבע המות, אמנם נבלה מורה על אותם שמנבלים עצמו בשבילו קודם שהגיע זמנם, ולפי שהם במיתתם קרויים חיים על קיום המצות והם לדיקים מוכן אומר לשון יקומון. שאינם צריכים הלא קימה בלבד לא חיות כי חיים הם ואפילו במיתתן כיון שנתנבלו על עבודת הש״ת והכתוב [כלי פז]: זה נצלב וכו׳. זה היה בבית שני כשמשל עליהם מלכות מקדוניא: שמל את בנו וכו׳ ששימר שבת. שבתי מלות אלו נקראים אות והם יסודי התורה: שעסק בתורה. ותלמוד תורה כנגד כולם, ובזכות התורה ישלח אלינו את הגואל לדק בב״א:

(לט) תורגמנא. מתורגמן: אין כל שבת. אולי הי׳ כך מנהגן לקרות בכלשבת ג״כ פרשתו של לוט כדי להפריש העם מעריות. וי״מ דבשבת אומרים קידוש על היין והיין הוא עניינו של לוט. או עון סדום שלא הוחזק יד עני. גם לוט נענש שלא קדמו אותו בלחם ומים. ובשבת אנו מחויבין לתת לדל מהשלחן:

תוספת פירושים

אי שמים. פי׳ שמים לסקב״ה סיו נועקין למה יאמרו הגוים אי׳ אלקיכם, ולהם אמרו וכי לאו אחיכם אנחנו וכו׳, כשי״ה ירחם עלינו ויגאלנו בב״א:

פירוש ע״ט

קינדער פון איין פאטער, און צו זאגען מיר דען נישט קינדער פון איין מוטער, פאר וואס זיינען מיר פארענדערט פון אלע פעלקער, וואס איר האט אויף אונז גוזר גיוועזן אזיינע שלעכטע גזירות, דעם אכט און צוואנציגסטען אדר איז אן גיקומען צו די יודין אגוטע בשורה אז מען האט מבטל גיוועזן די גזירות, און זיי באדארפין זיך שוין נישט אפ לאזען פון דער תורה. האט מען דעם טאג גימאכט איום טוב:

(לח) יחיו. ישעיה הנביא האט גיזאגט עס זאלען לעבען דיינע גישטארבענע און עס זאלען אויף שטיין דיינע גישענדעטע, רב אריסטי האט גיזאגט פון רבי ברכיה׳ס וועגען, ישעיה הנביא האט געשריגען צו גאט, זאלען שוין לעבעדיג ווערען דיינע טויטע. די וואס האבען זיך געשענדעט, פארין יודישע רעליגיע. יענעם יודען האט מען גיהאנגען ווייל ער האט מל גיוועזן זיין זוהן, יענעם יודען האט מען פארברענט ווייל ער האט געהיט די מצוה פון שבת, יענעם יודען האט מען ניהרגט ווייל ער האט גילערינט תורה, זאלין שוין אויף שטיין די גישענדעטע מענטשען, זאל שוין זיין תחית המתים, ווען משיח וועט קומען, במהרה בימינו אמן:

(לט) רב תנחומא. רב תנחומא בר ר׳ חייא האט גיזאגט פון רבי הושעיא מתורגמן׳ס וועגין. עס איז נישטא קיין איין שבת וואס מען זאל נישט לייענען די פרשה פון לוט׳ן:

משלי שבת

בר יערען. און אין דעם זכות וועט אויך תרים קומען אין גיכין די אמת׳ע גאולה. עס וועט קומען משיח צדקנו און וועט אונז א״ס לייזען במהרה בימינו אמן:

(מ) ישיחו בי יושבי שער (תהלים סט) אלו עכו"ם שהן יושבים בבתי תרטיאות ובבתי קרקסיאות. ונגינות שותי שכר (שם). מאחר שהן יושבין ואוכלין ושותין ומשתכרין הן יושבין ומשיחין בי ומלעיגין בי וכו' והם אומרים אלו לאלו כמה שנים את בעי מחי. והן אומרים כחלוקא דיהודאי דשבתא וכו'. היהודים הללו שומרי שבתות הן וכל מה שהן יגיעין כל ימות השבת אוכלין בשבת ואין להם עצים לבשל בהן והן שוברין מטותיהן ומבשלין בהם:

(מא) בני הוה זהיר בענג שבת. לכבדו כפי כחך. לענגו במאכל ובמשתה [בסעודת היום] ובסעודת הלילה. אל תשים עצמך כעני. כי אם יותר מיכלתך. והזהר בסעודה השלישית. והוה זהיר בדבריך ביום השבת כי על הכל אתה עתיד ליתן דין וחשבון:

(מב) עד היכן הוא כבודה של שבת רב אמר בשרא. ושמואל אמר תוכמידה:

(מג) בשעת מתן תורה קרא הקב"ה לישראל ואמר להם בני מקח ט"ב יש לי בעולם ואני נותן אותה לכם לעד לעולם אם תקבלו את תורתי ותשמרו את מצותי. משיבין ואומרין לפניו. רבונו של עולם. איזה מקח טוב שאתה נותן לנו

מראה מקומות (מ) מד"ר איכה בפתיחתא: (מא) צוואת התנא ר' אליעזר הגדול אות ל': (מב) פסיקתא רבתי פ' כ"ג: (מג) אותיות דר"ע אות א':

פירושים

(מ) תרטיאות. בתים שמשחקין בהם שחוק הולצות וסכלות. ועי' ערוך ערך תיאטר: את בעי מחי. כמה שנים אתה רוצה לחיות: כחלוקא דיהודאי דשבתא. כחלוק של שבת של היהודי שכיון שאינה לובשה אלא משבת לשבת היא מתקיימת שנים רבות:

(מב) תוכמידה. מין מאכל שעשאו לכבוד שבת. ואפשר ר"ל תוכברה היינו לאן שלמות וכני מעיים גלוים עמהם עיין ערוך ערך תכבר:

פירוש ע"ט

(מ) ישיחו. אין תהלים שטייט די יודן זאגין. עס ריידין פון מיר די וואס זיצען אין טויער. דס מיינט מען די עכו"ם וואס זיצן אין טיאטער'ן און פערזאמלונגען. נאכדעם ווי זיי טרינקען זיך אן מיט ביער אין שיכור'ן זיך גוט אן. דערנאך זעצין זיי זיך אנידער אין ריידין אין שפעטין פון מיר. איינער פרעגט דעם צווייטען ווי לאנג ווילסטו לעבען? ענטפערט ער אים. אזוי לאנג ווי עס גידויערט איודישע שבת'דיגע העמד. וואס זיי טוען נאר אן אום שבת [וואשט מען איר ווייניג. צו רייסט זי זיך נישט]. דער נאך זאגין זיי. די יודן היטין דאך שבת. איז די גאנצע געלט וואס זיי הארעווען אין פערדינען אגאנצע וואך עסין זיי אויף אום שבת. האבין זיי גישט קיין געלט צו קויפען האלץ אויף קאכין. צו ברעכין זיי זייערע בעטין און פאר ברענען זיי:

(מא) בני. דער תנא רבי אליעזר הגדול האט אן גיזאגט זיין זון [הורקנוס] מיין זון! זאלסט זיין געהיט זיך טאן פערגעניגין אום שבת. מכבד זיין שבת וויפיל דו קענסט. אין זאלסט זיך אן טאן פערגעניגין מיט'ן עסין און טרינקען. ביי דער סעודה פון שבת אין דער פריא. און ביי דער סעודה פון שבת צו נאכט. זאלסט זיך נישט מאכין פאר אנ'ארימאן. נאר דו זאלסט קויפען מיין וויפיל דו קאנסט אויס געבין. זאלסט עסין די דריטע סעודה [שלש סעודות]. אין זאלסט זיין אום שבת געפילעוועט מיט דיא רייד. ווארום אויף יעדע זאך ביסטו אן גיגרייט צו געבין אריכטיגען רעכענונג פארין אייבערשטין:

(מב) עד. וועלכע מאכלים בדארף מען עסין לכבוד שבת. רב זאגט פלייש. אין שמואל זאגט גיבראטענע שעפסין גאנצערהייד:

(מג) בשעת. אז גאט האט גיגעבין די יודן די תורה האט ער גירופען די יודן אין האט צו זייא גיזאגט. מיינע קינדער. איך האב אגוטין גישעפט אויף דער וועלט. אין איך וועל זי אייך געבין אויף אייביג אויב איר וועט צו נעמען די תורה און איר וועט היטין מיינע מצות. האבען די יודן אים גיענטפערט. הער פון דער וועלט. וועלכין גוטין גישעפט ווילסטו אונז געבען אויב מיר

וועלין

אם נשמור את תורתך. השיב הקב"ה ואמר להם זה העוה"ב. משיבין ישראל ואומרים. רבש"ע. הראני דוגמא של עוה"ב. משיב הקב"ה ואמר להם זה שבת שהוא אחד מששים של עולם הבא שכולו שבת שנאמר (שמות כ׳) זכור את יום השבת ומנין שעולם הבא כולו שבת שנאמר (תהלים צב) מזמור שיר ליום השבת וגו׳ ליום שכולו שבת. שכיון שראה אדם הראשון את השבת פתח את פיו בשבחו של הקב"ה ואמר מזמור שיר ליום השבת טוב להודות לה׳ ולזמר לשמך עליון. באותה שעה מלאכי השרת יורדים כתות כתות מן השמים ואומרים טוב. וכן השמים מקצתן היו אוחזים בידיהם כנורות ועוגבות ומקצתן הי׳ בידיהם נבלים ומצלתים וכל כלי שיר ומנגנים לפניו בשיר שנאמר (שם) ולזמר לשמך עליון:

(מד) לא תירא לביתה משלג (משלי לא) שהתנה הקב"ה עמו [עם אברהם] שבזכות מילה ושבת אין בניו יורדים לגיהנם. כי כל ביתה לבוש שָׁנִים (שם) שְׁנַיִם שבת ומילה:

(מה) בכל ערב שבת מוליכין אותן לשני הרים של שלג ומניחין אותן שם. ובמוצאי שבת מחזירין אותן למקומן. ומלאך יוצא ודוחף אותן ומחזיר אותן למקומם בגיהנם:

(מו) בארץ הלבנון [לצפונה של ארץ ישראל] אצל עיר ערקא כשנסע טיטוס במקומות ערקא ורופכא ראה נהר נפלא שעם היות מימיו כבירים שוטפים

מראה מקומות (מד) אגדת בראשית פ׳ ל"ד: (מה) מסכת גיהנם פ׳ ג׳: (מו) הספר הנאמן יוסיפון (לרומיים) בספר השביעי מסלחמות בנ"י. מובא במגדול עוז לריעב"ץ בבית מדות עליית הטבע:

פירושים

(מו) ערקא. היא העיר ערקת לבנה. הנזכרת כפ׳ מעשר בהמה. ונקראת על שם הערקי אחד מעשרה העממין שנתנו לאאע"ה בברית בין הבתרים:

פירוש ע"ט

וועלין היטין די תורה. האט גאט געענטפערט. דער גוטער געשעפט איז די עולם הבא ודי קומענדיגע וועלט] האבין די יודן געזאגט. האר פון דער וועלט. ווייז אונז אביישפיל פון עולם הבא. האט גאט געענטפערט דאס איז דער טאג שבת. ווארום שבת איז אזעכציגס טייל פון עולם הבא. וואדום עולם הבא איז אין גאנצען שבת. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זאלסט געדענקען דעם טאג שבת. און פון וואנען וויים מען אז עולם הבא איז אדורך שבת, ווייל עס שטייט אגיזאנג איז צו זינגען צום טאג שבת מיינט מען צו עולם הבא וואס עס איז שטענדיג שבת. און אז אדם הראשון האט געזעהן דעם טאג שבת האט ער געעפינט זיין מויל און האט גילויבט דעם אייבערשטן. און האט געזאגט אגיזאנג איז צו זינגען צום טאג שבת. עס איז גוט צו לויבען גאט און צו זינגען צו דיין נאמען. און יענער צייט זענען מלאכים אראפ געקומען פון הימעל גאנצע קאמפאניעס. און האבן געזאגט. גוט. גוט. און די מלאכים אויפ'ן הימיל האבען אנדערע גיהאלטען אין זייערע הענד פידלען און פויקין. און אנדערע האבען גיהאלטן אין זייערע הענד צימבלען און מעשענע־קלעפערלאך און אלע מיני כלי־זמר און האבן פאר אים גיזונגען מיט אגיזאנג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק און צו זינגען צום אייבערשטנ'ס נאמען:

(מד) לא. אין פסוק שטייט זי האט נישט קיין מורא פאר איר הויז־געזונד פאר'ן שניי. מיינט מען די יודן האבן נישט קיין מורא פאר'ן גיהנם [וואס ער ווערט אן גירופען שלג] ווארום גאט האט צו גיזאגט אברהם'ן אז אינם זכות פון מילה און שבת וועלין די יודן נישט ווערין גינידערט אין גיהנם. ווייל די גאנצע הויז־געזונד [די יודן] זענען אן ניקליידט מיט צוויי זאכן מיט שבת און מילה:

(מה) בכל. אלע פרייטאג פאר'ן נאכט פירט מען די מענטשן וואס ווערען געמשפט אין גיהנם אין צוויי בערג פון שנייא. און מען לאזט זיי דארט ליגן איבער שבת. שבת־צו־נאכט קערט מען זיי צוריק אום אויף זייערע ערטער. און עס גייט ארויס אמלאך און שטופט זיי און קערט זיי צוריק אום אויף זייערע ערטער אין גיהנם:

(מו) בארץ. אין ארץ ישראל נעבען דער שטאט ערקא. אז עס איז דארטן דורך געפאהרין טיטוס האט ער דארטן גיזעהן אוואנדערליכן טייך. האטש ער איז זייער איבערגעפילט. און

די

בחוזק. הוא נח מזעפו אחר כל ששת ימים. עד שביום השביעי רואין בו תהום יבש בלי מים כלל. ואחר יום השביעי הולך וסוער בלי שינוי כלל. ועל כן כנו את הנהר ההוא בשם שאבתיק"א על ששובת ביום השבת קודש:

(מז) יש יונה שאינה אוכלת מהנתלש מן המחובר בשבת:

(מח) יש דג שבערב שבת כבוא השמש הוא מתקרב ליבשה ואינו זז ממקומו. ואף אם יפצעוהו בחרבות וברמחים הוא בלתי נעתק מאותו המקום:

(מט) כתיב (ש"ב כג) ובליעל כקוץ מונד כלהם וגו' ובאש שרוף ישרפו בשבת. זה המקרא נאמר על ס"מ וחביריו. ואימתי נשרפים ונופלים ונשמדים ישרפו בשבת אל תקרי בשבת אלא בשבת בראשית. איכא דאמרי בערב שבת. וחילידון מן הדין קרא (תהלים לב) ויציצו כל פועלי און להשמדם וגו' והיינו דמצלינן פסוק אחד (שם סט) ואני תפלתי לך ה' עת רצון. כי אז עת רצון והמקטריגים נגנזים ונבטלים במקומם הוי עת רצון:

(נ) הלוקח פירות ממי שאינו נאמן על המעשרות ושכח לעשרן שואלו בשבת ואוכל על פיו. חבריי' בשם רבי יוחנן מפני כבוד שבת התירו. אם מפני כבוד שבת למה לי שואלו וכו' רב ביבי בשם רב חנינא אימת שבת עליו והוא אומר אמת:

מקומות (מז) שם: (מח) שם: (מט) מס' אצילות: (נ) ירושלמי דמאי פ"ד מ"א:

פירושים

(נ) מפני כבוד שבת התירו. שיאכל על פיו: למה לי שואלו. יאכל כך גלא שאלה והרי עיקר ההיתר מפני כבוד שבת הוא: אימת שבת עליו. ויירא מלשקר ואומר האמת:

פירוש ע"ט

די וואסער טרייבט דארט זייער שטארק. פון דעסטוועגן רוהט ער נאך זעקס טאג. אלע שבת זעהט מען דארט אטרוקענעם גרונד. אז עס איז דארטן נישטא אטראפין וואסער. נאך שבת ווערט דער טייך ווייטער פול. און די וואסער טרייבט און רוישט צוריק אן אענדערונג. דרום האט מען דעם טייך אנאמען געגעבן שאבתיקא. דערפאר וואס ער רוהט דעם היילגען טאג שבת:

(מז) יש. עס איז דא אפיש וואס אלע פרייטאג פארין נאכט אז די זוהן גייט אונטער רוקט ער זיך צום טרוקענעם ברעג טייך. און רירט זיך נישט אפ פונ'ם ארט. ביז־שבת צו־נאכט. און אפילו מען זאל אים האקען מיט שווערדן און שפיזען רוקט ער זיך אום שבת פונ'ם ארט נישט אפ:

(מח) יש. עס איז דא אטויב וואס זי עסט נישט פון דעם וואס מען רייסט אפ אום שבת פון באהעפטע [ווייל פון באהעפטע טאר מען נישט אפ רייסין אום שבת]:

(מט) כתיב. אין פסוק שטייט די שעדליכע מענטשען וועלין זיין אזוי ווי אגעווארפענער דארן. און אין פייער וועלין זיי ווערין פארברענט אין רוהיגען שטאנד. דער פסוק איז געזאגט געווארן אויפ'ן ס"מ און זיינע חברים. ווען ווערען זיי פארברענט און געפאלין און פארטיליגט? אום שבת. מען זאל נישט לייענען אין פסוק בשבת נאר בשבת. אנדערע זאגן אז זיי ווערין פאר ברענט און פאלין און פערטיליגט פרייטאג פאר'ן נאכט. און אזוי שטייט אין פסוק ביי שבת. עס טוען שפראצין די וואס טוען אומרעכט אום צו ווערין פארטיליגט. דרום זאגין מיר שבת צו מנחה דעם פסוק. איך טוה דיר נאט בעטען עס איז אצייט פון ווילין. ווארום דעמאלט איז אצייט פון דעם אייבערשטען'ס ווילין און די אנקלאגער ווערען באהאלטען און ווערען פערניכטעט אויף זייערע ערטער. דרום איז דעמאלט אצייט פון אייבערשטען'ס ווילען:

(נ) הלוקח. אז איינער האט געקויפט פרוכטין פון אמענטשין וואס איז נישט באגלייבט אז ער האט גימעשר'ת. און דער קויפער האט פרייטאג פארגעסן צו מעשר'ן [און אום שבת טאר מען דאך נישט מעשר'ן] זאל ער פרעגן דעם פארקויפער. אויב דער פארקויפער זאגט אז ער האט גימעשר'ת מעג ער עסין די פרוכטן אום שבת פאר וואס מעג מען עסן? האבן די חבירים געזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגן. מען האט ערלויבט צו עסן די פרוכט אום שבת צוליעב כבוד שבת. פרעגט דער ירושלמי אויב מען האט ערלויבט צו עסן נאר צוליעב כבוד שבת. צו וואס זשע דען באדארף ער אים נאר פרעגן צו ער האט גימעשר'ת? האט רב ביבי געענטפערט פון רבי חנינא'ס וועגן אנ'אנדער תירוץ מען מעג עסן ווייל ער איז באגלויבט אויב ער זאגט אז ער האט געמעשר'ת. ווייל די פארכט פון שבת

אין

(נא) ואתה דבר אל בני ישראל וגו' את שבתותי תשמרו (שמות לא) לא על ידי מלאך ולא על ידי שליח:

(נב) וימצאו איש מקושש עצים (במדבר טו) מגיד שמינה משה שומרים ומצאו אותו מקושש:

(נג) אחד חילל שבת והי' נושא את כספו. בא לפני חכם להורות תשובה. אמר לי' הכסף או שווי' חלק לעניים שמתביישים לקבל צדקה:

(נד) ישעי' נותן שבח לפני הקב"ה (ישעי' כה) ה' אלקי אתה ארוממך אודה שמך אלו אין בידינו אלא הודי' שאנו מודים לך דיינו. כי עשית פלא. פלאים מעשה ידיך. גדלת. ואת מדקדק עמם כל כך למה כדי ליתן להם שכר. היית אומר שיטלו שכר וכו' שבת וכו':

(נה) ותאמר ציון עזבני ה' וה' שכחני (ישעי' מט) וכו'. ואחר כל שעזבתם אותי ואת התורה ואת השבת ואת המילה אלא אומרת עזבני ה' וה' שכחני:

(נו) עקרה השביעית זו ציון כנגד יום השביעי. ומה כתיב בו (שמות כ) וינח ביום השביעי. וציון (תהלים קלב) זאת מנוחתי עדי עד. לכך אמר ישעי' (ישעי' נד) רני עקרה לא ילדה:

מראה מקומות (נא) מכילתא פ' שמות ל"א: (נב) ספרי פ' במדבר ט"ו: (נג) ספר חסידים סי' קפ"א ובהוצאת מקיצי נרדמים (מכת"י) סי' קי"ב: (נד) אגדת בראשית פ' ע"ט: (נה) שם פ' י': (נו) שם פ' נ"ב:

פירושים

(נג) חלק לעניים. כדי שלא יהי' נהנה מממון שחילל עליו השבת. והדרכה אותו ממון שלא מחולל שבת יעשה בו מצוה ויחלק לעניים שמתביישין לקבל צדקה שבגלוי להם לקבל מלדקה. ומיוחדים מקבלים שזהו דרך כבוד כדאיתא ביו"ד (סי' רנ"א) ועיין פסקים וכתבים למהר"ר איסרלין (סי' ס') דתשובה על חילול שבת הוא תענית ארבעים יום:

פירוש ע"ט

איז אויף יעדער מענטשן האט מען מורא צו זאגן אליגען. דרום אויב ער זאגט אז ער האט געמעשר'ט איז ער באגלויבט. ווייל ער זאגט געווים ריכטיג:

(נא) וְאַתָּה. גאט האט געזאגט צו משה'ן. דו זאלסט ריידין צו די יודן. איר זאלט היטן מיינע שבתים מיינט מען דו זאלסט אליין ריידין צו די יודן נישט דורך קיין מלאך און נישט דורך קיין שליח. נאר דו זעלבסט:

(נב) וַיִּמְצְאוּ. זיי האבן געפונען איינעם וואס האט גיקליבן האלץ. איז הערפון גידרונגען אז משה רבינו האט באשטעלט מענטשן וואס זיי זאלין זיין היטער זיי זאלין ארום גיין אין די גאסען אין פעלדער אז מען זאל היטן שבת. האבין די היטער געפונען דעם מענטשען קלויבענדיג האלץ:

(נג) אֶחָד. א מענטש האט מחלל שבת געווען. ער האט גיטראגין געלט אום שבת. איז ער גיקומען צו א רב ער זאל אים זאגן וואסער תשובה זאל ער טאן. האט אים דער רב גיזאגט צו טייל דאס געלט אדער די ווערט פון דעם געלט. צו ארימע לייט. וואס שעמען זיך נעמען צדקה אפענערהייט:

(נד) יְשַׁעְיָ'. ישעי' הנביא דאנקט דעם אייבערשטן און זאגט. גאט. מיין גאט ביסטו. איך ערהייב דיך. איך טוה לויבען דיין נאמען. מיינט ער אזוי. ווען מיר זאלין נאר האבין דעם זכות פון דעם וואס מיר לויבען דיך. איז אונז אויך גינוג. נאר דו האסט מיט אונז גיטאן וואונדער. און דיין פיהרונג איז וואונדערליך. האסט אונז גימאכט גרויס. און אונז גיגעבין זייער פיעל מצות. און ביסט מיט אונז זייער פארזיכטיג. דאס איז אלץ כדי דו זאלסט אונז געבען פיעל לוין. האסט אונז צו גיזאגט אז מיר וועלען נעמען לוין פאר היטן די מצוה פון שבת:

(נה) וַתֹּאמֶר. ציון האט גיזאגט גאט האט מיר פארלאזט און האט מיר פארגעסן. האט גאט גיזאגט. יודן. איר האט גאר פארלאזן מיר און די תורה און שבת און מילה. און איר האט נאך גאר א טענה צו מיר און זאגט אז איך גאט האב אייך פערלאזן. און איך האב אייך פארגעסן:

(נו) עֲקָרָה. זעקס עקרות זענען גיוועזן. די זיבעטע עקרה איז אונזער היילינגע לאנד ציון. זי איז אנטקעגען דעם זיבעטן טאג שבת. ביי שבת שטייט דער אייבערשטער האט גירוהט דעם זיבעטן טאג. און ביי ציון שטייט אויך דארט [אין ציון] איז מיין רוהונג אויף אייביג. דרום האט ישעי' הנביא גיזאגט ציון די עקרה זאל זינגען. ווייל די אלע זעקס עקרות זענען שוין נפקד גיווארין. דרום וועט זי [די זיבעטע עקרה] אויך דאך געווים באלד נפקד ווערין. דעמאלט וועט מקוים ווערין וואס דער אייבערשטער האט גיזאגט. אין ציון איז זיין רוהונג אויף אייביג. גאט זאל געבין דאס זאל שוין זיין במהרה בימינו אמן:

תם ונשלם שבח לאל בורא עולם

אגרת ששלח השבת לרבי אברהם אבן עזרא ז"ל.

אֲנִי שַׁבָּת עֲטֶרֶת דַּת יְקָרִים. רְבִיעִית בַּעֲשֶׂרֶת הַדְּבָרִים.
וּבֵין הַשֵּׁם וּבֵין בָּנָיו אֲנִי אוֹת. בְּרִית עוֹלָם לְכָל דּוֹרִים וְדוֹרִים.
וּבִי כָּל מַעֲשָׂיו כִּלָּה אֱלֹהִים. וְכֵן כָּתוּב בְּרֵאשִׁית הַסְּפָרִים.
וְלֹא יָרַד בְּיוֹם הַשַּׁבָּת אֱזַי מָן. לְמַעַן אֶהְיֶה מוֹפֵת לְהוֹרִים.
אֲנִי עוֹנֶג לְחַיִּים עַל הָאֲדָמָה. וּמַרְגּוֹעַ לְעַם שׁוֹכְנֵי קְבָרִים.
אֲנִי חֶדְוַת זְכָרִים גַּם נְקֵבוֹת. וּשְׂשִׂים בִּי זְקֵנִים עִם נְעָרִים.
וְלֹא יִתְאַבְּלוּ בִּי הָאֲבֵלִים. וּבִי לֹא יִסָּפְדוּ עַל מוֹת יְשָׁרִים.
וְהַשְׁקֵט יִמְצְאוּ עֶבֶד וְאָמָה. וְהַגֵּרִים, אֲשֶׁר הֵם בַּשְּׁעָרִים,
יָנוּחוּן כָּל בְּהֵמוֹת הֵם בְּיַד אִישׁ. כְּסוּסִים כַּחֲמוֹרִים כַּשְּׁוָרִים.
וְכָל מַשְׂכִּיל בְּיֵינוֹ הוּא מְקַדֵּשׁ. וְגַם מַבְדִּיל חֲשׁוּבִים כִּנְזִירִים.
בְּכָל יוֹם יִמְצְאוּ שַׁעֲרֵי תְבוּנָה. בְּיוֹמִי נִפְתָּחִים מֵאָה שְׁעָרִים.
מְכֻבָּד מֵעֲשׂוֹת דַּרְכְּךָ. וְכֵן מִן מְצוֹא חֶפְצְךָ וְדַבֵּר כָּל דְּבָרִים.
וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכָל יָמִים. לְמַעַן שֶׁמַּרְתַּנִי מְאֹד מִימֵי נְעוּרִים.
בְּזִקְנוּתְךָ שְׁגָגָה נִמְצְאָה בָךְ. אֲשֶׁר הוּבְאוּ אֶל בֵּיתְךָ סְפָרִים.

פירוש ע"ט

אַבְּרִיעֶף וָואס שַׁבָּת הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען און גֶעשִׁיקְט צוּ רבי אברהם אבן עזרא.

איך שַׁבָּת דָאס שֶׁענְסְטֶע פוּנ'ם טַייעֶרִין יוּדִישֶׁען גְלוֹיבֶּען. וָואס אִיךְ בִּין דִיא פִיעֶרְטֶע מִצְוָה אִין עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת.

אִיךְ בִּין אַצַייכֶן צְוִוישֶׁען גָאט אוּן צְוִוישֶׁען זַיינֶע קִינְדֶער. אִיךְ בִּין אַאֵייבִּיגֶער אַנְדֶענְקוּנְג אוֹיף אַלֶע דורות.

אִין מַיין טָאג שַׁבָּת הָאט גָאט גֶעֶנְדִיגְט אַלֶע זַיינֶע בַּאשֶׁעפֶענִישֶׁן. אוּן אַזוֹי שְׁטֵייט אִין עֶרְשְׁטֶען סֵפֶר פוּן דֶער תּוֹרָה.

אִין מַיין טָאג שַׁבָּת הָאט קֵיין מָן נִישְׁט גֶענִידֶערְט פוּן הִימֶעל. כְּדֵי אִיךְ שַׁבָּת זָאל זַיין אַוואוּנְדֶער בַּיי אַלֶעמֶען.

אִיךְ שַׁבָּת בִּין אַפֶּערְגֶענִיגֶען צוּ לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשֶׁן. אוֹיךְ מַאךְ אִיךְ רוּהִיג דִי מֶענְטְשֶׁן וָואס זֶענֶען אִין גֵיהִנֹּם.

אִיךְ שַׁבָּת בִּין דֶער פְרֵייד פוּן זְכָרִים אוּן נְקֵבוֹת. אוֹיךְ פְרֵייעֶן זִיךְ אוּם שַׁבָּת אַלְט אוּן יוּנְג.

דִי אֲבֵלִים טְרוֹיעֶרִין נִישְׁט אִין מַיין טָאג שַׁבָּת. אוֹיךְ אִיז מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט מַסְפִּיד אִין מַיין טָאג.

עֶס רוּהֶען אַלֶע קְנֶעכְט אוּן דִינְסְטֶען. אוֹיךְ דִי גֵרִים וָואס זֶענֶען בַּיי אַייךְ אִין דִי טוֹיעֶרִין.

עֶס רוּהֶען אַלֶע בְּהֵמוֹת וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ בַּיי יֶעדֶער מֶענְטְשֶׁען. פֶערְד. אֵייזְלֶען. אָקְסֶען.

אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט קִידוּשׁ אוֹיף וַויין. אוֹיךְ מַאכְט מֶען הַבְדָּלָה אוֹיף וַויין. אוּן זַייא וֶוערִין גֶירֶעכֶנְט וִויא נְזִירִים.

אַלֶע טָאג וֶוערְט גֶעפוּנֶען טוֹיעֶרִין פוּן פֶערְשְׁטַאנְד. אוּן אִין מַיין טָאג שַׁבָּת גֶעפִינְט מֶען הוּנְדֶערְט מָאל אַזוֹי פִיל.

אִיךְ בִּין מְכוּבָּד מֶען זָאל נִישְׁט טָאן וֶועלְטְלִיכֶע זַאכֶען אוּן בַּאדֶערְפֶענִישֶׁן. אוּן מֶען זָאל נִישְׁט רֵיידִין אַלֶע רֵייד.

אוּן אִיךְ שַׁבָּת הָאבּ דִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעהִיט. וַוייל דוּ הָאסְט מִיר זֵייעֶר גֶעפִילֶעוֶועט פוּן קִינְד וַוייז אָן. אָבֶּער אוֹיף דַיין עֶלְטֶער הָאט גִיטְרָאפֶען בַּיי דִיר אַאוּמְרֶעכְט. מֶען הָאט גִיבְרַאכְט סְפָרִים צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ. וָואס דָארְטֶן שְׁטֵייט מֶען זָאל מְחַלֵּל זַיין דֶעם טָאג שַׁבָּת. פַאר וָואס זֶשֶע שְׁוַויינְגְסְטוּ אוּן טוּסְט נִישְׁט אַנְדֶר

וְשָׁם כָּתוּב לְחַלֵּל יוֹם שְׁבִיעִי. וְאֵיךְ תֶּחֱשֶׁה וְלֹא תִדּוֹר נְדָרִים.
לְחַבֵּר אִגֶּרֶת דֶּרֶךְ הָאֱמוּנָה. וַתְּשַׁלְּחָהּ אֶל כָּל הָעִבְרִים:

אגרת וסיפור הראב"ע.

ויהי בשנת ארבעה אלפים ותשע מאות ותשע עשרה בחצי ליל שבת בארבעה עשר יום לחודש טבת. ואני **אברהם הספרדי** הנקרא **בן עזרא** הייתי בעיר אחת מערי האי הנקרא קצה הארץ. שהיא בגבול השביעי מגבולות הארץ היושבת. ואני הייתי ישן ושנתי ערבה עלי ואראה בחלום מלאך והנה עומד לנגדי כמראה גבה ובידו אגרת חתומה. ויען ויאמר אלי קח זאת האגרת ששלחה אליך השבת. ואקוד ואשתחוה לה' ואברך את ה' אשר כבדני זה הכבוד הגדול ואתפשנה בשתי ידי וידי נטפו מור ואקראנה ותהי בראשיתה בפי כדבש למתוק. אך בקראי הטורים האחרונים חם לבי בקרבי וכמעט יצאה נפשי. ואשאל את העומד לנגדי. מה פשעי ומה חטאתי. כי מיום אשר ידעתי את השם הנכבד והנורא. ואשר בראני. ולמדתי מצותיו. לעולם אהבתי השבת. ובטרם בואה הייתי יוצא לקראתה בכל לבי. גם בצאתה הייתי משלחה בשמחה ובשירים. ומי בכל עבדיו כמוני. נאמן. ומדוע שלחה אלי זאת האגרת. ויען ויאמר לי ציר השבת. הגד הוגד לה את אשר הביאו תלמידך אתמול אל ביתך ספרים פירושי התורה ושם כתוב לחלל ליל שבת

פירוש ע"ט

צו שרייבן אבריף ערקלערין דעם ריכטיגען וועג פון דער אמונה. און זאלסט דעם בריף שיקן צו אלע יודן.

די געשיכטע ווי אזוי דער אבן עזרא האט ערהאלטין דעם בריעף (געשריבען דורכ'ן אבן עזרא זעלבסט).

אין יאהר פיער טויזנד אין ניין הונדערט און ניינצען. פרייטאג צו נאכט. ארום האלבע נאכט. דעם פערצענטען טאג אין חודש טבת. בין איך אברהם דער ספרד. וואס ווער אן גירופן בן עזרא. גיוועז אין אשטאט פון די אונזעלשע שטעט. וואס ווערט אן גירופן דער בערג פון דער ערד. דאס איז דער זיבעטער גרענעץ פונ'ם באזעצטן לאנד אין בין גישלאפן אגישמאקין שלאף. האב איך דער זעהן אין חלום אמלאך וואס איז גישטאנען פאר מיר אין גישטאלט פון אמענטשן. און ער האט גיהאלטן אין האנד אפערמאכטן בריף. האט דער מלאך צו מיר גיזאגט נעם צו ביי מיר דעם בריף. וואס שבת האט צו דיר געשיקט. האב איך זיך גיבוקט צום אייבערשטן. און איך האב אים גידאנקט און גילויבט דערפאר וואס ער האט מיר מכבד גיוועזן דעם גרויסן כבוד. און איך האב אן גינומען דעם בריף מיט מיינע ביידע הענד. און מיינע הענד האבן אזוי ווי געטריפט בשמים. און איך האב איבער גילייענט דעם בריף. איז צום אנהויב לייענען איז דאס מיר גיוועזן זייער גישמאק. זיס ווי האניק. נאר אז איך האב איבער גילייענט די לעצטע שורות. האט זיך מיין הארץ זייער צו היצט. און כמעט מיין נשמה איז ארוים פון מיר. האב איך גיפרעגט דעם מלאך וואס איז גישטאנען נעבן מיר. וואס האב איך געזינדיגט אדער וועלכע שלעכטס האב איך גיטאן וואס זי האט צו מיר געשיקט אזא בריף. דען פונ'ם טאג וואס איך ווייס דעם אייבערשטן'ס נאמן. וואס ער האט מיר באשאפין. און איך האב גילערינט גאט'ס מצות. האב איך שטענדיג ליעב דעם שבת. און שטענדיג נאך איידער שבת קומט. גיי איך איר אנטקעגן מיט'ן גאנצן הארצן. און שבת צו נאכט אז זי פלעגט אוועק גיין האב איך איר אוועק געשיקט מיט פרייד און מיט גיזאנגען. און צו האט זי דען אין אלע איהרע קנעכט נאך אזא באגלייבטן צו איר. אזוי ווי איך בין צו איר. פאר וואס זשע האט זי צו מיר געשיקט דעם בריף? האט מיר דער שליח פון שבת גיענטפערט ווייל שבת האט גיהערט אז דיינע תלמידים האבן נעכטן צו דיר אין שטוב גיבריינגט ספרים וואס זענען מפירש די תורה. און דארטן שטייט אז מען זאל מחלל שבת זיין פרייטאג צו נאכט. דרום האט שבת געשיקט צו דיר דעם בריף אז דו זאלסט אן גארטלען דייגע לענדין לכבוד די מצוה פון שבת און דו זאלסט מלחמה האלטן אהייליגע מלחמה

מיט

ואתה תאזור מתניך לכבוד השבת להלחם מלחמת התורה עם אויבי השבת ולא תשא פני איש. ואיקץ ותפעם רוחי עלי. ונפשי נבהלה מאד. ואקום והחמתי בערה בי. ואלבש בגדי. וארחץ כפי. ואוציא הספרים חוצה אל אור הלבנה. והנה כותב שם בפירוש ויהי ערב ויהי בוקר. והוא כי כאשר היה בוקר יום שני אז עלה יום אחד שלם אתמול כי הלילה הולך אחר היום. וכמעט קט קרעתי בגדי. וגם קרעתי זה הפירוש כי אמרתי טוב לחלל שבת אחד ולא יחללו ישראל שבתות הרבה אם יראו הפירוש הרע הזה. גם נהיה כולנו ללעג וקלס בעיני הגוים. ואתאפק בעבור כבוד השבת. ואדור נדר אם אתן שנת לעיני אחר צאת יום הקדוש עד שאכתוב אגרת ארוכה לבאר מתי ראשית יום התורה. להרים מכשול ולהסיר פח ומוקש. כי כל ישראל הפרושים גם הצדוקים יודעים כי לא נכתבה פרשה בראשית להגיד מעשה השם ב״ה בכל יום רק בעבור שידעו שומרי התורה איך ישמרו השבת כאשר שבת השם הנכבד לספור ימי השבוע והנה אם היה סוף יום הששי עד בוקר יום השביעי יש לנו לשמור הלילה הבאה. והנה זה הפירוש מתמה כל ישראל במזרח ובמערב. גם הקרובים. גם הרחוקים. גם החיים. גם המתים. והמאמין בפירוש הזה. השם ינקום נקמת השבת ממנו. והקורא אותו בקול גדול תדבק לשונו לחכו. גם הסופר הכותב אותו בפירושי התורה זרועו יבוש תיבש. ועין ימינו כהה תכהה. ולכל בני ישראל יהיה אור:

האגרת השבת עם הספור של הראב״ע נדפס ראשונה בסוף שלחן ערוך של האריז״ל (פפד״מ תנ״א) ואח״כ נדפס בהעתקה מדויקה בסוף ספר מבחר המאמרים (לר׳ נתן בר׳ שמואל הרופא ליורנו תק״צ) בצירוף מכתב ופלפול של הראב״ע. מספר כת״י שנכתב בלידא בשנת חמשת אלפים ומאה ושתים וארבעים:

פירוש ע״ט

מיט די פיינד פון דער מצוה צו היטן שבת. און דו זאלסט זיך גישט פארכטן פאר קיין מענטשען. האב איך זיך אויף גיכאפט און עס האט גיקלאפט מיין אטהעם. און מיין הארץ האט זיך זעהר דערשראקן. בין איך אויף גישטאנען. און בין שטארק דערצערינט גיווארן. האב איך אן גיטאן מיינע קליידער. און האב גיוואשן די הענד. און האב אלע ספרים ארויס גיטראגן אויפ׳ן גאס צו דער ליכטיקייט פון דער לבנה. האב איך גיזעהן אז דארטן שטייט אין פירוש פונ׳ם פסוק עס איז גיוועזן נאכט און עס איז גיוועזן טאג. זאגט ער דארט אז דער פשט איז. אז עס איז גיוועזן דער פריא־מארגן פונ׳ם צווייטען טאג. דעמאלט איז דער געכטיגער טאג מיט דער נאכט גיווארן אנאנצער טאג. ווארום די נאכט גיהער צום פריהערדיגען טאג. כמעט איך האב גיוואלט צו רייסן מיינע קליידער און כמעט איך האב גיוואלט צו רייסן דעם פירוש. דען איך האב זיך גיטראכט. עס איז בעסער מחלל זיין איין שבת. איידער די יודן זאלין מחלל זיין פיעל שבתים. אז זיי וועלין זעהן דעם שלעכטן פירוש. אויך וועלן מיר זיין צום גילעכטער און צום שפאט צווישען אלע פעלקער. נאר איך האב זיך איין גיהאלטן צוליעב כבוד שבת. און איך האב גיטאן אנדר אז נאך שבת זאל איך זיך נישט לייגין שלאפין ביז איך וועל אן שרייבען אגרויסן בריעף און ערקלערן ווען הייבט זיך אן דער טאג פון דער תורה אום אפ צו טאן פון אונז אשטרויכלינג. ווארום עס ווייסין אלע יודן און צדוקים אז די פרשה בראשית (וואס עס שטייט דארט וואס איז אלע טאג באשאפין גיווארן) איז געשריבען גיווארן נאר כדי די יודן וואס היטן די תורה זאלין וויסן ווי אזוי צו היטן שבת. זיי זאלין היטן פונקט ווען גאט האט גירוהט. און גיציילט די טעג פון דער וואך. דען אז מען זאגט אז די ענדע פונ׳ם זעקסטען טאג איז ביז שבת אין דער פריא. באדארף מען. דאך היטן די קומענדיגע נאכט. אבער דער פשט פאר וואנדערט אלע יודן אין מזרח און מערב. די נאהענטע און די ווייטע. די לעבדיגע און די טויטע. און דער מענטש וואס גלויבט אין דעם פאלשין פירוש. זאל גאט זיך נוקם זיין אין אים פאר׳ן היילינגען טאג שבת. און דער מענטש וואס וועט לייענען הויך יענעם פשט. זאל זיין צונג ווערין צו גיקלעפט צו זיין גומען. אויך דער שרייבער וואס וועט שרייבן דעם פשט זאל זיין עלענבויגן פאר דארט ווערין. און זיין רעכטע אויג זאל טונקיל ווערין. אבער צו אלע יודן זאל זיין ליכטיג:

לזכות את הרבים הנני להעתיק מספר בני יששכר ומספר שדי חמד.

היות דשבת שמא דקודשא בריך הוא (כמבואר בזוהר שמות דף פ״ח ע״א) אסור להזכירו במקום שאסור לדבר דברי תורה. וידעתי ממדקדקים במעשיהם שנזהרו להזכיר שם שבת ללא צורך (בני יששכר מאמר א׳ אות א׳):

גם מרן החבי״ף (הוא הרב הגאון הצדיק ר׳ חיים בן יעקב פלאגי זצוקללה״ה זי״ע ועכי״א שחיבר יותר ממאה ספרים) בספר רוח חיים (סי׳ פ״ד) כתב שלפי מה שכתב הרב חסד לאלפים דגם שבת אין אומר במקום מטונף לפי מה שאמרו בזוה״ק שבת איהו שמא דקוב״ה לפי זה צריך לומר שַׁבָּא במקום שבת. ואי״ה מעתה אהי׳ נזהר גם בשם שבת לומר שבא בל״נ וכו׳ עכ״ל (שדי חמד פאת השדה לכללים מערכת א׳ סי׳ ק׳):